STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11625

FINANTS-KAPITAL

Rudolf Hilferding

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רודאָלף הילפערדינג

פינאַנץ־קאַפּיטאַל

אַ שטודיע וועגן דער נײַסטער
פאַזע אין דער אַנטוויקלונג
פון דעם קאַפּיטאַליזם

פון דײַטש
דוד רויכל

אונטער דער רעדאַקציע פון
ד"ר מ. העללער

ערשטער באַנד

ווילנע

פאַרלאַג „טאָמאָר"

PRINTED IN POLAND

Rudolf Hilferding —
„Finanz-Kapitał"
WYDAWNICTWO „TOMOR"
Wilno, Bakszta 8, m. 1
P. K. O. k-to Nr. 65.509
Druk. inż. G. Kleckina, Wilno

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט III

ערשטער טייל

געלט און קרעדיט

I. די נויטווענדיקייט פון געלט 1

II. דאָס געלט אין דעם צירקולאַציע־פּראָצעס 19

III. געלט אַלס צאָלונגס־מיטל; קרעדיט־געלט 61

IV. דאָס געלט אין דער צירקולאַציע פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל (דאָס פּעריאָדישע אַרויסבאַפרייען־זיך און דער אומטעטיקער צושטאַנד פון דעם געלט־קאַפּיטאַל. — די גרויס־ענדערונגען פון דעם אומטעטיקן קאַפּיטאַל און זייערע סיבות. — דורך דעם קרעדיט ווערט דער אומטעטיקער געלט־קאַפּיטאַל פאַרוואַנדלט אין אַ פונקציאָנירנדיקן) 72

V. די בענק און דער אינדוסטריעלער קרעדיט 97

VI. דער צינזן־פוס 128

צווייטער טייל

די מאָביליזאַציע פון דעם קאַפּיטאַל. דער פיקטיווער קאַפּיטאַל

VII. די אַקציען־געזעלשאַפט 143

1. דיווידענד־ און גרינדער־ריווח . . . . —

2. די פינאַנסירונג פון די אַקציען־געזעלשאַפטן. די אַקציען־געזעלשאַפטן און די בענק 157

3. די אַקציען־געזעלשאַפט און די אינדיווידועלע אונטערנעמונג . 173

4. די עמיסיע־טעטיקייט 184

VIII. די עפעקטן־בערזע 189

1. בערזע־פּאַפּירן. ספּעקולאַציע . . . . —

2. די פונקציעס פון דער בערזע 204

3. בערזע־אָפּעראַציעס 212

IX. די סחורה־בערזע 225

X. באַנק־קאַפּיטאַל און באַנק־ריווח 258

פאָרוואָרט

אין דעם דאָזיקן ווערק זײַנען מיר אויסן צו מאַכן אַ פּרוּוו וויסנשאַפטלעך צו באַנעמען די עקאָנאָמישע ערשײַנונגען פון דער נײַסטער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. דאָס הייסט, אַז דאָ, אין דעם דאָזיקן ווערק, וועלן מיר אַרײַנגלידערן די דאָזיקע ערשײַנונגען אין דער טעאָרעטישער סיסטעם פון דער קלאַסישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָס הייבט זיך אָן מיט וו. פּעטי (W. Petty) און בײַ קאַרל מאַרקסן באַקומט זי איר העכסטן אויסדרוק. דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע אין דעם „מאָדערנעם" קאַפּיטאַליזם זײַנען אָבער יענע פּראָצעסן פון קאָנצענטראַציע, וועלכע ווײַזן זיך פון איין זײַט אַרויס אין דער פאַרניכטונג פון דער „פרײַער קאָנקורענץ" דורך דעם שאַפן די בלערליי קאַרטעלן און טרעסטן, און פון דער אַנדערער זײַט — אַראַנק דער אַלץ נעענטערער שייכות צווישן דעם באַנק-קאַפּיטאַל און דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. אַדאַנק דער דאָזיקער שייכות באַקומט דער קאַפּיטאַל, ווי מיר וועלן דאָס ווײַטער ווײַזן, די פאָרם פון פינאַנץ-קאַפּיטאַל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די העכסטע און אַבסטראַקטסטע פאָרם פון דער קאַפּיטאַל-דערשײַנונג.

דאָס מיסטישע הײַטעלע, וואָס נעמט בכלל אַרום די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, ווערט דאָ אַממערסטן נישט דורכדרינגלעך. די אייגנאַרטיקע באַוועגונג פון דעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל, וואָס שײַנט צו זײַן זעלבשטענדיק, הגם אין דער ווירקלעכקייט איז זי אַ רעפלעקטירטע, די פילפאַכע קאָמפּליצירטקייט פון די פאָרמען, אין וועלכע זי קומט פאָר, די איזאָלירטקייט און די אָפּגעזונדערטקייט פון דער דאָזיקער באַוועגונג פון די באַוועגונגען פון אינדוסטריעלן און קאָמערציעלן קאַפּיטאַל, — דאָס אַלץ זײַנען אַזעלכע פּראָצעסן, וועלכע פאָדערן אַן אַנאַליז; און דער דאָזיקער אַנאַליז איז נייטיק גיכער צוליב דעם, וואָס בײַ דעם שנעלן וווּקס און בײַ דעם אַלץ שטײַגנדיקן אײַנפלוס, וואָס דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל ווײַזט אַרויס אין דער איצטיקער פאַזע פונם קאַפּיטאַליזם, איז אָן דעם באַנעמען די געזעצן און די פונקציעס פונם פינאַנץ-קאַפּיטאַל אַבסאָלוט אוממעגלעך-

צו פאַרשטיין די טענדענצן פון דער היינטצייטיקער ווירטשאַפט, און צוזאַמען דערמיט איז בכלל אוממעגלעך די ווירטשאַפטלעכע עקאָנאָמיע און פּאָליטיק.

אויף אַזאַ אופן *וואָלט* דער טעאָרעטישער אַנאַליז פון די דאָזיקע ערשיינונגען *געמוזט* ברענגען צו דער פראַגע וועגן זייער קעגנזייטיקער שייכות און, הייסט עס, צום אַנאַליז פון דעם באַנק-קאַפּיטאַל און זיינע פאַרהעלטענישן צו די אַנדערע פאָרמען פון קאַפּיטאַל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נייטיק אויסצופאָרשן, צי עס האָבן נישט קיין ספּעציפישע באַדייטונג אָט יענע יורידישע פאָרמען, אין וועלכע די אינדוסטריעלע אונטערנעמונג ווערט געגרינדעט; *און ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע וואָלט געקענט געבן די עקאָנאָמישע טעאָריע פון אַן אַקציען-געזעלשאַפט.* אָבער די פאַרהעלטענישן צווישן באַנק-קאַפּיטאַל און אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל שטעלן מיט זיך פאַר בלויז די *ענדגילטיקע פאָרם פון יענע באַציונגען,* וועלכע מען קאָן אויסגעפינען אין די מער עלעמענטאַרע פאָרמען פון געלט-קאַפּיטאַל און פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל. אויף אַזאַ אופן אַנטשטייט די פראַגע וועגן דער ראָל און כאַראַקטער פונם קרעדיט. דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע קאָן מען געפינען ביים אויפקלערן די ראָל פונם געלט. דאָס איז געווען *זייער וויכטיק,* ווייל פון יענער צייט, זינט מאַרקס האָט פאָרמולירט זיין געלט-טעאָריע, האָט די *אַנטוויקלונג* פון די געלט-סיסטעמען אין האָלאַנד, עסטרייך און אינדיע אַרויסגערוקט אַ גאַנצע ריי פּראָבלעמען, אויף וועלכע, ווי עס האָט זיך געדוכט, די ביז איצטיקע געלט-טעאָריע האָט נישט געפונען קיין שום ענטפער, — אַן אומשטאַנד, וואָס האָט קנאַפּן, וועלכער האָט מיט גרויס שאַרפזיניקייט דערזען די *פּראָבלעמאַטישקייט פון די מאָדערנע געלט-דערשיינונגען, באַוויזן צו פּרוּוון לאָזן אין אַ זייט* יעטווידע עקאָנאָמישע דערקלערונג, פאַרבייטנדיק זי מיט אַ יורידישער טערמינאָלאָגיע. אמת, די לעצטע גיט נישט קיין שום באַשייד, הייסט עס, אַז זי גיט נישט קיין שום וויסנשאַפטלעכן באַגריף, — דערפאַר שאַפט זי אָבער לכל-הפחות די מעגלעכקייט פון אַ באַשרייבונג, וואָס איז נישט באַאיינפלוסט פון גרייטע מיינונגען און פאַרלויפט נישט דעם וועג דער פאָרשונג פון די געלט-פּראָבלעמען, וואָס איז נאָך נייטיקער צוליב דעם, ווייל זי קען געבן אַן עמפּירישן באַווייז פון דער ריכטיקייט פון אַ ווערט-טעאָריע, וועלכע דאַרף דינען אַלס באַזיס פון יעטווידער עקאָנאָמישער סיסטעם, און, חוץ דעם, ערשט נאָך אַ ריכטיקן געלט-אַנאַליז קאָן מען באַגרייפן די ראָל פונם קרעדיט, און צוזאַמען דערמיט אויך די עלעמענ-

טארע פארמען פון די באציונגען צווישן באנק=קאפיטאל און אינדוסטריעלן קאפיטאל.

אויף אזא אופן ווערט דער פלאן פון דער דאזיקער שטודיע פון זיך אליין פעסטגעשטעלט. נאך דעם אנאליז פון געלט קומט די פארשונג פון קרעדיט. צו אים שליסט זיך אן די טעאריע פון דער אקציע=געזעלשאפט און דער אנאליז פון דער שטעלונג, וואס דער באנק=קאפיטאל פארנעמט דא בנוגע צום אינדוסטריעלן קאפיטאל. דאס פירט צו דער אונטערזוכונג פון דער עפעקטן=בערזע אלס דעם „קאפיטאל=מארק", די סחורה=בערזע ווידער דארף מען באזונדער באהאנדלען, ווייל אין איר ווערן פארקערפערט די באציונגען צווישן געלט=קאפיטאל און דעם קאמערציעלן קאפיטאל. צוזאמען מיטן פראגרעס פון דער אינדוסטריעלער קאנצענטראציע ווערן די באציונגען צווישן באנק=קאפיטאל און אינדוסטריעלן קאפיטאל אלץ מער דורכגעפלאכטן, אין דעריבער איז אויך נייטיק צו שטודירן די ערשיינונגען פון אט דער קאנצענטראציע, וואס ווערט באקרוינט מיט קארטעלן און טרעסטן, ווי אויך דאס שטודירן די טענדענצן אין דער אנטוויקלונג פון אט די ערשיינונגען. די האפענונגען, וואס ווערן פארבונדן מיט דער גרינדונג פון מאנאפאליסטישע פאראייניקונגען, — פון וועלכע מען האט דערוואַרט די „רעגולירונג פון דער פראדוקציע" און צוזאמען דערמיט אויך די באפעסטיקונג פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, און וועלכע האבן געזאלט שפילן א ריזיקע ראל בנוגע די פעריאדישע האנדלס=קריזיסן, — האבן געפאדערט אן אנאליז פון די קריזיסן און פון זייערע סיבות, מיט וואס עס ווערט פארענדיקט דער טעארעטישער טייל. נאר אזוי ווי יענע אנטוויקלונג, וועלכע מיר שטרעבן דא טעארעטיש צו באנעמען, ווייזט ארויס א באדייטנדיקן איינפלוס אויך אויף דער קלאסן צעגלידערונג פון דער געזעלשאפט, איז אויך געווען נויטווענדיק אויסצופארשן אין דעם צווייטן אפשניט די גרונדשטריכן פון יענעם איינפלוס, וואס זי מאכט אויף דער פאליטיק פון די גרויסע קלאסן פון דער בורזשואזער געזעלשאפט.

דעם מארקסיזם האט מען זייער אפט פארגעווארפן, אז ער האט פארנאכלעסיקט די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער עקאנאמישער טעאריע, און דער דאזיקער פארווורף איז, בלי=ספק, ביז א געוויסן גראד אביעקטיוו נישט אומבאגרינדעט. מען מוז אבער איינציִיטיק אויך מודה זיין, אז די דאזיקע פארנאכלעסיקונג איז זייער לייכט צו דערקלערן. אדאנק דער אומענדלעכער קאמפליצירטקייט פון די אונטערזוכטע דערשיינונגען, געהער די טעאריע פון דער פאליטישער עקאנאמיע, בלי

ספק, צו די סאַמע שווערסטע וויסנשאַפטלעכע געביטן. דער מאַרקסיסט ווידער געפינט זיך אין אַ באַזונדערער לאַגע; זייענדיק אויסגעשלאָסן פונם אוניווערסיטעט, וועלכער גיט די מעגלעכקייט און די נויטיקע צייט פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, איז ער געצוווּנגען אָפּצולייגן די וויסנשאַפט־לעכע אַרבעט אויף דער פרייער צייט, וואָס דער פּאָליטישער קאַמף לאָזט פאַר אים. אָבער פאָדערן פון קעמפער, אַז זייער אַרבעט איבער דער וויסנשאַפטס־געבוידע זאָל צוגיין פּונקט אַזוי שנעל, ווי די אַרבעט פון די פרידלעכע מויערער, — דאָס וואָלט געווען נישט יושרדיק, ווען דאָס וואָלט נישט עדות געזאָגט וועגן דעם באַזונדערן רעספּעקט פאַר זייערע פעיִקייטן.

נאָך די פילצאָליקע קאָנטראָווערזן פון דער לעצטער צייט איבער די פראַגן פון דער מעטאָדאָלאָגישער טראַקטירונג פון דער עקאָנאָמי־שער פּאָליטיק פאָדערט זיך, קאָן זיין, אויב נישט קיין פאַרענטפערונג, אין לכל־הפּחות אַ קורצע אויפקלערונג. מען טענהט, אַז די פּאָליטיק איז אַ לערע וועגן נאָרמעס, וועלכע ווערן אין דער לעצטער שורה באַשטימט דורך אָפּשאַצונגען; און היות ווי אַזעלכע אָפּשאַצונגען זיינען נישט קיין ענין פאַר דער וויסנשאַפט, ווערט ממילא די טראַקטירונג פון דער פּאָליטיק אַן ענין, וואָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. געוויס, דאָ איז אוממעגלעך זיך צו ווענדן צו די גנאָסעאָלאָ־גישע פאָרשונגען בנוגע די פאַרהעלטענישן צווישן די נאָרמאַטיווע דיס־ציפּלינען און געזעץ־וויסנשאַפטן, טעלעאָלאָגיע און קויזאַליטעט, — און איך קאָן דאָס גאָר לאָזן אָן אַ זייט, בפרט נאָך, אַז אין ערשטן באַנד פון „מאַרקס־שטודיען” האָט מאַקס אַדלער געגעבן אַן אויספירלעכע אויס־פאָרשונג פון דעם קויזאַליטעט־פּראָבלעם בנוגע דער סאָציאַלער וויסנשאַפט. עס וועט קלעקן, אויב מיר וועלן גאַנץ פּשוט זאָגן, אַז פאַר דעם מאַרקסיזם איז אַלס ציל פון אַנאַליזירן די פּאָליטיק אויך דאָס אויפדעקן די קויזאַלע צוזאַמענהאַנגען, דאָס דערגיין די געזעצן פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף סחורה־פּראָדוקציע, דאָס אויפדעקן אויך יענע דעטערמינירנדיקע פאַקטאָרן, דורך וועלכע עס ווערט באַשטימט דער ווילן פון די קלאַסן פון אָט דער געזעלשאַפט. דאָס אויפדעקן, ווי אַזוי עס ווערט דעטערמינירט דער קלאַסן־ווילן, איז פאַר דער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג אַן אויפגאַבע פון וויסנשאַפטלעכער פּאָליטיק, ד"ה פון אַ פּאָליטיק, וואָס באַשרייבט קויזאַלע צוזאַמענהאַנגען. פּונקט אַזוי ווי די טעאָריע, אַזוי בלייבט אויך די פּאָליטיק פון דעם מאַרקסיזם אין אַ גלייכער מאָס פריי פון אָפּשאַצונגען.

דעריבער טאקע מוז מען האלטן אלס פאלש יענעם שטאנדפונקט,— הגם ער איז שטארק פארשפרייט — Intra et extra mutos — וועלכער אידענפיצירט אן באווארעניש דעם מארקסיזם מיטן סאציאליזם. ווארעם באמת, ווען מען באטראכט אים פון דער ריין לאגישער זייט, בלויז ווי א וויסנשאפטלעכע סיסטעם, ד"ה אומאפהענגיק פון זיין היסטארישן איינפלוס, איז דער מארקסיזם בלויז א טעאריע פון געזעצן פון דער געזעלשאפטלעכער באוועגונג; די מארקסיסטישע אויפפאסונג פון דער געשיכטע גיט איר אלגעמיינע פארמולירונג, בעת די פאליטישע עקאנאמיע פון דעם מארקסיזם ווענדעט זי אן בנוגע דער עפאכע פון דער סחורה=פראדוקציע. דער סאציאליסטישער אויספיר איז א רעזולטאט פון די טענדענצן, וועלכע מאכן זיך א וועג אין דער געזעלשאפט, וואס איז געבויט אויף סחורה=פראדוקציע. אבער דאס פארשטיין די ריכטיקייט פון דעם מארקסיזם, אז ער איז אויך די אויפפאסונג און נויטווענדיקייט פונם סאציאליזם, — איז גאר עפעס אנדערש ווי דאס שאפן אן אפשאצונג אדער דאס באקומען דירעקטיוון פאר פראקטישער אויפפירונג. ווארעם עפעס אנדערש איז אנערקענען די נויטווענדיקייט, און גאר עפעס אנדערש איז זיך שטעלן אין דינסט פון אט דער נויטווענדיקייט. עס איז גאנץ מעגלעך, אז עמעצער איז איבערצייגט אין דעם ענדגילטיקן זיג פון דעם סאציאליזם, — און דאך באקעמפט ער אים. אבער יענע אויפפאסונג פון די באוועגונגס=געזעצן פון דער געזעלשאפט, וואס דער מארקסיזם גיט, פארזיכערט שטענדיק א געוויסע איבערגעוויכט פאר די יעניקע, וואס אייגענען זי זיך אן, און פון אלע פיינד פונם סאציאליזם זיינען, בלי=ספק, די געפערלעכסטע אט די, וועלכע האבן אממערסטן גענאסן פון די פרוכט פון דער דאזיקער לערע.

פון דער צווייטער זייט איז אבער די אידענטיפיצירונג פון מארקסיזם און סאציאליזם גאנץ פארשטענדלעך. דאס איינהאלטן זיך פון דער קלאסן=הערשאפט, איז פארבונדן מיט דעם באדינג, אז די אונטעריאכטע זאלן גלויבן אין איר נויטווענדיקייט. פארקערט, דאס אנערקענען, אז זי טראגט א פאראיבערגייענדיקן כאראקטער, ווערט שוין אליין די סיבה פון איר מפלה. פונדאגען נעמט זיך דאס, וואס דער הערשנדיקער קלאס וויל בשום=אופן נישט אנערקענען די רעזולטאטן פון דעם מארקסיזם, און כדי צו דערלערנען די קאמפליצירטקייט פון דער סיסטעם, פאדערט זיך דערצו נאך אזא ארבעט, צו וועלכער עס וועט זיך נישט נעמען דער, וואס איז לכתחילה שוין איבערצייגט אין דער אומפרוכטבארקייט און שעדלעכקייט פון די רעזולטאטן. אזוי ארום בלייבט דער מארקסיזם, — די לאגיש=וויסנשאפטלעכע, אביעקטיווע, פון אפשא=

צונגען פריַיע לערע, — לויט זיַין היסטאָרישער שטעלונג, על־פּי נויט דער באַזיץ פון די פאַרשטייער פון יענעם קלאַס, וועמעס זיג ער זאָגט אָן אַלס רעזולטאַט פון זיַינע פאָרשונגען. בלויז אין אָט דעם זין איז ער די וויסנשאַפט פון דעם פּראָלעטאַריאַט און איז קעגנגעשטעלט דער בורזשואַזער עקאָנאָמיע, אויפהיטנדיק דערביַי די גאַנצער ציַיט די פאָדערונג פון יעטווידער וויסנשאַפט אויף דער אָביעקטיווער אַלגעמיינער גילטיקייט פון זיַינע אויספירן.

די דאָזיקע וויַיטערע אַרבעט איז אין אירע גרונדשטריכן, אייגנטלעך, שוין געווען פאַרטיק מיט פיר יאָר צוריק. אויסערלעכע אומשטענדן האָבן יעדעס מאָל מיר פון דאַסניַי געשטערט זי צו פאַרענדיקן. איך וואָלט מיר דאָך דערלויבט דאָ צו באַמערקן, אַז די קאַפּיטלען, וואָס באַהאַנדלען דאָס געלט־פּראָבלעם, זיַינען ביַי מיר שוין געווען גרייט, איידער קנאַפּפ האָט פאַרעפנטלעכט זיַין ווערק, און אַז איך האָב אין זיי געמאַכט בלויז קליינע נישט־וועזנטלעכע ענדערונגען און קריטישע באַמערקונגען. אָט די דאָזיקע קאַפּיטלען האָבן מער פון אַלץ גובר צו זיַין אייניקע שוועריקייטן: ביַי געלט־ענינים ענדיקט זיך דאָך, געוויינטלעך, זייער ליַיכט נישט נאָר די געמיטלעכקייט, ניַיערט אויך דאָס טעאָרעטישע פאַרשטענדעניש. דאָס האָט, אגב, שוין געוווּסט פולאַרטאָן, וועלכער קלאָגט זיך אַזוי מעלאַנכאָליש:

„The truth is, this is su bject on which tbere never can be any efficient or immediate appeal to the public at large. It is a subject on which the progresse of opinion always has been, and always must be, exceedingly slow“ *

פון יענער ציַיט אָן איז די לאַגע, בלי־ספק, נישט געוואָרן בעסער. דעריבער איַילן מיר זיך צו פאַרזיכערן, אַז נאָכדעם, ווי מען וועט האָבן ביַיגעקומען די ערשטע קאַפּיטלען, וועט, האָפנטלעך, דער אומגעדולדיקער לייענער ביַי די וויַיטערדיקע אונטערזוכונגען שוין מער קיין תרעומות נישט האָבן, אַז עס איז זיי שווער צו פאַרשטיין.

רודאָלף חילפערדינג.

בערלין, פרידענוי. ווייַנאַכטן 1909.

---

* אין דער אמתן, דאָס ברייטע פובליקום וועט קיינמאָל נישט נעמען וועלכן נישט איז ווירקלעכן און דירעקטן אָנטייל אין אָט דער זאַך. דאָס איז אַ זאַך, וועגן וועלכער דער פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג איז שטענדיק געווען און — צום באַדויער! — וועט שטענדיק זיַין צו פּאַוואָליעדיק".

ערשטער טייל

געלט און קרעדיט

קאַפּיטל איינס

די נויטווענדיקייט פון געלט

די פראָדוצירנדיקע געמיינשאַפט פון דער מענטשהייט קאָן אין פרינציפ קאָנסטיטויִרט ווערן אויף צווייערליי אופנים. קודם=כל איז דאָ מעגלעך די באַוווּסטזיניקע רעגולירונג. די געזעלשאַפט, — מעג אין איר קרייז זײַן אײַנגעשלאָסן די זעלבסטווירטשאַפטנדיקע פאַטריאַכאַלע פאַמיליע, דער קאָמוניסטישער שטאַט אָדער סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, — שאַפט פאַר זיך די אָרגאַנען, וועלכע באַשטימען, אַלס פאָרשטייער פון דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזײַן, די מאָס און דעם כ אַ ר אַ ק ט ע ר פון דער פראָדוקציע און די פאַרטיילונג פון דעם געשאַפענעם געזעלשאַפטלעכן פראָדוקט צווישן די מיטגלידער. ווי אַזוי, וווּ, וויפיל, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען ווערן פראָדוצירט די נײַע פראָדוקטן בײַ די געגעבענע נאַטירלעכע און קינסטלעכע פראָדוקציע=באַדינגונגען, — דאָס אַלץ באַשליסט דער Pater familias אָדער די קאָמונאַלע, לאַנד= אָדער נאַציאָנאַלע קאָמיסאַרן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. וויסנדיק, אויפן גרונד פון דער אייגענער דערפאַרונג, די באַדערפענישן און רעסורסן פון אַ פאַמיליע, אָדער אויסרעכענענדיק מיט דער הילף פון אַלע מיטלען פון דער אָרגאַניזירטער סטאַטיסטיק פון דער פראָדוקציע און דער קאָנסומציע די באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט, אָרגאַניזירן זיי מיט דעם באַוווּסטזיניקן פאָרויסזען דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן אין הסכם מיט די באַדערפענישן פון יענע געמיינשאַפטן, וואָס ווערן פון זיי באַוווּסטזיניק פאַרטראָטן און באַוווּסטזיניק אָנגעפירט. צווישן די מיטגלידער פון אַזאַ אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט ווערן אין דעם פראָצעס פון דער פראָדוקציע אײַנגעשטעלט אַזעלכע באַוווּסטזיניקע, קעגנזײַטיקע באַציִונגען, ווי צווישן די עלעמענטן פון אַן איינהייטלעכן פראָדוציר=ק אָ ל ע ק ט י ו ו. די אַרבעטס=אָרגאַניזאַציע און די פאַרטיילונג פון די פראָדוקטן ווערן אונטערגעוואָרפן דער צענטראַלער קאָנטראָל. די

פּראָדוקציע־פּאַרהעלטענישן דערשײַנען דירעקט אַלס געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן; אויף וויפיל עס האַנדלט זיך וועגן עקאָנאָמישן לעבן, זיינען די באַציִונגען פון דעם יחיד די פאַרהעלטענישן פונם כּלל, וועלכע ווערן באַשטימט דורך דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און ווערן אויסגעשלאָסן פון זײַן אינדיווידועלן ווילן. די פּראָדוציר־פאַרהעלטעניש גופא ווערט דירעקט באַנומען ווי אַ באַוווּסטזיניק פון כּלל אײַנגעשטעלטע און געוואָלטע.

אַנדערש זעט עס אויס בײַ אַ געזעלשאַפט, וואָס פאַרמאָגט נישט אַזאַ באַוווּסטזיניקע אָרגאַניזאַציע. זי צעפאַלט זיך אויף יחידים, וואָס זיינען אומאָפּהענגיק איינער פונם אַנדערן און וועמעס פּראָדוקציע איז שוין נישט קיין געזעלשאַפטלעכער, נאָר זייער פּריוואַטער ענין. אויף אַזאַ אופן זיינען זיי פּריוואַטע אייגנטימער, וועלכע זיינען געצוווּנגען מחמת דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעט־פאַרטיילונג אײַנצושטעלן צווישן זיך קעגנזײַטיקע באַציִונגען; דער אַקט, דורך וועלכן זיי טוען דאָס, איז דער אויסטויש פון זייערע פּראָדוקטן. אַט דאָ, אין דער געזעלשאַפט פון פּריוואַט־אייגנטום און אויסטויש, וואָס איז צעדרויבלט אויף אַטאָמען, ווערט בלויז דורך אַט דעם אַקט אײַנגעשטעלט דער צוזאַמענהאַנג בלויז ווי אַ פאַרמיטלענדיקער רינג פון געזעלשאַפטלעכע קאָנטאַקטן, און דער אויסטויש קאָן דאָ ווערן אַ קעגנשטאַנד פון טעאָרעטיש־עקאָנאָמישן אַנאַליז. וואָרעם אין דער ווירקלעכקייט קאָן דער אויסטויש פאַרקומען אויך אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אָבער דאָס איז אַן אויסטויש, וואָס ווערט געמאַכט אויפן גרונט פון געוויסע פאַרטיילונגס־נאָרמעס, וואָס זיינען פון פאָרויס, באַוווּסטזיניק און פּלאַנמעסיק באַשטימט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער אויסטויש איז ווי אַ מין פּריוואַטע אויסבעסערונג צו דער געזעלשאַפטלעכער פאַרטיילונג, אַ פּריוואַטער אַקט, וואָס נעמט זיך מחמת סוביעקטיווע געשמאַקן און מאָטיוון. דאָס איז נישט קיין אָביעקט פאַר אַ עקאָנאָמישן אַנאַליז. פאַר דער עקאָנאָמישער טעאָריע שפּילט ער די זעלביקע ראָל, ווי בעת, למשל, לאָטע און פריץ טוישן זיך מיט שפּילעכלעך אין דעם קינדער־צימער, — אַ טויש, וואָס אונטערשיידט זיך אין עצם פון יענעם אַקט פון אײַנקויף, וואָס זייער פאָטער האָט געמאַכט בײַם הענדלער, בײַ וועלכן ער האָט די שפּילעכלעך געקויפט. דער דאָזיקער לעצטער אויסטויש איז בלויז דער עלעמענט אין דער סומע פון די בלערליי אויסטויש־אַקטן, דורך וועלכע עס רעאַליזירט זיך ערשט די געזעלשאַפט, אַלס פּראָדוקציע־קאָלעקטיוו, ווי מיר קענען זי. אין יעטווידן אַזעלכן אויסטויש־אַקט מוז דעריבער זײַן אויסגעדריקט די פּראָדוקציע־געמיינשאַפט: בלויז דורך אַזעלכע אַקטן ווערט פאַרווירקלעכט די פאַר־

בינדונג אין אַן איינהייטלעכער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס איז צעדרויבלט אדאַנק דער אַרבעט-פאַרטיילונג און דעם פּריוואַט-אייגנטום.

דעריבער, אויב מאַרקס האָט אין איין אָרט געזאָגט, אַז דער ווערט פון אַ סורדוט אין אַן אויסטויש-פאַרהעלטעניש איז פיל גרעסער, איידער מחוץ דער דאָזיקער פאַרהעלטעניש, וואָלט מען אויך געקאָנט זאָגן, אַז אין דער ספערע פון באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען איז די באַדייטונג פון די טויש-פאַרהעלטענישן גרעסער, ווי אין די ראַמען פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען 1. בלויז דאָרטן, ווו נאָר דורך דעם אויסטויש ווערט פאַרווירקלעכט דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטאַקט, אַלזאָ, אין אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די יחידים זיינען, פון איין זייט, אָפּגעזונדערט איינער פון אַנדערן דורך דעם פּריוואַט-אייגנטום און אַרבעטס-פאַרטיילונג, און פון דער צווייטער זייט קאָנען זיי נישט אויסקומען איינער אָן דעם אַנדערן, — בלויז דאָרטן ווערט דער אויסטויש פאַרוואַנדלט אין אַ סאָציאַלן אַקט און דאָרטן דאַרף ער אויספילן זיין נויטווענדיקע פונקציע: דערמעגלעכן דעם לעבנס-פּראָצעס פון דער געזעלשאַפט. בשעתן אויספירן די אַלע אויסטויש-אַקטן, וואָס זיינען מעגלעך אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט, מוז קומען צום אויסדרוק דאָס, וואָס אין דער קאָמוניסטישער, באַוווּסטזיניק רעגולירטער געזעלשאַפט ווערט באַוווּסטזיניק באַשטימט דורכן צענטראַלן אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט: וואָס און וויפיל מען דאַרף פּראָדוצירן, ווו און ווער עס דאַרף פּראָדוצירן. מיט איין וואָרט, דער אויסטויש דאַרף לגבי די סחורה-פּראָדוצענטן שפּילן די זעלביקע ראָלע, וואָס עס שפּילן לגבי די מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זיינע אָרגאַנען, וועלכע רעגולירן באַוווּסטזיניק די פּראָדוקציע, באַשטימען די אַרבעטס-אָרדענונג אאַז״וו. די אויפגאַבע פון דער טעאָרעטישער עקאָנאָמיע באַשטייט דערין, וואָס זי דאַרף אויסגעפינען דאָס געזעץ פון דעם אויסטויש, וואָס ווערט באַשטימט לויט דעם אַנגעוויזענעם אופן. פון אָט דעם געזעץ מוז אַרויסדרינגען די רעגולירונג פון דער פּראָדוקציע אין דער געזעלשאַפט פון סחורה-פּראָדוצענטן פּונקט אַזוי ווי דורך די געזעצן, פאַראָרדענונגען און פאַרשריפטן פון דער סאָציאַליסטישער פאַרוואַלטונג באַקומט זיך דער אומגעשטערטער גאַנג פון דער סאָציאַליסטישערווירטשאַפט. דער אונטערשייד איז נאָר דער, וואָס דאָס דאָזיקע געזעץ ווייזט נישט אָן דירעקט-באַוווּסטזיניק די מענטשן, ווי זיי דאַרפן זיך נוהג זיין אין דער פּראָדוק-

1 ביי אַזאַ אין סאָמע תּיך פאַרשיידענער נאַטור פון דעם אויסטויש-אַקט איז פּשוט אַן אַבסורד צו וועלן אויפדעקן די אַלצאייניקע געזעצן פאַר אויסטויש-אַקטן ביי גאַנץ פאַרשיידענע פאָרמאַציעס פון דער געזעלשאַפט.

ציע, נאָר ער ווירקט מיט אַ „סאָציאַל־באַוווּסטזיניקער נויטווענדיקייט", פּונקט אַזוי ווי די נאַטור־געזעצן [1].

דער אויסטויש דאַרף אויך ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, צי דער פּראָדוקט דאַרף פּראָדוצירט ווערן דורך דעם זעלבשטענדיקן האַנטווערקער אָדער דורך דעם קאַפּיטאַליסטישן אונטערנעמער; דאָס איז אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע וועגן אַט דער ענדערונג פֿון די אויסטויש־פֿאַרהעלטענישן, וועלכע פֿירט, אין די ראַמען פֿון דער סחורה־פּראָדוקציע, פֿון דער אײַנפֿאַכער סחורה־פּראָדוקציע צו דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. דער אויסטויש איז אָבער קוואַליטאַטיוו אַנדערש בלויז בײַ פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון דער געזעלשאַפֿט. למשל, אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט איז ער לויט זײַן מהות גאָר אַן אַנדערער, איידער אין דער געזעלשאַפֿט פֿון סחורה־פּראָדוצענטן. פֿאַרקערט, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון סחורה־פּראָדוצענטן איז ער קוואַליטאַטיוו גלײַך, — אין די ראַמען פֿון דעם לעצטן ענדערן זיך בלויז די קוואַנטיטאַטיווע פֿאַרהעלטענישן פֿון די אויסטויש־סחורות. בײַ דער סחורה־פּראָדוקציע ליגט אין דעם אויסטויש דער אָביעקטיווער געזעלשאַפֿטלעכער מאָמענט, וועלכער באַשטימט די פּראָפּאָרץ פֿונם אויסטויש: די געזעלשאַפֿטלעך־נויטווענדיקע אַרבעט־צײַט, וואָס ווערט פֿאַרקערפּערט אין די אויסגעטוישטע זאַכן. אין די קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿטן ליגט אינם יסוד פֿונם אויסטויש די סוביעקטיווע אויסגלײַכונג, וועלכע ווערט באַשטימט דורך אַ גלײַך־געריכטעטן ווילן. דער אויסטויש איז דאָ אַ צופֿעליקער, ער קאָן נישט זײַן קיין אָביעקט פֿאַר אַ טעאָרעטיש־עקאָנאָמישן אַנאַליז. עס איז אים אוממעגלעך טעאָרעטיש צו אַנאַליזירן, מען קאָן אים בלויז פּסיכאָלאָגיש באַגרײַפֿן. נאָר אַזוי ווי דער אויסטויש איז שטענדיק אַ קוואַנטיטאַטיווע פֿאַרהעלטעניש צווישן צוויי זאַכן, באַמערקט קיינמאָל נישט דער עולם אַט דעם דאָזיקן חילוק [2].

---

1 J. Karner (Dr. Karl Renner: „Die Soziale Funktion der Rechtsinstitute". Marx-Studien, I. Bd., II Heft, Seite 108. אַלזאָ זײַנען דאָס געזעצן פֿון גאָר אַ באַזונדערן מין, וואָס דרינגען אַרויס נאָר פֿון אַ באַשטימטן כּאַראַקטער פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען און פֿאַרשווינדן צוזאַמען מיט אים, אָבער זיי ווײַזן אַרויס אין זײַנע ראַמען זייער קויזאַלע ווירקונג. די דערקענטעניש פֿון אַט די געזעצן איז טאַקע די אויפֿגאַבע פֿון דעם טעאָרעטיש־עקאָנאָמישן אַנאַליז.

2 „זייער (די סחורה־פּראָדוצענטנס) געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטעניש ווערט רעדוצירט ביז צו די פּריוואַטע פֿאַרהעלטענישן פֿונם אויסטויש. אָבער דער אויסטויש, אַלס אַזעלכער, איז קודם־כּל אַ פּריוואַטע פֿאַרהעלטעניש. כּדי צוויי מענטשן זאָלן קאָנען אַרײַנגיין אין אויסטויש־באַציִונגען, פֿאָדערט זיך בלויז איין זאַך: אַז זיי זאָלן באַזיצן אַ געוויסע זאַך און עס זאָל זײַן דער ווילן זי אַוועקצוגעבן פֿאַר אַן אַנדער־

באַדינענדיק דעם געזעלשאַפטלעכן שטאָף-וועקסל, ווערט דער אויסטויש-אַקט באַשטימט דורך דער נויטווענדיקייט פון דעם געזעלשאַפטלעכן שטאָף-וועקסל. ווי צופעליק עס זאָל נישט אויסזען דער איינצלנער אָדער באַזונדער גענומענער אויסטויש-אַקט, קאָן ער אין משך פון אַ צייט אָדער פילמאָל געשען בלויז דאַן, ווען ער דערמעגלעכט דעם געזעלשאַפטלעכן שטאָף-וועקסל, ווען ער פאַרזיכערט די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע. הייסט עס, אַז די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע ווערט דער באַדינג פון די אויסטויש-אַקטן פון די באַזונדערע יחידים, וועלכע באַרעכטיקן זיך בלויז דורך די אויסטויש-אַקטן אין דער געזעלשאַפט און באַקומען זייער חלק אין דעם פּראָדוקט פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, וואָס דאַרף ווערן פאַרטיילט צווישן זיי. בלויז די באַציִונג צו דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע פון דער געזעלשאַפט דערהויבט דעם אויסטויש-אַקט איבערן געביט פון דעם צופעליקן, הפקר-דיקן און סוביעקטיוון און פאַרוואַנדלט אים אין אַ מין רעגולערן, נויטווענדיקן, אָביעקטיוון — אין אַ באַדינג פון געזעלשאַפטלעכן שטאָף-וועקסל און, הייסט עס, אין אינדיווידועלער לעבנס-נויטווענדיקייט. וואָרעם די געזעלשאַפט, וואָס באַזירט זיך אויף פּריוואַט-אייגנטום און אַרבעטס-פאַרטיילונג, איז בלויז מעגלעך ביי די קעגנזייטיקע אויסטויש-באַציִונגען צווישן די יחידים, זי ווערט אַ געזעלשאַפט בלויז דורך דעם אויסטויש-פּראָצעס — דעם איינציקן געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס, וועלכן עס קען די עקאָנאָמיע פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. און נאָר אין די ראַמען פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט ווערט דער אויסטויש-אַקט דער אָביעקט פון אַ באַזונדערן אַנאַליז, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע: וואָס זיינען די אייגנשאַפטן פון דעם אויסטויש-אַקט, וועלכער באַדינט דעם שטאָף-וועקסל אין דער געזעלשאַפט?

זאַך אָבער, אַלס אַזעלכער, שטעלט מיט זיך דער אויסטויש פאַר אַן ערשיינונג, וואָס איז באַקאַנט אַלע פאָרמאַציעס פון דער געזעלשאַפט, ווייל אַלע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס קענען דאָס אייגנטום.

אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס טוישן זיך מיט פעדערס און מיט פּאָסט-מאַרקעס אויף דער שולבאַנק, דאָס טוישן זיך מיט פערד אָדער אויטאָמאָבילן דורך צוויי מיטגלידער פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, דאָס אַלץ — איז אַ פּריוואַט-זאַך, וואָס איז גאַנץ גלייכגילטיק פאַר דער טעאָרעטישער עקאָנאָמיע. די הויפּט-אילוזיע פון דער טעאָריע פון דער מאַקסימום נוצלעכקייט ליגט אין דעם, וואָס מיט דער הילף פון דעם אַנאַליז פונם אויסטויש, אַלס ריין פּריוואַטן אַקט, ווייל זי קומען אויף די שפּורן פון די געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט" Hilferding „Zur Problemstellung der theoretischen Oekonomie bei Karl Marx". „Neue Zeit" 1904/05, I B., Seite 106.

אין דעם דאָזיקן אויסטויש=אַקט איז דער ווערט געוואָרן סחורה, אַ זאַך, וואָס איז שוין באַשטימט נישט פאַר דער באַדערפעניש פונם יחיד, אַ זאַך, וואָס ווערט שוין געשאַפן און פאַרניכטעט נישט דורך דער דאָזיקער באַדערפעניש, נײַערט אַ זאַך, וואָס איז באַשטימט פאַר דער געזעלשאַפט און וואָס איר גורל איז נאָך מער ניסיונותפול ווי די אָדיסייע — וואָרעם וואָס פאַר אַ באַדייטונג, מישטיינס געזאָגט, האָט היינטיקע צײַט דער איינאַוויגיקער פאָליפעם אין פאַרגלײַך מיט די אַרגוס=אויגן פון די צאָל=באַאַמטע אין ניו=פאָרט, אָדער וואָס איז די וווּנדערשיינע דירצייע אין פאַרגלײַך מיט דער דײַטשישער וועטערינאַר=פּאָליציי? — עס איז אָפּהענגיק פון דער נויטווענדיקייט פון דעם געזעלשאַפטלעכן שטאָף=וועקסל. דער קאָנסום=ווערט איז געוואָרן סחורה, ווײַל זײַנע פּראָדוצענטן שטייען קעגנזײַטיק אין אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער פאַרהעלטעניש, בײַ וועלכער זיי מוזן זיך קעגנשטעלן איינער דעם אַנדערן, אַלס אומאָפּהענגיקע סחורה=פּראָדוצענטן. און ערשט אין דער פאָרם ווערט דער ווערט, וואָס איז בכלל גענומען אַ נאַטירלעכע דורכוים אומפּראָבלעמאַטישע זאַך — אַן אויסדרוק פון אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרהעלטעניש, און געווינט אַלזאָ אַ געזעלשאַפטלעכע זײַט. דאָס, וואָס איז אַן אַרבעטס=פּראָדוקט, איז שוין מער נישט זײַן פּשוטע נאַטירלעכע אייגנשאַפט, נאָר ווערט איינצײַטיק אויך אַ געזעלשאַפטלעכער פאַקט. איצט בלייבט אויפצודעקן דאָס געזעץ פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, אַלס פּראָדוצירנדיקע, אַלס אַרבעטס=געמיינשאַפט. יעטווידע איינצל=אַרבעט דערשײַנט איצט אונטער אַ נײַעם קוק=ווינקל, אַלס אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אַרבעט, וועלכע די פּראָדוציר=געמיינשאַפט באַזיצט. בלויז פון אַט דעם שטאַנדפּונקט ווערט די אַרבעט אַן אַרבעט, וואָס שאַפט ווערטן.

דער טויש=אַקט ווערט צוטריטלעך פאַר דעם אַנאַליז, ווײַל ער באַפרידיקט איצט נישט בלויז די אינדיווידועלע באַדערפעניש, נאָר ער שטעלט מיט זיך פאַר אַ געזעלשאַפטלעכע נויטווענדיקייט, וועלכע פאַרוואַנדלט די אינדיווידועלע באַדערפעניש אין איר איינפאַכן ווערקצײַג און באַגרעניצט אין דער זעלבער צײַט די באַדערפעניש. די אינדיווידועלע באַדערפעניש קאָן באַפרידיקט ווערן בלויז אין דער מאָס, אויף וויפיל דאָס דערלאָזט די געזעלשאַפטלעכע נויטווענדיקייט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אָן דער באַפרידיקונג פון די אינדיווידועלע באַדערפענישן קאָן קיין מענטשלעכע געזעלשאַפט בכלל נישט געמאָלט זײַן. אָבער דער אויסטויש הערט=אויף צו זײַן אַ פונקציע פון אינדיווידועלער באַדערפעניש, ווי דאָס איז געווען אין דער קאָלעקטיוויסטישער געזעלשאַפט; פאַרקערט, די אינדיווידועלע באַדערפעניש ווערט באַפרידיקט נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל

דער אויסטויש ברענגט פאר איר א געוויסן חלק פון דער געזעלשאפט=לעכער פראדוקציע. אט די לעצטע באשטימט דעם אויסטויש. אבער דער אויסטויש דערשיינט פשוט אלס קוואנטיטאטיווע פארהעלטעניש צווישן צוויי זאכן[1]. ער ווערט באשטימט, קוים איז די דאזיקע קוואנ=טיטאטיווע פארהעלטעניש באשטימט געווארן. אבער די קוואנטיטעט, וואס איז בכלל דער אביעקט פון אויסטויש, גילט דא בלויז אלס טייל פון דער קוואנטיטעט פון דער גאנצער געזעלשאפטלעכער פראדוקציע. די לעצטע ווידער ווערט, פון איר זייט, באשטימט פון דער קוואנטיטא=טיווער זייט דורך יענער ארבעטס=צייט, וואס דארף פארווענדעט ווערן דורך דער געזעלשאפט אויף דער פראדוקציע פון דעם גאנצן פראדוקט. די געזעלשאפט ווערט דא גענומען אלס איין גאנצעס, וואס פראדוצירט פראדוקטן מיט איר גאנצער ארבעטס=קראפט; דער יחיד מיט זיין ארבעט איז דא נישט מער ווי אן ארגאן פון דער געזעלשאפט, און אלס אזא ארגאן, באטייליקט ער זיך אין דעם פראדוקט נאר אין אזא מאס, אויף וויפיל זיין ארבעטס=קראפט אנטשפרעכט דער דורכשניטלעכער געזעלשאפטלעכער ארבעטס=קראפט. פארשטייט זיך, אז די לעצטע ווערט גענומען סיי אין פרט פון אינטענסיווקייט, סיי אין פרט פון פראדוקטיווקייט. אויב דער יחיד האט געארבעט צו פאמעלעך אדער ער האט פראדוצירט אן אומנויטיקע זאך, — און אזא וועט אויך זיין א נוציקע זאך בכלל, אויב נאר זי שטייגט אריבער די באדערפעניש אין דעם געזעלשאפטלעכן שטאף=וועקסל, — וועט די ארבעט פון אט דעם יחיד רעדוצירט ווערן צו דער דורכשניט=ארבעט, צו דער געזעלשאפטלעך=נויטווענדיקער ארבעטס=צייט. אויב דער סכום פון דער ארבעטס=צייט פאר דעם גאנצן פראדוקט איז אויף אזא אופן געגעבן, דאן מוז דער אויסטויש אויסדריקן אט דעם פאקט. דעם סאמע פשוטסטן אויסדרוק באקומט דער לעצטער אין דעם פאל, ווען קוואנטיטאטיווע פארהעלטעניש פון די סחורות און דעם אויסטויש גלייכט זיך מיט דער קוואנטיטאטיווער פארהעלטעניש פון דער געזעלשאפטלעך=נויטווענדיקער

1 די דאזיקע זאכן מוזן בכלל אין דער סחורה-פראדוצירנדיקער געזעלשאפט ארייננטרעטן אין באציונגען איינער מיט דער אנדערער, און זיי קאנען קומען אין באציונגען בלויז אלס אויסדרוק פון דער געזעלשאפטלעך-נויטווענדיקער ארבעטס-צייט. און נאר אלס אזעלכע אויסדריקן זיינען זיי פארשטענדלעך. אין דער ווערט-טעאריע איז וועזנטלעך דאס, וואס זיי זיינען דער פראדוקט פון דער געזעלשאפטלעכער ארבעטס-צייט, דער געזעלשאפטלעכער פראדוקט, און נישט דאס, וואס די דאזיקע ארבעטס-צייט איז אין אלע פאלן גלייך אויף ביידע זייטן פון די טויש-פארהעלטענישן. דאס איז דער סעקונדארער מאמענט, און ער באשטימט די טויש-פארהעלטעניש בלויז אין די באדינגונגען פון איינפאכסטער סחורה-פראדוקציע.

אַרבעטס-צײַט, וואָס איז נויטיק געווען אויף זייער פּראָדוקציע. אַט דעמאָלט ווערן די סחורות אויסגעטוישט לויט זייער ווערט.

און די דאָזיקע פֿאַרהעלטענישן ווערן פֿאַרווירקלעכט, אויב די באַדינגונגען פֿון דער סחורה-פּראָדוקציע און סחורות-אויסטויש זײַנען סאָציאַל גלײַך פֿאַר אַלע מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט, ווען זיי אַלע זײַנען זעלבשטענדיקע באַזיצער פֿון זייערע פּראָדוקציע-מיטלען, מיט וועלכע זיי אַרבעטן אויס דעם פּראָדוקט און טוישן אים אויס אויפֿן מאַרק. די דאָזיקע פֿאַרהעלטענישן זײַנען די סאַמע עלעמענטאַרסטע און דעריבער דינען זיי אַלס אויסגאַנגס-פּונקט פֿאַר דער טעאָרעטישער באַטראַכטונג. בלויז דורך זיי קאָן מען פֿאַרשטיין די פֿאַרשיידענע מאָדיפֿיקאַציעס. וואָס שייך די לעצטע ווידער, מוזן זיי שטענדיק באַפֿרידיקן יענעם גרונט-באַדינג, אַז, ווי עס זאָלן נישט געשען די איינצלנע אויסטויש-אַקטן, זאָל אין סך-הכּל פֿון די אויסטויש-אַקטן פֿאַרווירקלעכט ווערן דער אויסטויש פֿון גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן פּראָדוקט. די מאָדיפֿיקאַציעס גופֿא קאָנען אַרויסגערופֿן ווערן בלויז מחמת דער פֿאַרשיידענער לאַגע פֿון די מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט אין דער פּראָדוקציע, און זיי ווערן אומפֿאַרמײַדלעך אַרויסגערופֿן אַדאַנק אַט די פֿאַרשיידנהייטן פֿון אַזאַ מין, וואָרעם אויסשליסלעך אין דעם אויסטויש-אַקט ווערט דאָך פֿאַרווירקלעכט דער געזעלשאַפֿטלעכער צוזאַמענהאַנג, נישט בלויז פֿון דער פּראָדוקציע, נאָר אויך פֿון די פּראָדוצענטן. די עקספּראָפּריאַציע פֿון איין טייל געזעלשאַפֿט און דאָס מאָנאָפּאָל-אייגנטום פֿון די פּראָדוקציע-מיטלען פֿון דעם צווייטן מאָדיפֿיצירט, פֿאַרשטייט זיך, דעם אויסטויש, ווײַל נאָר אין אים קאָן זיך עס אַרויסווײַזן די נישט-גלײַכקייט פֿון די מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט. נאָר אַזוי ווי דער אויסטויש-אַקט איז אַן אָפּשאַצונג פֿון גלײַכקייט, ווײַזט זיך די אומגלײַכקייט דאָ אַרויס ווי אַ גלײַכקייט, אָבער שוין נישט פֿון ווערט, נאָר פֿון פּראָדוקציע-פּרײַז; הייסט עס, אַז די אומגלייכקייט פֿון אַרבעטס-פֿאַרברויך (און אין דער זעלבער צײַט אויך די גלײַכגילטיקייט מצד די קאַפּיטאַליסטן צום אַרבעטס-פֿאַרברויך ווי צום אַרבעטס-פֿאַרברויך פֿון אַנדערע) טרעט דאָ אַרויס אין דער גלײַכקייט פֿון פּראָפֿיט-אַנטייל. די דאָזיקע גלײַכקייט דריקט דאָ אויס נישט עפּעס אַנדערש, ווי בלויז דאָס, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט איז דאָס דעצידירנדיקע דער קאַפּיטאַל; דעריבער וואַרפֿט זיך שוין דער איינצלנער אויסטויש-אַקט נישט אונטער דער באַדינג: גלײַכע אַרבעט פֿאַר גלײַכע אַרבעט, נאָר דעם באַדינג: אויף גלײַכן קאַפּיטאַל אַלץ-איינער פּראָפֿיט. די אַרבעטס-גלײַכקייט איז פֿאַרביטן געוואָרן דורך פּראָפֿיט-גלײַכקייט, און די

פּראָדוקטן ווערן פארקויפט נישט לויט זייער ווערט, נאָר לויט די פּראָדוקציע=פּרייזן.

אויב דער אויסטויש באַקומט אויף אזא אופן זיין באשטימונג דורך דער געזעלשאַפט, דערוויסט זיך, פון דער צווייטער זייט, די געזעלשאַפט און דער יחיד ווענן אַט דעם געזעץ בלויז דורכפירנדיק דעם אויסטויש=אַקט. אין דער ווירקלעכקייט איז די ארבעט פון אַ יחיד, קודם=כל זיין אינדיווידועלער אויפטו, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון זיין אינדיווידועלן ווילן, — אַ פּריוואַטע ארבעט און נישט קיין געזעלשאַפטלעכע ארבעט. צי איז זי אין הסכם מיט יענע באַציִונגען פון געזעלשאַפטלעכן שטאָף=וועקסל, פאר וועלכע זיין ארבעט ווערט בלויז זיין איין טיילוויזער באַדינג, קאָן זיך ארויסווייזן ערשט דעמאָלט, ווען אַט די אַלע טיילווייזע באַדינגונגען וועלן קעגנזייטיק פארגליכן ווערן און אין זייער סך=הכל וועלן זיי פארווירקלעכן דעם אלגעמיינעם באַדינג פון געזעלשאַפטלעכן שטאָף=וועקסל.

סחורות זיינען פארקעפּערונגען פון דער געזעלשאַפטלעך=נויטווענדיקער ארבעטס=צייט. אָבער די דאָזיקע ארבעטס=צייט, אַלס אַזעלכע, באַקומט נישט קיין דירעקטן אויסדרוק — אזא אויסדרוק, ווי, למשל, אין דער געזעלשאַפט פון ראַדבערטוס, וווּ די צענטראַלע מאַכט באַשטימט דירעקט פאר יעדן פּראָדוקט די געזעלשאַפטלעך=גילטיקע ארבעטס=צייט. ער ווייזט זיך ארויס בלויז ביים גלייכשטעלן איין זאַך מיט דער אַנדערער אין אויסטויש=אַקט. הייסט עס, אַז דער ווערט פון איין זאַך, די צייט, וואָס איז געזעלשאַפטלעך=נויטווענדיק ביים פּראָדוצירן זי, געפינט איר אויסדרוק אין אויסטויש=אַקט נישט אַלס אַזעלכע, נישט אַלס אַכט=, צען= אָדער צוועלף=שעהדיקע ארבעט, נאָר אַלס באַשטימטער קוואַנטום פון דער צווייטער זאַך. די דאָזיקע זאַך, ווי זי גייט און שטייט, מיט אַלע אירע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן, דינט, אַלזאָ, אַלס אויסדרוק פון דעם ווערט פון דער צווייטער זאַך, אַלס עקוויוואַלענט פון דער לעצטער. למשל, אין דעם פארגלייך 1 סורדוט = 20 מעטער לייוונט — דינען די דאָזיקע 20 מעטער לייוונט אַלס עקוויוואַלענט פונם סורדוט. זיי זיינען גלייך צו אים, ווייל אויך זיי זיינען די פארקערפּערונג פון דער געזעלשאַפטלעך=נויטווענדיקער ארבעטס=צייט, און אַלע סחורות זיינען גלייך צווישן זיך אַלס אַזעלכע פארקערפּערונגען.

אַלזאָ, דער אויסדרוק פון ווערט, פון אַט דער געזעלשאַפטלעכער פארהעלטעניש, אין אַ צווייטער זאַך, אין אַ געברויכס=ווערט, וואָס אונטערשיידט זיך פון דעם געברויכס=ווערט פון יענער סחורה, וועמעס ווערט עס מוז אויסגעדריקט ווערן, דרינגט דירעקט ארויס פון דער נאַטור פון

דער סחורה=פּראָדוקציע און קאָן פון איר נישט אָפּגעטיילט ווערן. וואָרעם בלויז דורך דעם, וואָס דאָס גוט פון איינער ווערט סחורה און דערמיט דאָס גוט פון צווייטן, — בלויז אויף אַזאַ אופן אַנטשטייען די כאַראַקטעריסטישע פאַר דער סחורה=פּראָדוקציע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען צווישן אירע מיטגלידער, דאָס קעגנזײַטיקע צופּאַסן זייערע זאַכן צום טויש. און ערשט נאָכדעם, ווי דער אויסטויש איז פאָרגעקומען, דערווייסט זיך דער פּראָדוצענט, צי זײַן סחורה באַפרידיקט ווירקלעך די געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניש און צי ער האָט ריכטיק פאַרווענדעט זײַן אַרבעטסצײַט. ער באַקומט די באַשטעטיקונג, אַז ער איז אַ פולווערטיקער מיטגליד פון דער סחורה=פּראָדוצירנדיקער געזעלשאַפט; אָבער די דאָזיקע באַשטעטיקונג באַקומט ער נישט פון וועלכער נישט איז פּערזאָן, וואָס קאָן ריידן אין נאָמען פון אָט דער געזעלשאַפט, קריטיקירן זײַן אַרבעט, — ווי, למשל, דער אַרבעטס=אַרויסגעבער קריטיקירט די אַרבעט פון זײַן וועבער, — אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן זי: זײַן געזעלשאַפטלעכע פולווערטיקייט ווערט פאַר אים באַשטעטיקט דורך דער זאַך, וועלכע ער האָט באַקומען אַלס אויסטויש פאַר זײַנער. ווײַל די געזעלשאַפט בויט איר זאַך אויף דער זאַך (און גראָד דערויף באַזירט זיך, טראָץ שטירנערן, איר אַנאַרכיע), און נישט אויף די פּערזאָנען מיט זייער קאָלעקטיוון באַוווּסטזיין. אָט די זאַך, וואָס קאָן געבן דעם פּראָדוצענט די דערמאָנטע באַשטעטיקונג, מוז האָבן די נויטיקע לעגיטימאַציע: אַנדערש וואָלט זי נישט געקענט רעדן אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט. זי באַקומט די דאָזיקע לעגיטימאַציע, פּונקט אַזוי ווי עס באַקומען זייער לעגיטימאַציע די אַנדערע אָרגאַנען: דורך די אַלגעמיינע אַקציעס פון די, וואָס גיבן די לעגיטימאַציע. פּונקט אַזוי, ווי מענטשן רעדן זיך צונויף אין באַפולמעכטיקן איינעם פון זייער סביבה אויף אַ באַשטימטער אַקציע אין זייער נאָמען, אַזוי מוזן סחורות אויך זיך צונויפרײדן, כּדי פון זייער זײַט צו לעגיטימירן אַ מין סחורה, וועלכע דאַרף אין זייער נאָמען אין דער דאָזיקער סחורה=וועלט געבן בירגער רעכט: פולע אָדער באַגרענעצטע בירגער=רעכט. די איינצוקע פאָרם אָבער, אין וועלכער די סחורות קאָנען זיך צונויפריידן, איז דער סחורה=אויסטויש. ווײַל די ראָל, וואָס אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט שפּילט דאָס געזעלשאַפטלעכע באַוווּסטזײַן, שפּילט אין דער קאַפּיטאַליסטישער די באַוועגונג פון די סחורות אויפן מאַרק. דאָס באַוווּסטזײַן פון דער בורזשואַזער וועלט איז רעדוצירט צו דעם מאַרק=ביולעטין. בלויז ווען דער יחיד פירט דורך די אויסטויש=אַקטן, דערקענט ער דאָס געזעץ פון געמיינשאַפט. און בלויז אין דעם פאַל, ווען דער אויסטויש=אַקט האָט זיך פאַר דעם יחיד אײַנגעגעבן, באַקומט

ער א באווייז, אז ער האט פראדוצירט א געזעלשאפטלעך-נויטווענדיקע זאך; און בלויז דאן קאן ער ווידער באנייען זיין פראדוקציע. די זאך, וואס האט דורך דער געמיינזאמער האנדלונג פון די סחורות באקומען די באפולמעכטיקונג אויף אויסצודריקן דעם ווערט פון אלע איבעריקע סחורות, איז דאס געלט. מיט דער אנטוויקלונג פונם סחורה-אויסטויש גופא אנטוויקלט זיך איינציטיק אויך די לעגיטימאציע פון דער דאזיקער באזונדערער סחורה.

א. און ב., אלס סחורה-באזיצער, טרעטן אריין אין געזעלשאפט-לעכע באציונגען בלויז אין דעם פאל, אויב זיי טוישן אוים איינער בײַם אנדערן זייערע פראדוקטן. די פארהעלטעניש איז צושטאנד געקומען, ווען דער סורדוט איז אויסגעטוישט געווארן אויף די צוואנציק מעטער לייוונט. אויב די סחורה-פראדוקציע ווערט פאראלגעמיינערט, דאן מוז דער שניי-דער באפרידיקן אלע זיינע באדערפענישן דורך דעם אויסטויש; אנשטאט דער פריערדיקער איינצלנער באציונג מיט דעם וועבער פון דער לייוונט, טרעט ער איצט אריין אין פיל אנדערע. 1 סורדוט = 20 מעטער לייוונט, אבער אין דער זעלבער צייט איז ער אויך גלייך צו 5 פונט צוקער, צו 10 פונט ברויט אאז"וו, אאז"וו. אזוי ווי אלע סחורה-פראדוצענטן טרעטן אריין אין פונקט אזעלכע פילצאליקע פארהעלטענישן, באקומען מיר אין דער אונטערשטער שורה, אן אומענדלעכע צאל טויש-גלייכונגען, אין וועלכע די סחורות ווערן פארגליכן איינע מיט דער אנדערער. דער ווערט פון איינער ווערט דורך דער אנדערער געמאסטן, אבער, אויסמעסטנדיק זיך קעגנזײַטיק, מעסטן זיי אין דער זעלבער צייט אלץ אפטער אוים זייער ווערט אין איין באשטימטער סחורה, וועלכע ווערט אויף אזא אופן די אלגעמיינע ווערטמאס.

שוין דער איינפאכער ווערט-אויסדרוק, ווי למשל, 1 סורדוט — 20 מעטער לייוונט, דריקט אוים א געזעלשאפטלעכע באציונג; אבער זי קאן בלייבן בלויז א צופעליקע און א פאראיינצלטע. כדי צו ווערן דער אמתער אויסדרוק פון געזעלשאפטלעכע באציונגען, דארף די ווערט-גלייכונג נישט זיין קיין פאראיינצלטע דערשיינונג; בעת די סחורה-פרא-דוקציע ווערט אן אלגעמיינע פארם פון דער געזעלשאפטלעכער פראדוקציע, דאן ווערט דער געזעלשאפטלעכער שטאף-וועקסל, און הייסט עס, אויך דער געזעלשאפטלעכער צוזאמענהאנג צווישן די ארבעטנדיקע פארווירק-לעכט אין די אומצאליקע אויסטויש-אקטן, און דעריבער אויך אין די אומצאליקע ווערט-גלייכונגען. און נאר דורך די געמיינזאמע האנדלונגען פון די סחורות אין דעם אויסטויש-פראצעס ווערט די פריוואטע, אינדי-ווידועלע און קאנקרעטע ארבעטס-צייט פון יחיד פארוואנדלט אין יענער

אַלגעמיינער, געזעלשאַפטלעך־נויטווענדיקער און אַבסטראַקטער אַרבעטס־צײַט, וועלכע שאַפט דעם ווערט. פאַרמעסטנדיק זיך קעגנזײַטיק און אין פאַרשיידנערליי קאָמבינאַציעס איינע מיט דער אַנדערער אין די אויס־טויש־אַקטן, ווערן די סחורות אין דער זעלבער צײַט אַלע אָפּטער אויס־געמאָסטן מיט אַ באַזונדערער סחורה. דעמאָלט בלײַבט בלויז, אַז זי זאָל בדרך געוווינהייט פיקסירט ווערן אַלס ווערט־מעסטער, און זי ווערט געלט.

אַלזאָ, כדי געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע זאָל בכלל ווערן מעגלעך, איז נויטווענדיק דער אויסטויש פון ווערטן, נאָר אַדאַנק דעם ווערן די פּריוואַטע אַרבעטן געזעלשאַפטלעך־אָנער־קענטע און די קעגנזײַטיקע באַציִונגען פון די זאַכן פאַרוואַנדלען זיך אין געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען פון די אַנטשפּרעכנדיקע פּראָדוצענטן. און ווי דער אויסטויש זאָל נישט פאָרקומען, — צי וועט דאָס זײַן אַ די־רעקטער סחורה־אויסטויש, אָדער ער וועט געמאַכט ווערן דורך דער פאַרמיטלונג פון געלט, — וועט ער מוזן זײַן אַן אויסטויש פון ווערט־עקוויוואַלענטן. הייסט עס, אַז געלט, אַלס ווערט, איז סחורה, פּונקט אַזוי ווי יעדע אַנדערע סחורה, און דירעקט פון דעם כאַראַקטער פון דער סחורה־פּראָדוצירנדיקער געזעלשאַפט גופא דרינגט אַרויס די נויטווענדי־קייט, אַז דאָס געלט זאָל האָבן אַ ווערט 1.

דאָס געלט איז סחורה, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע סחורות, און אַזוי אַרום אַ פאַרקערפּערונג פון ווערט. אָבער דאָס געלט אונטערשיידט זיך פון די אַלע איבעריקע סחורות קודם־כּל דערמיט, וואָס עס איז פאַר אַלע איבעריקע סחורות דער עקוויוואַלענט, ד"ה אַ סחורה, אין וועלכער אַלע איבעריקע סחורות דריקן אויס זייער ווערט. דאָס, וואָס דאָס געלט איז געוואָרן אַזאַ, איז דער רעזולטאַט פון די אַלע אויסטויש־פּראָצעסן 2. דערמיט אַליין איז עס לעגיטימירט צו פונקציאָנירן אַלס ווערט־מאָס. די געלט־סחורה, ד"ה דער באַשטימטער קערפּער מיט אַלע זײַנע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן, ווערט איצט דער דירעקטער אויסדרוק פון ווערט, פון

---

1 ווײַטער וועלן מיר דערגיין, אויף וויפיל די דאָזיקע הנחה מאָדיפיצירט זיך מיט די היינטצײַטיקע פ רמען פון דער פאַפּירענער וואַלוטע.

2 אַ ווערט האָט יעדע סחורה, אַלס פאַרקערפּערונג פון דער געזעלשאַפט־לעך־נויטווענדיקער אַרבעטס־צײַט, הייסט עס, אַלס רעזולטאַט פונם פּראָצעס פון דער סחורה־פּראָדוקציע. דעריבער טרעט זי שוין אַרײַן אינם אויסטויש־פּראָצעס אַלס ווערט־טרעגער. אין דעם זין זאָגט מאַרקס: „דער אויסטויש־פּראָצעס גיט דער סחורה, וועלכע ער פאַרוואַנדלט אין געלט, נישט די ווערט, נאָר די ספּעציפישע פאָרם פון איר ווערט, — נעמלעך די פאָרם פון אַן אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט". „Kapital" I ב. 4 אויפלאַגע (דײַטש) זײַט 56.

אַט דער אייגנשאַפט, וועלכע שטאַמט פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון דער כחורה-פּראָדוקציע און פון זייער זאַכלעכן אויסדרוק. פון דעם זעט מען אויך, ווי פון דעם אויסטויש-פּראָצעס גופא, פון דער נויטווענדיקייט שטענדיק קעגנזײַטיק צו פאַרגלײַכן די סחורות, אַנטשטייט די נויטווענדיקייט פון אַן אַלגעמיינער ווערט-מאָס, און וועלכער עס ווערט דירעקט אויסגעדריקט דער ווערט פון יעדער אַנדערער סחורה, און אויף וועלכער די לעצטע קאָן יעדע צײַט דירעקט אויסגעטוישט ווערן. הייסט עס, אַז דאָס געלט איז פון איין זײַט סחורה, אָבער פון דער אַנדערער זײַט ווערט די דאָזיקע סחורה שטענדיק אָפּגערוקט אויף אַ באַזונדער אָרט ווי אַן עקוויוואַלענט. דאָס איז געשען דורך דער האַנדלונג פון די אַלע איבעריקע סחורות, וועלכע האָבן לעגיטימירט די געלט-סחורה אַלס זייער איינציקן און אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט.

אַלזאָ, דער טויש-ווערט פון אַלע סחורות באַקומט אַ געזעלשאַפטלעך-גילטיקן אויסדרוק אין דער געלט-סחורה, אין אַ באַשטימטן קוואַנטום פון איר געברויכסווערט. אויף אַזאַ אופן איז די געלט-סחורה, מחמת די קעגנזײַטיקע אַקציעס פון אַלע איבעריקע סחורות, וועלכע מעסטן אין איר אויס זייער ווערט, אַ דירעקטע פאַרקערפּערונג פון דער געזעלשאַפטלעך-נויטווענדיקער אַרבעטס-צײַט. „הייסט עס, אַז געלט איז דער טויש-ווערט פון סחורות, אַלס באַזונדער מין אויסשליסלעכע סחורה" [1]. אַט אַזוי באַקומען אַלע סחורות, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין געלט, זייער געזעלשאַפטלעכע סאַנקציע.

לויט ערנסט מאַך איז דער „איך" בלויז יענער פּאָקוס, אין וועלכן עס גייען זיך ענגער צונויף די אומענדלעכע פעדים פון די עמפּינדונגען, וועלכע שטאַלטיקן דורך זייער נעץ אויס דאָס בילד פון דער וועלט. אַט פּונקט אַזוי איז דאָס געלט דער קנופּ-פּונקט אין דער נעץ פון דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענהאַנג פון דער סחורה-פּראָדוצירנדיקער געזעלשאַפט, וואָס ווערט צונויפגעפלאָכטן פון די אומצאָליקע פעדים פון די איינצלנע טויש-אַקטן. אין דער זעלבער צײַט איז אין דעם געלט די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש פון די מענטשן געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ זאַך — אין אַ געהיימניספול גלאַנציקער זאַך, וואָס פאַרבלענדט נאָך אַלץ מיט איר פאַרפירערישן גלאַנץ די אויגן פון זייער פיל עקאָנאָמיסטן, — אויב נאָר זיי האַלטן נישט פאַר בעסער גלײַך פון אָנהויב אָן אַנבליק פון געלט די אויגן צו שליסן.

---

1 2-טע אויפלאַגע Marx, „Zur Kritik der politischen Oekonomie" זײַט 28.

* * *

אַרײַנטרעטנדיק אין דעם אויסטויש=פּראָצעס אין קעגנזײַטיקע באַציִונגען, ווערן די סחורות רעדוצירט צו פּראָדוקטן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעך=נויטווענדיקער אַרבעטס=צײַט און, אַלס אַזעלכע, ווערן זיי גלײַך. אינם אויסטויש=פּראָצעס ווערט איבערגעריסן יענער באַנד, וואָס פֿאַרבינדט די סחורה אַלס געבֿרויכס=ווערט מיט דער באַזונדערער באַדערפֿעניש פֿון אַ באַשטימטן יחיד. אין דעם אויסטויש פֿונקציאָנירט די סחורה בלויז אַלס טויש=ווערט, און בלויז דורך דעם אויסטויש, ד״ה נאָכדעם, ווי ער איז שוין געשען, ווערט ער ווידעראַמאָל אַ געבֿרויכס=ווערט: עס אַנטשטייט אַ נײַע פֿאַרבינדונג מיט דער באַדערפֿעניש פֿון אַ צווייטן יחיד. אין געלט, וואָס זײַן געבֿרויכס=ווערט איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער געזעלשאַפֿטלעך=נויטווענדיקער אַרבעטס=צײַט, ד״ה טויש=ווערט, ווערט די סחורה דירעקט אויסגעדריקט אַלס טויש=ווערט. אויף אַזאַ אופֿן אָביעקטיוויזירט זיך אינם געלט דער טויש=ווערט פֿון דער סחורה לגבי איר אייגענעם געבֿרויכס=ווערט. ערשט דורך דעם, וואָס דאָס געלט ווערט פֿאַרוואַנדלט אין סחורה, רעאַליזירט זיך די לעצטע אַלס אַ געבֿרויך=ווערט, בשעת איר טויש=ווערט געפֿינט זיך שוין אין דעם געלט. נאָכדעם פֿאַרלאָזט שוין די סחורה אַלס געבֿרויך=ווערט די ספֿערע פֿון צירקולאַציע און גייט אַריבער אין דער ספֿערע פֿון קאָנסומציע.

דאָס געלט קאָן נאָר דערפֿאַר ווערן דער אַלגעמיינער עקוויוואַלענט, ווײַל עס איז סחורה, הייסט עס, טויש=ווערט. אָבער אַלס טויש=ווערט אין יעדע סחורה אַ מאָס פֿון ווערט פֿון אַלע אַנדערע סחורות. אויף וויפֿיל אַלע סחורות טרעטן אַרײַן אינם פּראָצעס פֿון זייערע קעגנזײַטיקע אַקציעס אין אַ פֿאַרהעלטעניש בנוגע איין באַשטימטער סחורה, ווערט די דאָזיקע באַזונדערע סחורה די אַדעקוואַטע עקסיסטענץ פֿון טויש=ווערט, ד״ה די עקסיסטענץ אַלס אַלגעמיינער עקוויוואַלענט. דער פֿאַקט, וואָס אַלע סחורות זײַנען טויש=ווערטן, דאָס הייסט, וואָס די פּראָדוצענטן אין אַ געזעלשאַפֿט, אַ צעשפּליטערטער אויף אירע אַטאָמען דורך אַרבעטס=טיילונג און פּריוואַט=אייגנטום, וואָס איז, ניט געקוקט אויפֿן פֿעלן פֿון אַ געמיינזאַמען באַוווּסטזײַן, דאָך אַ פּראָדוקציע=געמיינשאַפֿט, קאָנען קומען אין קעגנזײַטיקע באַציִונגען בלויז דורך זייערע זאַכלעכע פּראָדוקטן,— שאַפֿט איצט דעם אײַנדרוק, אַז זייערע אַרבעטס=פּראָדוקטן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַלס טויש=ווערטן בלויז פֿאַרשיידענע כּמותן פֿון דעם זעלבן קעגנשטאַנד — פֿון געלט. די אַלגעמיינע אַרבעטס=צײַט — פֿון איר זײַט דער עקאָנאָמישער אויסדרוק פֿון דער פּראָדוצירנדיקער ג ע מ יי נ ש אַ פֿ ט,

און הייסט עס, אויך דער פאַקט פון אַט דער געמיינשאַפט גופא, — דערשיינט איצט אין דער פאָרם פון אַ באַזונדערער זאַך — אַלס אַ באַזונדערע סחורה צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע און אויסער אַלע איבעריקע סחורות.

אין דעם אויסטויש־פּראָצעס האָט די סחורה אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אַ געברויך־ווערט, און דערוויזן, אַז זי באַפרידיקט אַ געוויסע באַדערפעניש, און באַפרידיקט זי דערביי אין דער געזעלשאַפטלעך־נויטיקער מאָס. אויב עס איז יאָ אַזוי, איז זי דורך דעם אַליין געוואָרן דער טויש־ווערט פאַר אַלע אַנדערע סחורות, וועלכע דערפילן די זעלביקע באַדינגונגען. דאָס דריקט אויס איר פאַרוואַנדלונג אין געלט, אין דעם רעפּרעזענטאַנט פון דעם טויש־ווערט בכלל. ווערנדיק געלט, ווערט זי אַ טויש־ווערט פאַר אַלע איבעריקע סחורות. די סחורה מוז דעריבער ווערן געלט, ווייל בלויז דעמאָלט קומט זי געזעלשאַפטלעך צום אויסדרוק, אַלס אַ געברויך־ווערט און אַלס טויש־ווערט, אַלס אַן איינהייט פון זיי ביידן. אָבער דורך דעם, וואָס אַלע סחורות, פון וועלכע מען זאָגט זיך אָפּ, ווי פון געברויך־ווערטן, פאַרוואַנדלען זיך אין געלט, ווערט דאָס געלט די פאַרענדערטע עקסיסטענץ פון אַלע איבעריקע סחורות, און נאָר אַלס רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פאַרוואַנדלונג פון אַלע איבעריקע סחורות אין געלט ווערט דאָס געלט די דירעקטע פאַרמאַטעריאַליזירונג פון דער אַלגעמיינער אַרבעטס־צייט, ד"ה אַ פּראָדוקט פון אַלזייטיקן זיך אָפּזאָגן און פון אָפּשאַפן די אינדיווידועלע אַרבעטן.

אַלזאָ, די נויטווענדיקייט פונם געלט דרינגט אַרויס פון דעם סאַמע וועזן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע איז געבויט אויף סחורה־פּראָדוקציע און וואָס דערוויסט זיך וועגן די כאַראַקטעריסטישע פאַר איר געזעצן בלויז פון דעם, וואָס די סהורות ווערן אויסגעטוישט אַלס פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפטלעך־נויטווענדיקער אַרבעטס־צייט, פון דעם, וואָס דער געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענהאַנג פון די פּראָדוצענטן געפינט זיין אויסדרוק אין דעם פּרייז פון זייערע פּראָדוקטן, וועלכער באַשטימט זייער אַנטייל אין דער פּראָדוקציע און אין דער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן. דער אייגנאַרטיקער אופן פון דער רעגולירונג פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט דורך דעם פּרייז־געזעץ, פאָדערט אַ באַזונדער מין סחורה אַלס אויסטויש־מיטל פון די סחורות גופא, ווייל נאָר אָט די סחורה פאַרקערפּערט דאָס די געזעלשאַפטלעך־נויטווענדיקע אַרבעטס־צייט. דאָס, וואָס דאָס אויסטויש־מיטל מוז האָבן אַ ווערט, דרינגט דירעקט אַרויס פונם כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער די גיטער זיינען געוואָרן סחורות, און, אַלס אַזעלכע, מוזן זיי אויסגעטוישט ווערן. „דער זעלבער פּראָצעס, וואָס מאַכט פונם פּראָדוקט אַ סחורה, מאַכט פון דער סחורה געלט".

דאָס ניט אָפּגעבן זיך קיין דין=וחשבון פון געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענהאַנג, דאָס איינשטעלן דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג דורך אויסטויש פון סחורות, דאָס, וואָס די באַשטעטיקונג, אַז דער צוזאַמענהאַנג איז אויך געזעלשאַפטלעך ריכטיק איינגעשטעלט געוואָרן, באַקומט זיך ערשט אין אויסטויש=פּראָצעס, בעת דער פּראָדוקציע=פּראָצעס, וואָס האָט אייגנטלעך דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענהאַנג איינגעשטעלט, איז שוין פאַרענדיקט און אומפאַרענדערלעך, — דאָס באַטייט פאַר איין וועגס די אַנאַרכיע פון קאַפּיטאַליסטישן אופן פון פּראָדוקציע. דאָס איז אַנאַרכיע — ווייל דאָ איז נישטאָ קיין באַוווּסטזיין, וואָס זאָל פון אָנהייב אָן אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע אין הסכם מיט אירע צילן; צו די באַזונדערע מיטגלידער ווידער, וואָס האָבן דעם באַוווּסטזיין וועגן זיך אַליין און ניט וועגן דער געזעלשאַפט, דערגייט דער דאָזיקער צוזאַמענהאַנג, ווי אַ מין נאַטור=געזעץ. וואָס ווירקט אומאָפּהענגיק פון דעם ווילן פון די, וואָס פאַלן אַרונטער אונטער זיין ווירקונג, הגם ער עקזיסטירט בלויז אַדאַנק זייערע אייגענע געזעלשאַפטלעכע און אַדאַנק דעם פאַר זיי אויך אומבאַוווּסטע האַנדלונגען. די דאָזיקע אַקציעס ווערן קיינמאָל נישט פאַרגענומען מיט דעם באַוווּסטזיין און מיט דעם ציל, כּדי איינצושטעלן דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענהאַנג; זיי דינען שטענדיק דער באַפרידיקונג פון די אינדיווידועלע באַדערפענישן. אין אָט דעם זין קאָן מען דעריבער אויך זאָגן, אַז די נויטווענדיקייט צו פאַרמיטלען דעם אויסטויש דורך געלט, ד״ה דורך אַ שטאָף, וואָס באַזיצט אַליין אויך אַ ווערט, דרינגט אַרויס פון דער א נ אַ ר כ י ע פון דער סחורה=פּראָדוצירנדיקער געזעלשאַפט.

דאָס געלט, וואָס איז פון איין זייט אַ נויטווענדיקער פּראָדוקט פון סחורה=אויסטויש, איז, פון דער אַנדערער זייט, אַ באַדינג פון דעם, אַז דער אויסטויש פון פּראָדוקטן, אַלס סחורות, זאָל באַקומען אַ כאַראַקטער אַן אַלגעמיינעם. פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ ווערט=מאָס פון די סחורות, מאַכט דאָס געלט די לעצטע דירעקט פאַרגלייכלעך. אַלס ווערט איז דאָס געלט דאָס זעלביקע, וואָס סחורה, אָבער אין דער פאָרם פון ווערט איז עס דער היפּוך פון סחורה. מיט איין וואָרט: דאָס געלט איז עקוויוואַלענט, ד״ה אַ געברויכסווערט, אין וועלכן ס׳איז אויסגעדריקט געוואָרן ווערט.

דאָס געלט וואַקסט אַרויס סטיכיש אויף אַ נאַטירלעכן אופן פון טויש=פאַרקער, און דער לעצטער איז דער איינציקער באַדינג פאַר דער אַנטשטייונג פון געלט. דער טויש=פאַרקער מאַכט פאַר געלט יענע סחורות, וועלכע זיינען מער צוגעפּאַסט פאַר דער דאָזיקער ראָל אַדאַנק זייערע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן. דער געברויך=ווערט פון דער דאָזיקער סחורה, ווי, למשל, פון גאָלד, מאַכט

עס פאַר געלט-מאַטעריאַל. גאָלד איז פון נאַטור אויס ניט קיין געלט (נאָר בלויז אַ פועל-יוצא פון אַ באַשטימטער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט), אָבער געלט איז פון נאַטור — גאָלד. הייסט עס, אַז די מלוכה אָדער די רעכטס-אָרדענונג קאָנען נישט לויט זייער איינזען באַשטימען דעם געלט-כאַראַקטער אָדער אפילו דעם געלט-מאַטעריאַל. די מלוכה אָדער די רעכטס-אָרדענונג מאַכן דאָס געלט קודם-כל בלויז פאַר אַ מטבע. די מלוכה ענדערט דאָ גאָרנישט, חוץ די איינטיילונג פון די גאָלד-סכומען. אויב עס האָט זיך פריִער געטיילט לויט דער וואָג אָדער געמאָסטן, ווערט דאָס איצט געטאָן אויפן גרונד פון וועלכן נישט איז אַנדערן מאַסשטאַב, אַ ווילקירלעכן, וועלכער איז דעריבער אומפאַרמיידלעך געבויט אויף אַ באַוווסטזיניקער פאַרשטענדיקונג. אַזוי ווי די סחורה-פּראָדוצירנדיקע געזעלשאַפט געפינט איר העכסטע באַוווסטזיניקע אָרגאַניזאַציע אין דער מלוכה, מוז די מלוכה סאַנקציאָנירן אָט די פאַרשטענדיקונג, כּדי זי זאָל אָנערקענט ווערן דורך דער גאַנצער געזעלשאַפט. דאָ געשעט דאָס זעלבע, ווי ביים איינשטעלן אַנדערע מאָסן, למשל, די לענג-מאָסן, בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ ווערט-מאָס, און דער ווערט שטעקט שטענדיק בלויז אין איין זאַך, און אין יעדער זאַך איז זי גאָר אַנדערש, אָפּהענגיק פון דער פּראָדוקציע-צייט. די מלוכה מוז דעקלאַרירן אויך די זאַך, וואָס גילט אַלס געלט-מאַטעריאַל. דער דאָזיקער מאַסשטאַב שפּילט זיין ראָל בלויז אין תּחום פון דער פאַרשטענדיקונג, למשל, אין תּחום פון דער מלוכה. מחוץ דער מלוכה איז ער שוין נישט גילטיק. אויף דעם וועלט-מאַרק ווערן גאָלד און זילבער, אַלס געלט, אָנגענומען בלויז לויט דער וואָג [1]. אַ פאַרשטענדיקונג בנוגע באַשטימטע געלט קאָן אויך, אָן דער אינטערווענץ פון דער מלוכה, פאַרווירקלעכט ווערן דורך פּריוואַטע פּערזאָנען, למשל, דורך סוחרים פון אַ באַשטימטער שטאָט, אָבער אויך אין דעם פאַל איז דאָס, פאַרשטייט זיך, גילטיק בלויז פאַר דעם דאָזיקן קרייז מענטשן [2].

אַלזאָ, די מלוכה טיילט איין אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן דאָס גאָלד, און יעדער טייל ווערט באַצייכנט דורך דעם מלוכהשן שטעמפּל. איצט ווערן שוין אַלע פּרייזן אויסגעדריקט אין אָט דעם מאַסשטאַב אויף

1 לכל-הפּחות ביז יענער צייט, כּל-זמן די טענדענץ צו דער אַליינהערשאַפט פון דעם גאָלד איז נאָך נישט אינגאַנצן רעאַליזירט געוואָרן.

2 אַלס ביישפּיל קאָן דינען די האַמבורגער „באַנקאָ-וועררונג" זינט יאָר 1770. די אומזאַצן האָבן זיך באַלאַנסירט דורך איבערווייזונגען אויף דער האַמבורגער זשיראָ-באַנק. די קאָנטעס פלעגן געמאַכט ווערן בלויז ביים איינצאָלן מיט פולווערטיקן זילבער. אַלס געלט-מאַטעריאַל האָט געגאָלטן זילבער, אַלס איינס — דער

ר. הילפערדינג

אזא אופן האט די מלוכה איינגעשטעלט דעם מאסשטאב פון די פרייזן. אלס מאס פון די ווערטן פונקציאנירט דאס גאלד דערפאר, ווייל עס איז סחורה, ד"ה ווערט אדער פארקערפערונג פון דער געזעלשאפטלעך־נויט־ווענדיקער ארבעטס־צייט; דער ווערט פון געלט ענדערט זיך דעריבער, בעת ס'ענדערט זיך די צייט, וואס איז נויטיק, בכדי עס אויסצופראדו־צירן. אלס מאסשטאב פון די פרייזן, ווערט דאס גאלד איינגעטיילט אויף שטיקער פון אלצאיינער וואג, און אט די דאזיקע איינטיילונג איז לויט איר זין אומפארענדערלעך. די פרעגונג איז נישט עפעס אנדערש, ווי א באשטעטיקונג, אז דער געפרעגטער עקזעמפלאר געלט האט איז זיך א באשטימטע געוויכט־קוואנטום געלט־מאטעריאל, למשל, גאלד. אין דער זעלבער צייט ברענגט דאס אריין א באדייטנדיקע טעכנישע פאר־לייכטערונג. איצט דארף מען שוין נישט וועגן דאס געלט, — מען דארף דאס פשוט ציילן. און ווייטער, איצט קאן מען אויף א באקוועמען אופן אויסדריקן יעדן סכום ווערט, וואס איז נייטיק ביים אויסטויש.

קעלנישער מארק פון ריינעם זילבער, פאר וועלכן מען האט פארשריבן $27^{3}/_{4}$ מארק אין קאנטא פון באנק. הייסט עס, אז אט דאס בוך־געלט, מיט וועלכן דער האמבורגער האנדל האט זיך באנוצט ביזן יאר 1872, האט אין יסוד געהאט דאס נישט־געפרעגטע זילבער. דערביי איז נישט וויכטיק, אז דאס ריכטיקע זילבער איז געלעגן באהאלטן אין די באנק־קעלערס און צירקולירט האבן בלויז קוויטונגען (דאס איז גאר עפעס אנדערש ווי באנקנאטן). „פאפיר־געלט" מיט פולער מעטאל־דעקונג, וואס איז נישט מער ווי א געוויינלעכע באשטעטיקונג, אז פון דעם אינהאבער האט מען באקומען אמתן מעטאל, וואס געפינט זיך ווירקלעך אין דער באנק, — דאס איז א ריין הילפס־מיטל, א טעכניש באקוועמע זאך און א פשוט שוץ־מיטל קעגן דער אפנוצונג פונם מעטאל. דאס דאזיקע געלט פארירט אויך נישט קיין שום געזעץ פון דער געלט־צירקולאציע, אט פונקט אזוי ווי עס וואלטן צירקולירט שטיקער זילבער איינגעוויקלט אין לעדער אדער אין פאפיר.

די מלוכה קאן בלויז שפילן אט די איינציקע ראל, ווי עס איז אנגעוויזן אינם טעקסט. דערמיט ווערט דערליידיקט קנאפפס אילוזיע, אז דאס געלט א נ ט ש ט ייט כלומרשט נאר דורך דעם באשלוס פון דער מלוכה. אין דער זעלבער צייט זעען מיר, אז היסטאריש האט זיך דאס געלט לכתחילה אנטוויקלט פון דער צירקולאציע. הייסט עס, אז קודם־כל איז דאס א צירקולאציע־מיטל. ערשט דעמאלט, ווען עס איז געווארן אן אלגעמיינע ווערט־מאס און אן אלגעמיינער עקוויוואלענט, איז דאס אויך געווארן דאס אלגעמיינע צאלונגס־מיטל. דאס איז קעגן Knapp „Staatliche Theorie des Geldes“ Seite 3.

קאַפּיטל צוויי

דאָס געלט אין צירקולאַציע־פּראָצעס

די פאָרם פונם צירקולאַציע־פּראָצעס: סחורה — געלט — סחורה, ס—ג—ס. אין אָט דעם פּראָצעס ווערט פאַרווירקלעכט דער געזעלשאַפטלעכער שטאָף־וועקסל. א. פאַרקויפט זיין סחורה, וואָס איז פאַר אים קיין געברויכסווערט נישט, און קויפט אַן אַנדערע, וועלכע איז פאַר אים יאָ אַ געברויכס־ווערט. אין אָט דעם פּראָצעס שפּילט דאָס געלט בלויז די ראָל פון אַ באַוויַיז, אַז די אינדיווידועלע באַדינגונגען, ביַי וועלכע די סחורה איז פּראָדוצירט געוואָרן, אַנטשפּרעכן די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע־באַדינגונגען. די באַדיַיטונג פון דעם פּראָצעס ווערט באַשטימט דורך דעם, וואָס מיט זיַין הילף ווערן באַפרידיקט די באַדערפענישן פון דעם יחיד, וואָס עס ווערט מעגלעך בלויז דורך דער אַלזיַיטיקער איבערוואַנדערונג פון די סחורות. דער ווערט פון דער סחורה ווערט פאַרביטן מיט דעם ווערט פון אַ צווייטער סחורה. די סחורה ווערט קאָנסומירט און פאַלט אַרויס פון דער צירקולאַציע.

נאָר בעת די סחורה פאַלט אויף אַזאַ אופן שטענדיק אַרויס פון דער צירקולאַציע־ספערע, בליַיבט אָבער דאָס געלט שטענדיק אין אָט דער ספערע. דאָס אָרט, וואָס איז באַפריַיט געוואָרן דורך דער סחורה, ווערט פאַרנומען דורך אַ גליַיכווערטיקע מטבע. הייסט עס, אַז דער קריַיזאומלאַף פון די סחורות איז דער פּראָצעס פון דער געלט־צירקולאַציע. איצט פרעגט זיך, וואָס פאַר אַ סכום געלט איז נייטיק פאַר דער צירקולאַציע? געמיינט איז דערביַי דאָס ווירקלעכע אַנטקעגנשטעלן פון געלט און סחורה. דער סכום פון צירקולאַציע־מיטלען ווערט אַלזאָ אין דער ערשטער ריי באַשטימט דורך דעם סך־הכּל פון די פּריַיזן פון די סחורות. אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז דער סכום סחורות איז אַזאַ און אַזאַ גרייס, וועט דער סכום פון דעם צירקולירנדיקן געלט זיך פאַרגרעסערן אָדער פאַרקלענערן, אָפּהענגיק פון די וואַקלונגען פון די סחורה־פּריַיזן. דערביַי איז אַלצאיינס, צי די פּריַיזן־ענדערונגען שטימען ווירקלעך מיט דער ווערט־ענדערונג, אָדער

דאָס זיינען פשוטע וואקלונגען פון די מארק=פרייזן [1]. דאָס גילט אין די פאַלן, ווען די קויף= און פארקויף=אקטן קומען פאָר אינם רוים איינע נעבן די אַנדערע. פארקערט אָבער, אויב די דאָזיקע אקטן זיינען גלידער פון איין רײ, וואָס גייען איינע נאָך די אַנדערע אין דער צײַט, דאַן גילט די גלײַכונג: דער סכום פון די סחורה=פרייזן, געטײלט אויף דער צירקולאַ=ציע=צאַל פון די גלײַכנאָמענדיקע מטבעות, גיט יענעם סכום געלט, וואָס פונקציאָנירט אַלס צירקולאַציע=מיטל. דערבײַ קאָן מען דאָס געזעץ, לויט וועלכן דער סכום פון די צירקולאַציע=מיטלען ווערט באַשטימט דורכן סך=הכּל פון די פרײַזן פון די צירקולירנדיקע סחורות און דורך דער דורכשניטלעכער גיכקייט פון דער געלט=צירקולאַציע, אויסדריקן אויך אין אַזאַ פאָרם: בײַ דער געגעבענער גרייס פון די סחורה=ווערטן און בײַ דער געגעבענער דורכשניטלעכער גיכקייט פון זייערע מעטאַמאָרפאָזן איז דער סכום פון צירקולירנדיקן געלט, אָדער געלט=מאַטעריאַל, אָפּהענגיק פון זײַן אייגענעם ווערט [2].

מיר האָבן געזען, וואָס עס איז אַזוינס געלט: דאָס איז אַ געזעל=שאַפטלעכע פארהעלטעניש, אויסגעדריקט אין אַ זאַך. אָט די דאָזיקע זאַך דינט אַלס דירעקטער אויסדרוק פון ווערט. אָבער אין יענער פאַר=העלטעניש, וועלכע מיר האָבן באַצייכנט מיט: ס—ג—ס, ווערט דער ווערט פון די סחורות שטענדיק פארביטן מיט דעם ווערט פון אַן אַנדער סחורה. הייסט עס, אַז דער געלט=אויסדרוק פון סחורה=ווערט שטעלט מיט זיך דאָ פאָר בלויז אַ פארבײַלויפיקן, פארשווינדנדיקן מאָמענט. ער דערשײַנט דאָ פשוט אַלס טעכנישער בײַהילפס=מיטל, וואָס דאָס אַנווענדן אים איז גורם הוצאות: די לעצטע איז נויטווענדיק ווי ווײַט מעגלעך אויסצומײַדן. אויף אַזאַ אופן אַנטוויקלט זיך איינצײַטיק מיטן געלט דאָס שטרעבן זיך צו באַגיין אָן דעם געלט [3]. אין דער ספערע פון דער סחורה=צירקולאַציע

---

1 מארקס „קאַפּיטאַל" 1. 4-טע אויפלאַגע (דײַטש) זײַט 83.

2 מארקס „קאַפּיטאַל" I, 4-טע אויפלאַגע (דײַטש) ז׳ 87.

3 בלויז לויטן שטאַנדפּונקט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט קאָן מען דענקען אַזוי, ווי ווילסאָן, וועלכער האַלט, אַז דאָס געלט, וואָס ליגט און מען טוט דערמיט גאָרנישט, ברענגט פאַרלוסטן פאַר דער געזעלשאַפט. פארקערט, דער גאַנצער מעכאַניזם פון דער צירקולאַציע, אויף וויפיל זי פאָדערט ווערט-אויסגאַבן, איז faux frais, און אַפילו פון מער אַנטוויקלטן בורזשואַזן שטאַנדפּונקט, דאָס גאָלד, אויף וויפיל דאָס דינט אַלס צירקולאַציע-מיטל, שטעלט עס מיט זיך פאָר אַן אומ-פּראָדוקטיווע (ד"ה, וואָס ברענגט נישט קיין פּראָפיטס) הוצאה, וועלכע מען דאַרף ווי ווײַט מעגלעך אויסמײַדן: אַן אידעע, וואָס איז געווען אַ גרויל פאַר דער מערקאַנ-טיליזם-סיסטעם (זע: James Wilson: „Capital, Currency and Banking" זײַט 10, London 1847.

דערשײַנט דאָס געלט לכתחילה אַלס דער פעסטער קרישטאַל פון ווערט, אין וואָס ס׳פאַרוואַנדלט זיך די סחורה, און דערנאָך צערינט זי, זײַענדיק בלויז אַ פאָרם פון עקוויוואַלענט 1.

אַלס ווערט=קרישטאַלן דערשײַנט דאָס געלט, ווי עפּעס אַ נויטווענדיקס, ווי אַן עקוויוואַלענט=פאָרם — איבעריק. אָבער אַלס נויטווענדיקס דערשײַנט דאָס בלויז דערפאַר, ווײַל אויף אַזאַ אופן קאָן דער ווערט פון דער סחורה באַקומען אַ געזעלשאַפטלעך=גילטיקן אויסדרוק און ווײַל נאָר אַזוי קאָן זיך די סחורה צוריק פאַרוואַנדלען פון געלט אין וועלכער נישט איז אַנדער סחורה. דער געלט=אויסדרוק בלײַבט בלויז אַ צײַטווײַליקער, ער באַקומט זײַן וויכטיקייט נישט פאַר זיך גופא (ווי עס טרעפט אין די פאַלן, ווען דער פּראָצעס ס—ג—ס ווערט איבערגעריסן, און דאָס געלט מוז אויף אַ מער אָדער ווייניקער לענגערער צײַט אויפגעהיט ווערן, כדי דערנאָך, שפּעטער, ווידער צו דערמעגלעכן דעם פּראָצעס ג. ס.) ; אויף אַזאַ אופן איז דאָ וויכטיק אויסשליסלעך די געזעלשאַפטלעכע זײַט פון דעם געלט, אַט די אייגנשאַפט פון דעם געלט, וואָס אַלס ווערט איז דאָס גלײַך צו סחורה. די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע זײַט איז באַשײַנפערלעך, מאַטעריעל אויסגעדריקט אינם געלט=מאַטעריאַל, למשל, אין דעם גאָלד=געלט. זי קאָן אָבער דירעקט אויסגעדריקט ווערן אויך דורך דער באַוווּסטזיניקער געזעלשאַפטלעכער רעגולירונג, — און אַזוי ווי דער באַוווּסטזיניקער אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף סחורה=פּראָדוקציע, איז די מלוכה, איז, הייסט עס, דורך דער מלוכהשער רעגולירונג. די מלוכה קאָן באַשטימען, אַז געוויסע צייכנס, למשל, אַלס אַזעלכע געשטעמפּלטע פּאַפּיר=צעטלען, זײַנען שטעלפאַרטרעטערס פונם געלט, געלט=צייכנס.

עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע צייכנס קאָנען פונקציאָנירן בלויז אַלס פאַרמיטלער אין דער צירקולאַציע צווישן צוויי סחורות. פאַר אַנדערע צילן, פאַר אַנדערע געלט=פונקציעס זײַנען זיי נישט פּאַסיק. הייסט עס, אַז זיי מוזן אינגאַנצן פאַרשלונגען ווערן דורך דער צירקולאַציע, ווײַל בלויז דאָרטן טראָגט די עקסיסטענץ פון געלט אַלס ווערט אַ צײַטווײַליקן כאַראַקטער, ווײַל די דאָזיקע פאָרם ווערט שטענדיק פאַרביטן דורך דעם סחורה=ווערט. דער פאַרנעם פון דער דאָזיקער צירקולאַציע איז אָבער אויסערגעוויינלעך וואַקלדיק, ווײַל, ווי מיר ווייסן שוין, איז זי, בײַ דער אומפאַרענדערלעכער גיכקייט פון דער געלט=צירקולאַציע, אָפּהענגיק פון סך=הכל פון די פּרײַזן. דער לעצטער ווידער וואַקלט זיך שטענדיק. דערבײַ שפּילן ־אַ אַ באַזונדער אָנגעזעענע ראָל די פּעריאָדישע וואַקלונגען אין פאַרלויף

1 מאַרקס: „קאַפּיטאַל" (דײַטש) I ב׳, זײַט 76.

פון יאָר, — למשל, ווען די לאַנדווירטשאַפט־פּראָדוקטן טרעטן אַריין אין דער צירקולאַציע־ספערע און מיט זייער מענגע פאַרגרעסערן זיי דעם פּרייזן־סך־הכּל, — ווי אויך די פּרייזן־וואַקלונגען אין די ראַמען פונם ציקל פון פּראָספּעריטי און דעפּרעסיע. הייסט עס, אַז דער סכום פון פּאַפּיר־געלט מוז שטענדיק בלייבן נידעריקער פונם מינימאַלן סכום געלט, וואָס איז בכלל נייטיק פאַר דער צירקולאַציע. אָבער דער דאָזיקער מינימום קאָן פאַרביטן ווערן מיט פּאַפּיר־געלט [1], און אַזוי ווי ער איז שטענדיק נייטיק פאַר דער צירקולאַציע, דאַרף מען אים בכלל נישט פאַרבייטן מיט גאָלד; הייסט עס, אַז די מלוכה קאָן אָט דעם פּאַפּיר־געלט געבן אַ צוואַנג־קורס. הייסט עס, אַז אין די גרענעצן פון דעם צירקולאַציע־מינימום ווערט דער זאַכלעכער אויסדרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער פאַרהעלטעניש פאַרביטן דורך אַ באַוווּסטזיניק־רעגולירטער געזעלשאַפטלעכער פאַרהעלטעניש. דאָס איז דערפאַר מעגלעך, ווייל אויך דאָס מעטאַל־געלט איז דאָך אַ געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש, הגם די דאָזיקע פאַרהעלטעניש איז באַהאַלטן אין דער הילע פון אַ זאַך. דאָס מוז מען פאַרשטיין, כּדי אויפצופאַסן די נאַטור פון דעם פּאַפּיר־געלט [2]. מיר האָבן שוין געזען, אַז די געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף סחורה־פּראָדוקציע, איז אַנאַרכיש, און אַז פון דער דאָזיקער אַנאַרכיע נעמט זיך די נויטוועדיקייט אין געלט. פאַרן מינימום פון דער צירקולאַציע ווערט די דאָזיקע אַנאַרכיע אַזוי ווי באַזייטיקט: וואָרום אַ מינימום סחורות פון אַ באַשטימטן ווערט מוז דאָך על־כּל־פּנים אַריבערגיין פון

---

1 דאָ ווירקט יענץ געזעץ, אַז „די עמיסיע פון פּאַפּיר־געלט דאַרף זיין באַגרענעצט מיט אָט דעם סכום, אין וועלכן עס וואָלט ווירקלעך צירקולירט דאָס סימבאָליש דורך אים פאַרגעשטעלטע גאָלד (אָדער זילבער)" (מאַרקס: „קאַפּיטאַל" (דייטש) I ב. זייט 91).

2 קנאַפּפּ פאַלט גלייך פון אָנהייב אַן אַריין אין אַן אילוזיע, אַז דאָס געלט איז, כּלומרשט, „לכתחילה" נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ מעטאַל פון אַ באַשטימטער וואָג, און דערנאָך ווערט ער פּשוט נבהל ונשתומם צוליב דעם, וואָס מען האָט דאָס גאָר געקענט פאַרבייטן בלויז דורך אַ געזעלשאַפטלעך־גילטיקן צייכן. ווען ער וואָלט פאַרשטאַנען (און אָט דער מאַנגל פון דער דאָזיקער אויסשעפּנדיקער דערקענטעניש שטערט נאָך עד־היום די עקאָנאָמיסטן צו געבן אַן אויסשעפּלעכע געלט־טעאָריע), אַז דאָס געלט גיט בלויז דעם זאַכלעכן אויסדרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער פאַרהעלטעניש, — וואָלט ער זיך נישט געדאַרפט וווּנדערן, וואָס אין אַ באַשטימט־אָפּגעגרענעצטער ספערע ווערט די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש אויסגעדריקט דורך אַ געזעלשאַפטלעך־גילטיקער, באַוווּסטזיניק רעגולירטער פאַרשטענדיקונג, וואָס עס איז דאָס מלוכה־פּאַפּיר מיט אַ צוואַנג־קורס. דערביי איז ריכטיק, אַז דערין שטעקט אַן עיקרדיקע פּראָבלעם, נעמלעך, דאָס פּראָבלעם פון די גרענעצן פון דער דאָזיקער מלוכהשער, און, הייסט עס, באַוווּסטזיניק געזעלשאַפטלעכער רעגולירונג. אָבער גראָד אָט דאָס עקאָנאָמישע פּראָבלעם שליסט קנאַפּפּ אויס פון זיינע פאָרשונגען.

הענט צו הענט. דאס באזײַטיקן די ווירקונג, וואס די אנארכישע פראָדוקציע האט געמאכט, ווײַזט זיך ארויס אין דער מעגלעכקייט צו פארבײַטן דאס גאָלד מיט פשוטע ווערט-צייכנס.

אָבער די דאזיקע באוווסטזיניקע רעגולירונג האט איר גרענעץ אין דעם צירקולאציע-מינימום. און נאר אין אָט די גרענעצן פונקציאָנירט דער געלט-צייכן אַלס פולבארעכטיקטער פארטרעטער פונם געלט. און נאר אין זיי איז דאס פאפיר דער סימבאָל פון גאָלד. אזוי ווי די צירקולאציע-צאָל וואקלט זיך שטענדיק, איז נייטיק, אז נעבן דעם פאפיר-געלט זאָל דאס גאָלד-געלט אויך שטענדיק צופליסן אין דער צירקולאציע און אפפליסן פון איר. און אויב דאס איז אוממעגלעך, דאן קומען די אפנייגן פון דעם נאמינאלן ווערט פון פאפיר לגבי זײַן ווירקלעכן ווערט: מיר האבן דאן די דעוואלואציע פון פאפיר-געלט.

כּדי צו פארשטיין אָט דעם פראָצעס, וועלן מיר זיך דאָ קודם-כּל פארשטעלן די ריינע פאפיר-וואַלוטע (דערבײַ ווערט דאָ שטענדיק גענומען אַלס באדינג א מלוכהשער צוואנג-קורס). לאָמיר אננעמען, אז אין א געוויסן מאמענט פאָדערט די צירקולאציע 5 מיליאָן מארק, צו וואס עס זיינען נייטיק בערך 36,56 פונט גאָלד. דעמאָלט וואָלט די גאנצע צירקולאציע בײַ אונדז אנגענומען אָט אזא פאָרם: (5 מיליאָן מארק אין ס — (5 מיליאָן מארק אין) ג — (5 מיליאָן מארק אין) ס. אויב מען וואָלט דאס גאָלד פארביטן מיט פאפיר-צייכנס, וואס אויף די דאזיקע צייכנס זאָל נישט זײַן געדרוקט, ווער דער סכום זייערער אַלעמאָל מוזן רעפּרעזענטירן דעם סכום פון די סחורה-ווערטן, — הייסט עס, אין אונזער בײַשפּיל — 5 מיליאָן מארק. אויב מען האט אפגעדרוקט 5.000 צייכנס פון גלײַכן ווערט, וועט יעדערער באטרעפן 1.000 מארק; אויב מען האט אפגעדרוקט 100.000 צייכנס, וועט יעדערער באטרעפן 50 מארק. אויב דער סכום פון די סחורה-פרײַזן וועט זיך, בײַ דער פריערדיקער אומזאץ-געשווינדקייט, פארטאפלען און די צאָל פון די צייכנס וועט זיך נישט ענדערן, וועלן זיי גילטן אַלס 10 מיליאָן מארק; אויב דער סכום פון די פרײַזן וועט פאלן אויף א העלפט, דאן — נאר $2^1/_2$ מיליאָן מארק. מיט אנדערע ווערטער: אין פאל פון ריינער פאפיר-וואלוטע מיט א צוואנג-קורס, בײַ ניט געענדערטער אומלויף-צײַט, ווערט דער ווערט פון פאפיר-געלט באשטימט דורך דעם סך-הכּל פון די פרײַזן פון די יעניקע סחורות, וואס מוזן דורכגיין דורך דער צירקולאציע: דאס פאפיר-געלט באקומט דאָ פולע אומאפהענגיקייט פון דעם ווערט פון גאָלד און שפּיגלט דירעקט אָפּ דעם ווערט פון דער סחורה לויטן געזעץ, אז דער

גאַנצער סכום פון פּאַפּיר=געלט רעפּרעזענטירט דעם ווערט, וואָס ווערט באַשטימט דורך דער פאָרמול:

דער סך=הכּל פון די סחורה=פּרייזן.

די צאָל נאָמינעל=גלייכע מטבעות אין אומלויף. פון דעם זעט מען באַלד, אז עס איז מעגלעך נישט בלויז די דעוואַלואַציע, נאָר אויך די פּערוואַלואַציע פונם פּאַפּיר=געלט אין פאַרגלייך מיט זייער לכתחילה=דיקן פּרייז.

געוויס קאָן אַלס געלט=צייכן פונקציאָנירן נישט בלויז פּאַפּיר, נאָר אויך א מאַטעריאַל, וועלכער האָט אליין פאַר זיך א ווערט. זאָל, למשל, די צירקולאַציע באַדינט ווערן מיט זילבער. אויב עס וועט פאָרקומען א דעוואַלואַציע פון זילבער מחמת דעם, וואָס די קאָסטן פון זיין פּראָדוקציע זיינען קלענער געוואָרן, וועלן די זילבער=פּרייזן פון די סחורות שטייגן, אין דער צייט ווען די גאָלד=פּרייזן, ביי אנדערע ענלעכע באַדינגונגען, וועלן בלייבן נישט געענדערט. די דעוואַלואַציע פון דעם זילבער גופא וועט זיך אויסדריקן אין זיין פאַרהעלטעניש לגבי דעם גאָלד. דער וועקסל=קורס פון א לאַנד מיט א זילבער=וואַלוטע אין פאַרגלייך מיט דעם וועקסל=קורס פון א לאַנד מיט א גאָלד=וואַלוטע וועט אויסדריקן די דעוואַלואַציע. די דעוואַלואַציע פון דער זילבער=מטבע, וואָס האָט א געזעצלעכע צאָלקראַפט, וועט ביי פרייער פּרעגונג פאָרקומען פונקט אין דער זעלבער מאָס, ווי די דעוואַלואַציע פון דעם נישט אויסגעפּרעגטן מעטאַל. אנדערש וועט דאָס זיין אין דעם פאַל, ווען די פרייע פּרעגונג ווערט אָפּגעשטעלט 1. זאָל דער פּרייזן=סך=הכּל פון די סחורות, וועלכע האָבן אין אונזער ביישפּיל געדאַרפט דורכגיין דורך דער צירקולאַציע=ספערע, שטייגן פון 5 אויף 6 מיליאָן מאַרק; און זאָל דער ווערט פון זילבער אין מטבעות, — הייסט עס, וואָס איז צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון דער צירקולאַציע, — אַנטשפּרעכן זיין מעטאַל=ווערט בלויז אויף $5\frac{1}{2}$ מיליאָן מאַרק, — וועט דאָך יעדע זילבערנע מטבע אויף אַזויפיל שטייגן, לויט איר ווערט אין דער צירקולאַציע, אז זייער סכום וועט באַטרעפן פונקט 6 מיליאָן מאַרק. הייסט עס, אז דער ווערט פון די מטבעות, אַלס אַזעלכע, שטייגט איבער זייער מעטאַל=ווערט. די דאָזיקע דערשיינונג האָט מען, אגב, געקאָנט באַמערקן בשעת דער האָלענדישער

1 ווי באַקאַנט, ווערט מיט דער פרייער פּרעגונג פאַרשטאַנען דאָס רעכט פון פּריוואַטע פּערזאָנען צוצושטעלן אין דער מלוכהשער מינצעריי וועלכן נישט איז סכום געלט=מאַטעריאַל אויף דאָס איבערצופּרעגן, אין הסכּם מיט די איינגעשטעלטע נאָרמעס פונם מינץ=מאַסשטאַב, אין מטבעות פון אָט דעם לאַנד. די פּרעגונג ווערט געשלאָסן (פאַרשפּאַרט), ווען די מלוכה זאָגט זיך אָפּ צו פאַרוואַנדלען דעם געלט=מאַטעריאַל אין מטבעות.

און עסטרײַכישער זילבער=גולדן, דערנאָך דער אינדישער רופּי זײַנען געשטיגן העכער פון זײער מעטאַל=װערט, װאָס איז געװען אומפאַר=שטענדלעך פאַר אַזעלכע באַדײַטנדיקע געלט=טעאָרעטיקער װי לעקסיס אָדער לאָטץ (Lotz, Lexis), אָבער נאָך דעם אַלעמען, װאָס מיר האָבן דאָ געזאָגט, שטעקט דערין קײן שום רעטעניש ניט 1.

דאָס, װאָס דער װערט פון פּאַפּיר=געלט איז באַשטימט דורך דעם װערט פון סכום סחורה אין צירקולאַציע, װײַזט דעם ריין געזעלשאַפט=לעכן כאַראַקטער פון דעם װערט דורך דעם, װאָס אַזאַ זאַך, װי אַ פּאַפּירל, װאָס האָט אַלײן קײן שום װערט ניט, און דערפילנדיק אַ ריין געזעל=שאַפטלעכע פונקציע, באַדינענדיק די צירקולאַציע, באַקומט אָדאַנק דעם אַ װערט, װאָס װערט באַשטימט ניט לױט דעם נישטיקן װערט פונם פּאַפּיר גופא, נאָר לױט דער מאַסע סחורות, װאָס שפּיגלט אָפּ איר װערט אױף די פּאַפּיר=צײכנס. פונקט אַזױ װי די לבנה, װעלכע איז שױן לאַנג=לאַנג אָפּגעקילט געװאָרן, קאָן לײַכטן בלױז דערפאַר, װײַל זי באַ=קומט ליכט פון דער צעגליטער זון=קויל, פונקט אַזױ האָט דאָס פּאַפּיר=געלט בלױז דערפאַר אַ װערט, װײַל דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פון דער אַרבעט גיט איבער די סחורות זײער װערט. דער אָפּגעשפּיגלטער אַרבעטס=װערט מאַכט דאָס פּאַפּיר פאַר געלט פונקט אַזױ, װי דאָס אָפּ=געשפּיגלטע זונען=ליכט איז גורם, די לבנה זאָל לײַכטן. אין דעם פּאַפּיר געפינט זיך דער אָפּשײַן פון װערט, נעמלעך פון דעם סחורה=װערט: דער שײַן פון דער לבנה איז אַן אָפּשײַן — פון דעם זונען=שײַן.

עסטרײַך האָט זינט יאָר 1859 געהאַט פּאַפּיר=געלט, װאָס מען האָט דאָס ניט געקענט אױסבײַטן אױף מעטאַל. די זילבערנע גולדנס

1 פאַר די אױטאָרן, װעלכע האָבן געשריבן אונטער דעם אײַנדרוק פון די ענגלישע באַגרעניצונגען פון די באַנק-עמיסיעס, איז די מעגלעכקײט פון דער איבער-געבראַכטער שטײַגערונג פונם געלט קײן שום פּראָבלעם ניט געװען, װײַל זײ האָבן מיט אַ גרעניצלאָזער גאַאיװקײט אָנגעװענדעט די געזעצן פון דעם פּאַפּיר-געלט לגבי דער מעטאַל-װאַלוטע. פאַרגלײַך פאָלגנדיקע ציטאַט: „עס איז קלאָר, אַז, אױב דער צו גרױסער אַרױסלאָז פון פּאַפּיר-געלט הײבט די נאָמינאַלע פּרײַזן פון די סחורות, איז מחמת פונקט די זעלבע סיבות װעט די פאַרקלענערונג פון די אַרױסלאָזן, דאָס רעדוצירן זײ נידעריקער פון דעם מינימום, װאָס פאָדערט זיך פאַר דער צירקולאַציע, אין דעם זעלבן גראַד נידעריקער מאַכן די נאָמינאַלע פּרײַזן... דאָס גאָלד אין פאָרם פון שטאַבעס װעט דאַן האָבן אױפן מאַרק אַ נידעריקערן װערט, אײדער דאָס גאָלד אַלס מטבע, און דער סוחר װעט דאָס אָפּשיקן אין דער מינצערײַ, כּדי צו פּראָפּעטירן דורך דעם, װאָס ער װעט דאָס פאַרװאַנדלען פון שטאַבעס אין מטבעות". William B l a k e: „Observations on the principles which regulate the course of exchange and on the present depreciated state of the currency“ London 1810 זײַט 40.

האבן לגבי דעם פאפיר=געלט באקומען אן אזשיא. פאפיר=געלט האט מען טאקע ארויסגעלאזט פיל מער, איידער דאס האט געפאדערט די צירקו= לאציע. אדאנק דעם האט זיך געשאפן א לאגע, וועלכע מיר האבן פריער באשריבן: וויפל סחורה קאן קויפן איין גולדן, איז שוין געווען אפהענגיק נישט פון דעם ווערט פונם זילבער, נאר פון דעם ווערט פון דער גאנצער מענגע סחורות, וואס האט זיך געפונען אין דער צירקולאציע=ספערע און וואס האט באשטימט דעם ווערט פון דעם גאנצן סכום פאפיר=געלט. אויב דער ווערט פון דער גאנצער צירקולאציע האט באטראפן 500 מיליאן גולדן, און פאפיר=גולדנס זיינען אפגעדרוקט געווארן אויף 600 מיליאן, האט דער פאפירענער גולדן געקאנט קויפן בלויז אזא קוואנטום סחורה, וועלכן מען האט פריער געקויפט פאר $5/6$ פון א זילבערנעם גולדן. אדאנק דעם איז דער זילבערנער גולדן אליין פארוואנדלט געווארן אין א סחורה, ווײַל די צאלונגען זיינען איצט ס'רוב געמאכט געווארן מיט פאפירענע גולדנס, און די זילבער=גולדנס האט מען פארקויפט, למשל, קיין אויסלאנד; פאר א זילבער=גולדן האט מען באקומען $6/5$ פאפירענע, מיט וועלכע מען האט געקאנט באצאלן די פריערדיקע חובות, וועלכע זיינען געמאכט געווארן אין זילבער=גולדנס. דאס זילבער איז פארשוואונדן פון דער ציר= קולאציע. אן ענדערונג איז דער פארהעלטעניש צווישן זילבערנעם און פאפירענעם גולדן קאן אנטשטיין אויף צוויי ערליי אופנים. קודם=כל בײַ דעם אומפארענדערטן ווערט פון דעם זילבער=גולדן קאן די סחורות= צירקולאציע שטײַגן מחמת דער אנטוויקלונג פון דעם סחורה=אומזאץ. אויב מען לאזט נישט ארויס קיין נײַ פאפיר=געלט, קאן דער פאפיר=גולדן ווידער שטײַגן ביז דער פריערדיקער הייך, ווייבאלד די מענגע סחורות, וואס געפינט זיך אין צירקולאציע, וועט פאדערן פאר איר אומזאץ 600 מיליאן גולדן. אויב דער סכום סחורות האלט אין איין שטײַגן, קאן טרעפן, אז דער פאפיר=גולדן זאל שטײַגן העכער פון זײַן אויסגאנגס= פונקט. אויב דער סכום פון די סחורות פאדערט 700 מיליאן גולדן, און אין צירקולאציע געפינט זיך בסך=הכל 600 מיליאן פאפיר=גולדן, וועט דער פאפיר=גולדן באטרעפן $7/6$ פון דעם זילבער=גולדן. אויב עס עקזי= סטירט א פרײַע פרעגונג פון זילבער, וועלן פריוואטע פערזאנען לאזן אויספרעגן זילבער=גולדנס ביז דעם מאמענט, ווען אין פארקער וועלן נישט זײַן אזוי פיל זילבער=גולדנס, אז צוזאמען מיט די פאפיר=גולדנס וועט דאס קלעקן פאר דער צירקולאציע פון דער מענגע סחורות פון 700 מיליאן גולדן. דעמאלט וועלן זיך דער זילבער= און פאפיר=גולדן אויסגלײַכן און בײַ דער ווײַטערדיקער פרײַער פרעגונג וועט דער פאפיר= גולדן שוין באשטימט ווערן נישט לויט דעם ווערט פון דער סחורה, נאר

לויט דעם ווערט פון זילבער, — הייסט עס, ער וועט ווידער ווערן דער סימבאָל פון זילבער.

אָבער די זעלבע דערשיינונגען קאָנען אויך קומען אויף אַן אַנדער אופן. די גרייס פון דער סחורה=צירקולאַציע קאָן צום אָנהייב בלייבן ווי געווען; דער פאַפּיר=גולדן גילט אין אַזאַ פאַל בלויז אַלס $^{5}/_{6}$ פונם זילבער=גולדן. נאָר זאָל איצט פאַלן דער ווערט פון זילבער, זאָל ער פאַלן אויף $^{1}/_{6}$, — דעמאָלט וועט מען פאַר אַ זילבער=גולדן קאָנען קויפן פונקט אַזוי פיל סחורה, וויפיל פאַר אַ פאַפּיר=גולדן; דער אַזשיאָ פון זילבער איז פאַרשוואונדן, און דאָס זילבער בלייבט אין דער צירקולאַציע. אויב דער ווערט פון זילבער פאַלט נאָך ווייטער, לאָמיר זאָגן, אויף $^{2}/_{6}$, דאַן וועט לוינען אויפצוקויפן זילבער, עס אָפּשיקן קיין עסטרייך און עס לאָזן דאָרט אויספּרעגן. אַזאַ פּרעגונג וואָלט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז דער סכום פון די פאַפּיר= און זילבער=גולדנס וועט נישט שטייגן אויף אַזוי פיל, אַז הגם די קויף=קראַפט פון די לעצטע האָט זיך פאַר=קלענערט אויף $^{2}/_{6}$, וועט ער קלעקן פאַר דער צירקולאַציע. מיר האָבן אָנגענומען, אַז אין דער צירקולאַציע איז פאַראַן סחורה אויף 500 מיליאָן גולדן (לויט לכתחילהדיקן ווערט). מיר האָבן געהאַט 600 מיליאָן פאַפּיר=גולדן. הייסט עס, אַז דער גולדן האָט דעמאָלט געגאָלטן אַלס $^{5}/_{6}$ פונם אורשפּרינגלעכן גולדן. איצטער קומען דערצו זילבער=גולדן, וואָס האָבן בלויז $^{4}/_{6}$ ווערט. כּדי צו דערמעגלעכן די צירקולאַציע פון די סחורות, דאַרפן מיר שוין האָבן 500 מיליאָן $\times {}^{6}/_{4}$, אָדער 750 מיליאָן גולדן, אָט דער דאָזיקער סכום שטעלט זיך צונויף פון 600 מיליאָן פאַפּירענע און 150 מיליאָן פּריש=געפּרעגטע זילבער גולדנס. די מלוכה וויל אָבער שטערן די דעוואַלואַציע; דעריבער דאַרף זי בלויז אָפּשטעלן די פרייע פּרעגונג פון זילבער. דעמאָלט וועט איר גולדן זיין פולקום אומאָפּהענ=גיק פון דעם פּרייז פון זילבער; זיין ווערט וועט בלייבן ווי פריִער: $^{5}/_{6}$ פון לכתחילהדיקן גולדן; דאָס פאַלן פון דעם זילבער=ווערט וועט נישט געפינען פאַר זיך קיין אויסדרוק אין דעם *זילבער=געלט*.

דאָס איז אין אַ ווידערשפּרוך מיט דער טראַדיציאָנעלער טעאָריע, לויט וועלכער דער זילבער=גולדן רעפּרעזענטירט ביי אַלע אומשטענדן פּשוט אַ זילבער=שטיק פון $^{1}/_{45}$ פונט און מוז דעריבער האָבן פונקט אַזאַ ווערט. אָבער דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווען מיר ווייסן, אַז קוים האָט מען אָפּגעשטעלט די פּרעגונג, ווערט די גילטיקייט פונם געלט אַ פּשוטע אָפּשפּיגלונג פון דעם ווערט פון יענעם סכום סחורות, וועלכע גייען אריין אין דער צירקולאַציע. אַזוי ווי, לויט אונזער אָנמערקונג, איז דער ווערט פון זילבער געפאַלן אויף $^{2}/_{6}$, און דער עסטרייכישער גולדן

שטייט נידעריקער בלויז אויף $1/_6$, ווי מיר האָבן דאָס אָנגעמערקט ביים אָנהייב פון אונזער אַנאַליז, וועט דער עסטרייכישער זילבער־גולדן, וואָס געפינט זיך נאָך אין דער צירקולאַציע, זיין העכער מיט $1/_6$ פון דעם פריין פון אַ גלייכן קוואַנטום זילבער. הייסט עס, אַז דער דאָזיקער גולדן איז געשטיגן העכער פון זיין נאָמינאַלן ווערט. און, ווירקליך, אַט די דערשיינונג איז טאַקע געשען אין עסטרייך אין מיטן יאָר 1878. פון איין זייט איז דאָס אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואָס דער ווערט פון דעם פּאַפּיר־גולדן האָט געמוזט שטייגן מחמת דער אַנטוויקלונג פון דער צירקולאַציע, ווייל דער סכום פון פּאַפּיר־געלט איז נישט גרעסער געוואָרן, אָדער האָט זיך אין ניט גלייכער מאָס פאַרגרעסערט; און פון דער אַנדערער זייט צוליב דעם, וואָס דער ווערט פון זילבער איז געפאַלן, — וואָס ס'האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דעם פאַלן פון די לאָנדאָנער זילבער־פּרייזן.

די ווירקלעכקייט אַנטשפּרעכט פולקום דער סכעמאַטישער שילדערונג. אין מאַי חודש 1873 איז אין האָלאַנד אָפּגעשטעלט געוואָרן די פרייע פּרעגונג פון זילבער. אין דער צייט, ווען דער ווערט פון זילבער אַלס מעטאַל איז געפאַלן אין פאַרהעלטעניש צו גאָלד, האָט דאָס האָלענדישע זילבער־געלט אַרויסגעוויזן אַ באַדייטנדיקע ווערט־שטייגערונג. „צום אָנהייב יאָר 1875 איז דער פּרייז פון זילבער אין לאָנדאָן געפאַלן בערך ביז $57^1/_2$ פּענסן; אין דער זעלבער צייט איז דער ווערט פון דעם האָלענדישן געלט אין פאַרגלייך מיט דעם ענגלישן געשטיגן אויף אַזוי פיל, אַז פאַר 1 פונט שטערלינג האָט מען נאָטירט בלויז 11,6 גולדן אַנשטאָט ידי ביזאהעריקע 12. אין דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן דער פאַקט, אַז דער ווערט פון האָלענדישן גולדן איז געשטיגן בערך מיט 10 פּראָצ' העכער פון זיין זילבער־געהאַלט". ערשט אין יאָר 1875 איז איינגעפירט געוואָרן די 10־גולדנדיקע גאָלד־מטבע אַלס געזעצליך צאָלונגס־מיטל [1]. „אין יאָר 1879 האָט דער זילבער־געהאַלט פונם זילבער־גולדן שוין דעם ווערט 96,85 קרייצער, און ער גייט ווייטער אַראָפּ ביז ער דערגייט ביז 91,95 קרייצער אין יאָר 1886 און ביז 84,69 קרייצער אין יאָר 1891 [2].

די אַנטוויקלונג פון דער עסטרייכישער געלט־סיסטעם איז קורץ געשילדערט אַזוי: „אין קראַפט פון די פּאַטענטן פון 19טן סעפּטעמבער 1857 און פון 27טן אַפּריל 1858, איז די וואַלוטע פון דער מאָנאַרכיע זינט דעם ערשטן נאָוועמבער 1858 יורידיש, און צום אָנהייב אויך פּאַקטיש, געווען די זילבער־וואַלוטע, וואָס איז געבויט לויטן מאַסשטאַב

1 זייט 77 Helfferich: „Das Geld" .

2 דאָרט, זייט 80.

פון 45 גולדן אויף אַ מעטרישן פונט ריין-זילבער (90 גולדן — אָדער פלאָרינען — אויף אַ קילאָגראַם). דאָס אויסבייטן אויף זילבער (דורך דער עמיסיע-באַנק) האָט דאָך געדויערט זייער ווייניק (ביז ענדע יאָר 1858). חוץ דעם, איז מחמת די פאַרשלעפּטע קריטישע, פּאָליטישע און פינאַנציעלע אומשטענדן (טאַקע זיי האָבן דאָס גורם געווען די פאַרגרעסערטע ארויסלאָזן פון באַנקנאָטן. ר. ה.), ביים זילבער אין פאַרגלייך מיטן פּאַפּיר-געלט ביזן יאָר 1878 געווען אַן אַזשיאָ, וועלכער האָט אַלץ מער ארויסגעשטויסן די זילבער-מטבעות פון דעם פאַרקער. נאָך אין יאָר 1871 האָט דער אַזשיאָ פון זילבער אויסגעמאַכט העכער 20 פּראָצענט, נאָר מחמת דעם שטאַרקן פאַלן פון די זילבער-פּרייזן אויף דעם וועלט-מאַרק איז ער אין משך פון די זיבעציקער יאָרן בהדרגה געפאַלן. זינטן יאָר 1875 איז דער פּרייז פון זילבער געווען אַזוי נידעריק, אַז נישט איין מאָל האָט ער זיך דערנעענטערט צו זיין פּרייז אין דער מטבע (45 פלאָרינען פון דער עסטרייכישער וואַלוטע פּאַר איין צאָל-פונט) און אין משך פון יאָר 1878 האָט ער זיך אויסגעגליכט מיט איר. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון די דעוויזן-קורסן אויף לאָנדאָן אויף דער ווינער בערזע, האָט זיך זייער געלוינט צוצושטעלן זילבער אין דער ווינער און קרעמניצער מינצערייען אויף איבערצופּרעגן דאָס אויף עסטרייכישע זילבער-מטבעות. ווירקלעך, דער אריינפיר פון זילבער אין דעם עסטרייך-אונגאַרישן צאָל-געביט איז אין יאָר 1878 אויסערגעוויינלעך געשטיגן און די פּרעגונג פון עסטרייכיש זילבער-געלט האָט אין דעם יאָר און אין קומענדיקן (אויפן גרונד פון די איינמעלדונגען, וועלכע זיינען נאָך פריער אָנגענומען געוואָרן) דערגרייכט אַזאַ פאַרנעם, וואָס איז ביז דעמאָלט נאָך קיינמאָל נישט נאָטירט געוואָרן" [1]. כּדי אייסצומיידן אַ דעוואַלוציע איז אָנהייב יאָר 1879 אָפּגעשטעלט געוואָרן די פרייע פּרעגונג פון זילבער. דאָס אָפּשטעלן די פּרעגונג פון זילבער האָט "דערפירט צו דעם, אַז די קויף-קראַפט פון דעם עסטרייכישן גולדן האָט זיך ארויסבאַפרייט פון אונטער דעם אַזוי ווי מעכאַנישן איינפלוס פון זילבער-פּרייז און, פאַרקערט, זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען כּמעט מיט דער פולער אומאָפּהענגיקייט פון דער ווערט פון יענעם סכום זילבער, וואָס דער עסטרייכישער גולדן אַנטהאַלט. נעמלעך, ריין-זילבער, וואָס האָט לויט דער וואָג דעם ווערט פון 100 זילבער-גולדן, ווען מען זאָל אַלס יסוד נעמען די

1 Spitzmüller, „Die österreichisch-ungarische Währungsreform", „Zeitshrift für Volkswirtschaft, Socialpolitik und Verwaltung", XI. Band, 1902, Seite 330.

לאנדאנער זילבער־פרייזן און דעם קורס פון דעוויזן אויף לאנדאן און ווין, האט געהאט אזא דורכשניטלעכן ווערט:

אין יאר	1883	. . . . .	97	פלארינען	מיט	64	קרייצער
" "	1887	. . . . .	91	"	"	—	"
" "	1888	. . . . .	86	"	"	08	"
" "	1889	. . . . .	82	"	"	12	"
" "	1891	. . . . .	84	"	"	70	"

דער ווערט פון 100 פלארינען פון דער עסטרייכישער וואלוטע האט, ביי די זעלבע אומשטענדן, געדארפט אויסמאכן אין גאלד־גולדנס [1]:

אין יאר	1883	. . . . .	82	פלארינען	מיט	38	קרייצער
" "	1887	. . . . .	82	"	"	42	"
" "	1888	. . . . .	69	"	"	34	"
" "	1889	. . . . .	69	"	"	38	"
" "	1891	. . . . .	73	"	"	15	"

פארקערט, דער ווירקלעכער קורס־ווערט פון 100 פלארינען פון דער עסטרייכישער וואלוטע האט אויסגעמאכט אין דורכשניט־סך־הכל פאר די אויבנדערמאנטע יארן: 84,08; 79,85; 81,39; 84,33 און 86,33 גאלד־גולדן" [2]. מיט אנדערע ווערטער, אין די דאזיקע יארן זיינען די עסטרייכישע גולדנס איבערגעשטיגן זייער ווערט, ד"ה זייער קויף־קראפט איז געווען העכער פון דער קויף־קראפט פון דעם זילבער, וואס זיי האבן אין זיך אנטהאלטן. די דיפערענץ פאר 100 זילבער־גולדן האט נעמלעך אויסגעמאכט:

אין יאר	1883	. .	1	פלאר.	70	קרייצ.	אין	גאלד־גולדן	
" "	1887	. .	7	"	43	"	"	"	"
" "	1888	. .	12	"	05	"	"	"	"
" "	1889	. .	14	"	95	"	"	"	"
" "	1891	. .	13	"	18	"	"	"	"

---

1 א גאלד־גולדן איז אן אכטער טייל פון אן אכט גולדנדיקע מטבע, וועלכע מען האט געפרעגט אלס האנדלס־מטבע, הייסט עס, אלס אזעלכע, וואס איז נישט געווען באשטימט פאר דעם אינערלעכן געלט־פארקער און לויט איר גאלד־געהאלט איז זי געווען גלייך צו א צוואנציק־פראנק־מטבע.

2 דארס, זייט 311.

פון דער דאזיקער טאבעלע זעט מען, אז דער קורס פונם זילבער-גולדן פארהאלט זיך נישט כמעט, ווי שפיצמילער מיינט, נאר אינגאנצן אומאפהענגיק פון דעם זילבער-פרייז.

שפיצמילער רופט אן די דאזיקע וואלוטע „קרעדיט-וואלוטע“, קאן אבער נישט אנווייזן, דורך וואס דער קורס ווערט באשטימט. ער זאגט:

„די קויף- און טויש-קראפט פון עסטרייכישן זילבער- און אנט-שפרעכנדיקן פאפיר-גולדן האבן זיך אזוי ארום אין פעריאד 1878—1891 באשטימט אין דער ערשטער ליניע נישט דורך דעם ווערט פונם וואלוטע-מעטאל. נאך מער: ווי קארל מענגער האט טרעפלעך באוויזן („נייע פרייע פרעסע“ פון 12 דעצעמבער 1889), האט דער עסטרייכישער גולדן אין דאזיקן פעריאד ארויסגעוויזן א פאקטישן ווערט, וואס איז נישט געווען רעפרעזענטירט דורכן אינערלעכן ווערט פון קיין שום עקסיסטירנדיקער מטבע.

די עסטרייכישע וואלוטע איז שוין, הייסט עס, פאקטיש נישט געווען, קיין זילבער-וואלוטע, און אפילו אלס הינקנדיקע זילבער-וואלוטע וואלט מען זי געקאנט אנרופן בלויז אין נישט אייגנטלעכן זין פון דעם דאזיקןווארט. דאס איז גיכער פון אלץ געווען א קרעדיט - וואלוטע, וועמעס אפשאצונג אין אינטערנאציאנאלע באציונגען האט זיך געשטיצט קודם-כל אויף דעם צאלונג-בילאנס פון דעם עסטרייכיש-אונגארישן צאל-געביט, און אין דעם אינער-לעכן פארקער, חוץ דעם, אויך אויף די איבעריקע דעצידירנדיקע פאקטארן, וואס שאפן די פרייזן (Sic !) אין די גרענעצן פון דעם צאל-געביט“. (ז. 341).

זיין נישט-זיכערקייט ווייזט זיך קלאר ארויס אין דעם פאלגנדיקן ציטאט:

„אלנפאלס וואלט געווען א טעות צו מיינען, אז דער „קרעדיט“, וואס ווערט געגעבן דער עסטרייכישער וואלוטע, איז אינגאנצן און לחלוטין (!) אומאפהענגיק פון דעם, ווי עס שטאלטיקן זיך אויס די פרייזן אויפן זילבער-מארק; פארקערט, אין דער הויכער אפ-שאצונג פון אונזער גולדן אינם איבערגאנגס-פעריאד 1878—1891 האט, בלי-ספק, א געוויסע (!) ראל געשפילט אט דער אומשטאנד, וואס דאס אפשטעלן די פרעגונג פון זילבער פאר פריוואטע פער-זאנען איז געקומען לויט אן אדמיניסטראטיווער פאראדענונג, הייסט עס, לויט אזעלכער, וואס וואלט צו יעדער צייט געקאנט אפגעשאפט ווערן, — און דאס, וואס די פרעגונג אויפן מלוכה-חשבון האט ווייטער געדויערט; די אויבנדערמאנטע מאמענטן האבן גורם

געווען, אז די צוקונפט פון אונזער וואלוטע זאל זיין אינגאנצן אומבאשטימט. און באזונדערס איז גאר נישט קיין צופאל דער אומשטאנד, אז דאס פרישע פאלן פון די זילבער־פרייזן אין די יארן 1885 — 1888 איז געגאנגען פאראלעל מיט דער הויכער שטייגערונג פון אונזערע דעוויזן־קורסן" (זייט 311).

עס וואלט געווען זייער טשעקאווע, ווען עס וואלט געוויזן געווארן, ווי אזוי א לחלוטין אומבאשטימטע מיינונג וועגן דער צוקונפט פון א וואלוטע קאן אין יעדן מאמענט זיך פארוואנדלען אין מאטעמאטיש באשטימטע שטייגערונגען אדער פארקלענערונגען פון די קורסן. אין דער ווירקלעכקייט האבן אט די סוביעקטיווע איינפלוסן נישט געשפילט קיין שום ראל: די דעצידירנדיקע באדייטונג האט בלויז געהאט דער אביעקטיווער צושטאנד פון דער גווע(?)שאפטלעכער באדערפעניש אין צירקולאציע־מיטלען.

פיל נעענטער צו דער ריכטיקער דערקלערונג קומט העלפעריך. ער זאגט:

„דער מערווערט פון געפרעגטן געלט (עס האנדלט זיך דא וועגן וואלוטעס, ווו עס זיינען נישטא קיין פרייע פרעגונגען) שטיצט זיך דערויף, וואס נאר דער מעטאל, אין פארם פון מטבעות, און נישט דער נישט־אויסגעפרעגטער מעטאל, קאן אויספירן די פונקציע פון געלט און וואס די מלוכה זאגט זיך אפ צו באפרידיקן די פאדערונגען צו פארוואנדלען דעם מעטאל אין מטבעות.

דער ווערט פון נישטטוישבארן פאפיר־געלט שטיצט זיך אויס־שליסלעך דערויף, וואס די מלוכה האט עס דערקלערט אלס געזעצ־לעך צאלונגס־מיטל, וואס קען באנוצט ווערן אויף אויסצופילן די עקזיסטירנדיקע געלט־התחיבותן, און וואס האט פון דער מלוכה באקומען די פריווילעגיע אויסצופילן די געלט־פונקציעס, וועלכע זיינען עקאנאמיש אומבאדינגט נייטיק.

דער ווערט פון אט די ביידע ארטן געלט שטיצט זיך נישט אויף דעם ווערט פונם מאטעריאל, פון וועלכן זיי זיינען געמאכט געווארן, און נישט דערויף, וואס זיי גיבן דאס רעכט אויף געוויסע פאדע־רונגען, ווי די באנקנאטן, וועלכע מען מוז אויסטוישן אויף מעטאל־מטבעות, נאר אויסשליסלעך דערויף, וואס מען האט זיי געגעבן א כאראקטער פון א געזעצלעכן צוואנגס־מיטל" (זייט 81 "Das Geld").

פאר דער זילבער־וואלוטע איז דאס אפשטעלן די פרייע פרעגונג דער באדינג און איינציציק די דערקלערונג פון דעם, אז די זילבער־מטבע, ווי עס האט ריכטיק באמערקט העלפעריך, עמאנסיפירט זיך פון

דעם ווערט פון איר מאטעריאל. אבער דערמיט איז נאך גאר נישט געזאגט געווארן וועגן דער גרייס פון אט דעם ווערט, וועלכן עס באקומט איצט די מטבע, און דאס איז גראד דאס סאמע וויכטיקסטע. די דאזיקע גרייס ווערט באשטימט דורך דער געזעלשאפטלעך-נויטווענדיקער צאל פון צירקולאציע-מיטלען און זיי ווערן צולעצט פון זייער זייט באשטימט דורך דעם ווערט פון דעם סכום-סחורות. דאס איינצוזען שטערט הילפערדינגן זיין סוביעקטיוויסטישע טעאריע פון ווערט.

ס'איז אבער גאנץ ריכטיק דאס, וואס העלפעריך זאגט ארויס קעגן דער קרעדיט-היפאטעזע, וואס אויך שפיצמילער האלט זיך אן איר:

„ביי די פרייע וואלוטעס, ווי אין אלע סארטן געלט, איז דער ווערט פון דעם מאטעריאל, פון וועלכן די מטבעות זיינען געמאכט, נידעריקער פון זייער געלטווערט, און עס איז אבסאלוט אוממעגלעך דער אויספיר, אז דער געהעכערטער געלט-ווערט נעמט זיך מחמת דעם קרעדיט, ווייל עס איז גאר נישטא קיין פולווערטיק געלט, אויף וועלכן מען זאל קענען אויסביַיטן דאס אונטערווערטיקע געלט און אדאנק וועלכן דאס לעצטע זאל דורך קרעדיט באקומען זיין ווערט. בכלל איז קיין פולווערטיק געלט נישט געווען אין דער האלענדישער וואלוטע זינט 1873, ביז 1875, נישט אין דער עסטרייַכישער זינט 1879 ביז 1892 און נישט אין דער אינדישער זינט 1893 ביז 1899. דאס וואס דער געלט-ווערט האט איבערגעשטיגן זיין מאטעריאל-ווערט, וואס האט זיך באמערקט אין האלענדישן און עסטרייַכישן גולדן און זיין אינדישן רופי, איז געווען א פולקום זעלבשטענדיקער ווערט, וואס האט נישט געקאנט ארויסדרינגען פון דעם ווערט פון וועלכן נישט איז אנדערן ווערט-קעגנשטאנד. ער האט זיך געשטיצט נישט אפילו אויף דער טאריפיקאציע אין פולווערטיקן געלט, א פשיטא שוין נישט אויף א תביעה אויף פילווערטיק. געלט נאר איינציק אויסשליסלעך אויף דעם, וואס די די דאזיקע מטבעות האט מען געגעבן א כאראקטער פון א געזעצלעכן צאלונג-מיטל און אויף דער באגרעניצטער פרעגונג. אויף וויפיל די טעאריע איז ביז איצטער נישט פטור געווארן פון דער פארשטעלונג, אז אונטערווערטיק געלט מוז אומבאדינגט זיין קרעדיט-געלט אדער מוז לכל-הפחות ארויסדרינגען זיין ווערט פון א פולווערטיקן געלט, — ווייַזט די אומקלארקייט, וואס הערשט נאך טיילוויַיז ביז היינטיקן טאג בנוגע דער עסטרייַכישער וואלוטע זינט 1879. אט די דערשייַנונג, וואס דער ווערט פון דעם עסטרייַכישן זילבער-גולדן איז נאכדעם, ווי מען האט אפגעשטעלט די פרייע

פרעגונג פון זילבער, געשטיגן איבער דעם ווערט פון דעם זילבער, וואס אַט דער גולדן האָט אַנטהאַלטן, האָט איבערראַשט קורס־כל שוין צוליב דעם אַליין, וואָס עס איז נישט געווען מעגלעך צו דערגיין, פון וועלכן סאָרט געלט, וואָס האָט אַ העכערן ווערט, האָט דאָס דער זילבער־גולדן באַקומען זײַן געלט־ווערט, וואָס שטײַגט ווײַט אַריבער דעם ווערט פון דעם זילבער, וואָס ער אַנטהאַלט אין זיך. דעמאָלט איז מען געפאַלן אויף דער מערק־ווירדיקער דערקלערונג, אַז דער ווערט פון דעם זילבער־גולדן האַלט זיך נאָר אַדאַנק זײַן פאַרבינדונג מיט דעם פּאַפּיר־גולדן איבער דעם פּאַפּיר־ווערט פון דעם לעצטן". „Das Geld" ז. 382 א"וו.

ענלעכע דערשײַנונגען, ווי אין דער עסטרײַכישער וואַלוטע, האָבן זיך געלאָזט מערקן אויך אין אינדיע. אין יאָר 1893 איז דאָרט אָפּגע־שטעלט געוואָרן די פרײַע פּרעגונג. דער ציל איז געווען צו הייבן דעם קורס פון דעם רופּי ביז 16 פּענס. בײַ דער פרײַער פּרעגונג וואָלט דער דאָזיקער קורס אַנטשפּראָכן דעם פּרײַז פון זילבער און אויסגעמאַכט לפי־ערך 43,05 פּענס. מיט אַנדערע ווערטער, בײַ דעם אַ פּרײַז וואָלט דאָס זילבער, וואָס דער רופּי אַנטהאַלט אין זיך, ווען מען שמעלצט דאָס איבער און מען פאַרקויפט דאָס אויפן לאָנדאָנער (וועלט־) מאַרק, באַטראָפן 16 פּענס. די ווירקונג פון דעם, וואָס מען האָט אָפּגעשטעלט די פרײַע פּרעגונג, איז געווען אַזאַ: דער קורס פון דעם רופּי האָט זיך געהויבן ביז 16 פּענס, בשעת פריער האָט ער באַטראָפן $14^{7}/_{8}$ פּענס. פאַר־קערט, אין עטלעכע טעג אַרום איז דער פּרײַז פון זילבער געפאַלן פון 38 פּענס פאַר דעם ווי מען האָט געשלאָסן די מינצערייען ביז 30 פּענס דעם 1טן יולי. פון דעמאָלט אָן איז דער קורס פונם רופּי געפאַלן אַלץ נידעריקער, און דער פּרײַז פון זילבער איז געשטיגן ביז $34^{3}/_{4}$ פּענס און זיך געוואַקלט בײַ אַט דעם פּרײַז ביז אַמעריקע האָט דעם 1 נאָוועמבער 1893 אָפּגעשטעלט דעם אײַנקויף פון זילבער (מאָנאַטלעך $4^{1}/_{2}$ מיליאָן אונצן ריין זילבער). דעמאָלט איז דער פּרײַז פון זילבער געפאַלן און דעם 25 אויגוסט 1897 האָט ער דערגרייכט דעם נידעריקסטן גראַד — $23^{3}/_{4}$ פּענס. פאַרקערט, דער ווערט פון דער אינדישער וואַלוטע האָט אָנהויב סעפּטעמבער 1897 דערגרייכט דעם געצילטן קורס פון 16 פּענס, אין דערצײַט ווען דער ווערט פונם מעטאַל, וואָס דער רופּי האָט אַנטהאַלטן, האָט באַטראָפן בערך 3,87 פּענס.

„פון סאַמע אָנהויב האָט מען געקאָנט באַמערקן דעם דאָזיקן באַ־פרידיקנדיקן רעזולטאַט, אַז אָנגעהויבן פון דעם שליסן די אינדישע מינצערײַען פאַר דער פּריוואַטער פּרעגונג, איז דער קורס פון דעם רופּי

שטענדיק געווען העכער פון דעם מעטאַל־ווערט און שמעלץ־שטיקער און דערצו נאָך אין אַ באַדייטנדיק גרעסערער מאָס, ווי עס באַטרעפן די קאָסטן פון דער פּרעגונג. פון מיטן 1896 רייסט זיך אויך איבער דער לעצטער צוזאַמענהאַנג צווישן פּרייז פון זילבער און קורס פונם רופּי, און עס ווערט באַזייטיקט יענער פּאַראַלעליזם, וועלכער האָט, הגם אין דער לעצטער צייט אין אַ באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכטער פאָרם, דאָך עקזיסטירט צווישן זייערע באַוועגונגען" [1].

וואָס עס פּייניקט די געלט־טעאָרעטיקער, איז די פראַגע: וויבאַלד די פּרעגונג איז געשלאָסן, טאָ וואָס וועט דעמאָלט זיין דער ווערט־מעסטער [2]? על־כל־פּנים קאָן דאָס נישט זיין דאָס זילבער (פּונקט אַזאַ דערשיינונג קאָן אויך קומען ביי אַ בלאָקירטער גאָלד־וואַלוטע) [3]. די

---

1 Dr. Anton Arnold „Das indische Geldwesen unter besonderer Berücksichtigung seiner Reformen seit 1893", 227 זייט

אַ פריינד, וואָס איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע אין אינדיע, האָט מיר אַמאָל דערציילט: ער האָט געזען עטלעכע אייראָפּעער, וואָס האָבן אויף אַן אינדישן באַזאַר איינגעקויפט זילבער־צירונג. דער אינדישער סוחר האָט זיי געוואָלט איבער־צייגן, אַז ער נאַרט זיי נישט אָפּ, און דעריבער פאַרגעלייגט, אַז ער וועט די צירונג אָפּוועגן־ לויט זיין פאָרשלאַג דאַרפן זיי אים צאָלן מיט זילבער־רופּיס לויט דער זילבער־וואָג. די אייראָפּעער האָבן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן מסכים געווען און זיך שטאַרק געפרייט, וואָס זיי האָבן בלויז באַצאָלט פאַרן מעטאַל, און די אויסאַרבעטונג פון דער צירונג האָבן זיי באַקומען בחינם. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט, אַז אַדאַנק דער געזעצגעבונג וועגן דער וואַלוטע האָבן זיי געצאָלט אַ פּרייז, וואָס שטייגט אַריבער כמעט מיט 100 פּראָצ׳ דעם מעטאַל־ווערט. מען מוז מודה זיין, אַז דאָס איז אַ פאַרדינטע שטראָף פאַר עקאָנאָמישער עם־הארצות און ס׳איז נאָר צום באַדויערן, וואָס מען קאָן זי נישט אָנווענדן בכלל.

2 „מען קאָן ווירקלעך צווייפלען, צי דאָס גאָלד איז ביי אונז נאָך פאַקטיש די ווערט־מאָס (measure of prices) פון יענער צייט אָן, זינט עס איז איינגעפירט געוואָרן די נייע באַנק־סיסטעם (מען מיינט דאָ דאָס אויפהערן אויסצוצאָלן מיט מעטאַל־מטבעות און דאָס איינפירן דעם צוואַנגס־קורס פאַר די באַנקנאָטן פון ענגלישן באַנק אין יאָר 1797), און צי פאַרמאָגן מיר וועלכן נישט איז אַנדערן מאַסשטאַב פון פּרייז (standart of prices), אויסער דעם צירקולאַציע־מיטל (Circulating medium) פון ענגלישן באַנק און פון די פּראָווינציעלע באַנק, וואָס קאָן זיך ענדערן אין זיין רעלאַטיוון ווערט פּונקט אַזוי אומבאַשטימט, ווי עס זיינען די מעגלעכע עקסצעסן פון אָט דעם צירקולאַציע־מיטל". Report from the select Committee apointed to inquire into the cause of the high Price of gold Bullion. (London, 1810) 16 זייט דער באַריכט לאָזט די פראַגע, וואָס ער שטעלט, נישט פאַרענטפערט.

3 Lindsay האָט זייער ריכטיק דערקלערט דעם קאָמיטעט איבער דער וואַלוטע, וועלכער האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען אין יאָר 1898 אונטער דעם פאָרזיץ פון לאָרד Towler: „ביי דער איצטיקער וואַלוטע־סיסטעם זיינען די רופּיס נישט

באַוועגונג פון קורס פון געלט און מעטאַל=פּרײַז זיינען גאַנץ פאַרשיידן. די קוואַנטיטעט=טעאָריע ווערט זינט טוקס (Tookes) באַווײַזן מיט רעכט געהאַלטן פאַר אַן אָפּגעפּרעגטער. דערצו איז נאָך וויכטיק דאָס, וואָס ס'איז בכלל אוממעגלעך צו ברענגען אין קעגנזײַטיקער באַציִונג די מאַסע מעטאַל אויף איין זײַט און די מאַסע סחורות — אויף דער צווייטער. וואָס פאַר אַ שײַכות קאָן זײַן צווישן אַ קילאָגראַם גאָלד אָדער זילבער, אָדער אָפּילו פּאַפּיר=געלט און a) מיליאָן שטיוול b) מיליאָן קעסטלעך שוועבעלעך c) צענטנער ווייץ, d) העקטאָליטער ביר אאַז"וו. דאָס ברענגען אין קעגנזײַטיקער באַציִונג די געלטמאַסע, פון איין זײַט, און סחורה=מאַסע, פון דער צווייטער, שטעלט פאַר ממילא עפּעס געמיינזאַמעס צווישן זיי, אַז טאַקע יענע ווערטפאַרהעלטעניש, וועלכע מען דאַרף דערקלערן.

ווען מיר זאָלן וועלן ברענגען אַלס דערקלערונג די מאַכט פון דער מלוכה, וועט דאָס אויך ניט גאַנץ באַפרידיקן. קודם=כּל איז דאָס אַ גרויסער סוד, ווי אַזוי אַרום קאָן עס די מלוכה זײַן אימשטאַנד צו געבן אַ שטיקל פּאַפּיר אָדער אַ גראַם זילבער אַ קויף=קראַפט, וואָס איז אָפּילו מיט איין הונדערטסטל פּרוטה גרעסער קעגנאיבער ווײַנען, שטיוול, שוועבעלעך אד"גל און דערצו נאָך האָט די מלוכה רעגלמעסיק בײַ אַזעלכע עקספּערימענטן געליטן מפּלות. דער ווילן צו הייבן דעם קורס פון דעם רופּי ביז 16 פּענס האָט דער אינדישער רעגירונג לכתחילה גאַרנישט געהאָלפן. דעם רופּי איז דאָס ווייניק=וואָס אָנגעגאַנגען, און דער נאָענטסטער דערפאָלג פון דער מלוכה איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס זי האָט געמאַכט דעם קורס פונם רופּי אַזוי, אַז מען זאָל בכלל נישט קאָנען אים אויסרעכענען, ווײַל ער האָט זיך איצט אויפגעהערט צו רעכענען מיטן פּרײַז פון זילבער. און פאַר דער עסטרײַכישער מלוכה איז די קורס=שטײַגערונג פונם זילבער=גולדן העכער פון זײַן מעטאַל=ווערט געקומען גאַנץ אומדערוואַרט, אָן וועלכער נישט איז פריער אויסגערעכנטער אינטערווענץ, אַט פּונקט אַזוי ווי עס וואָלט איבער נאַכט פון דער אומגעריכטקייט געקומען. וואָס עס נאַרט אָפּ די טעאָרעטיקער [1], איז דער

עפּעס אַנדערש, ווי אַ באַזונדער מין נישט טוישבאַרע מעטאַלענע בילעטן מיט אַ צוואַנגקורס: דעריבער זײַנען אויף זיי חל די אַלע געזעצן, וואָס גילטן פאַר דעם נישט טוישבאַרן פּאַפּיר-געלט. לויט Lindsay זײַנען דאָס די געזעצן, וואָס ריקאַרדאָ האָט אויפגעשטעלט (ציטירט בײַ Bothe: „Die indische Währungsreform“).

1 זייער כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקער פּראַגן-שפּיל בײַ Bothe („Die indische Währungsreform seit 1897“, Gotta, 1904 זײַט 48 און ווײַטער) „וואָס איז נאָך דעם 26טן יוני 1893 געווען דער ווערט-מעסטער אין אינדיע“? „עס

אומשטאַנד, וואָס דאָס געלט היט לפּנים אויף זײַן כאַראַקטער פון אַ ווערטמאָס. פאַרשטייט זיך, אַז, פּונקט אַזוי ווי פריער, ווערן אַלע סחורות אויסגעדריקט אין געלט, זיי ווערן „אויסגעמאָסטן“ דורך דעם. פּונקט אַזוי ווי פריער דערשײַנט דאָס געלט אַלס ווערט-מעסטער. אָבער די גרייס פון דעם ווערט פון אָט דעם דאָזיקן ווערט-מעסטער גופא ווערט באַשטימט שוין נישט דורך דעם ווערט פון יענער סחורה, פון וועלכער זי איז געמאַכט, נישט דורך דעם ווערט פון גאָלד אָדער זילבער, אָדער פּאַפּיר. פאַרקערט, דער דאָזיקער „ווערט“ ווערט אין דער ווירקלעכקייט באַשטימט דורך דעם אַלגעמיינעם ווערט פון די סחורות, וואָס געפינען זיך אין צירקולאַציע (בײַ דער אומפאַרענדערלעכער צירקולאַציע-גיכקייט). די ווירקלעכע ווערט-מאָס איז נישט דאָס געלט: דער „קורס“ פונם געלט גופא ווערט באַשטימט דורך דעם, וואָס איך וואָלט אָנגערופן דער געזעל-

איז קלאָר, אַז קוים איז דער גאָלד-ווערט פון דעם רופּי געשטיגן העכער פון דעם גאָלד-ווערט פון דעם ריין-זילבער, וואָס דער רופּי אַנטהאַלט, איז שוין דאָס זילבער נישט געווען די ווערט-מאָס... אָדער, אפשר איז דער „רופּי“ געוואָרן די ווערט-מאָס אין אינדיע אין דעם זינען, ווי דאָס באַווײַזט פּראָפעסאָר לעקסיס אין זײַן אַרטיקל: „Papiergeld“ (אין „Handwörterbuch der Staatswissenschaften“) נעמלעך אין דעם זין, אַז די נישט-טוישבאַרע באַנקנאָטן מיט אַ צוואַנג-קורס קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין זעלבשטענדיק געלט, און, הייסט עס, אויך אין אַ ווערט-מאָס, חײַל, זײַענדיק אַ געזעצלעך צאָלונגס-מיטל, באַקומען זיי „די העכסטע אויספּרעגונג פון צאָלונגס-קראַפט“, האַלטן זיי אײַן זייער ווערט בנוגע די סחורות? אָדער אפשר איז גאָר נאָך דעם שליסן די מינצעריי דאָס גאָלד געוואָרן די ווערט-מאָס אין אינדיע? אייב מען שרײַבט צו דעם „רופּי“ די אייגנשאַפט פון אַ ווערט-מאָס, איז דאָס פּונקט אַזוי ווי מען וואָלט געזאָגט, אַז אַן אַבסטראַקציע קאָן זײַן אַ ווערט-מאָס: וואָרום נאָך דעם 26 יוני 1893 איז דער ווערט פונם רופּי געווען נישט אָפּהענגיק פון דעם געברויך-ווערט (!) פון דעם מאַטעריאַל, פון וועלכן ער איז געפּרעגט, — דער לעצטער איז פון דעמאָלט אָן געווען בלויז די אונטערשטע גרעניץ, וואָס האָט גע-האַט אויסצומעסטן די שטענדיקע וואַקלונגען, — נאָר פון אַזעלכע מיינונגען וועגן דער אייגנשאַפט און נוצלעכקייט פון „רופּי“, וואָס געפינען זיך נישט אין קיין שום פאַר-בינדונג מיט זײַן מאַטעריאַל“.

פּונקט אַזאַ איז אויך די מיינונג פון דזשאָן לעבבאָק (John Lubbock), אַז כלומרשט „נאָכן שליסן די מינצעריי איז דער „exchange“ געוואָרן ווערט-מעסטער, — ער איז פּשוט אַן אַנדער פאָרם פון דער נישט-אומפאַרדעכטיקער באַהויפּ-טונג, אַז אַן אַבסטראַקציע קאָן ווערן די ווערט-מאָס“. Voilá tout. מען זעט קלאָר, אַז נאָר די קאָנקרעטע אַכטונג צו דעם אויטאָריטעט פון פּראָפעסאָר לעקסיס שטערט דעם אויטאָר צו קריטיקירן יענעם מאַנגל פון טעאָרעטישער „אַבסטראַקציע“, וועלכע לעקסיס ברענגט אין זײַן באַרימטער אַבסטראַקציע. אָבער דאָרט ווו עס פעלט דער באַגריף „ווערט“, באַווײַזט זיך צו דער ריכטיקער צײַט דאָס וואָרט „צוטרוי“. איבעריקנס, פאַרגלײַך די טרעפלעכע פּאָלעמיק קעגן לעקסיסן בײַ Arnold, פריער דערמאָנטע אַרבעט, זײַט 241 און ווײַטער.

שאפטלעך=נויטווענדיקער צירקולאציע=ווערט. מיר האבן ביז איצט, כדי די זאך צו פאראיינפאכן, זיך נישט אפגעשטעלט אויף די פונקציעס פונם געלט אלס צאלונגס=מיטל, אפלייגנדיק דעם גענויעם אנאליז אויף שפעטער. אבער אויב מיר וועלן דאס נעמען אין אכט, וועט זיך דער געזעלשאפטלעך=נויטווענדיקער צירקולאציע=ווערט אויסדריקן אין דער פארמול:

ווערט=סכום פון די סחורות, פלוס דער סומע צאלונגען, וואס זיינען די צירקולאציע=גיכקייט פון געלט פעליק, מינוס די סומעס, וואס דעקן זיך קעגנזייטיק, און, ענדלעך, מינוס יענע אומזאצן, אין וועלכע די איין און די זעלביקע מטבע פונקציאנירט איין מאל אלס צירקולאציע = מיטל, דאס אנדערע מאל אלס צאלונגס=מיטל. דאס איז א מאסשטאב, וועמעס גרייס מען קאן, נאטירלעך, לכתחילה נישט אויסרעכענען. דער איינציקער רעכנמייסטער, וואס איז דאס אימשטאנד צו טאן, איז די געזעלשאפט. די גרייס פון דעם מאסשטאב ענדערט זיך, און צוזאמען מיט איר אויך דער קורס פונם געלט. דאס באווייזט זייער קלאר דער געענדערטער קורס פון דעם אינדישן רופי אין די יארן 1893—1897, ווי אויך די וואקלונגען פון דער עסטרייכישער וואלוטע. די דאזיקע וואקלונגען ווערן באזייטיקט, ווען אלס ווערט=מאס, אלס געלט, הייבט ווידער אן צו פונקציאנירן וועלכע נישט איז פולווערטיקע סחורה (זילבער, גאלד). ווי מיר האבן געזען, איז צוליב דעם גארנישט נייטיק, אז דאס פאפיר=געלט אדער דאס אונטערווערטיקע געלט זאלן פארשווינדן פון דער צירקולאציע; עס פאדערט זיך בלויז, אז דער סכום געלט זאל רעדוצירט ווערן ביזן מינימום פון דער צירקולאציע און די וואקלונגען אויסער די גרעניצן פון אט דעם מינימום זאלן באזייטיקט ווערן דורך איינפירן פולווערטיקע געלט.

די מערקווירדיקע געשיכטע פון די וואלוטעס מיט געשלאסענער פרעגונג, — אדער פון די „זילבער=וואלוטעס מיט באגילדטע ראנדן, די גאלדמארגינאל=סיסטעמען", ווי מען רופט צומאל אן די אינדישע און אנאלאגישע סיסטעמען, — פארלירט איר מיסטישקייט בלויז אין דעם פאל, ווען מיר וועלן דאס באטראכטן אין ליכט פון דער מארקסיסטישער געלט=טעאריע, — הגם, פון דער אנדערער זייט, אין ליכט פון דער „מעטאליסטישער" טעאריע בלייבן זיי ווי געוועזן — אומדערקלערלעך. דאקעגן, קנאפפ, וועלכער האט מיטן גרעסטן שארפזין אויפגעדעקט זייער א סך חסרונות פון דער „מעטאלישער" טעאריע, — מארקס טעאריע באריר ער נישט און פארבייט זי, א פנים, מיט דער „מעטאלישער", — אט דער זעלבער קנאפפ גיט אליין נישט קיין עקאנאמישע דערקלערונג אט די

פענאמענען, ער גיט בלויז א סיסטעם פון קלאסיפיקאציע פון די געלט=מינים, נישט באריירנדיק די פראגע וועגן זייער אנטשטיין און אנטוויקלונג. דאס איז א ספעציפיש=יורידישע באהאנדלונג, וואס איז שוין כאראקטעריסטיש דערמיט, וואס עס ווערט אין איר אפגעגעבן זייער א גרויס ארט דער טערמינאלאגיע; דאס עקאנאמישע גרונט=פראבלעם פון געלט=ווערט און פון דער קויף=קראפט פונם געלט בלייבט אינגאנצן מחוץ דער ספערע פון אט דער אויספארשונג. קנאפפ איז דער ליננעי פון דער געלט=טעאריע, אין דער צייט ווען מארקס איז דא אויך א דארווין. אבער דער דאזיקער ליננעי קומט א לאנגע צייט נאך דארווינען.

קנאפפ איז דער קאנסעקווענטסטער עפיגאן פון יענער טעאריע, וואס, זייענדיק נישט ביכולת אויפצוקלערן די דערשיינונגען פון דער פאפיר=וואלוטע, טראגט ער זי פשוט אריבער אויף דער מעטאלישער און דורך דעם אויף דער צירקולאציע בכלל (מעטאל פלוס באנקנאטן, וואס ווערן פאראייניקט מיט דעם מלוכהשן פאפיר=געלט), — אן ערשיינונג, וואס ווארפט זיך אין די אויגן ביי פאפיר=געלט מיט צוואנגס=קורס: נעמלעך, דעם איינפלוס פון סכום ארויסגעלאזטע פאפיר=צייכנס. זי נעמט בלויז אין באטראכט די קוואנטיטאטיווע פארהעלטעניש און איגנארירט דאס, וואס האט א באשטימענדיקע באדייטונג פאר דעם ווערט: פונקט אזוי ווי פאר דעם סחורה=ווערט, אזוי אויך פאר דעם געלט=ווערט. איר טעות נעמט זיך פון די דערפארונגען פון דער פאפיר=געלט=ווירטשאפט, באזונדערס אין ענגלאנד, זינט מען האט אויפגעהערט צו צאלן מיט מעטאל=געלט אין יאר 1797. „אלס היסטארישער הינטערגרונט פון די דעבאטן האט געדינט די געשיכטע פונם פאפיר=געלט אין אכצענטן יארהונדערט, די פיאסקא פון דער באנק פון לא, די וואקסנדיקע צאל פון ווערט=צייכנס, מיט וואס ס׳גייט האנט ביי האנט די דעפרעציאציע פון די באנקנאטן, וואס זיינען ארויסגעלאזט געווארן דורך די פראווינץ=בענק אין די ענגלישע קאלאניעס אין צפון=אמעריקע, זינט אנהייב ביזן מיטן פון אכצענטן יארהונדערט: דאן, שפעטער, דאס געזעצלעך אנגעווארפענע פאפיר=געלט (Continental bills), וואס די אמעריקאנישע רעגירונג האט ארויסגעלאזט בשעת דעם אומאפהענגיקייט=קריג, — און, ענדלעך, דער נאך אין א גרעסערן מאסשטאב דורכגעפירטער עקספערימענט מיט די פראנצויזישע אסיגנאטן" [1].

אט דעם פאלשן אויספיר האט אויך נישט אויסגעמיטן אפילו אזא שארפער מוח ווי ריקארדא. און דאס איז אן אינטערעסאנטער פסיכא=

1 זייט 177 Marx, „Zur kritik der politischen Oekonomie“

לאָגישער ביישפּיל פון אַט דעם מעכטיקן איינפלוס, וואָס דער עמפּירי־שער איינדרוק מאַכט אויף דאָס אַבסטראַקטע דענקען. וואָרום גראַד ריקאַרדאָ גייט איבעראַל איבער פון קוואַנטיטאַטיווע פאַרהעלטענישן, וואָס ווירקן אויף די פּרייזן (פון נאָכפרעג און אָנבאָט, אַלס פאַקטאָרן, וואָס באַשטימען די פּרייזן), צו דעם, וואָס עס ליגט אין יסוד פון די קוואַנטיטאַטיווע פאַרהעלטענישן און וואָס עס הערשן איבער זיי, צו דעם ווערט. בלויז אין דער געלט־פראַגע באַזייטיקט ער דעם שוין געפונענעם ווערט־באַגריף. ער זאָגט:

„If a mine of gold were discovered in either of these countries, the currency of that country would be lowered in value in consequence of the increased quantity of the precious metals brought into circulation, and would therefore no longer be of the same value as that of other countries“ [1].

דער ווערט פון גאָלד פאַרקלענערט זיך אויסשליסלעך צוליב דער קוואַנטיטעט, און דאָס גאָלד ווערט אינגאַנצן איינזייטיק אָנערקענט בלויז אַלס צירקולאַציע־מיטל, פון וואָס עס דרינגט שפּעטער ממילא ארויס, אַז דאָס גאַנצע גאָלד טרעט תיכף אינגאַנצן אַריין אין דער צירקולאַציע. און אַזוי ווי אַלץ ווערט פאַרענטפערט דורך דער קוואַנטיטעט, ווערט דאָס גאָלד אָן שום ווייטערדיקע מניעות פאַרגליכן מיט די באַנקנאָטן; אמת, ריקאַרדאָ זאָגט טאַקע בפירוש אין אָנהייב, אַז ער מיינט דעם טוישבאַרן באַנקנאָט, אָבער ווייטער ווייזט זיך אים אויס, אַז בנוגע דעם דעמאָלטדיקן צושטאַנד פון דער ענגלישער געלט־סיסטעם, איז ער ענלעך צו דעם מלוכהשן פּאַפּיר־געלט מיט אַ צוואַנגס־קורס. דעריבער האָט ער טאַקע געקענט זאָגן:

„If instead of a mine discovered in any country, a bank were established, such the Bank of England, with the power of issuing its notes for a circulating medium, after a large amount had been issued,... thereby adding considerably to the sum of the currency, the same effect would follow as in the case of the mine“ [2].

---

1 „אויב אין איינעם פון די לענדער זאָלן אַנטדעקט ווערן גאָלד־גרובן, וועט אין דעם לאַנד דאָס צירקולאַציע־מיטל קלענער ווערן אין איר ווערט מחמת דעם, וואָס אין דער צירקולאַציע וועלט אַריינגעטראָטן אַ פאַרגרעסערטער סכום איידעלע מעטאַלן, און דאָס צירקולאַציע־מיטל וועלט שוין דעריבער דאָ ניט געהאַט יענעם ווערט, ווי די צירקולאַציע־מיטלען אין אַנדערע לענדער“.

2 „ווען עס וואָלט זיך אַנשטאָט דער אַנטדעקונג פון אַ גאָלד־גרוב אין

הייסט עס, אז די ווירקונג פון דער ענגלישער באנק ווערט דא פארגליכן מיט דער ווירקונג פון אן אנטדעקטער גאלד־גרוב: סיי אין דעם, סיי אין יענעם פאל ווערט פארגרעסערט די צאל פון די צירקולאציע־מיטלען 1.

אדאנק אט דעם פארגלייכן, האט זיך דערנאך ארויסגעוויזן פאר אוממעגלעך ריכטיק צו באנעמען די גרענצן סיי פון דער מעטאלישער צירקולאציע און סיי פון דער באנקנאטן־צירקולאציע. וואס שייך קנאפפן, האבן אויף אים גאנץ באשטימט געווירקט די געשילדערטע נייע דער־שיינונגען פון די סטאבילע „פאפיר־וואלוטעס" און די באפרייונג פונם זילבער־געלט פון זיין מעטאל־ווערט. דאס לעצטע איז שותפיש פאר דעם זילבער־געלט (הייסט עס, מעטאלגעלט) מיט דעם פאפיר־געלט. אבער בנוגע דעם פאפיר־געלט דוכט זיך, אז זיין ווערט איז באשטימט דורך דער מלוכה, וועלכע לאזט עס ארויס. און אזוי ווי דאס זילבער, נאכדעם ווי מען האט געשלאסן די פרייע פרעגונג, קומט אין אט דער באציונג זיך צונויף מיט דעם פאפיר־געלט, שאפט זיך די אילוזיע, אז דאס פא־פיר־געלט — ווי דאס מעטאל־געלט, הייסט עס, דאס געלט בכלל — ווערט באשטימט דורך דער מלוכה, און די מלוכה־טעאריע וועגן געלט, וועלכע איז באוווסטזיניק נישט קיין עקאנאמישע, איז פארטיק. די אילוזיע, וואס ליגט אין איר יסוד, רופט ארויס פאלגנדיקע קריטיק:

„די אינטערווענץ פון דער מלוכה, וואס לאזט ארויס פאפיר־געלט מיט א צוואנג־קורס... מאכט לפנים א סוף צו דעם עקאנאמישן געזעץ. די מלוכה, וועלכע האט אין דעם פרייז פון א מטבע פשוט א נאמען געגעבן א באשטימטער וואג גאלד, און ביים מינצן בלויז ארויפגעלייגט איר שטעמפל אויף דעם גאלד, פארוואנדלט כלומרשט מיט דער מאגי־שער קראפט פון אט דעם שטעמפל פאפיר אין גאלד. און אזוי ווי די פאפיר־צייכנס האבן א צוואנג־קורס, קאן קיינער נישט שטערן דער מלוכה אריינצופרעסן וועלכע זי וויל גרויסע צאל פון אזעלכע צירקולאציע־צייכנס אין דער צירקולאציע און אפדרוקן אויף זיי וועלכע זי וויל מטבע־נעמען. למשל, 1 פונט שטערלינג, 5 פונט שטערלינג, 20 פונט שטערלינג. די

א לאנד, געגרינדעט א באנק, וואס זאל, פונקט אזוי ווי די ענגלישע באנק, האבן דאס רעכט ארויסצולאזן אייגענע באנקנאטן אלס צירקולאציע־מיטל, איז, ווען עס וועט ארויסגעלאזט ווערן א גרויסע סומע באנקנאטן, דורך וועלכער עס וועט זיך באדייטנדיק פארגרעסערן די סומע פון די צירקולאציע־מיטלען, וועט דאס האבן גענוי די זעלביקע ווירקונג, ווי אין דעם פאל, ווען מען אנטדעקט א גאלד־גרוב".

1 Ricardo, „High Price of Bullion". The works of David Ricardo. 264 זייט. M. Culloch. New edition, London 1888. פארלאג

דאָזיקע צייכנס, קוים זיינען זיי נאָר אַרײַן אין דער צירקולאַציע, קאָן מען זיי שוין נישט אַרויסוואַרפן פון איר, ווײַל, פון איין זײַט, ווערט זייער באַוועגונג אָפּגעשטעלט בײַ די גרענעץ=סלופּעס פון דעם לאַנד, און פון דער צווייטער זײַט, — פאַרלירן זיי אויסער דער צירקולאַציע יעדן ווערט. אָפּגעטיילט פון זייער פונקציאָנעלער עקסיסטענץ, פאַרוואַנדלען זיי זיך אין אומווערטיקע שטיקלעך פּאַפּיר. און דאָך איז די דאָזיקע מאַכט פון דער מלוכה — אַ פּשוטע אילוזיע. זי קאָן וואַרפן אין דער צירקולאַציע וועלכע זי וויל צאָל פּאַפּיר=צייכנס מיט וועלכע זי וויל מטבע=נעמען, אָבער מיט דעם דאָזיקן מעכאַנישן אַקט ענדיקט זיך איר קאָנטראָל. (N. B.) און אַזוי אַרום שטעלט זיך קנאַפּפּס טעאָריע אָפּ גראָד דאָרט, וווּ עס הייבט זיך אָן דאָס עקאָנאָמישע פּראָבלעם). דער ווערט=צייכן אָדער דאָס פּאַפּיר=געלט, וואָס ווערט פאַרכאַפּט דורך דער צירקולאַציע, פאַלט אַרונטער אונטער דער ווירקונג פון אירע אימאַנענטע געזעצן" 1.

די שוועריקייטן דאָס צו דערקלערן נעמען זיך דערפון, וואָס פאַרשיידענע געלט=פונקציעס און געלט=מינים (מלוכהשע פּאַפּיר=געלט און קרעדיט=געלט, — וועגן דעם זע ווײַטער) ווערן געוואָרפן אין איין קופּע. אויב דער טעות פון דער קוואַנטיטעט=טעאָריע — ריקאַרדאָ האָט אים אויך נישט אויסגעמיטן — איז געווען דאָס, וואָס זי האָט צונויפגעמישט די געזעצן פון דעם מלוכהשן פּאַפּיר=געלט מיט די געזעצן פון דער געלט=צירקולאַציע בכלל און בפרט מיט די געזעצן פון דער באַנקנאָטן=(קרעדיט=געלט) צירקולאַציע, — קומט איצט פאַר פונקט דאָס קאַפּויערדיקע. אַזוי ווי די קוואַנטיטעט=טעאָריע ווערט מיט רעכט באַטראַכט אַלס אָפּגעפרעגטע, האָט מען מורא צו אָנערקענען דעם אײַנפלוס פון דער קוואַנטיטעט אויף דעם געלט=קורס אויך אין די פאַלן, ווען ער איז אַ באַשטימענדיקער, — נעמלעך, אין די פאַלן פון פּאַפּיר=געלט=צירקולאַציע און וואַלוטעס מיט „אונטערווערטיקן" געלט. מען כאַפּט זיך דאָ אָן כלערליי דערקלערונגען און, נישט זעענדיק דעם געזעלשאַפטלעך=באַשטימענדיקן מאָמענט, העלפט מען זיך אַרום מיט סוביעקטיוויסטישע דערקלערונגען און מען פּרוווט דערקלערן דעם ווערט פון מלוכה=געלט מיט וועלכע נישט איז קרעדיט=אָפּשאַצונגען. און אַזוי ווי פון דער צווייטער זײַט, בײַם מעטאַל=ווערט, קומט אויס זיך צו האַלטן בײַ דער אייגן=ווערט פונם געלט, ווייל מען זיך נישט, להיפּוך קנאַפּפּן, אָפּזאָגן בכלל פון דער=

1 „Marx, Zur kritik der politischen Oekonomie" זײַט 115. דאָס אונטערגעשטראָכענע איז דורך מיר געמאַכט געוואָרן.

קלערונגען פון עקאנאמישן כאראקטער, — און דער פאקט פון דעם געהעכערטן געלט־ווערט בלייבט טאקע נישט אויפגעקלערט. ביי ריקארדא ווערט יעדע ווערט־ענדערונג פון דעם געלט דערקלערט מיט די קוואנטיטעט־ענדערונגען, און אזוי ווי, לויט זיין טעאריע, זיינען די ווערט־ענדערונגען זייער אן אפטע דערשיינונג, און אפהענגיק דערפון, צי עס פארגרעסערט זיך, צי עס פארקלענערט זיך די קוואנטיטעט פונם געלט, שטייגט, אדער פאלט זיין ווערט, — הייסט עס, אז ביי יעדער וואלוטע קומט שטענדיק פאר דאס שטייגן אדער פאלן פון דעם געלט־ווערט, — איז דער געהעכערטער געלט־ווערט פאר אים חוץ דעם קיין שום פראבלעם נישט. ער זאגט:

„הגם דאס פאפיר־געלט האט נישט קיין אינערלעכן ווערט, קאן דאך, ווען זיין סכום איז באגרענעצט, זיין טויש־ווערט זיין גלייך מיט דעם ווערט פון פונקט אזא סומע מעטאל־געלט אדער מעטאל־שטאבעס, וועלכע ווערן געשאצט לויט זייער מטבע־ווערט. פונקט אזוי, צוליב דעם זעלבן פרינציפ, ד"ה מחמת דעם, וואס מען האט באגרעניצט די צאל געלט, קאנען אונטערווערטיקע געלטער צירקולירן נישט לויט דעם אינערלעכן ווערט פון דעם ריינעם מעטאל, וואס דאס אנטהאלט, נאר לויט דעם ווערט, וואס זיי וואלטן געהאט, ווען זייער וואג און מעטאל־געהאלט וואלטן געווען אין הסכם מיט די פארשריפטן פון געזעץ. דעריבער געפינען מיר אין דער געשיכטע פון דעם ענגלישן געלט, אז אונזער מע־טאל־געלט איז קיינמאל נישט אנטווערטעט געווארן ביז אזא גראד, אז עס זאל האבן דעם זעלבן ווערט ווי פאלש געלט. די סיבה דערפון איז דאס, וואס עס איז קיינמאל נישט פארמערט געווארן אין אזא מאס, וואס זאל אנטשפרעכן דער פארהעלטעניש פון זיין דעפרעציאציע (Principles XXVII). ריקארדאס טעות נעמט זיך דערפון, וואס ער נעמט די געזעצן, וואס גילטן פאר דער וואלוטע מיט א געשלאסענער פרעגונג, און טראגט זיי פשוט אריבער אויף אויף דער פרייער פרעגונג. דער גרעסטער טייל דייטשע געלט־טעארעטיקער פארביינטן אויך די דאזיקע צוויי וואלוטע־סיסטעמען, אבער פונקט קאפויער; און טאקע דערפאר איז זייער געווויסן נישט ריין לגבי דער קוואנטיטעט־טעאריע. ווען זיי טרעפן זיך אן אויף די פראבלעמען פון באנקנאטן־צירקולאציע, נעמען זיי זיך ווידער און אבערמאל צו די אלטע אנשווינגען פון דער קוואנטיטעט־טעאריע, — און ווען זיי טרעפן זיך מיט די פראבלעמען פון

געשלאָסענער פרעגונג, שאָקלען זיי זיך ווידער אָפּ דאָס צו דער=קלערן דורך דער קוואנטיטעט.

דאקעגן, ביי פוללארטאָנען טרעפט זיך אן אינטערעסאנטע און אין תוך גענומען ריכטיקע אוועקשטעלונג פון דער פראָבלעם וועגן דער סיסטעם מיט געשלאָסענער פרעגונג. ער נעמט אין באטראכט א נאציע אָן האנדלס=באציִונגען און אָן אנשטאלטן, וואָס זאָלן שטענדיק באנייען די מטבעות. דער אומזאץ אין לאנד וועט באדינט דורך אלטע און אונטערווערטיקע (debased) מעטאלענע ציר=קולאציע=מיטלען, וועלכע האלטן איין זייער הויכע קויף=קראפט בלויז צוליב דעם, וואָס זייער צאָל איז א באגרעניצטע (Which preserves a high rate of exchangeable value merely by the limitation of its amount). דערביי פארברויכט די נאציע אין דער ברייטסטער מאָס די איידעלע מעטאלן אויף לוקסוס=ארטיקלען און צירונג, און כדי צו דעקן די יערלעכע באדערפעניש אין איידעלע מעטאלן, פירט זי ארויס אין א לאנד, וואָס באזיצט גאָלד און זילבער=גרובן, אינדוסטריע=פּראָדוקטן אויף א האלבן מיליאָן. זאָלן איצט, — מחמת דעם פארבעסערן די מעטאָדן ביים ארויסבאקומען דאָס זילבער און גאָלד, אָדער מחמת דעם, וואָס מען וואָט אנטדעקט נייע, נאָך רייכערע גרובן, — רעדוצירט ווערן אויף א העלפט די קאָסטן פון דער זילבער= אָדער גאָלד=פּראָדוקציע אין דעם לאנד, ווו די גרובן געפינען זיך; אדאנק דעם וועט דאָך די פּראָדוקציע פארטאָפּלט ווערן און דער פּרייז פון מעטאל וועט אויפן אָרט אין אן אנט=שפּרעכנדיקער מאָס פאלן. די סוחרים פון דער דערמאָנטער נאציע האָבן די מעגלעכקייט פאר דעם פריערדיקן סכום עקספּאָרטירטע סחורות ארייַנצופירן צו זיך איידעלע מעטאלן פאר איין מיליאָן אנשטאָט דעם פריערדיקן האלבן מיליאָן. וואָס פאר אן עפעקט וואָלט זיך באקומען? זיכער אזא, וואָס אונטערשיידט זיך אין תוך נישט פון דעם, וואָס באקומט זיך מחמת דעם צו גרויסן אָנבאָט פון וועלכער נישט איז אנדערער גלייך דויערהאפטער סחורה. און אזוי ווי די פריערדיקע יערלעכע קאָנסומציע פון גאָלד און זילבער פאר לוקסוס=צילן אין דעם לאנד איז אינגאנצן באפרידיקט געוואָרן דורך דעם אימפּאָרט אין ווערט פון א האלבן מיליאָן, וועלן זיך ערשט געפינען אָפּנעמער פון דער פארגרעסערטער צאָל נישט פריער, ווי דאָס פאלן פון די פרייַזן וועט ארויסרופן א נייַע נאָכ=פראגע; אין הסכם דערמיט וועלן די פרייַזן פון דעם נייַ=ארייַנגע=פירטן זאפּאס מעטאל, וואָס ווערט געשאצט אין דער געפאלענער

וואלוטע, מוזן מער אדער ווייניקער שנעל פאלן, געווענדט אין דעם, ווי שנעל די סוחרים רעאליזירן זייערע סחורות (the prices, accordingly, of the newly imported stock of metals, as estimated in the base currency, would decline with more or less rapidity as the merchants might by more or less eager to realize their returns). אבער אין משך פון אט דער גאנצער צייט (ביז די קאנקורענץ וועט נישט דערפירן דעם פרייז פון די מעטאלן ביז צו זייערע פראדוקציע=קאסטן) וואלט דער פרייז פון אלע איבעריקע סחורות, אויסער גאלד און זילבער, אויסגעמאסטן אין דער ארטיקער וואלוטע פון דעם לאנד, געבליבן נישט געענדערט. און אויב דאס לאנד וואלט נישט אויסגענוצט א געוויסן טייל פון דעם איבעריקן מעטאל=ווערט אויף טויש=אקטן מיט וועלכן נישט איז דריטן לאנד, וואס באקומט גאלד און זילבער ביי ווייניקער גינסטיקע באדינגונגען, וואלט דאס לאנד, וואס אימפארטירט די דאזיקע מעטאלן, נישט געהאט קיין שום נוצן פון אט די פעריאדיש דערווארבענע מעטאל=רייכקייטן, מחוץ די, וואס נעמען זיך פון א מער ברייטערער פארווענדונג פון גאלד און זילבער אין דער באלעבאטישקייט. (But all this time, the price of every other commodity but the gold and silver, as measured in the local currency of the country, would remain unmoved; and, unless some of the surplus stock of the metals thus acquired could be turned ot account in commercial exchange with some third country less favourably circumstanced for procuring its supplies of gold and silver direct from the mines, the importing contry would derive no advantage from these periodical accessions of metallic weath, beyond such gratification as can be derived from the more generally diffused application of gold and silver to domestik uses).

אלזא, דא איז טעארעטיש קאנסטרויִרט געווארן דער פאל מיט דער העכערער שאצונג פון דעם עסטרייכישן זילבער=גולדן. פוללארטאן ווייזט אבער דא נישט אן, אז די קוואנטיטאטיווע זייט ווערט באשטימט דורך דעם געזעלשאפטלעכן צירקולאציע=מינימום.

דערנאָך אונטערזוכט פוללאַרטאָן די גאַנץ אַנדערע פאַרהעל=
טענישן, — בײַ אַ פרײַער פּרעגונג, ווי מיר וואָלטן דאָס איצט
געזאָגט. ער פרעגט, וואָס פאַר אַ ווירקונג וואָלטן פּונקט די זעלבע
אומשטענדן געהאַט אין אַ לאַנד מיט מער אויסגעשפּרייטע האַנדלס=
באַציִונגען, ווו די געלט=סיסטעם געפינט זיך אין אַ בעסערן צו=
שטאַנד, וואָס וואָלט, אַלזאָ, געהאַט אין פאַרקער פולווערטיק געלט,
(a full metallic circulation of standard weight and
fineness) און אַן אומבאַגרעניצטן האַנדל מיט מעטאַלן און אַ מינ=
צערײַ, וואָס איז מחויב אויסצופּרעגן אין געזעצלעכע מטבעות דעם
מעטאַל, וואָס מען שטעלט איר צו (a mint open for the
coinage of all the standard bullion which might be
brought to it). דעמאָלט וואָלט די ווירקונג פון דעם פאַרטאָפּלטן
מעטאַל=אָנבאָט מצד די גרובן געווען גאָר אַן אַנדערע. דער
מאַרק=פּרײַז פון די שטאַבעס וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט
שטײַגן, ווײַל דער פּרײַז פון גאָלד, וואָס ווערט אויסגעמאָסטן אין
מטבעות פון דעם זעלבן מעטאַל, קאָן זיך בכלל נישט ענדערן;
דער פּרײַז פון די שטאַבעס און פון די מטבעות קאָן אײנצײַטיק
פאַלן אָדער שטײַגן, אָבער זיך פונאַנדערגיין קאָנען די דאָזיקע
פּרײַזן נישט. דעריבער וואָלט דער פאַרגרעסערטער אימפּאָרט
נישט אַרויסגערופן קיין אויסערגעוויינלעך שטאַרקן אָנבאָט אויפן
גאָלד=מאַרק און וואָלט, ווייניקסטנס, אין דער ערשטער צײַט נישט
אַרויסגערופן קיין חשק צו פאַרגרעסערן די קאָנסומציע. די אַלע
שטאַבעס וואָלט מען אָפּגעשיקט אין דער מינצערײַ אויף אויסצו=
פּרעגן מטבעות און די אימפּאָרטערן וואָלטן דערבײַ גוואַלדיק רײַך
געוואָרן; און אַדאַנק דעם, וואָס זייערע מיטלען זײַנען אויסגעוואַקסן
און זיך פאַרגרעסערט, וואָלטן זיי אויפן מאַרק באַלד געוואָרן
קאָנקורענטן בײַ יעדער אַרט פּראָדוקטיווע לאָקירונגען פון די
דאָזיקע מיטלען, ווי אויך בײַ די אַלע אָביעקטן, וואָס קאָנען
שענער און בעסער מאַכן דאָס לעבן. און אַזוי ווי דער אָנבאָט
פון לוקסוס=אַרטיקלען איז שטענדיק אַ באַגרעניצטער און קאָן זיך
בשום אופן נישט פאַרגרעסערן דורך דער גוואַלדיקער פאַרפלייצונג
מיט צירקולירנדיקע מטבעות, וואָלט דער אומפאַרמײַדלעכער רע=
זולטאַט געווען אַזאַ: ראשית=כּל וואָלט געפאַלן דער צינזן=פוס, דער=
נאָך וואָלט געשטיגן דער פּרײַז פון ערד און פון אַלע ווערט=פּאַפּירן,
וואָס ברענגען אַרײַן פּראָצענט; און צום סוף — דאָס פּראָגרעסיווע
אַלגעמיינע שטייגן פון אַלע סחורות=פּרײַזן, ביז די דאָזיקע פּרײַזן

וועלן נישט דערגרייכן דעם ניוואָ, וואָס זאָל אנטשפּרעכן די פּאַר־קלענערטע פּראָדוקציע־קאָסטן פון דער מטבע. און דאַן וועט אויפהערן די ווירקונג אויף דעם צינזן־פוס, דער נייַער רעזערוו מטבעות וועט פארשלונגען ווערן דורך דעם אַלטן, און דער חלום וועגן א נייַער פלוצלונגדיקער רייַכקייט און פּראָספּעריטי וועט צערונען ווערן און ס'וועט פון אים קיין זכר נישט בלייַבן, חוץ דעם, וואָס בייַ יעדן קויף און פארקויף וועט מען מוזן צאָלן מיט א גרעסערער צאָל מטבעות, מיט א גרעסערער וואָג.

(There would, in that case, be no rise of the market price of the bullion, for the price of gold, measured in coin of the same metal, and of equal fineness, can never vary; they may both rise or both fall together, as compared with commodities, but there can be no divergence. Neither would there be any usual pressure on the bullion market in consequence of the increased importation, nor, at least, in the first instante, any inducement to a larger consumption, and the rest would all be sent to the mint for coinage, vielding an enormous accession of wealth to the importers, who to the extent of the means thus placed in their hands, would immediately become competitors for every description of productive investiment in the market, as well as for all the material objects which contribute to human enjoyment. But as the supply of such objects of desire is always limited, and would in no way be augmented by this great inundation of circulating coin, the inevitable results would be, first, a decline of the market-rate of interest; next, a rise in the value of land, and of all interest bearing securities; and lastly, a progressive insrease in the prices of commodities generally, until such prices should have attained a level corresponding with the reduced cost of procuring the coin, when the action on interest would cease, the new stock of coin would be absorbed in the old, and the visions of sudden riches and prosperity would

pass away, leaving no trace behind them but in the greater number and weight of the coins, to be counted ever on every occasion of purchase and sale) [82].

מען דארף דאָ אָבער דערמאָנען נאָך וועגן איין כאראקטערים=
טישן פאַל פון געהעכערטן ווערט פונם געלט, וואָס איז כאראַק=
טעריסטיש דערמיט, וואָס ער אַנטשטייט גאַנץ אויטאָמאַטיש, אָן
וועלכער נישט איז אינטערווענץ מצד דער מלוכה. בשעת דעם
לעצטן קריזיס אין הארבסט 1907 איז אין די פאַראייניקטע שטאַטן
פלוצים געוואָרן אַן אַזשיאָ אויף געלט, — נישט בלויז אויף גאָלד=
געלט, נאָר אויך אויף אַלע מינים געזעצלעכע צאָלונג=מיטלען,
אויף גאָלד= און זילבער=מטבעות, אויף מלוכהש פאַפיר=געלט
(Greenbacks) און באַנקנאָטן. דער אַזשיאָ האָט צום אָנהייב
אויסגעמאַכט איבער 5 פּראָצענט. די דאָזיקע פאַקטן ווערן באַלויכטן
אין אַ ניו=יאָרקער קאָרעספּאָנדענץ אין דער „פראַנקפורטער צייטונג"
פון 21 נאָוועמבער 1907: „אין אַ גרויסן טייל פון די אַמעריקאַ=
נישע האַנדלס=צענטערס האָבן זיך אײַנגאַנצן אָפּגעשטעלט די צאָ=
לונגען מיט מזומן געלט. אין אייניקע ערטער האָבן זיך באַוויזן
פּריוואַטע געלט=צייכנס, אין אַנדערע צאָלט מען טיילווײַז מיט
אַזעלכע צײַכנס און טיילווײַז מיט מזומן. אין פיל ערטער קור=
סירט אייגנטלעך דאָס מעטאַל=געלט בלויז אַלס בילאָן. אין 77
אַמעריקאַנישע שטעט האָט מען אַרויסגעלאָזט נויט=געלט, ד"ה,
שײַנען פון די קלירינג=בענק, אָדער צו אָט דער געלעגנהײַט ספּע=
ציעל אַרויסגעלאָזטע טשעקן, מערסטנטייל אָבער די ערשטע. בעת
ביזן קריזיס זײַנען קלירינג=אינסטיטוציעס געווען אפשר אין אַ טוץ
אַמעריקאַנישע שטעט, זײַנען איצט די דאָזיקע אינסטיטוציעס געגרינ=
דעט געוואָרן אין בערך 100 שטעט. ווי נאָר עס איז אין ניו=יאָרק
אויסגעבראָכן דער קריזיס, האָבן זיך די געלט=אינסטיטוציעס פון
אָט די ערטער פאַראייניקט, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות זיך אָפּ=
ווערן פון דער דראָענדיקער געפאַר. להיפוך דער ניו=יאָרקער פּראַק=
טיק, ווו די שײַנען פון די קלירינג=אינסטיטוציעס זײַנען אַרויס=
געלאָזט געוואָרן בלויז אויף גרויסע סומעס, האָבן די קלירינג=
אַנשטאַלטן פון אַנדערע שטעט געשאַפן נויט=געלט, באַשטימט פאַר
דעם אַלגעמיינעם פאַרקער, אַז דאָס זאָל קאָנען באַפרידיקן די

1 John Fullarton. „On the regulation of currencies". 2 ed. 1845, זײַט 59 און ווײַטער.

באדערפענישן פון דעם קליינעם פארקער, צו 1, 2, 5, 10 דאלארן. די דאזיקע געלט=צייכנס האבן גאנץ אומגעשטערט צירקולירט אין די ערטער, וואו זיי זיינען ארויסגעלאזט געווארן, און אין דער נאענטער סביבה. די ארבעטער האבן זיי גענומען אלס לוין, די הענדלער — פאר סחורה אאז"וו; זיי זיינען געגאנגען פון האנט צו האנט, און געוויינלעך איז אויף זיי געווען בלויז א קליינע דיזאזשיא אין פארגלייך מיט מזומן געלט, אויב נאר עס איז איבער=הויפט געווען: ווי וויט גרוים עס איז געווען דער מאנגל אין מזומנים אויך אין ניו=יארק, באווייזט, למשל, דער פאקט, אז אפילו די מעכטיקע Standart Oil Company האט געמוזט אויסצאלן אירע ארבעטער דעם לוין מיט ספעציעלע טשעקן. בלויז אין פארקער מיט די רעגירונגס=אינסטיטוציעס האט מען נישט געקאנט זיך באנוצן מיט דעם נויט=געלט, די גזעלשאפטלעכע קאסעס האבן געפאדערט געזעצלעכע צאלונגס=מיטלען, און נאר אין די פאלן האט מען געמוזט אנקומען צו מזומן געלט. אט דאס איז די הויפט=סיבה פון דעם אזשיא אויף מזומן געלט. די לעצטע טעג, ווען American Sugar Refining Company האט נישט באוויזן צו שאפן דא די נייטיקע סומע געלט אויף אויסצוקויפן פון צאל=אמט א טראנספארט צוקער, איז זי געווען געצוואונגען אויף אין אדער צוויי טעג אפצושטעלן איינקע פון אירע אפטיילונגען".

די אייגנארטיקייט פון אט דער דערשיינונג באשטייט דערין, וואס דער סכום צירקולאציע=מיטלען איז געווען צו קליין פאר דער באדערפעניש פון דעם פארקער. דער קרעדיט=קריזיס האט ארויסגערופן א שטארקע באדערפעניש אין צאלונגען במזומנים, ווייל עס איז געשטערט געווארן די דורכפירונג פון די צאלונגען דורך קרעדיט=געלט (וועקסלען, אריבערטראגן פון זשירעס אאז"וו). עס איז געווארן א גרויסער הונגער אויף מזומן געלט. אבער אין דער צייט, וואס עס האט זיך געפאדערט וואס מער מזומן געלט פאר דעם פארקער, איז דאס מזומנע געלט פאר=שוואונדן פון דעם פארקער און איז אויפגעהיט געווארן אלס רעזערוו [1].

---

[1] אין דעם באריכט, וואס איז צוגעשטעלט געווארן אין מיטן יאנואר 1908 דעם קאנגרעס, האט דער סעקרעטאר פונם אמעריקאנישן מלוכה=אוצר Cortelyon געשאצט די אלגעמיינע סומע פון מזומן געלט, וואס דאס פובליקום האט צוריק=געהאלטן נאך דעם, ווי די Knickerlocker Trust Company האט אפגעשטעלט די צאלונג אין ביז עס איז צוריקגעוואונען געווארן דער צוטרוי, אויף קרוב 296 מיליאן דאלאר. די דאזיקע סומע באטרעפט אן ערך כמעט א צענטל פון דעם גאנצן געלט, וואס געפינט זיך אין פארקער אין די פאראייניקטע שטאטן.

אויפן אָרט פון דעם פאַרשוווּנדענעם געלט האָט מען זיך באַמיט צו שאַפן נײַעס, די קלירינג=שײַנען. אין דער ווירקלעכקייט זײַנען די דאָזיקע בילעטן אַרויסגעלאָזט געוואָרן מיט דער אַלגעמיינער גאַראַנטיע פון די בענק, וועלכע זײַנען געווען פאַרבונדן דורך דעם קלירינג=פאַרקער. אויף אַזאַ אופן איז דאָס געזעצלעכע באַגרעניצן דעם אַרויסלאָז פון באַנקנאָטן פשוט צעקלאַפּט געוואָרן contra אָדער מינדסטנס praeter legem, — פּונקט אַזוי ווי עס איז אין ענגלאַנד בײַ ענלעכע אומשטענדן צעשטערט געוואָרן פּילס אַקט. אָבער דאָס דאָזיקע קרעדיט=געלט האָט נישט געהאַט קיין געזעצלעכע צאָלונגס=קראַפט, און דאָס מזומנע געלט האָט נישט געקלעקט. איז דעריבער דאָס מזומנע געלט געשטיגן און איז אַזוי געבליבן מיט אַ העכערן ווערט (עס האָט באַקומען אַן אַזשיאָ), ביז דער גאָלד=צופלוס פון אייראָפּע, דאָס צוריק אויפשטעלן די נאָרמאַלע קרעדיט=פאַרהעלטענישן און די קאָלאָסאַלע פאַרקירצונג פון דער צירקולאַציע תיכף נאָך דעם קריזיס האָט נישט באַזײַטיקט דעם „געלט=הונגער" און אים נישט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער פליסיקייט פון געלט. די הייך פון אַזשיאָ האָט זיך געענדערט און איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם געזעלשאַפטלעכן צירקולאַציע=ווערט. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס דער אַזשיאָ איז געווען אינגאַנצן גלײַך פאַר דעם פּאַפּיר=געלט און מעטאַל=געלט, — דער בעסטער באַווײַז, אַז ער האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט וועלכער נישט איז שטײַגערונג פון דעם גאָלד=ווערט.

ווי באַוווּסט, האָט דאָס אַרויסלאָזן פּאַפּיר=געלט מיט אַ צוואַנגקורס אָפּט געהאָלפן דער מלוכה צו צאָלן אירע התחייבותן, פאַר וועלכע זי האָט נישט געהאַט קיין מיטלען. דאָס פּאַפּיר=געלט האָט פריער פאַר אַלץ אַרויסגעשטופּט פונם פאַרקער דאָס פולווערטיקע מעטאַל=געלט, וואָס איז אָפּגעפלאָסן קיין אויסלאַנד, למשל, אויף צו דעקן די קריגס=הוצאות [1]. בײַ די ווײַטערדיקע אַרויסלאָזן איז פאָרגעקומען די דעוואַלואַציע פונם פּאַפּיר=געלט. אַלזאָ, פאַר דער וואַלוטע מיט אַ געשלאָסענער פּרעגונג גילט די קוואַנטיטעט=טעאָריע, וועלכע איז דאָך פאָרמולירט געוואָרן אַלס פאַראַלגעמיינערונג פון די באַאָבאַכטונגען, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן אויף דער שוועל פון XVIII אויפן XIX יאָרהונדערט. בשעת

---

1 אין הסכם מיט דעם געלט-געזעץ, אַז דאָס ערגערע געלט שטויסט אַרויס פונם פאַרקער דאָס בעסערע. מיר לייענען בײַ מאַקאָליי'ען: „אַריסטאָפאַנעס איז געווען דער ערשטער שריפטשטעלער, וואָס האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם פאַקט, אַז אויב אין פאַרקער געפינען זיך אײַנצײַטיק גוט און שלעכט געלט, ווערט דאָס גוטע אַרויסגעשטויסן דורך דאָס שלעכטע. ער האָט, אַפּנים, געמיינט, אַז דאָס, וואָס זײַנע מיטבירגער ווײַזן אַרויס אַ גרעסערן אינטערעס צו דעם לײַכטן געלט,

דער צערודערונג פון דער אמעריקאנישער, פראנצויזישער און ענגלישער וואלוטעם. אין אזעלכע פאלן וואלט מען אויך געקאנט ריידן וועגן אינפלאציע, וועגן דער איבערפילונג פון דער צירקולאציע און (אין ספעציעלע פאלן) וועגן מאנגל אין צירקולאציע-מיטלען. פארקערט, ביי פרייער פרעגונג, הגם דער מינימום פון דער צירקולאציע איז אויסגעפילט מיט באפיר-געלט מיט א צוואנג-קורס, איז אן אינפלאציע נישט מעגלעך. דער איבערפלוס פון דעם קרעדיט-געלט קערט זיך באלד אום צוריק צו דעם

נעמט זיך פון זייער שלעכטן געשמאק, וועלכער האט זיי געשטויסן אנצופארטרויען דאס אנפירן מיט וויכטיקע ענינים אזעלכע לייט, ווי קלעאן און היפערבאלוס, נאר אויב זיין פאליטישע עקאנאמיע האלט נישט אויס דעם עקזאמען, זיינען דאך זיינע פערזן אויסגעצייכנט:

Πολλάκις δ'ἡμῖν ἔδοξεν ἡ πόλις πεπονδέναι
ταὐτὸν ἔς τε τῶν πολιτῶν τοὺς καλούς τε κἀγαδούς
ἔς τε τἀρχαῖον νόμισμα καὶ τὸ καινὸν χρυσίον.
οὔτε γὰρ τούτοισιν οὖσιν οὐ κεκιβδηλευμένοις
ἀλλὰ καλλίστοις ἀπάντων, ὡς δοκεῖ, νομισμάτων,
καὶ μόνοις ὀρθῶς κοπεῖσι, καὶ κεκωδωνισμένοις
ἔν τετοῖς Ἕλλεσι καὶ τοῖς βαρβάροισι πανταχοῦ,
χρώμεθ' οὐδέν, ἀλλὰ τούτοις τοῖς πονηροῖς χαλκίοις,
χθές τε καὶ πρωῆν κοπεῖσι τῷ κακίστῳ κόμματι.
Τῶν πολιτῶν θ'οὓς μὲν ἴσμεν εὐγενεῖς καὶ σώφρονας
ἄνδρας ὄντας, καὶ δικαίους, καὶ καλούς τε κἀγάθούς,
καὶ τραφέντας ἐν παλαίστραις καὶ χοροῖς καὶ μουσικῇ,
προυσελοῦμεν, τοῖς δὲ χαλκοῖς, καὶ ξένοις, καὶ πυῤῥίαις,
καὶ πονηροῖς, κἀκ πονηρῶν, εἰς ἅπαντα χρώμεθα."

איבערגעזעצט מיינט דאס: גאנץ אפט איז מיר אויסגעקומען, אז אונזער מלוכה גייט עס מיט אירע איידעלע און פיינע בירגער אזוי, ווי אן אלטער מטבע מיט א נייער, א גאלדענער. יענע, הגם זיי זיינען אין הסכם מיט דער פראבע און אומגעפעלשט אין זייער געשמעלץ, ווי מיר דוכט, פון אלע מטבעות די בעסטע לויט געהאלט, וואס נאר זיי זיינען פון ריכטיקער פרעגונג און קלארן קלאנג און זיינען אנגענומען ביי די זין פון העלאדע און אין אויסלאנד אומעטום, — די נוצט איר נישט, ליבער נוצט איר דאס דאזיקע שלעכטע קופער-גאלד פון ערגסטן מין, אויסגעפרעגט נעכטן און אייערנעכטן. אזוי פארשטויסט איר די בירגער, באוווסטע, איידעלע פון געבוירן און כאראקטער, מענער פיינע, גוטווינשנדיקע, ערלעכע, ערנהאפטע, געדרעכטע און גוטע, גוט דערצויגענע אין גימנאסטיק-שולן, כאר-געזאנג און מוזיקקונסט, און דאס פאלשע גאלד, די פיריאסן, פרעמדלענדישע אויסוואורפן שבאויסוואורפן נוצט איר דרייסט צו אלעמען.

ארויסלאָז־אָרט, דאָס גאָלד־געלט פאַלט אויך אַרײַן אין די באַנק־קעלערן אלס גאָלד־רעזערוו. אין דער זעלבער צײַט איז דאָס גאָלד, אלס אַלגע־מיינער עקוויוואַלענט, די אַלגעמיין גילטיקע און שטענדיק געווּנטשענע פאָרם פון ווערט־אָנזאַמלונגען און פון רײַכקייט. עס וואָלט פּשוט געווען אַן אומזין אָנצוזאַמלען פּאַפּיר־געלט מיט אַ צוואַנג־קורס, ווײַל בלויז זײַן דער אינערלעכער צירקולאַציע פון דעם לאַנד דערשײַנט דאָס אלס ווערט. גאָלד ווידער איז וועלט־געלט און בילדעט די רעזערוון פאַר אַלערליי אויסגאַבן. דעריבער איז די גאָלד־אָנזאַמלונג שטענדיק ראַציאָנעל. דאָס גאָלד איז אויך אויסער דער צירקולאַציע אַ זעלבשטענדיקע פאַרקערפּערונג פון ווערט, בשעת דאָס פּאַפּיר־געלט באַקומט דעם „קורס" נאָר אין דער צירקולאַציע.

אַז דאָס פּאַפּיר־געלט איז ארויסגעלאָזט אין אַן איבערמאָס, ווײַזט זיך ערשט ארויס, ווען דער ווערט פון דעם פאַרקלענערט זיך אין פאַרגלײַך מיט דעם מעטאַל, וועלכן דאָס דאַרף פאַרטרעטן. אָבער אין אַ געגע־בענעם מאָמענט איז פאַראַן פּאַפּיר־געלט נישט־מער און נישט־ווייניקער, ווי דאָס פאָדערט די צירקולאַציע. לאָמיר זאָגן, אַז די צירקולאַציע פאָ־דערט 1 מיליאָן גולדן, און די מלוכה האָט צוליב אירע צאָלונגען אויפ־געצוווּנגען דער צירקולאַציע 2 מיליאָן גולדן; די פּרײַזן זײַנען נאָמינעל טאָפּלט געשטיגן און פאָדערן איצט 2 מיליאָן פּאַפּיר־גולדן. די לעצטע האָבן איצט אָנגעוואָרן פון זייער ווערט, ווײַל זיי זײַנען ארויסגעלאָזט געוואָרן מיט אַ גרויסן איבערפלוס, נאָר קוים האָט מען זיי שוין ארויס־געלאָזט, פאָדערט זיי שוין אויך די צירקולאַציע. הייסט עס, אַז זיי קאָנען שוין אויטאָמאַטיש נישט ארויסגיין פון דער צירקולאַציע, זייער סומע קאָן בײַ דער פרי̇ערדיקער סחורה־סומע פאַרקלענערט ווערן בלויז אין דעם פאַל, ווען די מלוכה וועט זיי פאַרניכטן, און מחמת דעם וועט די איבערגעבליבענע געלט־סומע, וואָס געפינט זיך אין דער צירקולאַציע, פּראָפּאָרציאָנעל געהעכערט ווערן אין קורס. געוויינלעך, וואָלט דאָס פאַר דער מלוכה געווען אַזאַ היזק, פּונקט אַזוי, וויפיל ס'האָט באַטראָפן פרי̇ער דער ריווח, בשעת זי האָט ארויסגעלאָזט דאָס פּאַפּיר־געלט. דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז דאָ דאָס, וואָס בײַ אַ געשלאָסענער פּרעגונג און בײַ ווערטלאָזע אָדער אונטערווערטיקע צירקולאַציע־מיטלען, מוז די גאַנצע סומע געלט בלײַבן אין דער צירקולאַציע און קאָן פון איר נישט ארויס־טרעטן, ווײַל, אין וואָס פאַר אַ צאָל דאָס געלט זאָל נישט ארויסגעלאָזט ווערן, וועט דער קורס פון דער דאָזיקער סומע באַשטימט ווערן דורך דעם ווערט פון די סחורות, וואָס געפינען זיך אין דער צירקולאַציע. אַנדערש איז בײַ אַ פרײַער פּרעגונג. דאָ טרעט דאָס גאָלד אַרײַן אין דער

צירקולאַציע און גייט אַוועק פון דאָרט, אָפּהענגיק פון די באַדערפענישן, און דער עודף בלייבט שטענדיק ליגן אין די בענק אַלס ווערט-פאַרקער-פּערזונג. הייסט עס, אַז דאָ קאָן פון אָנהייב אָן גאָר קיין רייד נישט זיין פון אַזעלכע ווערט-ענדערונגען, וועלכע, ווי די קוואַנטיטעט-טעאָריע האָט געהאַלטן, זאָלן אַרויסדרינגען פון דעם, אַז אין דער צירקולאַציע געפינט זיך צופיל אָדער צו ווייניק געלט (פולווערטיק מעטאַל-געלט).

אַלזאָ, ביי ריינער פּאַפּיר-וואַלוטע ווערט די פּרייזן-סומע, וואָס ווערט רעפּרעזענטירט דורך דאָס פּאַפּיר-געלט, אויב נאָר די צירקולאַציע-געשווינדקייט בלייבט די זעלביקע, געענדערט גלייך פּראָפּאָרציאָנעל צום סך-הכל פון די סחורה-פּרייזן און אומגעקערט-פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל פון די אַרויסגעלאָזטע פּאַפּירגעלט-איינסן. דאָס זעלבע געזעץ בלייבט אין זיין קראַפט, אויב, ביי אַ געשלאָסענער פּרעגונג, ווערט די צירקולאַציע באַדינט מיט אַ מינדערווערטיקן מעטאַל, — בלויז מיט דעם אונטערשייד, אַז דורך דעם פּרייז פון דעם מעטאַל אויפן וועלט-מאַרק איז דאָ געגעבן די נידעריקסטע גרעניץ פון דער דעוואַלואַציע. די מטבע קאָן אויך ביי פאַרגרעסערטע אַרויסלאָזן נישט פאַלן נידעריקער פון דער דאָזיקער גרעניץ. אָבער, אויך ביי דער גאָלד-וואַלוטע, אין פאַל, ווען עס וואָלט געשלאָסן געוואָרן די פּרייע פּרעגונג, — ד"ה, דאָס רעכט, אַז פּריוואַטע פּערזאָנען זאָלן צו יעדער צייט קאָנען באַקומען זייער גאָלד אין געשטאַלט פון אויסגעפּרעגטע מטבעות, — וואָלט געקאָנט קומען צו אַ שטייגערונג פון דעם מטבע-ווערט אין פאַרגלייך מיט דעם נישט-אויסגע-פּרעגטן מעטאַל [1]. אין אָט די אַלע פאַלן ווערן די צירקולאַציע-מיטלען נישט

[1] מיט גרעסטן אומגעדולד וואָלט מען דאַן געדאַרפט וואַרטן אויף די דער-קלערונגען פון די היינטצייטיקע עקאָנאָמיסטן. אין דער העלפט פון די 90ער יאָרן, ווען די גאָלד-פּראָדוקציע איז שנעל געוואַקסן און אין דער זעלבער צייט איז אויך געוואַקסן דער צופלוס פון געלט און די צינזן זיינען געווען נידעריקע (דער בערזע-דיסקאָנט אין לאָנדאָן איז געווען נידעריקער פון 1%), איז אין ענגלאַנד דיסקוטירט געוואָרן דער געדאַנק וועגן אָפּשטעלן די פּרייע גאָלד-פּרעגונג.

אָבער האָט נאָך טוק באַהאַנדלט אָט די פּראָבלעם. געלעגנהייטס דערצו האָבן געגעבן די קאָנטראָווערזן וועגן דער נוצלעכקייט און ווירקונג, וואָס עס קאָן האָבן דאָס איינפירן אַן אָפּצאָל פאַר דער פּרעגונג (Peignorage, Prägegebühr, Schlagschatz). ריקאַרדאָ האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעזאָגט פאַר אַזאַ אָפּצאָל אין דער הייך פון 5%. „די אונטערווערטיקע מטבע (debased coinage), אָדער אַזאַ, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דעם פּרעגונג-אָפּצאָל, אויב נאָר עס וועט אייגנטליך נישט באַגרענעצט ווערן דער אַלגעמיינער סכום פון דעם געלט, וואָס געפינט זיך אין דער צירקולאַציע, וועט, נאַטירלעך, נישט האָבן יענעם טויש-ווערט (not be of the same value in exchange) ווי אין דעם פאַל, ווען די מטבע וואָלט געווען אַ פולווערטיקע און עס וואָלט שטרענג דורכגעפירט געוואָרן דער פּרינציפּ פון באַגרעניצונג. אַלס אילוסטראַ-

קיין געלט, — הייסט עס, נישט קיין גאָלד־צייכן, נאָר ווערט־צייכן. אָבער דער לעצטער באַקומט זײַן ווערט נ י ש ט פון דעם ווערט פון וועלכער נישט איז סחורה, ווי בײַ א געמישטער וואַלוטע, ווען דאָס פּאַפּיר, וואָס איז פּשוט א פאַרטרעטער פונם גאָלד, באַקומט זײַן ווערט פון דעם גאָלד, פאַרקערט, דאָ, בײַ דער אומפאַרענדערלעכער גיכקייט פון דער געלט־צירקולאַציע, האָט די גאַנצע מענגע פּאַפּיר־געלט דעם זעלביקן ווערט, ווי דער גאַנצער סכום סחורות, וואָס געפינט זיך אין צירקולאַציע. הייסט עס, אַז דער ווערט פון דעם פּאַפּיר־געלט איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן צירקולאַציע־פּראָצעס. אין אַט דעם פּראָצעס פונקציאָנירן אין יעדן געגעבענעם מאָמענט אַלע סחורות, וואָס קאָנען אויסגעטוישט ווערן, אַלס איין אוז איינציקע ווערט־סומע, אַלס איינהייט, קעגן וועלכער עס ווערט דורך דעם געזעלשאַפטלעכן פּראָצעס פון אויס־

ציע ברענגט טוק פאָלגנדיקן פאַל: „זאָל די צירקולאַציע פון דעם לאַנד באַדינט ווערן בלויז מיט גאָלד און זאָל זי באַטרעפן 20 מיליאָן סעווערינס פון דער זעלבער מאָס און דער זעלבער פּראָבע, ווי די הײַנטיקע; און אויב יעדע מטבע וועט פּלוצים פאַרקלענערט ווערן אויף $^{1}/_{20}$ אָדער אויף $5^{0}/_{0}$, און די צאָל מטבעות איז געבליבן ווי געווען, ד״ה 20 מיליאָן, — דעמאָלט וועט, בײַ די אַנדערע גלײַכע אומשטענדן, בײַ די אומפאַרענדערטע פאַרהעלטענישן פון די סחורות אא״וו צו דער צאָל מטבעות, אין די פּרײַזן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, קיין ענדערונג נישט פאָרקומען. און אויב דאָס גאָלד אין שטאַבעס האָט פריער אויפן מאַרק געקאָסט 3 פונט שטערלינג 17 שילינג $10^{1}/_{2}$ פּענס פאַר אַן אונץ, וועט דער פּרײַז, בײַ די אַנדערע גלײַכע אומשטענדן, בלײַבן דער זעלביקער, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, 46 פונט שטערלינג 14 שילינג 6 פּענס גאָלד אין א מטבע, וואָס וועגט $^{19}/_{20}$ פון א פונט, וואָלט אויפן מאַרק געקאָנט קויפן א גאַנצן פונט גאָלד אין שטאַבעס פון דער זעלבער פּראָבע. אָבער ווען מען זאָל נעמען דעם סכום גאָלד, וואָס האָט זיך באַקומען מחמת דער פאַרקלענערטער גרייס פון אַלע פריערדיקע מטבעות און מ׳זאָל דאָס איבערמינצן אין א צוגאָב־צאָל גאָלדענע מטבעות און דאָס וואַרפן אין דער צירקולאַציע, וואָלטן 21 מיליאָן איצט געהאַט נישט קיין גרעסערע קויף־קראַפט, ווי די פריערדיקע 20 מיליאָן (The twenty-one millions would then exchange for no more than former twenty millions). אַלע סחורות וואָלטן געשטיגן אין פּרײַז אויף $5^{0}/_{0}$ און בתוכם אויך דאָס גאָלד אין שטאַבעס, וואָס וואָלט איצט געקאָסט 4 פונט שטערלינג 1 שילינג $9^{1}/_{4}$ פּענס פאַר אַן אונץ, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, פאַר 46 פונט שטערלינג 14 שילינג 6 פּענס אין מטבעות וואָלט מען איצט געקאָנט קויפן בלויז $^{19}/_{20}$ פונט גאָלד אין שטאַבעס.

„דאָס איז דער צענטראַל־פּונקט פון אַלע רעזאָנירונגען וועגן די צירקולאַציע־מיטלען (currency); ס׳איז גאַנץ קלאָר, ווי אַזוי מען זאָל דאָס אָנווענדן, ווען מען רעדט וועגן דער מלוכה־מאַכט, וועלכע, באַנוצנדיק זיך מיט איר עמיסיע־מאָנאָפּאָל, קאָן העכערן דעם נאָמינעלן ווערט פון דער מטבע, בײַ אויסשליסלעכער מעטאַל־צירקולאַציע, העכער פון איר אינערלעכן ווערט (intrinsic value)". זע Tooke: History of Prices vol. I, זײַט 120 און ווײַטער.

טויש אוועקגעשטעלט די גאנצע סומע פאפיר=געלט אלס גלייכע איינהייט.

אבער שוין פון דעם אליין, וואס עס איז ביז איצט געזאגט געווארן, איז קלאר, אז אזא ריינע פאפירגעלט=וואלוטע קאן נישט א לענגערע צייט אנטשפרעכן אט די פאדערונגען, וועלכע ווערן געשטעלט צו די צירקולאציע=מיטלען. אזוי ווי דער ווערט פון דעם פאפיר=געלט ווערט באשטימט דורך דער ווערט=סומע פון די סחורות, וועלכע געפינען זיך אין יעטווידן מאמענט אין דער צירקולאציע, און די דאזיקע סומע וואקלט זיך שטענדיק, מוז אויך דער ווערט פון דעם געלט ליידן פון שטענדיקע וואקלונגען. דאס געלט וואלט שוין נישט געווען די מאס פון סחורה=ווערט, נאר, פארקערט, זיין אייגענער ווערט וואלט אויסגעמאסטן געווארן דורך דער געגעבענער צירקולאציע=באדערפעניש, הייסט עס, דורך דעם ווערט פון די סחורות ביי א גלייכער אומפארענדערלעכער צירקולאציע=גיכקייט. הייסט עס, אז ריין פאפיר=געלט איז אוממעגלעך, ווייל די צירקולאציע וואלט אלס שטענדיקע זאך געווען אויסגעשטעלט אויף שטענדיקע פערטורבאציעס.

אבסטראקט גענומען, וואלט דער צושטאנד פון א ריינער פאפיר=געלט=וואלוטע זיך געלאזט קאנסטרואירן אויף פאלגנדיקן אופן. לאמיר זיך פארשטעלן א געשלאסענע האנדלס=מלוכה, וואס לאזט ארויס פאפיר=געלט מיט א צוואנג=קורס אין א צאל, וואס איז גענוג פאר די דורכשניטלעכע באדערפענישן פון דער צירקולאציע. די סומע פון דעם ארויסגעלאזטן פאפיר=געלט קאן נישט פארגרעסערט ווערן. אויסער אט דעם פאפיר=געלט האבן די צירקולאציע אויך באדינט באנקנאטן אד"גל, פונקט אזוי, ווי ביי א מעטאלישער סיסטעם. לויט דער אנאלאגיע מיט דער געוויינלעכער איצטיקער געזעצגעבונג וועגן די עמיסיע=בענק, דינט דאס פאפיר=געלט אלס דעקונג פון די באנקנאטן, וועלכע ווערן איבעריקנס באנקמעסיק געדעקט. קוים ווערט די צאל פון דעם פאפיר=געלט נישט פארגרעסערט, פארזיכערט דאס שוין פון דעוואלואציע. דאס פאפיר=געלט וואלט, אפהענגיק פון די פארהעלטענישן פון דער צירקולאציע, פונקט אזוי ווי דאס גאלד, געפלאסן אין באנק אריין אדער עס וואלט אויפגעהיט געווארן ביי פריוואטע פערזאנען, ווען די צירקולאציע וואלט זיך פארקלענערט, און וואלט צוריק געפלאסן אין דער צירקולאציע, ווען זי וואלט זיך ווידער פארגרעסערט. אין יעטווידן מאמענט וואלט אין דער צירקולאציע געווען פונקט דער נייטיקער מינימום פון צירקולאציע=מיטלען און די וואקלונגען פון דער צירקולאציע וואלט באפרידיקט די פארגרעסערטע אדער פארקלענערטע צאל באנקנאטן. הייסט עס, אז דער ווערט פון אזא

מלוכה=פּאַפּירגעלט וואָלט געווען אַ באַשטענדיקער. בלויז אין דעם פאַל, ווען עס וואָלט צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן דער קרעדיט און עס וואָלט געוואָרן אַ געלט=קריזיס, וואָלט די צאָל מזומן פּאַפּיר=געלט צייטווייליק געקאָנט ווערן נישט גענוג, און עס וואָלט באַקומען אַן אזשיאָ, ווי עס איז געווען דער פאַל מיטן גאָלד און גרינבעקס ביים לעצטן געלט=קריזיס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער אין דער ווירקלעכקייט קאָן אַזאַ פּאַפּירגעלט=סיסטעם גאָר נישט געמאָלט זיין. ראשית=כל, וואָלט דאָס דאָזיקע פּאַפּיר=געלט געוואָרן גילטיק בלויז אין די גרעניצן פון איין מלוכה; פאַר דעם אויסגלייך פון דעם בילאַנס פון די אינטערנאַציאָנאַלע צאָלונגען פאָדערט זיך מעטאַל, געלט, וואָס באַזיצט אַליין אַן אייגענעם ווערט. און ווייבאַלד אַזוי, מוז אויך דער ווערט פון דעם געלט, וואָס געפינט זיך אין פאַרקער אין לאַנד, געהאַלטן ווערן אויף דעם זעלבן ניוואָ מיט די אינטערנאַציאָנאַלע צאָלונגס=מיטלען, — אַנדערש וואָלט דאָס געשטערט די האַנדלס=באַציִונגען. אָט די לעצטע פאָדערונג באַפרידיקט, למשל, די סיסטעם און די פּאָליטיק פון דער עסטרייכישער וואַלוטע, און עס איז דערביי גאָרנישט נייטיק, אַז דאָס מעטאַל=געלט זאָל זיך געפינען אין דער אינערלעכער צירקולאַציע. און אַזוי ווי, אַלס פאָראויסזעאונג פון די דאָזיקע נייסטע דערפאַרונגען אויף דעם געביט פון די וואַלוטעס, האָט מאַרקס געשריבן: „די גאַנצע געשיכטע פון דער מאָדערנער אינדוסטריע באַווייזט, אַז קוים וואָלט די פּראָדוקציע אין לאַנד געווען אָרגאַניזירט, וואָלט דאָס מעטאַל=געלט זיך געפאָדערט בלויז אויף צו באַצאָלן די סאַלדאָ פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן=האַנדל, ווען זיין גלייכוואָג וואָלט צייטווייליק געשטערט געוואָרן. אַז דאָס אינלאַנד דאַרף שוין נישט קיין מעטאַל=געלט, באַווייזט דאָס אָפּשטעלן די צאָלונגען מצד די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַל=בענק, צו וועלכע מען מוז בשעת צרה אָנקומען אַלס צו דעם איינציקן הילפס=מיטל“ [1].

1 Marx, „Kapital“ (דייטש) III 2, זייט 55 איבעריקנס, בשעת מען לייענט מאַרקס געוויסע באַמערקונגען וועגן די געלט=פּראָבלעמען, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַזוי ווי אייניקע אויספירונגען, וואָס דרינגען ארויס פון זיין געלט=טעאָריע, האַלטן אין זיין באַוווסטזיין געפירט אַ קאַמף קעגן די אָנשויונגען, וואָס נעמען זיך פון דעם עמפּירישן מאַטעריאַל פון זיין צייט און האָבן נישט געקאָנט ענדגילטיק באַזייטיקט ווערן בלויז אויפן לאָגישן אופן. די נייסטע דערפאַרונגען באַשטעטיקן גראָד די לעצטע אויספירונגען, וועלכע מען קאָן מאַכן פון מאַרקס טעאָריע וועגן געלט און ווערט.

אויב מאַרקס שטרייכט אונטער, אַז אין דער צירקולאַציע קאָן זיך געפינען נאָר אַזויפיל פּאַפּיר=געלט, וויפיל גאָלד זי פאָדערט, איז, כדי צו פאַרשטיין די הייניקע דערשיינונגען אין באַהאַנדלטן געביט, מיז מען דערמאָנען, אַז די דאָזיקע

דאָן אָבער גיט זיך די דאָזיקע וואַלוטע אין דער פּראַקטיק נישט אײַן צוליב דעם אומשטאַנד, וואָס דאָ וואָלט נישט מעגלעך געווען קיין שום גאַראַנטיע, אַז די מלוכה וועט נישט פאַרגרעסערן די צאָל פון דעם מין פּאַפּיר-געלט, און ווײַטער, גאָלד-געלט, וואָס באַזיצט אַן אייגענעם ווערט, — איז שטענדיק נויטווענדיק אַלס אַ מיטל אויפצוהיטן רײַכקייט אין אַזאַ פאָרם, אַז מען קאָן דאָס אין יעדן מאָמענט אויסנוצן [1].

דעריבער קאָן דאָס געלט און אַפילו דער ווערטפולער געלט-מאַטעריאַל, ווי, למשל, גאָלד, קיינמאָל פולשטענדיק נישט פאַרביטן ווערן אין דער צירקולאַציע מיט פּשוטע צייכנס, — אַזיסט וועט געשטערט

גאָלד-מענגע, קוים איז איר ווערט פון אַ באַשטימטער גרייס, ווערט אין יעדן מאָמענט באַשטימט דורך דעם געזעלשאַפטלעכן צירקולאַציע-ווערט; אויב זי ווערט קלענער, דאַן אַנטלויפט דאָס גאָלד פון דער צירקולאַציע; אויב פאַרקערט — איז פאַרקערט. בײַ אַ פּאַפּיר-וואַלוטע און בלאָקירטער וואַלוטע וואָלטן בכלל נישט געקאָנט געמאָלט זײַן די דאָזיקע צופלוסן און אָפּפלוסן צו און פון דער צירקולאַציע, ווײַל דער נישט-צירקולירנדיקער פּאַפּיר-צייכן וואָלט דאָך געוואָרן מינדערווערטיק. הייסט עס, אַז מען מוז זיך דאָ אומקערן צו דעם צירקולאַציע-ווערט, אַלס צו דעם באַשטימענדיקן מאָמענט; מען קאָן זיך דאָ נישט באַגניגענען מיט דעם, וואָס מען וועט דעם געלט-צייכן באַטראַכטן אַלס פּשוטן סימבאָל פון גאָלד, ווי מאַרקס טוט דאָס אין זײַן „Zur kritik der politischen Oekonomie“.

מיר דוכט, אַז ריכטיקער פון אַלץ האָט מאַרקס פאָרמולירט די געזעצן פון דער פּאַפּיר- (אָדער בלאָקירטער) וואַלוטע, ווען ער זאָגט: „די ווערטלאָזע מאַרקן זײַנען נאָר אויף אַזויפיל ווערט-צייכנס, אויף וויפיל זיי פאַרטרעטן אין דעם צירקולאַציע-פּראָצעס דאָס גאָלד, און זיי פאַרטרעטן דאָס נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל דאָס לעצטע וואָלט אַלס מטבע אַליין געקאָנט אַרײַנגעטרעטן אין דעם פּראָצעס פון דער צירקולאַציע; אַ קוואַנטיטעט, וואָס איז באַשטימט דורך זײַן אייגענעם ווערט, אויב עס זײַנען געגעבן די טוישווערטן פון די סחורות און די גיכקייט פון זייערע מעטאַמאָרפאָזן“. („Zur Kritik der politischen Oekonomie“ זײַט 113). איבעריק איז נאָר דער אומוועג, מיט וועלכן מאַרקס לאָזט זיך, באַשטימענדיק פריער דעם ווערט פון דער נייטיקער צאָל מטבעות און ערשט דורך איר — דעם ווערט פון דעם פּאַפּיר-געלט. דער ריין געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פון אָט דער באַשטימונג טרעט אַרויס פיל שאַרפער און קלאָרער, ווען מען פירט אַרויס דעם ווערט פון דעם פּאַפּיר-געלט דירעקט פון דעם געזעלשאַפטלעכן צירקולאַציע-ווערט. דאָס, וואָס די פּאַפּירגעלט-וואַלוטעס האָבן זיך היסטאָריש גענומען פון מעטאַל-וואַלוטעס, איז נאָך קיין גרונט נישט צו באַטראַכטן זיי אַזוי אויך טעאָרעטיש. דער ווערט פון דעם פּאַפּיר-געלט מוז אַרויסגעפירט ווערן, נישט אָנקומענדיק צו דעם מעטאַל-געלט.

1 דעריבער איז נישט ריכטיק, ווען העלפעריך זאָגט: „טעאָרעטיש גענומען, וואָלט מעגלעך געווען צוצופּאַסן ריין פּאַפּיר-געלט צו די וואַקלונגען פון דעם געלט-באַדאַרף פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט און אויף אַזאַ אופן אויסמײַדן אַנדערע שטערונגען, וואָס קאָנען אַנטשטיין בײַ די מעטאַלישע וואַלוטעס מחמת די איבעררוקונגען פון דעם גלײַכגעוויכט צווישן דעם געלט-באַדאַרף פון איין זײַט, און דער געלט-פאַרזאָרגונג, פון דער צווייטער“. („Das Geld“ זײַט 470).

ווערן איר גאנג. דעריבער געפינט זיך פאקטיש שטענדיק, אפילו ביי ריינער פאפיר=וואלוטע, אין דער צירקולאציע אויך פולווערטיק געלט, למשל, פאר דעם אויסלענדישן האנדל. מיט פאפיר=געלט קאן שטענדיק פארביטן ווערן נאר דער מינימום, וואס נידעריקער פון אים קאן שוין די צירקולאציע, ווי די דערפארונג באווייזט, נישט גיין. אבער דאס באווייזט גלייכצייטיק, אז דער ווערט פון געלט, ווי פון סחורה, איז נישט קיין אימאזשינערער און אז ער מוז זיין אן אביעקטיווע גרייס. די אוממעגלעכקייט פון אן אבסאלוטער פאפיר=וואלוטע איז א געגויער עקספערימענטאלער באוויז פאר דער אביעקטיווער ווערט=טעאריע, און פונקט אזוי, נאר אויפן גרונט פון דער דאזיקער ווערט=טעאריע, קאנען דערקלערט ווערן יענע אייגנארטיקע דערשיינונגען, וועלכע אנטפלעקן זיך אין דער ריינער פאפיר=וואלוטע און בכלל אין דער וואלוטע מיט א געשלאסענער פרעגונג.

דאקעגן איז ראציאנעל צו פארבייטן דאס פולווערטיקע געלט, דאס גאלד, דורך רעלאטיוו=ווערטלאזע צייכנס אין דער מאס, ווי עס דערלויבט דאס דער צירקולאציע=מינימום. ווארום אין דעם פראצעס ס—ג—ס איז דאס געלט איבעריק פאר דעם אינהאלט פון דעם פראצעס, פאר דעם גזעלשאפטלעכן שטאף=וועקסל, — זיי שאפן בלויז הוצאות, וואס מען קאן זיי איינשפארן [1]. און נאר ביי דעם באדינג, אויב אין דער צירקולאציע געפינט זיך פאפיר=געלט פונקט אין אזא צאל, איז דאס נישט דער רעפרעזענטאנט פון דעם ווערט פון די סחורות, נאר פון דעם גאלד, נישט קיין סחורה=סימבאל, נאר א גאלד=סימבאל. אין אט די גרענעצן גילטן נאך ביז היינט מארקס אויספירונגען: „אויף וויפיל דער פראצעס ס—ג—ס שטעלט פאר בלויז די איינהייט אין דער באוועגונג אדער דאס דירעקטע איבערפלעכטן זיך פון צוויי מעטאמארפארזן, — און אזוי שטעלט ער זיך טאקע פאר אין דער צירקולאציע=ספערע, ווו ער פונקציאנירט אלס ווערט=צייכן, — באקומט דער טוישווערט פון די סחורות

---

1 פאפיר-געלט איז אלזא נישט קיין „דעפעקטיוו" אדער „שלעכט, מינדער-ווערטיק" געלט; אויב עס געפינט זיך אין פארקער אין דער געהעריקער פראפארץ, איז דאס נישט אין סתירה צו די עקאנאמישע געזעצן. און נאר דאס נישט קלארע פארשטיין די לעצטע צווינגט ס'רוב „מעטאליסטן" צוצושרייבן דעם וועזן פון יעט-ווידער פאפיר-וואלוטע די מיסברויכן, וועלכע זיינען געמאכט געווארן פולקום באוווסט-זיניק, אדער מחמת נישט קענען די טעאריע, און עס כאפט זיי ממש אן אן אבער-גלויבלעכע שרעק נישט נאר פאר יעדער נישט צעטוישבארער מלוכה-נאטע, ביי'ערט אויך פון יעדן אומשולדיקן קליינעם באנקנאט. דאס זיינען גליתן — אבער נישט אין דער טעאריע — וואס שרעקן זיך פאר דודן, און וואס קלענער דער באנקנאט, אלץ גרעסער איז זייער שרעק.

אין דעם פּרײַז בלויז אַן אידעאַלע סימבאָלישע עקזיסטענץ, וואָס געפינט פאַר זיך דעם אויסדרוק אין דעם געלט. הייסט עס, אַז דער טוישווערט דערשײַנט דאָ בלויז אַלס געדאַכטע אָדער מאַטעריעל פאַרגעשטעלטע, אָבער אַ ווירקלעכקייט באַזיצט זי ערשט אין די סחורות גופא, אויף וויפיל עס איז אין זיי מאַטעריאַליזירט אַ באַשטימטער קוואַנטום אַר-בעטס-צײַט. דעריבער דוכט זיך, אַז דער ווערט-צייכן רעפּרעזענטירט בלומרשט דירעקט דעם ווערט פון די סחורות, ווײַל ער איז נישט דער סימבאָל פון גאָלד, נאָר דער סימבאָל פון דעם טוישווערט, וועלכער דריקט זיך בלויז אויס אין דעם פּרײַז און עקזיסטירט בלויז אין דער סחורה גופא. אָבער דאָס געדאַכטע איז פאַלש. דער ווערט-צייכן איז דירעקט בלויז אַ פּרײַז-צייכן, הייסט עס, דער סימבאָל פון גאָלד, און בלויז אויבן אומוועג — איז ער אַ צייכן פון דעם ווערט פון דער סחורה.

„דאָס גאָלד האָט נישט פאַרקויפט זײַן שאָטן, אַזוי ווי פּעטער שלעמיעל, נאָר פאַרקערט, ער קויפט פאַר זײַן שאָטן. הייסט עס, אַז דער ווערט-צייכן ווירקט נאָר אויף אַזויפיל, וויפיל ער שטעלט פאָר אין דעם פּראָצעס פון דער צירקולאַציע דעם פּרײַז פון איין סחורה לגבי דער אַנדערער אָדער ער שטעלט פאָר דאָס גאָלד לגבי יעדן סחורה-באַזיצער. אַ באַשטימטע זאַך, וואָס האָט רעלאַטיוו קיין ווערט נישט — אַ שטיקל לעדער, אַ צעטל פּאַפּיר אאַז״וו, — ווערט לכתּחילה מחמת געוווינהייט אַ צייכן פון געלט-מאַטעריאַל, אָבער אָנגענומען ווערט עס ערשט אַלס אַזאַ, ווען זײַן עקזיסטענץ אַלס סימבאָל ווערט גאַראַנטירט דורך דעם אַלגעמיינעם ווילן פון די סחורה-באַזיצערס, ד״ה, בעת ער באַקומט אַ געזעצלעך קאָנווענציאָנעלע עקזיסטענץ און דעריבער אויך אַ צוואַנגקורס. דאָס מלוכהשע פּאַפּיר-געלט מיט אַ צוואַנג-קורס — דאָס איז די העכסטע פאָרם פון דעם ווערטצייכן און די איינציקע פאָרם פון פּאַפּיר-געלט, וואָס וואַקסט דירעקט אַרויס פון דער מעטאַלישער צירקולאַציע אָדער פון דער איינפאַכער סחורה-צירקולאַציע גופא“ 1.

אונזער הנחה וועגן אַ ריינעם פּאַפּיר-געלט, וואָס עקזיסטירט אָן אַ דערגאַנצונג פון גאָלד, באַווײַזט אַלזאָ ווידער די אוממעגלעכקייט, אַז סחורות זאָלן דירעקט דינען איינע די אַנדערע אַלס אויסדרוק פון זייער אייגענעם טויש-ווערט; און פאַרקערט ווײַזט זיך אַרויס די נויטווענדיקייט איבערצוגיין צו דעם אַלגעמיינעם עקוויוואַלענט, וואָס ער קאָן זײַן נאָר אַ סחורה און דורך דעם אויך אַ ווערט.

---

1 **Marx**, „Zur Kritik der politischen Oekonomie“, זײַט 109 — 110.

ס'איז קלאָר, אויב פאַר דער גאַראַנטיע, אַז די מטבע איז אַ ריכטיקע, פאָדערן זיך אַלגעמיינע שריט פון די פראָדוצענטן, איז פאַר דעם פאַפּיר=געלט פאָדערט זיך דאָס אַוודאי און אַוודאי. דער נאַטירלעכער אָרגאַן דערצו איז די מלוכה, די איינציקע באַוווּסטזיניקע אָרגאַניזאַציע, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט קען און וואָס באַזיצט נאָך דערביי אַ צוואַנגס=קראַפט. דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פון דעם געלט באַווייזט זיך דאָ אוממיטלבאַר אַלס אַזעלכער אין דער געזעלשאַפטלעכער רעגולירונג דורך דער מלוכה. גלייכצייטיק ווערן דורך די מלוכה=גרעניצן באַשטימט אַט די גרעניצן, אין וועלכע די מטבעות און דאָס פאַפּיר=געלט קאָנען פונקציאָנירן אין דער צירקולאַציע, — אַלס וועלט=געלט ווערט דאָס גאָלד און זילבער אָנגענומען לויט זייער וואָג.

קאַפּיטל דריי

דאָס געלט אַלס צאָלונגס-מיטל.
דאָס קרעדיט-געלט

ביז איצט האָבן מיר דאָס געלט באַטראַכט אַלס צירקולאַציע-מיטל, אָנגעוויזן די נויטווענדיקייט פון זײַן אָביעקטיוון ווערט און אָנגעמערקט די גרעניצן פון דער דאָזיקער נויטווענדיקייט און אַז דאָס געלט קאָן פאַרביטן ווערן מיט צייכנס. אין דעם צירקולאַציע-פּראָצעס ס—ג—ס באַווײַזט זיך די איינע און די זעלביקע ווערט-גרייס אין אַ טאָפּלטן געשטאַלט: איין מאָל, אַלס סחורה, און דאָס צווייטע מאָל — אַלס געלט. אָבער די סחורה קאָן מען פאַרקויפן, און צאָלן וועט מען פאַר איר דאַרפן ערשט שפּעטער. דאָס איבערגיין פון דער סחורה פון איין אָרט אויפן אַנדערן איז געשען פריער, איידער איר ווערט איז פאַרביטן געוואָרן אויף געלט. דער פאַרקויפער ווערט אַ קרעדיטאָר, און דער קויפער — אַ בעל-חוב. אַדאַנק דעם, וואָס דער פאַרקויף און דאָס צאָלן זײַנען צעטיילט, האָט דאָס געלט באַקומען אַ נײַע פונקציע, עס איז געוואָרן אַ צ אָ ל ו נ ג ס - מ י ט ל. דאָס, וואָס די עקוויוואַלענטן פון סחורה און געלט פלעגן זיך איינצײַטיק באַווײַזן אויף ביידע פּאָלוסן פון דעם פאַרקויף-פּראָצעס, האָט אויפגעהערט. דאָס צאָלונג-מיטל טרעט אַרײַן אין דער צירקולאַציע, אָבער ערשט נאָכדעם, ווי די סחורה איז שוין פון איר אַרויסגעטרעטן. דאָס געלט איז שוין מער נישט קיין פאַרמיטל-רינג אין דעם פּראָצעס, נאָר עס שליסט אים שוין זעלבשטענדיק אָפּ. אויב דער בעל-חוב, דער קויפער, האָט נישט קיין געלט, מוז ער פאַרקויפן סחורה, כּדי ער זאָל קאָנען צאָלן. אויב ער וועט נישט צאָלן, וועט מען דורך עקזעקוציע פאַרקויפן זײַן האָב און גוטס. אין הסכּם מיט דער געזעלשאַפטלעכער נויטווענדיקייט, וואָס נעמט זיך פון די פאַרהעלטענישן פון דעם צירקולאַציע-פּראָצעס גופא, ווערט דאָס געלט, די

ווערט־פאָרם פון דער סחורה איצט פארוואנדלט אין אַ זעלבסטצוועק פון דעם פארקויף־אַקט. אַלס צירקולאַציע־מיטל בארינגט דאָס געלט דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענהאַנג צווישן קויפער און פארקויפער, הייסט עס, אַז דער דאָזיקער צוזאַמענהאַנג גופא אנטשטייט בלויז אדאַנק דער פאַר־מיטלונג פון דעם געלט; דאַקעגן, אַלס צאָלונג־מיטל דריקט דאָס געלט אויס דעם צוזאַמענהאַנג, וועלכער האָט זיך שוין געשאַפן, נאָך איידער עס איז געקומען די ריי פאַר די פונקציעס פון דעם געלט. די סחורה איז שוין פון לאַנג אוועקגעגעבן געוואָרן, עס קאָן זיין, אַז מען האָט זי שוין אפילו קאָנסומירט, און ערשט נאָך דעם אַלעמען ווערט איר ווערט פאַר־ביטן דורך געלט. דער צאָלונגס־טערמין איז גאַנץ פארשיידן פון דעם טערמין, ווען עס איז אנטשטאַנען די צאָלונגס־פארפליכטונג. דאָס געלט, וואָס ווערט געגעבן אַלס צאָלונג, איז שוין נישט נאָר אַ פארמיטלערנ־דיקע, און דעריבער פאַראיבערגייענדיקע און, הייסט עס, אויך דירעקט פארטרעטבאַרע עקאָנאָמישע פאָרם אין דעם פּראָצעס פון סחורה־אויס־טויש. פארקערט, ערשט דורך דער צאָלונג ווערט דער פּראָצעס דערפילט אויך לויט זיין אינהאַלט. דען אויב דאָס געלט ג איז קרעדיטירט גע־וואָרן אין דעם פּראָצעס ס—ג—ס, קאָן דאַן אויך דער ערשטער סחורה־באַזיצער, וואָס האָט פארקויפט די סחורה, מאַכן דעם צווייטן טייל פון זיין מעטאַמאָרפאָזע, נעמלעך ג—ס, ערשט נאָכדעם, ווי ג וועט אים ווערן באַצאָלט. דער פריערדיקער איינפאַכער פּראָצעס איז זיך איצט צעפאַלן אויף צוויי טייל, וועלכע זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער צייט.

עס איז אויך מעגלעך אַן אַנדער פאַל. דער סחורה־באַזיצער פירט אויך דורך אַ קויף־אַקט ג—ס, דערביי בלייבט ער ג שולדיק, מיט דער אויסרעכענונג, אַז עס וועט צו אים צוריקקומען דאָס געלט ג פאַר דער סחורה, וואָס ער האָט פארקויפט. דעמאָלט ווערט זיין צאָלונג אָפּהענגיק פון דער צאָלונג, וואָס ער דערוואַרט פון דעם קויפער פון זיין סחורה. אויב די צאָלונג קומט נישט, ווערט ער באַנקראָט און צווינגט אויך זיינע קרעדיטאָרן צו באַנקראָטירן. דעריבער מוז דאָס געלט אַלס צאָלונגס־מיטל צוריק אריינפליסן, — אַזיסט וועט שוין דער אינגאַנצן דורכגעמאַכ־טער אויסטויש־פּראָצעס אחר־המעשה פארלירן זיין גילטיקייט. אויב דאָס געלט וועט נישט באַצאָלט ווערן, בלייבט די סחורה אוועקגעגעבן, און דער געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענהאַנג, וואָס האָט זיך געשאַפן דורך אָט דעם דאָזיקן אוועקגעבן, קאָן שוין נישט אָפּגעשאַפט ווערן, — וועט ער אָבער פאַר דעם איינצלנעם סחורה־באַזיצער אַנולירט ווערן. אָט דער ווערט, וואָס ער האָט אוועקגעגעבן, קערט זיך נישט אום צוריק צו אים, און ער

פון זײַן זײַט קאָן נישט באַקומען קיין שום ווערטן, ווי אויך נישט באַצאָלן פאַר די באַקומענע.

די פונקציע פון געלט אַלס צאָלונגס=מיטל האָט אַלזאָ פאַר אַ הנחה, אַז דער קויפער און פאַרקויפער זאָלן קעגנזײַטיק מסכּים זײַן די צאָלונג אָפּצולייגן. הייסט עס, אַז די עקאָנאָמישע פאַרהעלטעניש נעמט זיך דאָ פון אַ פּריוואַטן אַקט. נעבן דעם קויף און פאַרקויף אַנטשטייט די צווייטע פאַרהעלטעניש פון דעם קרעדיטאָר און בעל=חוב, אַ פאַרפליכטונג צווישן צוויי פּריוואַטע פּערזאָנען.

פון דער אַנדער זײַט רעפּרעזענטירט דאָס געלט, אַלס צאָלונגס=מיטל, בלויז דעם שוין געשלאָסענעם קויף און פאַרקויף. דאָס געלט האָט דאָ דערווײַל פיגורירט בלויז אַבסטראַקט, אַלס ווערט=מאָס. די צאָלונג קומט פאַר ערשט שפּעטער. אויב די קויפן און פאַרקויפן זײַנען פאַרגעקומען צווישן איינע און די זעלביקע פּערזאָנען, קאָן מען זיי קעגנזײַטיק קאָמפּענסירן, און מיט גאָלד וועט מען נאָר דאַרפן באַצאָלן דעם בילאַנס. אויף אַזויפיל איז אויך דאָ דאָס געלט נאָר אַ רעפּרעזענטאַנט פון די ווערטן און עס קאָן פאַרביטן ווערן. אָבער אַלס צירקולאַציע=מיטל האָט דאָס געלט פאַרמיטלט בלויז דעם סחורות=א ו י ס ט ו י ש, דער ווערט פון איין סחורה איז פאַרביטן געוואָרן דורך דעם ווערט פון אַן אַנדערער. דערמיט האָט זיך דער פּראָצעס פולשטענדיק פאַרענדיקט. דאָס איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער פּראָצעס, אַן אַקט, דורך וועלכן עס ווערט פאַרווירקלעכט דער געזעלשאַפטלעכער שטאָף=וועקסל, און דעריבער איז ער טאַקע אין אַ באַשטימטן אומפאַנג אומבאַדינגט נויטווענדיק. אַזוי ווי דאָס גאָלד=געלט האָט דאָ געשפּילט בלויז אַ פאַרמיטלער=ראָל, האָט דאָס געקאָנט פאַרביטן ווערן דורך צייכנס, וואָס זײַנען סאַנקציאָנירט דורך דער געזעלשאַפט (דורך דער מלוכה). בשעת דאָס געלט פונקציאָנירט אַלס צאָלונגס=מיטל, איז שוין דורך דעם אַליין אוממעגלעך דאָס ד י ר ע ק ט ע פאַרבײַטן איין ווערט דורך דעם צווייטן. דער פאַרקויפער האָט אַוועקגעגעבן די סחורה און דערבײַ נישט באַקומען קיין געזעלשאַפטלעך=גילטיקן עקוויוואַלענט, קיין געלט, ער האָט אויך נישט באַקומען קיין אַנדער סחורה פון גלײַכן ווערט, וואָס וואָלט בײַ דעם דאָזיקן אויסטויש=אַקט איבעריק געמאַכט דאָס געלט. ער האָט בלויז באַקומען אַ צוזאָג פון דעם קויפער, אַז ער וועט באַצאָלן, אַ צוזאָג, הינטער וועלכן עס איז נישטאָ די געזעלשאַפטלעכע גאַראַנטיע [1], עס איז בלויז אַ פּערזענלעכע גאַראַנטיע

[1] מיר מיינען דאָ די עקאָנאָמישע, לויט איר אינהאַלט, גאַראַנטיע. די פאָרמעלע, די יורידישע גאַראַנטיע, אַז אַפּמאַך מוזן אויסגעפירט ווערן, ווערט, נאַטירלעך, שטענדיק אַלס פאַראַנענע אָנגענומען.

פון דעם קויפער. דאָס, וואָס ער האָט אוועקגעגעבן די סחורה פאַר אַ צוזאָג, איז זײַן פּריוואַט=זאַך. וואָס פאַר אַ ווערט דער צוזאָג האָט, וועט זיך ערשט אַרויסווײַזן אין טאָג פון צאָלן, ווען ער דאַרף זיך ווירקלעך פאַרוואַנדלען אין געלט. הייסט עס, אַז דער פאַרקויפער האָט אוועקגעגעבן זײַן סחורה פאַר אַ פאַרפליכטונג צו באַצאָלן, פאַר אַ „וועקסל". אַנדערע קאָנען אויך האַלטן דעם וועקסל פאַר אַ זיכערע זאַך און, פון זייער זײַט, פאַרקויפן זייער סחורה אונזער וועקסל=באַזיצער. דער וועקסל פונקציאָנירט דאָ אין דעם דאָזיקן קרײַז פון פּערזאָנען, וואָס זײַנען פאַרבונדן צווישן זיך דורך דעם, וואָס זיי נעמען אָן דעם צוזאָג צו צאָלן פאַר אַ רעאַל, ד"ה נאָר דורך אַ פּריוואַטער, הגם ס'רוב באַגרינדעטער מיינונג, אַלס צירקולאַציע=מיטל, קורץ אַלס געלט — קרעדיט=געלט. פאַר דעם דאָזיקן קרײַז ווערן אַלע דערמאָנטע טויש=אַקטן פאַרענדיקט ערשט אין דעם מאָמענט, ווען דאָס קרעדיט=געלט ווערט פאַרוואַנדלט אין געלט.

אַלזאָ, אין קעגנזאַץ צו דעם מלוכה=פּאַפּירגעלט מיט אַ צוואַנגס=קורס, וואָס, אַלס געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקט וואַקסט דאָס פון דער צירקולאַציע אַרויס, האָט דאָס קרעדיט=געלט הינטער זיך נישט קיין געזעלשאַפטלעכע, נאָר אַ פּריוואַטע גאַראַנטיע, און דעריבער מוז שטענדיק זײַן אַ מעגלעכקייט דאָס צו פאַרוואַנדלען אין געלט, אויסצוטוישן דאָס אויף געלט. אויב די דאָזיקע טוישבאַרקייט איז צווייפלהאַפט, דאַן פאַרלירט עס אַלס פאַרטרעטער פון די צאָלונגס=מיטלען יעדן ווערט. הייסט עס, אַז אַלס צאָלונגס=מיטל קאָן דאָס געלט פאַרביטן ווערן בלויז דורך צאָלונגס=אָנווײַזונגען. די לעצטע ווידער מוזן אויסגעקויפט ווערן אויף וויפל זיי ווערן נישט, איבערפלעכטנדיק זיך, קעגנזײַטיק קאָמפּענסירט.

דורך דעם ווערט באַשטימט דער אונטערשייד צווישן דער וועקסל=צירקולאַציע און דער צירקולאַציע פונם מלוכהשן פּאַפּיר=געלט מיט אַ צוואַנגס=קורס. דאָס דאָזיקע געלט שטיצט זיך אויף דעם געזעלשאַפטלעכן מינימום פון דער סחורה=צירקולאַציע. די וועקסל=צירקולאַציע פאַרפילט דאָס אָרט איבער דעם דאָזיקן מינימום; זי שטיצט זיך אויף דעם סחורה=פאַרקויף, וואָס איז ווירקלעך געמאַכט געוואָרן — און איז דערבײַ געמאַכט געוואָרן לויט אַ באַשטימטן געלט=פּרײַז; דער וועקסל איז אַ פּריוואַטער שולד=טיטל, וואָס ווערט קאָמפּענסירט אָדער דורך אַן אַנדער וועקסל, אָדער עס ווערט באַצאָלט מיט געלט, און בלויז דעמאָלט ערשט פאַרוואַנדלט ער זיך פון אַ פּריוואַטן חוב=טיטל אין אַן אָנערקענטן, געזעלשאַפטלעך=גילטיקן עקוויוואַלענט. ער איז אַנטשטאַנען אויס דער פונקציע פון דעם געלט אַלס צאָלונגס=מיטל, דאָס געלט=פאַרטרעט ער מיט

דער הילף פון קרעדיט, דורך דער פּריוואַטער פאַרהעלטעניש צווישן די קאָנטראַהענטן, וועלכע האָבן הינטער זיך דעם צוטרוי צו זייער צאָלונגספעיקייט, צו זייער געזעלשאַפטלעכן ווערט. ביי דעם מלוכה=פּאַפּירגעלט איז נישט פאַראויסגעזען, אַז דער טויש=פּראָצעס צווישן פּריוואַטע פּערזאָנען איז שוין געשלאָסן; פאַרקערט, דאַ ווערט דער אויסטויש גופא געמאַכט בלויז ערשט דורך דעם מלוכה=פּאַפּיר, וואָס פונקציאָנירט דאַ אויסשליסלעך אַלס צירקולאַציע=מיטל און, הייסט עס, עס פאַרענדיקט דעם אויסטויש, מאַכט אים געזעלשאַפטלעך גילטיק; כדי ער זאָל באַקומען אָט די געזעלשאַפטלעכע גילטיקייט, איז גאָרנישט נייטיק דער באַדינג צו צאָלן מיט מזומן=געלט, ווי ביים וועקסל=פאַרקער (אויף וויפיל די וועקסלען קאָמפּענסירן זיך נישט קעגנזייטיק).

דאַקעגן, דאָס מלוכה=פּאַפּירגעלט שטיצט זיך נישט אויף קרעדיט=פאַרהעלטענישן, און עס איז בפירוש אַ טעות, ווען מען באַצייכנט דאָס אַלס מלוכה=חוב אָדער קרעדיט=געלט.

אויף דעם פאַקט, אַז דאָס וועקסל פאַרפליכט נאָר פּריוואַטע פּערזאָנען, און דאָס מלוכה=פּאַפּיר — די געזעלשאַפט, שטיצן זיך די פאַרשיידענע מעגלעכקייטן פון דער דעוואַלואַציע פון דעם מלוכה=פּאַפּיר און פון דעם וועקסל. די סומע פון די מלוכה=פּאַפּירן שטעלט מיט זיך שטענדיק פאַר אַן איינהייט, אין וועלכער יעדער איינצלנער עלעמענט איז אַזוי ווי סאָלידאַריש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע איבעריקע; אָט די דאָזיקע סומע קאָן אַנטווערט ווערן נאָר אַלס גאַנצע, — פונקט אַזוי ווי זי קאָן אויך באַקומען אַ העכערן ווערט, — און די דעוואַלואַציע טרעפט אויף אַ גלייכן אופן אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפטלעכע גאַראַנטיע גילט גלייכמעסיק אויף דער גאַנצער סומע, און, הייסט עס, אויך פאַר יעדן באַשטאַנד=טייל אירן. דאָס פאַרבייטן דאָס געלט אַלס צירקולאַציע=מיטל פירט דורך די געזעלשאַפט איר באַוואוסטזיניקן אָרגאַן, דער מלוכה. דאָס קרעדיט=געלט איז די שאַפונג פון פּריוואַט=פּערזאָנען. דער יסוד פון דעם זיינען די פּריוואַטע טויש=אַקטן: זיי בלייבן גילטיק, זיי קענען פונקציאָנירן אַלס געלט נאָר אין דעם פאַל און ביז דאַן, ווען מען קאָן זיי צו יעדער צייט פאַרוואַנדלען אין געלט. הייסט עס, אַז יעדער וועקסל באַזונדער פאַר זיך גענומען קאָן דעוואַלווירט ווערן (אָבער קיין שום וועקסל קאָן נישט באַקומען קיין העכערן ווערט), אויב די דערמאָנטע פּריוואַטע טראַנזאַקציעס זיינען געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז זיי זיינען נישט געזעלשאַפטלעך=גילטיק, דאָס הייסט, אויב די געלט=צאָלונג קאָן נישט פאָרקומען אין דעם באַשטימטן טערמין. דער וועקסל קאָן אָנגעוואָרן יעדן ווערט, אָבער אָנגעוואָרן

אים קאָן נאָר א וועקסל פון א יחיד, און יעדעס מאָל אין אזא פאַל ליידט פון דער אנטוווערטונג בלויז א צווייטער יחיד, וועמעס אָבליגאַציעס עס האָבן זיך מחמת דעם, אגב, נישט געענדערט.

די צאָל פון דעם נישט צעטוישלעכן פאפיר־געלט מוז זיך באַגרע־ניצן מיט דעם מינימום פון דעם צירקולאַציע־פּראָצעס. די צאָל פון דעם קרעדיט־געלט איז בלויז אָפּהענגיק פון דער פּרייזן־סומע פון יענע סחורות, פאר וועלכע דאָס געלט דאַרף פונקציאָנירן אלס צאָלונגס־מיטל. ביי אָט די פּרייזן איז דער דאָזיקער באַטרעף אָפּהענגיק, ווי ברייט די קרעדיט־פאַרהעלטענישן זיינען, און די לעצטע זיינען, פון זייער זייט, זייער שטארק פאַרענדערלעך, נאָר אַזוי ווי דאָס קרעדיט־געלט מוז זיך שטענ־דיק קענען פאַרוואַנדלען אין געלט, קאָן דאָס קיין מאָל נישט פאַלן אין ווערט אין דער פאַרהעלטעניש און אַדאַנק דער פאַרהעלטעניש צו די סחורות. ביי אויסטוישלעכן קרעדיט־געלט קאָן די דעוואַלואַציע זיך נעמען ניט פון זיין סכום (ווי ביים נישט אויסטוישלעכן מלוכה־פּאַפּירגעלט), נאָר בלויז צוליב דעם, וואָס עס פאַרהאַקט זיך די אויסטוישונג. ביים אויסטוישן ווערט גלייך געמאַכט א פּרווו. די סחורה־באַזיצערס, וועלכע האָבן צווישן די זיסע און פיינע „פּאַפּירלעך" גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן, אז עס איז דאָ גאָלד אויף דער וועלט, וואַרפן זיך ראַפּטום אַלע מיט אַמאָל צום דעם גאָלד On revient toujours à ses premiers amours.

אין יעדן באַשטימטן צייט־פּעריאָד ענדיקט זיך שטענדיק א באַ־שטימטע צאָל אָבליגאַציעס; זיי רעפּרעזענטירן די פּרייזן־סומע פון יענע סחורות, וואָס זייער פאַרקויף האָט זיי אַרויסגערופן. דער סכום געלט, וואָס איז נייטיק אויף צו באַצאָלן די דאָזיקע פּרייזן־סומע, ווערט פריער פאַר אַלץ באַשטימט דורך דער אומזאַץ־געשווינדקייט פון די צאָלונגס־מיטלען. די לעצטע ווערט באַשטימט דורך צווייערליי אומשטענדן: דורך דער פאַרפּליכטונג פון די פאַרהעלטענישן פון קרעדיטאָר און בעל־חוב, אַדאַנק וועלכע A, וואָס האָט באַקומען געלט פון זיין בעל־חוב B, באַצאָלט דערמיט זיין קרעדיטאָר C און א"וו און דורך דעם משך־צייט צווישן די טערמינען פון פאַרשיידענע צאָלונגען.

וואָס מער נאָענט עס זיינען צווישן זיך די טערמינען פון די צאָלונגען, אַלץ אָפּטער קאָן די זעלבע גאָלדענע מטבע נאָכאַנאַנד אויס־גענוצט ווערן צו די צאָלונגען.

אויב אינם פּראָצעס ס—ג—ס ווערן די פאַרקויפן געמאַכט איינ־צייטיק, איינע נעבן אַנדערן, באַגרענעצט דאָס די אומזאַץ־געשווינדקייט פון די צירקולאַציע־מיטלען, און עס באַגרענעצט, הייסט עס, אויך דאָס

פארבײַטן די מאסע דורך דער אומזאץ-געשווינדקייט. דאקעגן, אויב די צאָלונגען קומען פאַר אײַנצײַטיק און אויף איין אָרט, קאָנען זיי זיך קעגנזײַטיק דעקן, און עס וועט אײַנשפּאָרן דאָס געלט אַלס צאָלונגס-מיטל. דורך דעם, וואָס די צאָלונגען קאָנצענטרירן זיך אויף איין אָרט, אַנטוויקלען זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן באַזונדערע אַנשטאַלטן און מעטאָדן פאַר זייער בּילאַנסירונג. פון דעם מין איז געווען, למשל, די Virements אין דעם מיטלאַלטערלעכן ליאָן. מען דאַרף בלויז קאָנפראָנטירן די חובות-פאָדערונגען, און זיי וועלן זיך ביז אַ געוויסן גראַד קעגנזײַטיק רעדוצירן אַלס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע גרייסן, אחוץ אַ געוויסן באַטרעף. וואָס מאַסנהאַפטער עס איז די קאָנצענטראַציע פון די צאָלונגען, אַלץ רעלאַטיוו קלענער איז דער בּילאַנס און, הייסט עס, אויך די צאָל פון די צירקולירנדיקע צאָלונג-מיטלען.

מיר האָבן געזען, אַז די צאָל געלט, וואָס געפינט זיך אין דער צירקולאַציע, דאָס הייסט, אין ס—ג—ס (דערבײַ קאָן דאָס גאָלד, וואָס באַטרעפט דעם מינימום פון דער צירקולאַציע, פאַרביטן ווערן מיט גאָלד-צייכנס), איז גלײַך צו דער סומע פון די סחורה-פּרײַזן, געטיילט אויף דער צאָל מטבעות פון איין צירקולירנדיקן נאָמען. פּונקט אַזוי איז די צאָל פון צאָלונגס-מיטלען גלײַך צו דער סומע פון די אָבּליגאַציעס (און זי איז ווידער גלײַך צו דער פּרײַזן-סומע פון די סחורות, וואָס פון זייער פאַרקויף זיינען אַנטשטאַנען די שולד-שײַנען) געטיילט אויף דער צאָל צירקולירנדיקע צאָלונגס-מיטלען פון איין נאָמען, מינוס דער סומע פון די קעגנזײַטיק זיך אויסגלײַכנדיקע צאָלונגען. אויב מען זאָל נעמען די אומזאץ-געשווינדקייט אַלס געגעבן אין אַ געגעבענעם מאָמענט און באַשטימען זי אויף 1, וועט די צאָל פון דעם בכלל פונקציאָנירנדיקן געלט זײַן גלײַך צו דער פּרײַזן-סומע פון די סחורות, וועלכע מוזן דורכגיין דורך דער צירקולאַציע, פּלוס דער סכום פון די פעליקע צאָלונגען, די קעגנזײַטיק זיך אויסגלײַכנדיקע צאָלונגען און, ענדלעך, מינוס יענע מטבעות, וועלכע האָבן צום אָנהויב פונקציאָנירט אַלס צאָלונגס-מיטל און דערנאָך אַלס צירקולאַציע-מיטל. אויב די סחורות-סומע, וואָס ווערט פאַרקויפט פון אַלע זײַטן, באַטרעפט 1.000 מיליאָן מאַרק, די פעליקע צאָלונגען פּונקט אַזויפיל, און 200 מיליאָן דינען צום אָנהויב פאַר די צאָלונגען, דערנאָך פאַר דער צירקולאַציע, און אין דער זעלבער צײַט רעדוצירן זיך 500 מיליאָן אַלס קעגנזײַטיקע צאָלונגען, דאַן דאַרף מען בסך-הכל האָבן 1300 מיליאָן מאַרק, וועלכע שטעלן פאַר די נויטיקע פאַר דעם געגעבענעם מאָמענט סומע געלט. אַט די דאָזיקע סומע רוף איך טאַקע אָן געזעלשאַפטלעך-נויטווענדיקער צירקולאַציע-ווערט.

דער גרעסטער טייל פון אלע אומזאצן ווערט געמאכט דורך דעם דאזיקן פריוואטן קרעדיט-געלט, דורך די חוב-שיינען און צאלונגס-אנווייזונגען, וועלכע קאמפענסירן זיך קעגנזייטיק [1]. די סיבה, פארוואס די צאלונגס-מיטלען ווערן אריבער די צירקולאציע-מיטלען, שטעקט דערין, וואס מיט דער אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע ווערן קאמפליצירט אויך די פארהעלטענישן פון דער צירקולאציע; די מאמענטן, וועלכע זיינען אמבאקוועמסטן פאר די איינקויפן און פארקויפן, גייען זיך פונאנדער אין דער צייט, — עס האט בכלל געמוזט אפפאלן יעדע פארבינדונג, וואס באשטייט אין דעם, אז מען קאן נאר דאן איינקויפן, בעת מען קאן פארקויפן.

אלזא, דאס קרעדיט-געלט אנטשטייט אויפן סמך פון קויף-און פארקויף-אקטן, וואס ווערן געמאכט צווישן קאפיטאליסטן: עס אנטשטייט אין דער צירקולאציע און אויף איר גרונט. די פונקציע פון אט דעם געלט באשטייט דערין, וואס דאס מאכט די צירקולאציע אומאפהענגיק פון אט דער גרעניץ אירער, וואס דער פאראנענער סכום מזומן געלד שטעלט מיט זיך פאר; אויף וויפל עס פונקציאנירט דאס קרעדיט-געלט, פונקציאנירט שוין נישט דאס געלד אלס צירקולאציע-מיטל, עס מוז שוין נישט, הייסט עס, פאקטיש אנטקעגנגעשטעלט ווערן דער סחורה: עס דינט בלויז אויסצוגלייכן דעם ענדגילטיקן בילאנס. דער לעצטער איז קאלאסאל אין פארגלייך מיט דער צאל געלד. דער קעגנזייטיקער דעקונג פון די צאלונגען דינען אייגענע אנשטאלטן. ווי מיר האבן געזען, איז אבער די צירקולאציע אין א גלייכער מאס אי א באדינג, אי א רעזולטאט פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע. די פראדוקציע קאן זיך ערשט אנהייבן נאך דעם, ווי דער קאפיטאליסט האט דורך אן אקט פון דער צירקולאציע פארשאפט די נויטיקע פראדוקציע-עלעמענטן. אין דער מאס, ווי אזוי די דאזיקע צירקולאציע ווערט אומאפהענגיק פון דער עקסיסטענץ פון דעם ווירקלעכן געלט, באקומט די פראדוקציע אין דער זעלבער מאס אויך איר אומאפהענגיקייט פון דער געלט-מענגע. און אזוי ווי דאס דאזיקע געלט קאסט סוף-כל-סוף אפ ארבעט און פארנעמט א גאנץ באדייטנדיקן פאסטן פון faux frais (נישט פראדוקטיווע קאסטן), דעריבער בילדעט דער סורראגאט פון געלט דירעקט אן עקאנאמיע אין די איבעריקע הוצאות פון דעם צירקולאציע-פראצעס.

---

1 ביי דעם זשירא-פארקער פון דער דייטשער רייכס-באנק האט 1 מזומנער פעניג אין יאר 1894 געמאכט אן אומזאץ פון 4 מארק 35 פעניג, און אין יאר 1900 — פון 8 מ. 30 פ.

לויט דער אַנטשטייונג, איז די צאָל פון דעם קרעדיט-געלט באַגרענעצט דורך דער גרייס פון דער פּראָדוקציע און פון דער צירקולאַציע. עס באַדינט דעם אָפּזאַץ פון דער סחורה און אין דער לעצטער שורה ווערט דאָס געדעקט דורך דעם ווערט פון דער סחורה, וועמעס אָפּזאַץ עס האָט באַדינט. אָבער אין קעגנזאַץ צו די מלוכה-פּאַפּירן, איז דאָ נישט בנמצא דער מינימום, ווייטער פון וועלכן מען קאָן נישט גיין. פאַרקערט, צוזאַמען מיט דער מענגע סחורות און זייער פּרייַז וואַקסט די צאָל פון דעם קרעדיט-געלט. דאָס קרעדיט-געלט איז אָבער נישט מער ווי אַ צאָלונגס-צוזאָג; ווען מען וואָלט די סחורה אָפּגעזעצט בלויז פאַר ריין גאָלד, דאָס הייסט, אויב דער ווערט וואָלט פאַרביטן געוואָרן דורך דעם ווערט, וואָלט דער פּראָצעס דערמיט געוואָרן ענדגילטיק דערלייזדיקט, — קיין שום שטערונגען וואָלטן שפּעטער נישט געווען מעגלעך. די סחורה האָט מען אָבער אָפּגעזעצט בלויז פאַר אַ צוזאָג צו באַצאָלן פאַר איר. צי מען וועט קענען דעם צוזאָג מקיים זייַן, איז אָפּהענגיק דערפון, צי דעם בעל-חוב וועט זיך אייַנגעבן צו פאַרקויפן די געקויפטע סחורה אָדער אַנשטאָט דעם אַן אַנדער סחורה פון דעם זעלבן ווערט. אויב דער טויש-אַקט האָט נישט אַנטשפּראָכן די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, אָדער זיי האָבן זיך אין משך פון דער צייַט געענדערט, וועט דער קויפער נישט קענען מקיים-זייַן זייַן צוזאָג צו צאָלן, און דער לעצטער וועט אָנווערן יעדן ווערט; אַנשטאָט דעם מוז קומען ווירקלעך געלט.

פון דעם אַליין איז שוין געדרונגען, אַז דערמיט, וואָס אין קריזיס-צייַט פאַרקלענערן זיך די פּרייַזן פון די סחורות, ווערט אויך שטאַרק פאַרקלענערט דער סכום פון דעם קרעדיט-געלט. די פאַרקלענערונג באַדייַט אָבער די אַנטווערטונג פון דעם קרעדיט-געלט, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די פריערדיקע העכערע פּרייַזן. און צוזאַמען מיט דעם פאַלן פון די פּרייַזן טרעט אויך אַרייַן אַ סטאַגנאַציע אין אָפּזאַץ פון די סחורות, זיי בלייַבן ליגן, און דאָ ענדיקט זיך דער טערמין פון דעם וועקסל. עס איז שוין אַ ספק, צי דער וועקסל וועט געצאָלט ווערן. דאָס פאַלן פון די פּרייַזן און די סטאַגנאַציע פון אָפּזאַץ פאַרקלענערן אויף אַזאַ אופן דעם ווערט פון דעם קרעדיט-געלט, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פאַר סחורות. אָט די דאָזיקע אַנטווערטונג בילדעט דעם וועזנטלעכן מאָמענט אין דעם קרעדיט-קריזיס, וואָס באַגלייט יעדן האַנדלס-קריזיס.

„די פונקציע פון דעם געלט אַנטהאַלט אין זיך אַן אָפּענעם ווידערשפּרוך. אויף וויפיל די צאָלונגען גלייַכן זיך אויס, פונקציאָנירט דאָס געלט בלויז אידעאַל, אַלס רעכן-געלט אָדער ווערט-

מאָס. אויף וויפיל עס ווערן אָבער געמאַכט ממשותדיקע צאָלונגען, טרעט דאָ דאָס געלט ארויס נישט אַלס צירקולאַציע=מיטל, נישט בלויז אַלס פאַראיבערגייענדיקע, פאַרמיטלענדיקע פאָרם פון שטאָף=וועקסל, נאָר אַלס אינדיווידועלע פאַרקערפּערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אַלס זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ פון דעם טויש=ווערט, אָדער אַלס אַבסאָלוטע סחורה. דער דאָזיקער ווידערשפּרוך ווײַזט זיך ארויס מיט אַ באַזונדערער קראַפט אין דעם מאָמענט פון די פּראָדוקציע= און האַנדלס=קריזיסן, וואָס הייסט געלט=קריזיס. דער לעצטער טרעפט נאָר דאָרט, ווו די פאָראויסגייענדיקע קייט פון די צאָלונגען און די קינסטלעכע סיסטעם פון זייער אויסגלײַכונג דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון אַנטוויקלונג. בײַ די אַלגעמיינע שטערונגען פון דעם גאַנג פון דעם דאָזיקן מעכאַניזם, פון וואַנען די שטערונגען זאָלן נישט שטאַמען, ווערט דאָס געלט פּלוצים אָן אָן איבערגאַנג פאַרוואַנדלט פון אַ ריין אידעאַלער פאָרם פון רעכן=געלט אין מעטאַל=געלט [1].

אָבער גראָד דעמאָלט, ווען די אַנטווערטונג פון דעם קרעדיט=געלט איז אַמשטאַרקסטן, לעבט דאָס מלוכה=פּאַפּיר=געלט מיט אַ צוואַנגס=קורס איבער דעם גרעסטן טריומף. עס איז אַ לעגאַל צאָלונגס=מיטל גלײַך מיט דעם גאָלט=געלט. דאָס אָפּפאַלן פון דעם קרעדיט=געלט שאַפט אַ בלויז אין דער צירקולאַציע, און דער horror vacui פאָדערט באַפעלעריש, מען זאָל אים אויספילן. אין אַזעלכע צײַטן ווערט עס ראַציאָנעל אויסצובריי‌טערן די צירקולאַציע פון דעם מלוכה=פּאַפּירגעלט (אָדער די נאָטן פון דער צענטראַל=באַנק, וועמעס קרעדיט לײַדט נישט פון די אויפטרייסלונגען; די דאָזיקע באַנקנאָטן, ווי מיר וועלן זען, שטעלן מיט זיך פאָר, אַדאַנק דער געזעצלעכער רעגירונג, אַ צווישנשטופע צווישן דעם מלוכה=פּאַפּירגעלט און דעם קרעדיט=געלט). אויב דאָס וועט נישט געטאָן ווערן, וועט דאָס געלט (דאָס מעטאַל= און מלוכה=פּאַפּיר=געלט) באַקומען אַן אַזשיאָ, פּונקט אַזוי ווי, למשל, דאָס גאָלד און די גרינבעקס אין דער צײַט פון דעם נײַסטן קריזיס אין אַמעריקע.

כדי דאָס קרעדיט=געלט זאָל קאָנען פונקציאָנירן, פאָדערן זיך באַזונדערע אַנשטאַלטן, אין וועלכע די צאָלונגס=פאָדערונגען פאַרגלײַכן זיך און קאָמפּענסירן זיך קעגנזײַטיק; מיט דער אַנטוויקלונג פון אָט די אַנשטאַלטן וואַקסט די אײַנשפּאָרונג פון מזומן געלט. בײַ אַן אַנטוויקל=

---

[1] Marx, „Kapital“ I, זײַט 101, אויפלאַגע 4.

טער באַנק-סיסטעם ווערט די דאָזיקע אויפגאַבע איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע פונקציעס פון די בענק 1.

אין משך פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג וואַקסט, ערשטנס, שנעל די אַלגעמיינע צאָל פון די סחורות, וואָס ווערן אַרײַנגעצויגן אין דער צירקולאַציע און צוזאַמען דערמיט אויך דער געזעלשאַפטלעך נויט-ווענדיקער צירקולאַציע-ווערט. צוזאַמען דערמיט ווערט אויך גרעסער דער שטח, וואָס דאָס מלוכה-פּאַפּירגעלט מיט אַ צוואַנגס-קורס קאָן פאַרנעמען. צווייטנס, צוזאַמען מיט דער פאַרגרעסערונג פון דעם פּראָדוקציע-מאַס-שטאַב, מיט דער פאַרוואַנדלונג פון אַלע פאַרפּליכטונגען אין געלט-פאַר-פּליכטונגען און דערהויפּט מיט דעם אויסוואַקסן פון דעם פיקטיוון קאַפּיטאַל, וואַקסט דער פאַרנעם פון יענע טראַנזאַקציעס, וועלכע ווערן געשלאָסן מיט דער הילף פון דעם קרעדיט-געלט. דאָס ערשטע און דאָס צווייטע ברענגט דערצו, אַז די צאָל מעטאַל-געלט ווערט קלענער אין פאַרגלײַך מיט די געהעריקע צירקולאַציע-פּראָצעסן און צאָלונגען.

1 כּדי צו באַרינען דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרקער, פאָדערט זיך אין דײַטש-לאַנד פון 9 ביז 15 מאָל מער מזומן געלט, ווי אין ענגלאַנד. דער טשעקן-פאַרקער ברענגט אַרײַן אַן עקאָנאָמיע פון בערך 140 מיליאָן פונט שטערלינג אין באַנקנאָטן. בדי צו דעקן דאָס, וואָלט דער איצטיקער געלט-רעזערוו, וואָס באַטרעפט בערך 35 מיליאָן פונט, אויב עס זאָלן בלײַבן אין קראַפט די איצטיקע געזעצלעכע באַשטימונגען, געהאַרפּט פאַרפירפאַכט ווערן. זע S. Jaffe „Das englische Bankwesen“ Leipzig 1905.

קאַפּיטל פיר

דאָס געלט אין דער צירקולאַציע פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל

איצט גייען מיר איבער צו דער ראָל, וואָס דאָס געלט שפּילט אין דער צירקולאַציע פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. אונזער וועג פירט נישט אין דער קאַפּיטאַליסטישער פאַבריק מיט אירע וווּנדער פון דער טעכניק; אונזער אויפמערקזאַמקייט דאַרף ווערן געווענדעט צו דער איינטאָניקער איינאַרטיקייט פון די אייביק אַלץ איינע פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אויפן מאַרק, ווו אויף אַ פאָרמעל אַלץ איינעם אופן ווערט דאָס געלט שטענדיק פאַרוואַנדלט אין סחורה און די סחורה אין געלט. בלויז די האָפענונג, אַז עס וועט זיך אונז אײַנגעבן צו קומען אויף די שפּורן פון אַט דעם סוד, ווי אַזוי פון די צירקולאַציע-פּראָצעסן גופא האָט עס געקאָנט אויסוואַקסן אָט די קראַפט, וואָס האָט, סוף-כל-סוף, אין געשטאַלט פון קאַפּיטאַליסטישן קרעדיט באַקומען די הערשאַפט איבער די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, — בלויז אָט די האָפענונג קאָן דערמוטיקן און צוגעבן חשק דעם לייענער מיט מער געדולד דורכצוגיין דעם פײַנלעכן וועג פון אָט דעם קאַפּיטל.

דאָס געלט וואָלט געווען איבעריק אין דער צירקולאַציע, ווען די פּרײַזן-סומע וואָלט אַלע מאָל געבליבן אַ באַשטענדיקע גרייס, ד״ה, ווען די מאַסע און דער פּרײַז פון די סחורות וואָלט געווען אומפאַרענדערלעך, און יעדע סחורה וואָלט זיך אויסגעטוישט אויף אַן אַנדער סחורה לויט איר ווערט, — אַ באַדינג, וואָס קאָן נישט פאַרווירקלעכט ווערן אין די ראַמען פון אַ נישט רעגולירטן, אַנאַרכישן אופן פון פּראָדוקציע. פון דער צווייטער זײַט וואָלט די באַוווּסטזיניקע רעגולאַציע פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע געמאַכט פאַר אוממעגלעך די דערשיינונג פון דעם ווערט אַלס טויש-ווערט, ד״ה, אַלס געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש פון צוויי זאַכן, און דערמיט געמאַכט פאַר אוממעגלעך אויך דאָס געלט, קווייטן אויף געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטען, וואָס זײַנען אויסגעשטעלט

דורך דער געזעלשאַפט, זיינען נישט קיין געלט, פּונקט אזוי ווי א טעאַטער-קאָנטרמאַרקע, ווי א בילעט אויף א באַשטימטן אָרט. פאַרקערט, נאָר דער כאַראַקטער פון דער סחורה-פּראָדוקציע מאַכט דאָס געלט פאַר נויטווענדיק אַלס ווערט-מאָס און דערמיט אויך אַלס צירקולאַציע-מיטל [1].

קוים פונקציאָנירט דאָס געלט אַלס צאָלונגס-מיטל, דאַן קומט אויס די פולשטענדיקע אויסגלייכונג פון אַלע צאָלונגען, וואָס ווערן געמאַכט אין א באַשטימטן מאָמענט, ווי א ריינער צופאַל, וואָס וועט אין דער ווירקלעכקייט קיין מאָל נישט געשען. דאָס געלט פאַרענדיקט דאָ זעלבשטענדיק דעם פּראָצעס פון דער אָרט-ענדערונג פון דער סחורה. ס'לאָזט זיך אויך נישט פאָראויס באַשטימען דער מאָמענט, ווען דאָס געלט, וואָס מען האָט באַקומען אַלס צאָלונגען, וועט זיך, פון זיין זייט, פאַרוואַנדלען אין סחורה, אַלזאָ, יענער מאָמענט, ווען דער ווערט פון דער ערשטער סחורה וועט ענדגילטיק פאַרביטן ווערן מיט דעם ווערט פון א צווייטער סחורה. דער צוזאַמענהאַנג, וואָס עקזיסטירט אין דעם פּראָצעס ס—ג—ס, ווערט דאָ צעריסן. דאָ מוז זיך נויטווענדיקערהייט באַווייזן דאָס געלט, כּדי צו

---

1 אין איין בריוו צו רודאָלף מייער (Meyer) שרייבט ראָדבערטוס: „דאָס מעטאַל-געלט איז נישט בלויז א ווערט-מאָס און א ליקווידיר-מיטל — אויף אזויפיל אנטשפּרעכט דאָס בלויז דער אידעע פון געלט, וואָס פאָדערט גאָרנישט, אַז דער דאָזיקער קוויט — די אָנווייזונג אויף דעם סחורה-ווערט — זאָל זיין געשריבן אויף אזא טייערן מאַטעריאַל, ווי דער איידעלער מעטאַל איז. אין דער איצטיקער צייט דינט דאָס מעטאַל-געלט אויך אַלס רעגולאַטאָר פון דער פּראָדוקציע און דעם דאָזיקן דינסט פילט דאָס אויס בלויז אדאַנק זיין קאָסטבאַרן מאַטעריאַל. אייב איר וואָלט בעהאַלט איינפירן סחורה-נאָטן, וואָלט איר זיך דעמאָלט געמוזט באַוואָרענען אויך מיט דעם רעכט צו באַפעלן יעדן אונטערנעמער, וויפיל ער זאָל פּראָדוצירן. די אידעע פון סחורה-נאָטן צילט אויף דעם אינטערעסאַנטסטן פּונקט פון דער גאַנצער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמיע, אָבער, אַלס באַשטענדיק צירקולאַציע-מיטל (און נישט בלויז אַלס פאַראיבערגייענדיקער שיין פון א קרעדיט-קאַסע), איז די סחורה-נאָטע מעגלעך בלויז ביי דעם באַדינג, ווען דער ווערט פון די סחורות איז קאָנסטיטוירט אַנטשפּרעכנדיק מיט דער אַרבעט און ווען אויף דער נאָטע איז אָנגעוויזן דער סחורה-ווערט, אויסגעמאָסטן לויט דער אַרבעט. איך צווייפל נישט אין דער מעגלעכקייט פון אזא מין געלט; אָבער דאָס פאַרוואַנדלען אזא געלט אין דעם איינציקן צירקולאַציע-מיטל האָט פאַר א באַדינג דאָס אָפּשאַפן דאָס ערד- און קאַפּיטאַל-אייגנטום“ „Briefe und Sozialpolitische Aufzätze von Dr. Rodbertus-Jagetzow“. Herausgegeben von Doktor Rudolph Meyer. Berlin 1881, II Bd., זייט 441. איבעריקנס באַווייזט אָט די שטעלע, פּונקט אזוי ווי אַנדערע שטעלן, אַז ענגעלס איז געווען אומגערעכט, ווען ער האָט ראָדבערטוסן געשטעלט אויף איין מדרגה מיט גריי, ברייען (Gray, Bray) און אַנד. קליינבירגערלעכע אוטאָפּיסטן פון אַרבעטס-געלט, וועלכע האָבן געהאַלטן דאָס אַרבעטס-געלט פאַר מעגלעך אָן דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע.

באַפרידיקן דעם פאַרקויפער פון דער סחורה, וואָס איז גאָר נישט מחויב צו ווערן אַ קויפער פון אַן אַנדער סחורה.

אָט דאָס צערײַסן דעם צירקולאַציע־פּראָצעס, וואָס זעט אונז נאָך אויס אין דער ספערע פון דער איינפאַכער סחורה־צירקולאַציע צו זײַן צופעליק און הפקרותדיק, ווערט נויטווענדיק אין דער ספערע פון דער קאַפּיטאַליסטישער סחורה־צירקולאַציע. מיר וועלן זיך אין דעם איבער־צײַגן, ווי באַלד מיר וועלן באַטראַכטן די צירקולאַציע פון דעם קאַפּיטאַל.

דער ווערט פאַרוואַנדלט זיך אין קאַפּיטאַל, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ ווערט, וואָס ברענגט מערווערט. דאָס קומט פאָר אין דעם קאַפּי־טאַליסטישן פּראָדוקציע־פּראָצעס, וואָס זײַן פאָר־הנחה איז דער מאָנאָ־פּאָל פון די קאַפּיטאַליסטן אויף די פּראָדוקציע־מיטלען און די עקזיסטענץ פון דעם פרײַען לוין־אַרבעטער־קלאַס. די לוין־אַרבעטער פאַרקויפן דעם קאַפּיטאַליסט זייער אַרבעטס־קראַפט, וואָס איר ווערט איז גלײַך צו דעם ווערט פון לעבנס־מיטלען, וועלכע זײַנען נייטיק פאַר דעם קיום און דער רעפּראָדוקציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זייער אַרבעט שאַפט אַ נײַעם ווערט: איין טייל פון אים פאַרבײַט דעם טייל קאַפּיטאַל, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט פאַראויס אויסגעגעבן אויף אײַנצוקויפן די אַרבעטס־קראַפט, — מאַרקס רופט דאָס דער פאַרענדערלעכער (וואַריאַ־בלער) טייל פון דעם קאַפּיטאַל, — דעם צווייטן טייל ווידער באַקומט דער קאַפּיטאַליסט אַלס מערווערט. אַזוי ווי דער ווערט פון די פּראָ־דוקציע־מיטלען — דער באַשטענדיקער קאַפּיטאַל — איז אין דעם אַרבעטס־פּראָצעס איבערגעטראָגן געוואָרן אויף דעם פּראָדוקט, האָט זיך דער ווערט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט פאַראויס אויסגעגעבן אויף דער פּראָדוקציע, פאַרגרעסערט, געוואָרן אַ ווערט, וואָס ברענגט ווערט, האָט פונקציאָנירט אַלס קאַפּיטאַל.

יעדער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל מאַכט־דורך דעם פּראָצעס פון צירקולאַציע, פון וועלכן אין דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג עס אינ־טערעסירן אונז בלויז די פאָרם־פאַרוואַנדלונגען. דער אינהאַלט פון דעם פּראָצעס איז די אַנטשטייונג פון דעם מערווערט, אַלזאָ, די אויסנוצונג פון דעם קאַפּיטאַל, און ער געשעט אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, וועל־כער האָט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אַ דאָפּלטע פונקציע: ערשטנס, איז דאָס, ווי בײַ יעטווידער געזעלשאַפטלעכער פאָרם, אַן אַרבעטס־פּראָצעס, וואָס שאַפט נעברויכס־ווערטן; און צווייטנס, איז דאָס, — וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, — אַ פּראָצעס פון אויסנוצן דעם קאַפּיטאַל, אין וועלכן די פּראָדוקציע־מיטלען פונקציאָנירן אַלס קאַפּיטאַל, און אין וועלכן עס שאַפט

זיך דער מערוווערט. אַן אויסשעפּנדיקן אַנאַליז פון אָט דעם פּראָצעס האָט מארקס געגעבן אין דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל". דער צוזאַמענהאַנג פון אונזער פאַרשונג פאָדערט בלויז צו באַטראַכטן דאָס, ווי אַזוי עס ענדערט זיך די ווערט-פאָרם, און נישט ווי אַזוי דער ווערט אַנטשטייט. די פאָרם-ענדערונג האָט אָבער נישט קיין שייכות מיט דער ווערט-גרייס, — די ענדערונג פון דעם ווערט איז דער אינהאַלט פון דעם אויסנוצונג-פּראָצעס. און אויב די דאָזיקע ענדערונג האָט אַ שייכות מיט דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס, האָט די פאָרם-מעטאַמאָרפאָזע אַ שייכות מיט דעם צירקולאַציע-פּראָצעס. עס זיינען אָבער דאָ בלויז צוויי פאָרמען, וועלכע דער ווערט קאָן אָננעמען אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף סחורה-פּראָדוקציע: די פאָרם פון סחורה און די פאָרם פון געלט.

אויב מיר ווילן באַטראַכטן דעם צירקולאַציע-פּראָצעס פון דעם קאַפּיטאַל, וועט יעדער קאַפּיטאַל דערשיינען צום אָנהייב, ביי זיין ערשטן אַרויסטריט, אַלס געלט-קאַפּיטאַל. אַלס געלט, וואָס דאַרף פונקציאָנירן אַלס קאַפּיטאַל, ווערט עס פאַרוואַנדלט אין סחורה (ס) פון אַ באַשטימטן מין, אין די פּראָדוקציע-מיטלען (פּ מ) און אַרבעטס-קראַפט (אַ). ווייטער קומט דער פּראָדוקציע-פּראָצעס (פּ...). דער לעצטער איז נישט פאַרבונדן מיט קיין שום פאָרם-ענדערונגען. דער ווערט בלייבט סחורה. אָבער אין דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס ווערט, ערשטנס, געענדערט דער געברויך-ווערט פון דער סחורה, וואָס שלאָגט זיך אויף דעם ווערט בכלל ניט אָפּ, — און, צווייטנס, פאַרגרעסערט די אַרבעטס-קראַפט, דורך איר פונקציאָנירן, דעם ווערט: דער ווערט ווערט פאַרגרעסערט. אַלס סחורה (ס'—), וועמעס ווערט איז פאַרגרעסערט געוואָרן דורך דעם מערוווערט, פאַרלאָזט די סחורה דאָס פּראָדוקציע-אָרט, כדי דערנאָך דורכצומאַכן די צווייטע און לעצטע פאָרם-ענדערונג: דאָס פאַרוואַנדלען זיך אין געלט (ג'—).

דער צירקולאַציע-פּראָצעס פון דעם קאַפּיטאַל נעמט אַרום צוויי סטאַדיעס, וואָס געהערן צו דער צירקולאַציע ס—ג און ס'—ג', און איין סטאַדיע פון דער פּראָדוקציע. אין דער צירקולאַציע דערשיינט דער קאַפּיטאַל — אַלס געלט-קאַפּיטאַל און סחורה-קאַפּיטאַל, אין דער פּראָדוקציע — אַלס פּראָדוקטיווער קאַפּיטאַל; דער קאַפּיטאַל, וואָס גייט אַדורך אָט די אַלע פאָרמען, איז דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל. געלט-קאַפּיטאַל, סחורה-קאַפּיטאַל, פּראָדוקטיווער-קאַפּיטאַל באַצייכענען דאָ, אַלזאָ, נישט קיין זעלבשטענדיקע מינים קאַפּיטאַל, נאָר באַזונדערע פונקציע-פאָרמען פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל.

אַלזאָ, האָט זיך ביי אונז באַקומען פאָלגנדיקע סכעמע: ג—ס—פּ... ס'—ג'.

יעדער נייַ אויפטרעטנדיקער קאפיטאל באוויַזט זיך צום אָנהייב אַלס געלט־קאפיטאל. אויף דעם געלט שטייט נישט אָנגעשריבן, אז דאָס איז — קאפיטאל [1]; דאָס געלט ווערט אזא, וויַל דאָס דאַרף פארוואנדלט ווערן אין עלעמענטן פון דעם פראָדוקטיוון קאפיטאל. לכתּחילה איז דאָס בלויז געלט: עס קאָן, אלזא, אויספילן נאָר די פונקציעס פון געלט, דינען בלויז אלס צירקולאציע־מיטל און צאָלונגס־מיטל.

מיר ווייסן שוין, אז די פונקציע פון געלט, אלס צאָלונגס־מיטל, קאָן ארומנעמען די קרעדיט־באַרהעלטענישן. ג—ס, די ערשטע סטאַדיע פון דעם צירקולאציע־פּראָצעס פון דעם קאפיטאל, טיילט זיך אויף צוויי טיילן: ג—פּמ און ג—א. אזוי ווי דער לוין־ארבעטער לעבט נאָר פון דעם, וואָס ער פארקויפט זיַן ארבעטס־קראַפט, און כּדי זי צו דערהאַלטן, פאָדערט זיך טעגלעכע קאָנסומציע, דאַרף ער שטענדיק אין קורצע טערמינען באקומען די אויסצאָלונגען, כּדי ער זאָל קענען שטענדיק ווידער איַינקויפן דאָס, וואָס עס איז נייטיק פאר זיַן זעלבסטדערהאַלטונג. דעריבער מוז דער קאפיטאליסט לגבי אים באַשטענדיק אויפטרעטן אלס געלט־קאפיטאליסט, און זיין קאפיטל — אלס געלט [2]. הייסט עס, אז דער קרעדיט שפּילט דאָ קיין שום ראָל נישט.

אנדערש איז אין דעם פּראָצעס ג—פּמ. דאָ קאָן דער קרעדיט שפּילן א גרעסערע ראָל. דער ציל פון די געקויפטע פּראָדוקציע־מיטלען איז שאַפן ווערט. דאָס געלט, וואָס עס איז פאר זיי באַצאָלט געוואָרן,

---

[1] די שוועריקייט צו באַשטימען דעם באַגריף קאפיטאל, ווי די עקאָנאָמישע באַגריפן בכלל, נעמט זיך דערפון, וואָס עס דוכט זיך, אז זיי זיַינען אימאַנענט די זאכן גופא, ווען אין דער אמתן שפּיגלען זיי בלויז אָפּ באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע פארהעלטענישן, אין וועלכע איינע און די זעלביקע זאכן שפּילן גאָר א פארענדערלעכע ראָל. אזוי, למשל, גאָלד אלס געלט שפּיגלט אָפּ די פארהעלטענישן פון א באַשטימטער עפּאָכע אין דער אנטוויקלונג פון דעם סחורה־אויסטויש: עס ווערט א צירקולאציע־מיטל. און ביַי אנדערע פארהעלטענישן ווערט עס — קאפיטאל. צי איז דאָס גאָלד אָדער געלט—קאפיטאל,—אויב אזוי אַוועקשטעלן די פראַגע איז זי נישט ריכטיק. ביַי געוויסע פארהעלטענישן איז דאָס נאָר געלט, און ביַי אנדערע — אויסער דעם אויך קאפיטאל. אויך קאפיטאל: דאָס באַדיַיט, אז אלס קאפיטאל קאָן עס שטענדיק אויספילן נאָר די פונקציע פון געלט, עס איז נאָר די געלט־פאָרם פון דעם קאפיטאל אין קעגנזאַץ צו דער סחורה־פאָרם פון דעם קאפיטאל.

צושריַיבן באַשטימטע זאכן דעם כאַראַקטער פון קאפיטאל איז פּונקט אזוי פאַלש, ווי מען וואָלט דעם שטח צוגעשריבן עפּעס אזוינס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאר זאכן. בלויז אינזער פאַנטאַזיע גיט די זאכן א שטח־פאָרם, — פּונקט אזוי ווי באַשטימטע סטאַדיעס פון דער געזעלשאַפטלעכער אנטוויקלונג גיבן די זאכן א פאָרם פון געלט אָדער קאפיטאל.

[2] Marx, Kapital II, ז. 12

האט דער קאפיטאליסט בלויז אויסגעלייגט. נאכדעם ווי עס וועט זיך ענדיקן דער צירקולאציע=פעריאד, וועט זיך דאס געלט, ביי א נארמאלן פארלויף, צוריק אומקערן צו אים, און זיך אומקערן אין א פארמערטן סכום. און אזוי ווי דער קאפיטאליסט ליגט בלויז אויס זיין געלט, ווייל דאס קערט זיך אום צוריק צו אים, איז פון דעם געדרונגען, אז מען קאן דאס אים אויך אויסליגן — אנטלייען. און דאס איז די אלגעמיינע פאר=הנחה פון דעם פראדוקציע=קרעדיט: דאס געלט קאן אנטליען ווערן נאר דעם, ווער עס גיט דאס אויס אויף אזא אופן, אז ביי א נארמאלן פארלויף — מוז עס זיך אומקערן צו אים. דערביי ווערט דא דער קרעדיט פארזיכערט מיט די סחורות, וואס אויף איינצוקויפן זיי איז דאס געלט אויסגעלייגט.

דא האבן מיר צו טאן בלויז מיט דעם קרעדיט, וואס אנטשטייט פון דער סחורה=צירקולאציע גופא, פון דער ענדערונג פון די געלט=פונקציעס, פון דעם, וואס פון א צירקולאציע=מיטל האט זיך דאס פארוואנדלט אין א צאלונגס=מיטל. דאקעגן, בארירן מיר לעת=עתה נישט יענעם קרעדיט, וואס אנטשטייט פון דער טיילונג פון דעם קאפיטאליסטס פונקציעס צווישן דעם געלט=קאפיטאליסט, פון איין זייט, און דעם אונטערנעמער — פון דער צווייטער. אויב דאס געלט ווערט קרעדיטירט דעם אונטערנעמער דורך דעם געלט אדער קרעדיט=קאפיטאליסט, קומט דא נאר פאר אן איבערוואנדערונג פון דעם געלט. די גרייס פון דעם אויסגעליגטן געלט ענדערט זיך דורך דעם נאך גארנישט. אבער דאס קאן טרעפן אין דעם פאל, וואס מיר באטראכטן איצט. דער פארקויפער פון די פראדוקציע=מיטלען קרעדיטירט די סחורה דעם אונטערנעמער און באקומט פאר זיי א צוזאג צו צאלן, למשל, א וועקסל. ווען דער טערמין וועט זיך ענדיקן, וועט דער קאפיטאליסט, מעגלעך, קאנען באצאלן מיט די סומעס, וואס זיינען צוריק אריינגעפלאסן פון צירקולאציע=פראצעס פון זיין אויסגעלייגטן קאפיטאל. אויף וויפיל דאס איז מעגלעך, קאן די סומע פון זיין געלט=קאפיטאל זיין קלענער, ווי ער וואלט געמוזט האבן, ווען עס זאל קיין קרעדיט נישט זיין: דער קרעדיט האט ברייטער געמאכט די מעגלעכקייטן פון זיין קאפיטאל.

אבער דער פאקט פון דעם קרעדיט ענדערט אויף א האר נישט דעם באדינג, אז דער קאפיטאל מוז האבן א געלט=פארם, בכדי ער זאל קאנען דינען צו קויפן סחורה. דער קרעדיט, אויף וויפיל די צאלונגען קאמפענסירן זיך, פארקלענערט נאר די סומע פון דעם מעטאל=געלט, וואס וואלט זיך בכלל געפאדערט פאר דעם אויסטויש. די דאזיקע סומע ווערט גארנישט באשטימט דורך דעם, אז דאס געלט, וואס ווערט פאר=

ברויכט אין אזעלכע אפעראציעס, זאל באזיצן דעם כאראקטער פון קא־פיטאל: די סומע פאלט ארונטער אונטער די געזעצן, וואס דרינגען בכלל ארויס פון דער נאטור פון דער סחורה־צירקולאציע. ביי אנדערע גלייכע אומשטענדן הענגט אפ דער סכום געלט, וואס עס קומט אויס אויסצולייגן, אויסשליסלעך פון דער פרייזן־סומע פון אט די סחורות, וועלכע מען מוז קויפן. הייסט עס, אז אויב עס ווערט אויסגעלייגט א גרעסערער געלט־קאפיטאל, באדייט עס פשוט, אז עס ווערט געקויפט מער סחורות (פמ+א), וואס זיינען די עלעמענטן פון פראדוקטיוון קאפי־טאל, — באדייט עס, אלזא, א פארגרעסערטע צאל פון די צירקולאציע־און צאלונגס־מיטלען.

ביי דער דאזיקער פארגרעסערונג ווירקן צוויי קעגנזייטיק קעגנגע־שטעלטע טענדענצן. ביי דער פארשנעלערטער אקומולאציע אין דער צייט פון הויכער קאניונקטור, וואקסט דער נאכפרעג אויף באשטימטע סחורות, און דעריבער הייבן זיך אויך זייערע פרייזן. די געהעכערטע פרייזן־סומע מאכט נייטיק דעם פארגרעסערטן סכום געלט. אבער, פון דער אנדערער זייט, ווערט איינזייטיק אויך פארגרעסערט דער קרעדיט, ווייל דאס איז א פעריאד פון א גוטער קאניונקטור, ווען דאס געלט קומט רעגולער צוריק אין דער צירקולאציע, די אויסנוצונג פון קאפיטאל זעט אויס צו זיין געזיכערט, און דעריבער וואקסט די גרייטקייט און מעגלעכקייט צו געבן קרעדיט. די עקספאנסיע פון דעם קרעדיט מאכט דא מעגלעך די שנעלע אויסברייטערונג פון דער צירקולאציע איבער די באזיסן פון דעם מעטאל־געלט.

פארשטייט זיך, אז דאס גילט בלויז פאר דעם פראצעס ג—פמ, און נישט פאר דעם פראצעס ג—א. דא, דאקעגן, ווערט מיט דעם וואקסן פון דעם ווריאבלען קאפיטאל אין דער זעלבער מאס פארגרעסערט אויך די צאל פון דעם צוגאב־געלט, וואס דינט פארן איינקויף און גייט אריין אין דער צירקולאציע. עס איז קלאר, אז מיט דער אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע וואקסט שטענדיק די ספערע, אין וועלכער דער קרעדיט געפינט זיין אנווענדונג, אבסאלוט און נאך מער — רעלא־טיוו: ווייל מיט דעם איבערגיין צו א מער העכערן ארגאנישן צוזאמענ־שטעל פונם קאפיטאל וואקסט שטענדיק דער אומזאץ פון ג—פמ אויפן חשבון פון אומזאץ פון ג—א, און דעריבער וואקסט אויך די קרעדיט־ספערע אין פארגלייך מיט דער ספערע פון מזומן געלט.

באטראכטנדיק דעם פראצעס פון צירקולאציע פון דעם קא־פיטאל, האבן מיר דערווייל נישט באקומען קיין שום נייע באשטימונג פאר דער ראל פון דעם קרעדיט. אנדערש וועט דאס זיין אין דעם פאל,

אויב מיר וועלן באטראכטן דעם איינפלוס פון דער אומזאץ=צייט אויף דער גרייס פון דעם געלט=קאפיטאל, ווייל עס וועט זיך ארויסווייזן, אז אין דעם פראצעס פון צירקולאציע באפרייען זיך פעריאדיש געוויסע סומעס געלט. און אזוי ווי דאס געלט, וואס ליגט אומטעטיק, קאן נישט ברענגען קיין פראפיט, אנשטייט די שטרעבונג ווי ווייט מעגלעך נישט צו דערלאזן אט די אומטעטיקייט פון דעם געלט: די אויפגאבע קאן געלייזט ווערן בלויז דורך קרעדיט, וועלכער טרעט טאקע דא ארויס אין א נייער פונקציע. די פארשונג אונזערע מוז זיך איצט ווענדן צו אט דער נייער סיבה פון דער אנטשטייונג פון קרעדיט=פארהעלטענישן.

דאס פעריאדישע פריי=ווערן און דער אומטעטיקער צושטאנד פון געלט=קאפיטאל

„די באוועגונג פון דעם קאפיטאל דורך דער פראדוקציע=ספערע און די צוויי פאזן פון דער צירקולאציע=ספערע קומט פאר איינע נאך דער אנדערער אין דער צייט. די דויער פון זיין בלייבן אין דער פראדוקציע=ספערע שטעלט מיט זיך פאר זיין פראדוקציע=צייט און די דויער פון זיין בלייבן אין דער צירקולאציע=ספערע — זיין צירקולאציע=צייט. די גאנצע צייט, אין משך פון וועלכער דער קאפיטאל מאכט דורך זיין צירקולאציע, איז דעריבער גלייך צו דער סומע פראדוקציע=צייט און צירקולאציע=צייט“ [1].

„די צירקולאציע פון דעם קאפיטאל, וואס ווערט באשטימט נישט אלס איינצלנער אקט, נאר אלס פעריאדישער פראצעס, הייסט אומזאץ פון קאפיטאל. די דויער פון אומזאץ איז גלייך דער סומע פון זיין פראדוקציע=צייט און זיין צירקולאציע=צייט. אט די צייט=סומע בילדעט די אומזאץ=צייט פון דעם קאפיטאל“ [2].

אין אונזער סכעמע שטעלט מיט זיך אלזא פאר די צייט, וואס איז אלעמאל נייטיק אויף דורכצופירן דעם פראצעס ג—ג, די אומזאץ=צייט. די צירקולאציע=צייט איז גלייך צו דער צייט, וואס עס פאדערט די טראנזאקציע ג < א/פמ און ס׳—ג׳ און די פראדוקציע=צייט איז גלייך צו דער צייט, אין משך פון וועלכער דער קאפיטאל, אלס פראדוקטיווער קאפיטאל (פ), ווערט אונטערגעווארפן דעם פראצעס פון שאפן ווערט.

זאל די אומזאץ=צייט פון וועלכן נישט איז קאפיטאל דויערן ניין וואכן. דערפון זעקס וואכן פראדוקציע=צייט און דריי וואכן צירקולאציע=

1 ז. 97, Marx, „Kapital“

2 דארט זייט 133.

צײַט. לאָמיר זאָגן, אַז פֿאַר דער פּראָדוקציע דאַרף מען צו 1000 מאַרק קאַפּיטאַל אַ וואָך. כּדי עס זאָל נישט אויסקומען סוף זעקסטער וואָך פון דער פּראָדוקציע־צײַט איבערצורײַסן די פּראָדוקציע אויף דרײַ וואָכן, מוז דער קאַפּיטאַליסט, פאַר דער ווײַטערדיקער פּראָדוקציע, אויסלײַגן אַ נײַעם קאַפּיטאַל פון 3000 מ. (קאַפּיטאַל II) אין משך פון די דרײַ וואָכן, ביז עס וועט זיך פאַרענדיקן די צירקולאַציע. אין משך פון די דרײַ וואָכן, כּל־זמן דער קאַפּיטאַל (I) פאַרברענגט אין דער צירקולאַציע־ספערע, געפינט ער זיך בנוגע דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס אין אַזאַ לאַגע, גלײַך ווי ער וואָלט גאָר אינגאַנצן נישט עקזיסטירט 1. הייסט עס, אַז די צירקולאַציע־צײַט איז גורם די נויטווענדיקייט פון צוגאָב־קאַפּיטאַלן, און דער אַ צוגאָב־קאַפּיטאַל פאַרהאַלט זיך צו דעם גאַנצן קאַפּיטאַל, ווי די צירקולאַציע־צײַט צו דער אומזאַץ־צײַט, הייסט עס, בײַ אונזער בײַשפּיל, ווי 3 : 9 אָדער, אַז דער צוגאָב־קאַפּיטאַל באַטרעפט איין דריטל פון דעם גאַנצן קאַפּיטאַל.

אַלזאָ, כּדי די פּראָדוקציע זאָל זיך נישט אָפּשטעלן אויף דרײַ וואָכן, מוז דער קאַפּיטאַליסט דיספּאָנירן נישט מיט 6000 מאַרק, נאָר מיט 9000. אָבער די דאָזיקע צוגעגעבענע 3000 מ. הייבן אָן צו פונקציאָנירן ערשט בײַם אָנפאַנג פון דער צירקולאַציע־צײַט, ד"ה פון דער זיבעטער וואָך אָן, און די ערשטע זעקס וואָכן זײַנען זיי אומטעטיק. אַט אַזאַ פרײַ־ווערן און אומטעטיקייט פון די 3000 מ. חזרט זיך שטענדיק איבער. יענע 6000 מ., וועלכע זײַנען אין ערשטן אַרבעטס־פּעריאָד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סחורות־קאַפּיטאַל, זײַנען צום סוף פון דער נײַנטער וואָך פאַרקויפט. איצט האָט דער קאַפּיטאַליסט די 6000 מאַרק אויף דער האַנט. אָבער דער צווייטער אַרבעטס־פּעריאָד האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער זיבעטער וואָך — איצט איז פאַראיבער ערשט די ערשטע העלפט זײַנע. אין משך פון אָט דער צײַט האָט פונקציאָנירט דער צוגאָב־קאַפּיטאַל פון 3000 מאַרק; הייסט עס, אַז ביז עס וועט זיך פאַרענדיקן דער אַרבעטס־פּעריאָד, וועט מען דאַרפן נאָך 3000 מ.; פון די ערשטע 6000 וועלן זיך ווידער באַפרײַען 3000 מ., און דער דאָזיקער פּראָצעס וועט זיך האַלטן אין איין איבערחזרן.

אַלזאָ, כּדי אײַנצוהאַלטן די שטענדיקייט פון פּראָדוקציע־פּראָצעס, כּדי ער זאָל נישט איבערגעריסן ווערן דורך דער קאַפּיטאַל־צירקולאַציע, איז נייטיק אַ צוגאָב־קאַפּיטאַל, און דהיינו געלט־קאַפּיטאַל, ווײַל ער דאַרף פונקציאָנירן אַלס קויף־מיטל פאַר די פּראָדוקציע־מיטלען און

1 דאָרט, זייט 243.

ארבעטס-קראפט. דער דאָזיקער צוגאָב=קאפיטאל אליין שאפט ניט שטענדיק קיין מערווערט, און אויף אזוי פיל פונקציאָנירט ער נישט שטענדיק אלס קאפיטאל: דורך דעם מעכאניזם פון דער צירקולאציע גופא ווערט ער שטענדיק באפרײַט אויף א געוויסער צײַט, כדי ער זאָל קענען פונקציאָנירן אין משך פון אן אנדער צײַט.

„פון קוק=ווינקל פון דעם גאנצן געזעלשאפטלעכן קאפיטאל וועט א מער אָדער ווייניקער באדײַטנדיקער טייל פון דעם דאָזיקן צוגאָב=קאפיטאל אין משך פון א לענגערער צײַט זיך שטענדיק געפינען אין צושטאנד פון געלט=קאפיטאל[1], און דערבײַ וועט דער באפרײַטער קאפיטאל זײַן גלײַך צו יענעם טייל קאפיטאל, וואָס פילט אוים דעם עודף פון דעם צירקולאציע=פעריאָד אין פארגלײַך מיט דעם ארבעטס=פעריאָד אָדער מיט דעם פילפאכן פון דער ארבעטס=צײַט"[2].

„הייסט עס, אז דאָס דאָזיקע צוקומען פון דעם צוגאָב=קאפיטאל (פון די 3000 מ.), וואָס איז נייטיק צו פארוואנדלען די צירקולאציע=צײַט פון דעם קאפיטאל I (פון די 6000 מ.) אין פראָדוקציע=צײַט, פארגרעסערט נישט נאָר די גרייס פון דעם אויסגעלייגטן קאפיטאל און די צײַט=דויער, אויף וועלכער דער גאנצער קאפיטאל ווערט נויטווענדיק אויסגעלייגט, נאָר עס פארמערט ספּעציפיש אויך יענעם טייל פון דעם אויסגעלייגטן קאפיטאל, וואָס עקזיסטירט אלס געלט=רעזערוו, און געפינט זיך אלזאָ אין צושטאנד פון געלט=קאפיטאל און באזיצט די פאָרם פון פאָטענציעלן געלט=קאפיטאל"[3].

ס'איז אָבער נאָך נישט געזאָגט, אז די דאָזיקע 3000 מארק מוזן מיט זיך פאָרשטעלן די גאנצע סומע פון דעם געלט=קאפיטאל, וואָס ליגט אין דעם געגעבענעם מאָמענט אומטעטיק[4]. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז

1 דאָרט, זײַט 248.

2 דאָרט, זײַט 262.

3 דאָרט, זײַט 248. בײַ מארקסן איז דער צאָל-בײַשפּיל אַ אנדערער, ווי אין אונזער טעקסט. כדי צו פאראיינפאכן, האָבן מיר אין די ציטאטן, וועלכע מיר ברענגען פון מארקסן, ארײַנגעשטעלט אונזערע צאָלן.

4 מיר קאָנען דאָ בלויז אָנמערקן די סאמע וויכטיקסטע מאָמענטן. אין צווייטן באנד „קאפיטאל" האָט מארקס אויסגעפאָרשט דאָס פראָבלעם ביז די דעטאלן, וועלכע א פעדאנט וואָלט, אגב, געקאָנט נאָך פארגרעסערן: דאָך איז די פונדאמענטאלע באדײַטונג, וואָס די דאָזיקע פאָרשונג האָט פאר דעם פאַרשטיין די קרעדיט-פארהעלטענישן, געבליבן ביז הײַנט צו טאָג נישט באמערקט.

די דאָזיקע 6000 מארק, וואָס זיינען נייטיק ביים סאַמע אָנהייב פאַר דער פּראָדוקציע, האָט דער קאַפּיטאַליסט פאַרווענדעט אַזוי, אַז איין העלפט ווערט אויסגעגעבן אויף איינצוקויפן פּראָדוקציע־מיטלען, און די צווייטע — אויף אַרבעטס־לוין. ער צאָלט אָבער די אַרבעטער וועכנט־לעך. ווי באַלד אַזוי, וועט אַ טייל פון די 3000 מארק, וועלכע זיינען דערצו נייטיק ביז סוף פון דער זעקסטער וואָך, און וואָס פאַרקלענערט זיך יעדע וואָך אויף 500 מארק, — די גאַנצע צייט בלייבן ליגן אומטעטיק. עס איז אויך מעגלעך, אַז אויך אַ טייל פון די פּראָדוקציע־מיטלען, ווי, למשל, קוילן, וועט לכתחילה נישט איינגעקויפט ווערן מיטאַמאָל אויף דעם גאַנצן פּראָדוקציע־פּעריאָד, נאָר די נייטיקע איינקויפן וועלן געמאַכט ווערן טיילווייז אין משך פון אַט דעם גאַנצן פּעריאָד. (עס קען אָבער טרעפן פאַרקערט: די מארק־פאַרהעלטענישן אָדער די געוויינהייטן ביי די צו־שטעלונגען זאָלן, קאָן זיין, צווינגען מיט איין מאָל איינצוקויפן אויף מער ווי איין פּראָדוקציע־פּעריאָד. דאַן וועט ווערן נויטווענדיק צו פאַרוואַנד־לען אַ גרעסערע סומע געלט־קאַפּיטאַל אין סחורות־קאַפּיטאַל).

אַלזאָ, אַדאַנק דעם, וואָס אין דעם פּראָצעס ג$<\frac{\text{א}}{\text{פמ}}$ ווערט דאָס געלט גלייך נישט פאַרוואַנדלט אין אַרבעטס־קראַפט און פּראָדוקציע־מיטלען, אַנטשטייט, נישט רייידנדיק שוין וועגן דעם צוגאָב־קאַפּיטאַל II, אַן אומטעטיק ליגנדיקער געלט־קאַפּיטאַל. איין טייל פון דעם געלט פירט דורך דעם אַקט ג—ס, און דער צווייטער טייל ווערט אין אַט דער צייט געהאַלטן אין דער געלט־פאָרם, כדי דערנאָך, אין דער צייט, וואָס ווערט באַשטימט דורך די באַדינגונגען פון דעם פּראָצעס גופא, זאָל דאָס קאָנען באַדינען די איינצייטיקע אָדער בהדרגהדיקע אַקטן ג—ס. עס ווערט נאָר צייטווייליק אַרויסגעצויגן פון דער צירקולאַציע, כדי עס זאָל אין אַ באַ־שטימטן מאָמענט קאָנען אָנהייבן ווערן אַקטיוו, אָנהייבן צו דערפילן זיין פונקציע. אָבער ווייבאַלד אַזוי, איז דאָס דאָזיקע איינהאַלטן דאָס געלט אַזאַ צושטאַנד, אין וועלכן דאָס געלט פירט אויך אויס איינע פון זיינע פונקציעס אַלס געלט־קאַפּיטאַל. אַלס געלט־קאַפּיטאַל: ווייל אין דעם פאַל איז אויך דאָס צייטווייליק נישט־פונקציאָנירנדיקע געלט אַ טייל פון דעם געלט־קאַפּיטאַל ג, וואָס איז גלייך צו דעם ווערט פון דעם פּראָ־דוקטיוון קאַפּיטאַל, דורך וועלכן עס ווערט געעפנט די צירקולאַציע. פון דער אַנדערער זייט געפינט זיך דאָס גאַנצע געלט, וואָס איז אַרויס־געצויגן געוואָרן פון דער צירקולאַציע, אין אַן אוצר־פאָרם. „אויף אַזאַ אופן ווערט דאָ די אוצר־פאָרם, וואָס דאָס געלט באַקומט, אַ פונקציע פון דעם געלט־קאַפּיטאַל פּונקט אַזוי, ווי אין ג—ס ווערט די פונקציע פון דעם געלט, וואָס פירט אויס די ראָל פון קויף־אָדער צאָלונגס־מיטל,

א פונקציע פון דעם געלט=קאפיטאל; די סיבה שטעקט אין דעם, וואס דער קאפיטאל=ווערט עקזיסטירט דא אין דער געלט=פארם, די געלט=פארם דערשיינט דא אלס צושטאנד פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל, וואס ווערט באשטימט דורך די אומשטענדן פון זיין צירקולאציע אויף איינער פון אירע לעצטע סטאדיעס. דא באשטעטיקט זיך ווידער, אז דער געלט=קאפיטאל אין דער צירקולאציע פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל פילט נישט אוים קיין אנדערע פונקציעס, אויסער די געלט=פונקציעס, און אז אט די געלט=פונקציעס ווערן קאפיטאל=פונקציעס בלויז דאנק דעם צוזאמענהאנג זייערן מיט די אנדערע סטאדיעס פון אט דער צירקולאציע [1].

א דריטע און זייער וויכטיקע סיבה פון דעם אומטעטיקן ליגן פון געלט=קאפיטאל איז פארבונדן מיט דעם אופן, ווי אזוי דער קאפיטאל קערט זיך צוריק אום פון דעם אויסנוצונגס=פראצעס; דא מוז מען ווידעראמאל אנווייזן אויף צווי הויפט=סיבות פון דער אנטשטייונג פון דעם אומטעטיק=ליגנדיקן קאפיטאל.

דער אינדוסטריעלער קאפיטאל, באטראכט פון שטאנדפונקט פון זיין אומזאץ, צעפאלט זיך, ווי עס איז באקאנט, אויף צווי טיילן. איין טייל פון דעם קאפיטאל ווערט אינגאנצן פארברויכט אין יעדן באזונדערן אומזאץ=פעריאד, און זיין ווערט גייט אינגאנצן אריבער אויף דעם פראדוקט. צום ביישפיל, אין א שפינעריי, וווּ עס ווערט יעדן חודש פראדוצירט 10,000 פונט גארן, וועלכע ווערן פארקויפט ענדע יעדן חודש, ווערט אין משך פון דעם חודש פארברויכט דער אנטשפרעכנדיקער ווערט אין געשטאלט פון בוימוואל, שמיראייל, ליכט=גאז, קוילן און ארבעטס=קראפט, און אט דער דאזיקער ווערט קערט זיך צוריק אום צו דעם קאפיטאליסט ביים פארקויפן דעם פראדוקט. אט דער דאזיקער טייל פונם קאפיטאל, וואס ווערט אומגעקערט אין פארלויף פון דעם אומזאץ=פעריאד, הייסט צירקולירנדיקער קאפיטאל. פון דער אנדערער זייט, זיינען פאר דער פראדוקציע נייטיק געווען געביידעס, מאשינען אאז"וו, וועלכע פונקציאנירן ווייטער אין דעם פראדוקציע=פראצעס אויך נאכדעם, ווי עס האט זיך געענדיקט דער אומזאץ=פעריאד. הייסט עס, אז פון זייער ווערט ווערט אריבערגעטראגן אויפן פראדוקט בלויז א געוויסער טייל, וואס איז גלייך צו דעם דורכשניטלעכן אפנוצן זיך אין משך פון איין אומזאץ=פעריאד. אויב זייער ווערט באטרעפט, לאמיר זאגן, 100.000 מארק, די דורכשניטלעכע דויערהאפטיקייט פון זייער פונקציאנירן — 100 חדשים, —

1 זייט 52, Marx, „Kapital“ II

דאַן וועט פון דעם פאַרקויף פון די גאַרן דאַרפן צוריקפליסן 1000 מאַרק אויף צו דעקן די קאָסטן פון די געביידעס און מאַשינען. אָט דער טייל פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס פונקציאָנירט אין משך פון אַ גאַנצער ריי אומזאַץ־פּעריאָדן, בילדעט דעם גרונט־קאַפּיטאַל.

אַלזאָ, צו דעם שפּינעריי־באַזיצער פליסט פון דער צירקולאַציע שטענדיק אַריין געלט אַלס דעקונג פון זיין גרונט־קאַפּיטאַל, און ער מוז דאָס האַלטן אין דער געלט־פאָרם, ביז די סומע וועט אין 100 חדשים אַרום ענדלעך באַטרעפן 100.000 מאַרק, וועלכע ער וועט דעמאָלט דאַרפן האָבן, כדי איינצוקויפן נייע מאַשינען אאַז״וו. הייסט עס, אַז אויך דאָ קומט פאָר די אויסבילדונג פון אַן אוצר, וואָס איז אַליין „אַן עלעמענט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן רעפּראָדוקציע־פּראָצעס: רעפּראָדוקציע און קאָנצענטרירונג — אין דער געלט־פאָרם — פון דעם ווערט פונם גרונט־קאַפּיטאַל אָדער פון זיינע באַזונדערע עלעמענטן ביז יענער צייט, ווען דער גרונט־קאַפּיטאַל וועט זיך אויסלעבן און איבערגעבן זיין גאַנצן ווערט די פּראָדוצירטע סחורות, אַזוי, אַז מען וועט אים מוזן in natura באַנייען" [1].

פון דעם זעען מיר אויך, אַז אַ טייל קאַפּיטאַליסטן ציט שטענדיק אַרויס דאָס געלט פון דער צירקולאַציע, אַלס פאַרגיטיקונג פון דעם ווערט פון דעם אָפּגענוצטן טייל פונם גרונט־קאַפּיטאַל. די געלט־פאָרם איז דאָ וועזנטלעך: דער ווערט פון דעם גרונט־קאַפּיטאַל קאָן דאָ ווערן פאַרגיטיקט נאָר דורך געלט, ווייל דער גרונט־קאַפּיטאַל, אַלס אַזעלכער, פונקציאָנירט ווייטער אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס און נייטיקט זיך, אַלזאָ, נאָך נישט אין פאַרגיטיקונג in natura. הייסט עס, אַז דאָס געלט איז דאָ נויטווענדיק מחמת דעם באַשטימטן אופן פון דער רעפּראָדוקציע פון דעם גרונט־קאַפּיטאַל [2]. נאָר דאָס געלט מאַכט דאָ איבערהויפּט פאַר מעגלעך די באַזונדערע און זעלבשטענדיקע ווערט־צירקולאַציע פון דעם גרונט־קאַפּיטאַל, בשעת זיינע טעכנישע פונקציעס אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס זיינען באַשטענדיק און אָן איבעררייס.

---

1 דאָ־ס, זייט 449

2 פונקט אַזוי ווי די איינפאַכע סחורות־צירקולאַציע איז נישט אידענטיש נאָר מיט דעם פּשוטן פּראָדוקטן־אויסטויש, פונקט אַזוי קאָן מען אויך נישט פאַרגלייכן דעם אומזאַץ פון דעם יערלעכן סחורה־פּראָדוקט מיט דעם איינפאַכן דירעקטן קעגנזייטיקן אויסטויש פון זיינע פאַרשיידענע באַשטאַנדטיילן. דאָס געלט שפּילט דערביי אַ ספּעציפישע ראָל, וועלכע געפינט איר אויסדרוק אויך אין דעם אופן פון דער רעפּראָדוקציע פון דער גרונט־קאַפּיטאַל־ווערט". (Marx, „Kapital“ II, Seite 450).

אלזא, דער אופן פון דעם צוריקקערן זיך פון דעם גרונט=קאפיטאל פירט צו דעם, אז עס זאל זיך שאפן אן אוצר, אבער גלייכצייטיק אויך צו דער פעריאדישער אומטעטיקייט פון דעם געלט=קאפיטאל.

אלס די לעצטע סיבה פון דעם פריי=ווערן פון דעם געלט=קאפיטאל מוזן מיר נאך באטראכטן די באזונדערע אייגנשאפט פון דער קאפיטא=ליסטישער אקומולאציע. אויב דעם מערוועדט שטייט פאר צו פונקציאנירן אלס קאפיטאל, — צי ער וועט פארווענדעט ווערן אויף צו פארגרעסערן די אלטע אדער אויף צו גרינדן נייע אונטערנעמונגען, — מוז ער פריער פאר אלץ דערגרייכן ביז א געוויסער גרייס, וועמעס מאס עס איז אפ=הענגיק פון די געגעבענע טעכנישע און עקאנאמישע באדינגונגען פון דער אונטערנעמונג. אבער בשעת עס פארענדיקט זיך יעדע קרייזבאוועגונג, ווערט א געוויסער סכום מערווערט רעאליזירט, און דהיינו, צום אנהויב אין געלט=פארם. געוויינלעך מוזן פארקומען א גאנצע ריי קרייז=באווע=גונגען, ביז די רעאליזירטע סומעס פון דעם מערווערט וועלן נישט ווערן גענוג גרויס, אז מען זאל אים קאנען פארוואנדלען אין פראדוקטיוון קא=פיטאל. איינצלנע קאפיטאליסטן זאמלען שטענדיק אויף אזא אופן אן געלט=סומעס, וואס שטעלן פאר זיי פאר דעם רעאליזירטן מערווערט, ביז די דאזיקע סומעס וועלן, ענדלעך, זיך נישט ארויסווייזן פאר גענוג פאר פראדוקטיווער אנווענדונג. מיר טרעפן זיך דא אויך מיט דעם אומטעטיקן געלט=קאפיטאל, וועלכער שטאמט פון דעם פראצעס פון דער אויסנוצונג פון קאפיטאל, און א געוויסע צייט, ביז ער וועט נישט קאנען באקומען קיין פראדוקטיווע אנווענדונג, וועט ער מוזן ליגן אין דער געלט=פארם.

דאס אויסבילדן זיך פון אוצרות קאן געשען אויך ביי דעם איינ=פאכן סחורה=אויסטויש. צו דעם איז בלויז נייטיק, אז אין דעם פראצעס ס—ג—ס זאל נישט פארקומען דער צווייטער טייל, נעמלעך, ג—ס, ד"ה ס'איז נייטיק, אז דער פארקויפער פון דער סחורה זאל נישט ווערן קיין קויפער, נאר ער זאל איינהאלטן דאס געלט. אבער אזא פאקט קומט פאר בלויז אלס צופאל אדער קאפריז. דאקעגן, אין דער צירקולאציע פון דעם קאפיטאל איז דאס שאפן אוצרות א נויטווענדיקייט, וואס דרינגט ארויס פון דער נאטור פון דעם פראצעס גופא. דער אונטערשייד פון דעם איינפאכן סחורה=אויסטויש באשטייט אין דעם, וואס דא באפרייט זיך און ווערט פארגליווערט אין דער פארם פון אן אוצר נישט בלויז דאס צירקולאציע=מיטל, נאר אויך דער געלט=קאפיטאל: דאס געלט, וואס איז אקארשט דורכגעגאנגען דורך דער סטאדיע פון אויסנוצונג און וואס שטרעבט אומבאדינגט ווידער אריינצוטרעטן אין דעם פראצעס פון אויסנוצונג, ווידער

צו ווערן געלט-קאפיטאל. הייסט עס, אז עס איבט אויס א דרוק אויף דעם געלט-מארק.

אט אזוי אנטשטייט פון דעם מעכאניזם פון דער צירקולאציע פון דעם קאפיטאל גופא די נויטווענדיקייט, אז דער געלט-קאפיטל זאל אין א גרעסערן אדער קלענערן מאסשטאב בלייבן אומטעטיק אויף א לענגערער אדער קירצערער צייט. און דאס באדייט, אז אין משך פון אט דער צייט קאן ער נישט אריינברענגען קיין פראפיט, — א טויט-זינר לויטן שטאנדפונקט פון די קאפיטאליסטן. אבער דער מאסשטאב, אין וועלכן דער קאפיטאל באגייט זיין זינד, איז אפהענגיק, ווי ס'רוב זינד, פון די אביעקטיווע פאקטארן, וועלכע מיר וועלן איצט מוזן באטראכטן.

די גרויס-ענדערונגען פון דעם אומטעטיקן קאפיטאל און זייערע סיבות

מיר ווייסן שוין, אז אויף דעם פעריאד פון דעם קאפיטאל-אומזאץ פאדערט זיך, כדי דער פראדוקציע-פראצעס זאל זיך נישט אפשטעלן, א צוגאב געלט-קאפיטאל, און אז ער ווערט פעריאדיש אומטעטיק. אויב די אומזאץ-צייט אין אונזער ערשטן ביישפיל וועט זיך פארקירצן פון דריי אויף צוויי וואכן, וועלן דאן 1000 מארק בלייבן איבעריק און זיך אויסטיילן אין דער פארם פון געלט-קאפיטאל. אלס אזעלכער וועט ער ארויסטרעטן אויף דעם געלט-מארק און ווערן א צוגאב-טייל פון די קאפיטאלן, וואס פונקציאנירן דא. אט די איבעריקע 1000 מארק האבן פריער בלויז טיילווייז עקזיסטירט אין א געלט-פארם: געמלעך, אין דעם טייל זייערן, וואס האט געדינט אויף צו באצאלן פאר דער ארבעטס-קראפט, און 500 מארק זיינען פארוואנדעט געווארן אויף איינצוקויפן פראדוקציע-מיטלען און האבן, אלזא, עקזיסטירט אין א סחורה-פארם. איצט האבן זיי זיך אינגאנצן, און דערביי אין א געלט-פארם, אויסגעטיילט פון דעם קרייז-באוועגונג-פראצעס פון דעם דאזיקן קאפיטאל.

„די 1000 מארק, וואס האבן זיך אדאנק דעם אויסגעטיילט אין א געלט-פארם, בילדן איצט א נייעם קאפיטאל, וואס זוכט זיין אינוועסטיציע, א נייעם באשטאנדטייל פון דעם געלט-מארק. הגם זיי האבן אויך פריער פעריאדיש אנגענומען די פארם פון א פריי-געווארענעם געלט-קאפיטאל און פון א צוגאב-פראדוקטיוון קאפיטאל, זיינען אבער די דאזיקע לאטענטע צושטאנדן גופא געווען א באדינג פאר דער אויספירונג פון דעם פראדוקטיוון פראצעס, ד"ה, פאר דעם איינהאלטן די

באשטענדיקייט פון דעם דאזיקן פראצעס. איצט זיינען זיי שוין דערצו נישט נייטיק, און דעריבער בילדן זיי א נייעם געלט-קאפיטאל, איינעם פון די באשטאנדטיילן פון דעם געלט-מארק, הגם זיי בילדן נישט סיי קיין ניי-אקומולירטן אוצר, סיי קיין צוגאב-עלעמענט צו דעם שוין עקזיסטירנדיקן געזעלשאפטלעכן געלט-רעזערוו (ווייל זיי האבן שוין עקזיס-טירט בײַם אנהייב פון דער אונטערנעמונג און זיינען דורך איר גע-ווארפן געווארן אין דער צירקולאציע)" 1. מיר זעען דא, אלזא, ווי בײַ דעם גלײַכבלײַבנדיקן צושטאנד פון דעם געלט-רעזערוו אנטשטייט דער פארגרעסערטער אנבאט פון דעם געלט-קאפיטאל אויסשליסלעך מחמת דער פארקירצונג פון דער אומזאץ-צײַט פון דעם קאפיטאל, — דעם געלט, וואס האט פריער פונקציאנירט אלס קאפיטאל, איז באשערט ווידער צו ווערן קאפיטאל.

אויב, פארקערט, די אומזאץ-צײַט פארלענגערט זיך גאר, לאמיר זאגן, נאך אויף צוויי וואכן, וועט זיך פאדערן א צוגאב-קאפיטאל פון 2000 מארק, וועלכע מען דארף נעמען אויף דעם געלט-מארק און זיי לאזן אין דער קרייז-באוועגונג פון דעם פראדוקטיוון קאפיטאל (אין דער דאזיקער קרייז-באוועגונג גייט, ווי פריער, ארײַן אויך די צירקולאציע-צײַט); 1000 מארק וועלן בהדרגה פארוואנדלט ווערן פון דער געלט-פארם אין ארבעטס-קראפט, און די אנדערע 1000 מארק ווידער, — עס קאן זיך טרעפן תיכף-ומיד, — אין פראדוקציע-מיטלען. הייסט עס, אז דאס פארלענגערן דעם אומזאץ פירט צו דעם פארגרעסערטן נאכפרעג אויף דעם געלט-מארק.

די וויכטיקסטע מאמענטן, וואס האבן אן איינפלוס אויף דער אומזאץ-צײַט, זיינען פאלגנדיקע: „אויף וויפיל דאס גרעסערע אדער קלענערע דויערן פון דעם אומזאץ-פעריאד איז אפהענגיק פון דעם ארבעטס-פעריאד אין אייגנטלעכן זינען, ד"ה, פון דעם פעריאד, וואס איז נייטיק, כדי אויסצופארטיקן דעם פראדוקט פאר דעם מארק, שטיצט זיך דאס אויף די אביעקטיווע פראדוקציע-באדינגונגען, וועלכע זיינען פולקום באשטימטע פאר פארשיידענע ספערן פון דער קאפיטאל-אנווענדונג. די דאזיקע באדינגונגען האבן אין דער אגריקולטור מער א כאראקטער פון נאטירלעכע באדינגונגען פון דער פראדוקציע, און אין דער מאנופאקטור און אין דעם גרעסטן טייל פון דער עקסטראקטיווער אינדוסטריע ענדערן זיי זיך פאראלעל מיט דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג פון דעם פרא-דוקציע-פראצעס גופא" 2.

1 זײַט 274, Marx, Kapital" II
2 דארט, ז"ז 303 און 304.

דאָ ווירקן צווייערליי טענדענצן. די אַנטוויקלונג פון דער טעכניק פאַרקירצט דעם אַרבעטס־פּעריאָד; דער איינצלנער עקזעמפּלאַר פון דער סחורה ווערט שנעלער פאַרטיק געמאַכט, הייסט עס, אַז ער פאַרלאָזט שנעלער די פאַבריק און קומט אויפן מאַרק; ער קומט אַ חוץ דעם, אויב עס האַנדלט זיך וועגן טיילבאַרע סחורות, אין אַ גרעסערער געזעל־שאַפט, עס ווערט פּראָדוצירט אַ פאַרגרעסערטע צאָל סחורות אין פאַר־גלייך מיט פריער, הייסט עס, אַז אַ גרעסערער קאַפּיטאַל מאַכט שנעלער דעם אומזאַץ; דער טעכנישער פּראָגרעס פאַרקירצט דעם אַרבעטס־פּעריאָד און פאַרשנעלערט אויף אַזאַ אופן דעם אומזאַץ פון דעם צירקו־לירנדיקן קאַפּיטאַל און פון דעם מערוווערט. דער זעלביקער פּראָגרעס באַדייט אָבער אויך די פאַרגרעסערונג פון דעם גרונט־קאַפּיטאַל, מיט זיין בערך לענגערן אומזאַץ־פּעריאָד, וועלכער נעמט אַרום אַ גאַנצע ריי אומ־זאַצן פון דעם צירקולירנדיקן קאַפּיטאַל. און דער גרונט־קאַפּיטאַל פאַר־גרעסערט זיך שנעלער, ווי דער צירקולירנדיקער קאַפּיטאַל. אויף אַזאַ אופן ווערט דער אומזאַץ פון דעם שטענדיק־וואַקסנדיקן טייל פון דעם גאַנצן קאַפּיטאַל אַלץ לאַנגזאַמער. אויב מען זאָל לאָזן אָן אַ זייט דעם קרעדיט, וואָלט דאָס פאַרלאַנגזאַמערן דעם אומזאַץ געווען אַ נייע, צווייטע סיבה, — די ערשטע באַשטייט אין דעם פאַרגרעסערן דעם פּראָדוקציע־מאַסשטאַב בכלל, — פון דעם פאַרגרעסערטן אויסלייגן געלט־קאַפּיטאַל, פון וואָס ס'וואָלט אָבער אויך אַ גרעסערער טייל געבליבן צו דיספּאָזיציע (פריי).

„אויף וויפיל די צייט־דויער פון דעם אַרבעטס־פּעריאָד ווערט באַשטימט דורך דער גרייס פון די ליפערונגען (דורך דער קוואַנטיטאַטיווער גרייס, אין וועלכער דער פּראָדוקט ווערט גע־וויינלעך אַלס סחורה געוואָרפן אויף דעם מאַרק), האָט ער אַ קאָנ־ווענציאָנעלן כאַראַקטער. אָבער די דאָזיקע קאָנווענץ האָט פאַר איר מאַטעריעלער באַזיס די מדרגה פון דער פּראָדוקציע. זי איז דעריבער, אויב מען באַטראַכט זי אין איינצל־פאַלן, צופעליק".

אויך דאָ וואַקסט אין אַלגעמיין די כמות, און צוזאַמען מיט אים וואַקסט אויך דער קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אויסגעלייגט. דאָך מוז מען נעמען אין אַכט, אַז מחמת דעם טעכנישן פּראָגרעס קאָן אַ גרע־סערע כמות האָבן אַ קלענערן פּרייז, און דעריבער קאָן זיך פאָדערן אַ בערך קלענערער אויסלייג־קאַפּיטאַל.

„ענדלעך, אויף וויפיל די צייט־דויער פון דעם אומזאַץ־פּעריאָד איז אָפּהענגיק פון דער צייט־דויער פון דעם צירקולאַציע־פּעריאָד, איז ער טיילווייז פאַרבונדן מיט די כסדרדיקע ענדע־

רונגען פון די מארק-קאניוקטורן, מיט דער גרעסערער אָדער קלע-נערער לייכטקייט ביים פארקויפן און מיט דער נויטווענדיקייט, וואָס נעמט זיך דערפון, צו ווארפן אַ טייל פראָדוקטן אויף אַ מער נאָענטן אָדער וויַטערן מארק. אויסער דער גריים פון דעם נאָכ-פרעג בכלל, שפילט דאָ די באַוועגונג פון די פריַזן די הויפט-ראָל: בעת די פריַזן פאלן, ווערט דער פארקויף בכיוון באַגרענעצט, אין דער ציַיט ווען די פראָדוקציע גייט ווי געווען; פארקערט, בעת די פריַזן הייבן זיך, שטייען די פראָדוקציע און דער פארקויף נישט אָפּ איינס פון אנדערן, אָדער די סחורה קאָן אפילו פאַר-קויפט ווערן פאַראויס. און דאָך דאַרף מען אלס די אייגנטלעכע מאַטעריעלע באַזיס באַטראַכטן דעם ווירקלעכן מהלך, וואָס טיילט אָפּ דאָס אָרט פון דעם אָפּזאַץ-מארק" 1.

אַזוי ווי דער פראָפיט אנטשטייט אין דער פראָדוקציע, און דורך דער צירקולאַציע ווערט ער נאָר רעאַליזירט, נעמט זיך פונדאַנען די שטענדיקע שטרעבונג ווי וויַט מעגלעך צו פארוואַנדלען דעם גאַנצן קאַפּיטאַל אין אַ פּראָדוקציע-קאַפּיטאַל. פונדאַנען נעמט זיך די טענ-דענץ, ערשטנס, צו דערפירן די צירקולאַציע-קאָסטן ביז אַ מינימום, פאַר-ביַיטנדיק דאָ מעטאַל-געלט מיט קרעדיט-געלט, און, צווייטנס, צו פאַר-קירצן די צירקולאַציע-ציַיט גופא דורך דער אנטוויקלונג פון דער האַנדלס-טעכניק, דורך אַ ווי וויַיט מעגלעך שנעלערן פארקויף פון די פראָדוקטן. אַ קעגנזעצלעכע טענדענץ שטעלט מיט זיך פאַר די שטענדיקע אויס-ברייטערונג פון די מערק און די אנטוויקלונג פון דער אינטערנאַציאָ-נאַלער ארבעטס-טיילונג. די דאָזיקע קעגנזעצלעכע טענדענץ ווערט גע-מילדערט אין איר ווירקונג דורך דער אנטוויקלונג פון די טראַנספּאָרט-באַדינגונגען.

צום סוף מוזן מיר נאָך באַמערקן, אַז די ציַיט-דויער פון דער אומזאַץ-ציַיט פון דעם קאַפּיטאַל האָט אַ דעצידירנדיקע באַדיַיטונג פאַר דער שנעלקייט, מיט וועלכער דער מערווערט קאָן זיך צוריק פארוואַנד-לען אין קאַפּיטאַל, קאָן זיך אַקומולירן. וואָס קירצער עס איז דער אומ-זאַץ-פעריאָד, אַלץ שנעלער רעאַליזירט זיך דער מערווערט אין געלט-פאָרם, אַלץ שנעלער קאָן ער פארוואַנדלט ווערן אין קאַפּיטאַל.

די אַלע אָנגעוויזענע מאָמענטן: דער אָרגאַנישער צוזאַמענשטעל פון דעם קאַפּיטאַל, באַזונדערס די פארהעלטעניש פון דעם גרונט-טייל צו דעם צירקולירנדיקן טייל פון דעם קאַפּיטאַל, די אנטוויקלונג פון דער

1 דאָרט, זיַיט 304.

האנדלס־טעכניק, וואס פארקירצט די צירקולאציע־צייט, די אנטוויקלונג פון די טראנספארט־מיטלען, וואס ווירקן אין דער זעלבער ריכטונג, און אדאנק וועלכע עס אנטשטייט אבער, אלס קעגנזועצלעכע טענדענץ, דאס זוכן אלץ ווייטערע מערק, די פארשיידנקייט אין דעם טעמפא פון דעם צוריקפליסן פון דעם קאפיטאל מחמת די פעריאדישע וואקלונגען פון דער קאניונקטור און, ענדלעך, די פארשנעלערטע אדער פארלאנגזאמטע פראדוקטיווע אקומולאציע, — אט די אלע אומשטענדן ווירקן דערויף, ווי גרויס עס זאל זיין די מאסע פון דעם אומטעטיק־ליגנדיקן קאפיטאל און ווי לאנג עס זאל דויערן זיין אומטעטיקער צושטאנד.

צו דעם אלעם קומט צו נאך אזא וויכטיקער מאמענט, ווי די פרייזן־ענדערונגען פון די סחורות. אויב דער פרייז פון רוי־שטאף פאלט, וועט דער קאפיטאליסט פון אונזער ביישפיל, וועלנדיק ווייטער פירן די פראדוקציע לויט דעם ביז אהעריקן פארנעם, שוין דארפן אויסלייגן אלע וואך נישט 1000, נאר, לאמיר זאגן, 900 מארק, הייסט עס, אז אויפן גאנצן אומזאץ־פעריאד פון זיין קאפיטאל דארף ער שוין אויסלייגן נישט קיין 9000 נאר 8100 מארק, און 900 מארק ווערן פריי.

„דער דאזיקער אויסגעטיילטער און איצט נישט באשעפטיקטער קאפיטאל, געלט־קאפיטאל, וואס זוכט איצט דעריבער אן אנווענדונג אויף דעם געלט־מארק, איז נישט עפעס אנדערש, ווי א טייל פון דעם קאפיטאל פון 9000 מארק, וואס איז לכתחילה אויסגעלייגט געווארן אלס געלט־קאפיטאל און איז געווארן איבעריק מחמת דעם פאלן פון די פרייזן פון די פראדוקציע־עלעמענטן, אין וועלכע ער איז פעריאדיש פארוואנדלט געווארן, — ער איז געווארן איבעריק, אויב די אונטערנעמונג זאל נישט פארגרעסערט ווערן, זי זאל בלייבן אויף דער זעלבער מדרגה ווי געווען. אויב אזא פאלן פון די פרייזן איז נישט א רעזולטאט פון צופעליקע אומשטענדן (למשל, מחמת אן אומגעהייערער גערעטעניש, אדער מחמת א פארגרעסערטן צופיר וכדומה), נאר דורך דער פארגרעסערונג פון דער פראדוקציע־קראפט אין אט דעם צווייג, וואס ליפערט דעם רוי־שטאף, — ווערט דעמאלט דער דאזיקער געלט־קאפיטאל אן אבסאלוטער צוּוואקס פאר דעם געלט־מארק און פאר דעם פרייען קאפיטאל בכלל, וועלכער געפינט זיך אין דער פארם פון געלט־קאפיטאל, ווייל דער דאזיקער אויסגעטיילטער קאפיטאל האט אויפגעהערט צו זיין א באשטאנד־טייל פון דעם קאפיטאל, וואס האט שוין פאר זיך געפונען אן אנווענדונג“ [1].

---

[1] דארט, זייט 277.

אויב די פּרײַזן פון רווישטאָפן הייבן זיך, פאָדערט זיך, פאַרקערט, אַ צוגאָב געלט-קאַפּיטאַל און דאָס רופט ממילא אַרויס אַ געשטייגערטן נאָכפרעג אויפן געלט-מאַרק.

עס איז שוין ממילא קלאָר, אַז די מאָמענטן, וואָס מיר באַטראַכטן דאָ איצט, זיינען אויסערסט וויכטיק פאַר דער באַוועגונג פון דעם געלט-מאַרק אין דער צײַט פון די פּעריאָדישע וואַקלונגען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דעם צושטאַנד פון דער קאָניונקטור. אין אָנהייב פון דער פּראָספּעריטי זיינען די פּרײַזן נידעריקע, דאָס צוריקפליסן פון די קאַפּיטאַל-טיילן גייט צו שנעל, דער צירקולאַציע-פּעריאָד איז אַ קורצער. בשעת די קאָניונקטור דערגרייכט איר העכסטן שטאַפּל, הייבן די פּרײַזן אָן צו שטײַגן און די צירקולאַציע-צײַט דויערט לענגער. מען הייבט דאָ אָן שטאַרקער אָנצוקומען צום קרעדיט פאַר די באַדערפעענישן פון דער צירקולאַציע; גלײַכצײַטיק וואַקסט אויך, מחמת דער פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע, דער נאָכפרעג אויף קאַפּיטאַל-קרעדיט. דאָס, וואָס דער צירקולאַציע-פּעריאָד דויערט לענגער און וואָס די פּרײַזן האַלטן אין איין וואַקסן, פאָדערט אויסצולייגן אַ צוגאָב-קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט גענומען פון דעם געלט-מאַרק, און דאָס מוז אומפאַרמײַדלעך פאַרקלענערן די צאָל פון דעם פאַראַנענעם לײַ-קאַפּיטאַל.

מיט דעם איבערגאַנג צו אַ מער העכערן אָרגאַנישן צוזאַמענשטעל וואַקסט אין אַלגעמיין אויך דער אומזאַץ-פּעריאָד פון דעם קאַפּיטאַל. עס וואַקסט נישט בלויז די גרייס פון דעם באַרווענדעטן קאַפּיטאַל, נאָר אויך די צײַט, אין משך פון וועלכער ער פונקציאָנירט אין דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס. עס פאַרלענגערט זיך די צײַט, וואָס איז נייטיק, אַז דער אויסגעלייגטער קאַפּיטאַל זאָל זיך אומקערן צו זײַן אויסגאַנג-פּונקט. למשל, דער קאַפּיטאַליסט מוז אויסלייגן 10.000 מאַרק, אויב דער אומזאַץ-פּעריאָד פון זײַן קאַפּיטאַל באַטרעפט 10 וואָכן. און אויב ער ווענדט אָן אַ נײַעם פּראָדוקציע-מעטאָד, וואָס פאָדערט שוין אויסצולייגן 60.000 מאַרק און די אומזאַץ-צײַט וועט איצט דויערן 30 וואָכן, וועט ער מוזן נעמען פון דעם געלט-מאַרק 60.000 מאַרק, און דעם דאָזיקן זעקספאַכיקן קאַפּיטאַל וועט ער דאַרפן אויסלייגן אויף דער דרײַ מאָל לענגער געוואָרענער צײַט.

וואָס לענגער עס דויערט דער אומזאַץ-פּעריאָד פון דעם קאַפּיטאַל, אַלץ לענגער קומט אויס צו וואַרטן אויף דעם מאָמענט, ווען דער עקוויוואַלענט פון די סחורות (די פּראָדוקציע-מיטלען און לעבנסמיטלען פאַר די אַרבעטער), וואָס זיינען גענומען געוואָרן פונם מאַרק, וועלן זיך אין סחורה-פאָרם צוריק אומקערן אויפן מאַרק. הייסט עס, אַז פון דעם

מארק זיינען געגומען געוואָרן סחורות און דעם מארק האָט מען פאַר זיי געגעבן בלויז געלט. דאָס געלט איז אין דעם פאַל נישט קיין פאַרביי־גייענדיקע פאָרם, נאָר א באַשטענדיקע ווערט־פאָרם פאַר די סחורות, וואָס מען האָט גענומען פונם מארק. דאָס דאָזיקע געלט באַקומט דאָ א זעלבשטענדיקן ווערט לגבי די סחורות. הייסט עס, אַז דאָ איז אַבסאָלוט נויטווענדיק צו פאַרבייטן דעם סחורה־ווערט מיט געלט, ווייל דאָס פאַרבייטן אים מיט אַן אַנדער סחורה וועט ערשט קומען גאָר אין אַן אַנדער מאָמענט פון דער צייט.

„אויב מיר ווילן זיך פאָרשטעלן נישט קיין קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, נאָר א קאָמוניסטישע, וועט פריער פאַר אַלץ איני־גאַנצן אַוועקפאַלן דער געלט־קאַפּיטאַל, עס ווילן, אַלזאָ, אַוועקפאַלן אָט די אַלע מאַסקירונגען, וואָס ווערן געמאַכט אין די טראַנזאַקציעס אַדאַנק דעם געלט־קאַפּיטאַל. דער ענין ווערט איינפאַך דערפירט דערצו, אַז די געזעלשאַפט מוז באַרעכענען, וויפיל אַרבעט, פּראָ־דוקציע־מיטלען און לעבנסמיטלען זי קאָן אָן יעדן שאָדן פאַרווענדן צו אַזעלכע פּראָדוקציע־צווייגן, וועלכע, ווי דאָס בויען אייזנבאַנען, למשל, ברענגען א לאַנגע צייט, א יאָר אָדער נאָך מער, נישט אַריין נישט קיין פּראָדוקציע־מיטלען, נישט קיין לעבנסמיטל און גיבן בכלל נישט וועלכן נישט איז נוצלעכן עפעקט, זיי נעמען אָבער צו פון דער גאַנצער יערלעכער פּראָדוקציע אַרבעט, פּראָדוקציע־מיטלען און לעבנסמיטלען. דאַקעגן, אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וווּ דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשטאַנד לאָזט שטענ־דיק וועגן זיך הערן ערשט post factum קאָנען און מוזן שטענ־דיק זיין גרויסע שטערונגען: פון איין זייט דער דרוק אויף דעם געלט־מארק, בעת, פאַרקערט, די צוטריטלעכקייט פון דעם געלט־מארק רופט פון זיין זייט אַרויס דאָס אַנטשטיין פון א מענגע אונטערנעמונגען, הייסט עס, יענע אומשטענדן, וואָס זיינען גורם דעם דרוק אויף דעם געלט־מארק; פון דער צווייטער זייט שפּירט דעם דרוק דער פּראָדוקטיווער קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך אין רשות פון דער געזעלשאַפט. אַזוי ווי די עלעמענטן פון דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל ווערן שטענדיק גענומען פון דעם מארק און אָנשטאָט זיי ווערט אויף דעם מארק געוואָרפן נאָר דער געלט־עקוויוואַלענט, וואַקסט דעריבער דער צאָלפעיִקער נאָכפרעג, וועלכער אַנטהאַלט פונדעסטוועגן נישט אין זיך קיין שום עלעמענטן פון אָנבאָט. פונדאַנען נעמט זיך דאָס שטייגן פון די פּרייזן סיי אויף לעבנסמיטלען, סיי אויף די פּראָדוקציע־שטאָפן. דערצו אַנט־

וויקלט זיך נאך געוויינלעך אין אזא צייט דער שווינדל און עס קומען פאר גרויסע טראנזאקציעס מיט דעם קאפיטאל"[1]...

דא ווערן די פארשיידנהייטן פון דעם אומזאץ צו א שטערונג־מאמענט אין דער פראפארציאנעלקייט פון דער פראדוקציע און צוזאמען דערמיט, — ווי עס וועט שפעטער געוויזן ווערן, — אויך דער מאמענט, וואס איז גורם דעם קריזיס.

אלזא, אלס רעזולטאט פון דער ביזאהעריקער פארשונג באקומט זיך: ערשטנס, א טייל פון דעם אלגעמיינעם געזעלשאפטלעכן קאפיטאל, וואס פונקציאנירט אין דער פראדוקציע, איז שטענדיק אומטעטיק אלס געלט־קאפיטאל; צווייטנס, די גרייס פון דעם דאזיקן אומטעטיקן געלט־קאפיטאל איז אונטערגעווארפן גרויסע ענדערונגען, און אט די אלע ענדערונגען מוזן האבן א דירעקטן איינפלוס אויף דעם געלט־מארק, אויף דעם אנבאט און נאכפרעג פון דעם געלט־קאפיטאל.

דער אומטעטיקער צושטאנד פון דעם קאפיטאל איז אבער סותר די פונקציע פון דעם קאפיטאל: צו פראדוצירן פראפיט. אט אזוי אנטשטייט די שטרעבונג צו דערפירן די דאזיקע אומטעטיקייט ביז צו א מינימום. די לייזונג פון דער אויפגאבע איז א נייע פונקציע פון דעם קרעדיט.

דורך דעם קרעדיט ווערט דער אומטעטיקער קאפיטאל פארוואנדלט אין א פונקציאנירנדיקן

דער אופן, ווי אזוי דער קרעדיט קאן אויספילן אט די פונקציע, איז פארשטענדלעך אויך אן ווייטערדיקע דערקלערונגען. מיר ווייסן שוין, אז פון דעם קרייזבאוועגונג־פראצעס פון דעם קאפיטאל באפרייט זיך פעריאדיש געלט־קאפיטאל. דער דאזיקער געלט־קאפיטאל, וואס טיילט זיך ארויס פון דער קרייזבאוועגונג פון איין אינדיווידועלן קאפיטאל, קאן אבער פונקציאנירן אלס געלט־קאפיטאל אין דער קרייזבאוועגונג פון א צווייטן אינדיווידועלן קאפיטאל, אויב ער וועט דורך דעם קרעדיט געשטעלט ווערן אין רשות פון דעם צווייטן קאפיטאליסט. אויף אזא אופן שאפט דאס פעריאדישע באפרייען פון דעם קאפיטאל א וויכטיקע באזיס פאר דער אנטוויקלונג פון די קרעדיט־פארהעלטענישן.

הייסט עס, אז די אלע סיבות, וואס פירן פעריאדיש צו דעם אומטעטיקן צושטאנד פונם קאפיטאל, פארוואנדלען זיך איצט אין סיבות

1 דארט, זייט 302.

פון דער אנטשטייונג פון קרעדיט־פאַרהעלטעניש, און די אַלע מאָמענטן, וואָס ווירקן אויף דער גרייס פון דעם אומטעטיקן קאַפּיטאַל, באַשטימען איצט די פאַרברייטערונג אָדער פאַרשמעלערונג פון דעם דאָזיקן קרעדיט.

אויב, למשל, אין דעם פּראָצעס פון דער קרייז־באַוועגונג פון אַ געוויסן קאַפּיטאַל קומט אַ פּויזע און ער ווערט איבערגעריסן אויף אַזאַ אופן, אַז דער קאַפּיטאַל בלייבט פיקסירט אין דער פאָרם פון געלט־קאַפּיטאַל, — שאַפט זיך דאָ אַ לאַטענטער געלט־קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט איצט דורך דעם קרעדיט געשטעלט אין רשות פון אַנדערע קאַפּיטאַ־ליסטן. דאָס מערקט זיך אין ניט־שטענדיקע פּראָדוקציע־פּראָצעסן, אין אַזעלכע, וועלכע זיינען אָפּהענגיק פון די צייטן פונם יאָר, — אָדער מחמת די נאַטור־באַדינגונגען (לאַנדווירטשאַפט, הערינג־פאַנג, צוקער־פּראָדוקציע אד״גל), אָדער מחמת סיבות פון קאָנווענציאָנעלע אומשטענדן, ווי, למשל, די אַזוי גערופענע סעזאָן־אַרבעטן. אָבער יעדע באַפרייונג פון געלט־קאַפּיטאַל קאָן דורך דעם קרעדיט ווערן פאַרווענדעט אויף אַנדערע פּראָדוקציע־צילן, אויסער דעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַל, פון וועלכן ער האָט זיך באַפרייט [1].

אויב אָבער די קרייז־באַוועגונג ווערט איבערגעריסן אין אַזאַ סטאַדיע, ווען קיין שום געלט־קאַפּיטאַל באַפרייט זיך נישט, דאַן מוז מען שויִן,

---

1 דערויף שטיצט זיך די אויסגלייכנדיקע טעטיקייט פון די בענק, וועלכע שטעלן צו די אינדוסטריעלע געביטן דעם געלט־קאַפּיטאַל, וואָס האָט זיך באַפרייט אין די לאַנדווירטשאַפט־געביטן מיט זייער שטאַרק פאַרענדערלעכן געלט־באַדאַרף. און וואָס פאַר אַ ווירקונג עס קאָן האָבן די קאָנוועגציאָנעלקייט, באַווייזט פאָלגנדיקער ביישפּיל, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער מאָדערנער שיך־פאַבריקאַציע. דער צירקולירנדיקער קאַפּיטאַל מאַכט דאָ נישט מער ווי צוויי אומזאַצן אַ יאָר, הגם דער פאַבריקאַציע־פּראָצעס פון אַ פּאָר שיך דויערט דורכשניטלעך נישט מער פון 3—4 וואָכן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די הויפּט־באַשטעלונגען אין משך פון יאָר דאַרף מען ליפערן פאַר פּאַסכע אָדער פאַרן גרינעם יום־טוב. אין דער צווישנצייט ווערט די סחורה צוגעגרייט, אָבער זי ליגט אויף דעם לאַגער, ווייל פאַר דעם טערמין האָט זי נישט קיין אָפּנעמער. אַלנפאַלס הייבט זיך אָן די צאָלונג־פליכט פון דעם שיך־סוחר ערשט מיט דעם ליפערונג־טערמין פון די שיך. Karl Rehe, „Das Deustche Schuchgrossindustrie“. Jena 1908, Seite 55.

איינצייטיק האָבן די דאָזיקע אומשטענדן אַ באַשטימטע ווירקונג אויף דעם באַנוצן זיך מיט דעם קרעדיט: „די אייגנאַרטיקייט פון דעם סעזאָן־געשעפט צווינגט אויך די אונטערנעמער פון דער שוך־אינדוסטריע צו אַרבעטן מיט די בענק. די גרויסע סומעס, וואָס פליסן אַריין נאָך דעם הויפּט־סעזאָן, ווערן אָפּגעגעבן אין די בענק, און זיי, פון זייער זייט, שטעלן צו אין רשות פון די פאַבריקאַנטן אין דער איבעריקער צייט פון יאָר, די נייטיקע סומעס געלט אויף צו באַצאָלן די לוינען און אַנדערע באַטריב־הוצאות, און נעמען אויף זיך אויך די צאָלונגען פאַר די רויִשטאָפן דורך איבערווייזונגען אָדער טשעק־אָפּעראַציעס“. (דאָרט זייט 57).

פארקערט, כדי דער פראצעס זאל נישט איבערגעריסן ווערן, אנקומען צו דעם רעזערוו־פאנד, וועלכער מוז אויך געהאלטן ווערן אין דער געלט־פארם, אדער, ביי אן אנטוויקלטער קרעדיט־סיסטעם, זיך ווענדן צו דעם קרעדיט.

די נאטור פון דעם קרייז־באוועגונג־פראצעס גיט אזוי ארום פון איין זייט די מעגלעכקייט צוצושטעלן קאפיטאל־קרעדיט. און אזוי ווי דאס געלט איז שטענדיק פארבונדן מיט צירקולאציע־קאסטן, דעריבער טאקע שטרעבט די קאפיטאליסטישע פראדוקציע וואס מער אנצושטרענגען אירע כוחות, נישט פארגרעסערנדיק אין דער גלייכער מאס דעם געלט־קאפיטאל, און צוליב דעם ווערט דער דאזיקער קרעדיט א נויטווענדיקייט.

פון דער אנדערער זייט מאכט יעדע שטערונג אין דעם צירקולא־ציע־פראצעס, יעדע פארלענגערונג פון דעם פראצעס ס—ג אדער ג—ס נויטווענדיק א צוגאב־קאפיאל, אז וועלכן עס וואלט נישט מעגלעך געווען אונטערצוהאלטן די אומאיבעררייסלעכקייט פון דעם פראדוקציע־פראצעס.

מיר האבן שוין געזען, אז דער סכום געלט caeteris paribus איז אפהענגיק פון דער פרייזן־סומע פון די סחורות, וואס דארפן דורכגיין דורך דער צירקולאציע. קומט דעריבער פאר אין דער צייט פון דעם קרייזבאוועגונג־פראצעס א ווערט־ענדערונג, ווירקט דאס אויף דעם סכום פון דעם געלט־קאפיטאל. אויב די פרייזן שטייגן, דאן ווערט דער צוגאב געלט־קאפיטאל געבונדן; פאלן זיי, — דאן ווערט געלט־קאפיטאל פריי:

„וואס גרעסער עס זיינען די שטערונגען, אלץ א גרעסערן קאפיטאל מוז דער אינדוסטריעלער קאפיטאליסט באזיצן, כדי ער זאל האבן די מעגלעכקייט איבערצווווארטן ביז זיי וועלן באזייטיקט ווערן; און אזוי ווי מיט דער אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטי־טישער פראדוקציע ווערט פארגרעסערט דער מאסשטאב פון יעדן אינדיווידועלן פראדוקציע־פראצעס און צוזאמען מיט דעם וואקסט אויך די מינימאלע גרייס פון דעם אויסלייג־קאפיטאל, ווערט דער דאזיקער אומשטאנד פאראייניקט מיט א ריי אנדערע, אדאנק וועלכע די פונקציע פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאליסט ווערט אלץ מער דער מאנאפאל פון די גרויסע געלט־קאפיטאליסטן, וואס טרעטן ארויס אלס יחידים אדער אין געזעלשאפטן" [1].

---

1 Marx, „Kapital“ II, Seite 84 הייסט עס, אז די הערשאפט פון די בענק איבער דער אינדוסטריע, ווי ווייטיקסטע דערשיינונג פון דער נייסטער צייט, איז דא פארויסגעזאגט אין אן עפאכע, ווען עס האט זיך קוים אנגעמערקט דער עמבריאן פון דעם דאזיקן פראצעס.

דער קרעדיט, וואָס איז געבויט אויף דעם באַפרייטן געלט־קאַפיטאַל, אונטערשיידט זיך אָבער אין זיין עצם פון דעם צאָלונגס־קרעדיט, וואָס אנטשטייט אויפן גרונט פון דער איינפאַכער סחורות־צירקולאַציע, בלויז פון די געענדערטע פונקציעס פון דעם געלט. אָבער דאָס באַדערט, אַז מען זאָל עס נעענטער באַטראַכטן.

קאַפּיטל פינף

די בענק און דער אינדוסטריעלער קרעדיט

דער קרעדיט איז צום אָנהויב בלויז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס ענדערט זיך די פונקציע פונם געלט אַלס צאָלונגס־מיטל. אויב די צאָלונג וועט פאָרקומען אין אַ געוויסער צײַט נאָכדעם, ווי עס איז פּאַקטיש געמאַכט געוואָרן דער פאַרקויף, ווערט דאָס געלט קרעדיטירט אויף אָט דער צײַט. הייסט עס, אַז אָט די קרעדיט־פאָרם האָט פאַר אַ הנחה די עקזיסטענץ פון סחורה־באַזיצערס, און אין דער אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — פון פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן. אויב מיר וועלן אָננעמען דעם פּראָצעס אַלס אָפּגעזונדערטן און איינמאָליקן, וועט דאָס הייסן, אַז דער קאַפּיטאַליסט A פאַרמאָגט גענוג רעזערוו־קאַפּיטאַל, ער זאָל קאָנען וואַרטן ביז ער וועט צוריק אַרײַנפליסן פון B, וואָס האָט אין דעם מאָמענט פונם אײַנקויף נישט פאַרמאָגט די נייטיקע סומע צאָלונגס־מיטלען. בײַ אַזאַ איינזײַטיקער קרעדיטירונג האָט A געמוזט באַזיצן פונקט אויף אַזויפיל מער, וויפיל B וועט דאַרפן האָבן אין דעם צאָלונגס־טערמין. דאָ וואָלטן מיר געהאַט נישט קיין אײַנשפּאָרונג, נאָר אַ פּשוטע געלט־איבערטראָגונג. אַנדערש וועט דאָס אויסזען אין דעם פאַל, אויב די צאָלונגס־פאָדערונג פונקציאָנירט אַליין אַלס צאָלונגס־מיטל, אויב A גיט נישט בלויז קרעדיט B, נאָר ער אַליין באַנוצט זיך אויך מיט דעם קרעדיט פון C, צאָלנדיק אים מיט B־ס וועקסל, און אויב C דאַרף צאָלן B און ער וועט אים צאָלן מיט זײַן, B־ס, וועקסל, וועט דאָ צווישן A און B, A און C און B דורכגעפירט ווערן קויף־ און פאַרקויף־אַקטן, אָן דער פאַרמיטלונג פון געלט. הייסט עס, אַז דאָס געלט איז דאָ אײַנגעשפּאָרט געוואָרן, און אַזוי ווי דאָס דאָזיקע געלט האָט געדאַרפט זײַן דער צוגאָב־קאַפּיטאַל (פאַר דעם צירקולאַציע־פּראָצעס פון דעם סחורה־קאַפּיטאַל) אין די הענט פון די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן, ווערט אַדאַנק דעם דער קאַפּיטאַל אײַנגעשפּאָרט פאַר זיי. דער וועקסל פירט אויס די פונקציע פון געלט, פונקציאָנירט אַלס קרעדיט־געלט, פאַרבײַטנדיק דאָס געלט. אַ באַדײַטנדיקער טייל פון די צירקולאַציע־פּראָצעסן, דערבײַ די גרעסטע און

אַממערסטן קאָנצענטרירטע, שפּילן זיך אָפּ צווישן די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן גופא. די אַלע טראַנזאַקציעס קאָנען אין פּרינציפּ געמאַכט ווערן דורך וועקסלען; אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע וועקסלען קאָמפּענסירן זיך קעגנזײַטיק און עס איז בלויז נייטיק אַ געוויסער סכום מזומן געלט אויף צו סאַלדירן די בילאַנס. הייסט עס, אַז דער קרעדיט ווערט דאָ דורך די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן קעגנזײַטיק געגעבן איינער דעם אַנדערן. די קאַפּיטאַליסטן קרעדיטירן קעגנזײַטיק איינער דעם אַנדערן די סחורות, וועלכע זײַנען פאַר זיי — דער סחורה-קאַפּיטאַל; אָבער די דאָזיקע סחורות זיינען נישט מער ווי טרעגער פון אַ באַשטימטער ווערט-סומע, וועלכע ווערט דורך דעם פאַרקויף-אַקט אָנגענומען אַלס רעאַליזירטע אין געלט, אין דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעך גילטיקער ווערט-פאָרם; אויף אַזאַ אופן זײַנען די סחורות טרעגער פון אַ באַשטימטער געלט-סומע, וואָס ווערט רעפּרעזענטירט דורך דעם וועקסל. הייסט עס, אַז די וועקסל-צירקולאַציע שטיצט זיך אויף דער סחורות-צירקולאַציע, אָבער פון אַזעלכע סחורות, וועלכע זיינען שוין דורך דעם פאַר קויף-אַקט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געלט, הגם די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג האָט נאָך נישט אָנגענומען די געזעלשאַפטלעך-גילטיקע פאָרם און עקזיסטירט נאָך בלויז אַלס פּריוואַטער אַקט אין דעם צוזאָג מצד דעם קויפער צו באַצאָלן 1.

דעם דאָזיקן קרעדיט, וואָס מיר באַטראַכטן דאָ, וועלכן די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן גיבן איינער דעם אַנדערן, וועלן מיר אָנרופן צירקולאַציע-קרעדיט. מיר האָבן געזען, אַז דער דאָזיקער קרעדיט פאַרבײַט דאָס געלט, דאָס הייסט, אַז ער פאַרשפּאָרט דעם מעטאַל, וואָס איז פאַרבונדן מיט הוצאות, ווײַל אַדאַנק דעם קרעדיט ווערט די סחורות-איבערטראָגונג פאַרווירקלעכט אָן דער פאַרמיטלונג פון געלט. די אויסברייטערונג פון דעם דאָזיקן קרעדיט שטיצט זיך אויף דער אויסברייטערונג פון די דאָזיקע סחורה-איבערטראָגונגען, און אַזוי ווי עס האַנדלט זיך דאָ וועגן סחורה-קאַפּיטאַל, — וועגן טראַנזאַקציעס צווישן פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן, — שטיצט זי זיך אויף דער זויסברייטערונג פון דעם רעפּראָדוקציע-פּראָצעס. ס׳ברייטערט זיך אויס דער רעפּראָדוקציע-פּראָצעס, — ס׳שטײַגט דער נאָכפרעג אויף קאַפּיטאַל אין דער

1 ווען מען זעט בלויז, אַז דער וועקסל שטיצט זיך אויף דעם דורכגעפירטן סחורה-אויסטויש, און מען באַמערקט נישט, אַז דער דאַזיקער אויסטויש ווערט געזעלשאַפטלעך-גילטיק ערשט דעמאָלט, ווען די וועקסלען קאָמפּענסירן זיך קעגנזײַטיק, די דיפערענץ ווערט אויסגעגלײַכט מיט מזומנים און די נישט באַצאָלטע וועקסלען ווערן פאַרביטן דורך געלט, — דאַן קאָן מען קומען צו דער אוטאָפּיע פון סחורה-נאָטן, אַרבעטס-געלט און נ. א. קרעדיט-צייכנס, וועלכע דאַרפן דירעקט, — זעלבשטענדיק, אומאָפּהענגיק פון מעטאַל, — רעפּרעזענטירן דעם ווערט פון די סחורות.

פאָרם פון פּראָדוקטיוון קאפּיטאַל (אויף מאשינען, רוי-שטאָפן, ארבעטס-קראפט א.אז"וו).

דאָס שטייגן פון דער פּראָדוקציע באַטייט גלייכצייטיק דאָס שטייגן פון דער צירקולאַציע: די פארגרעסערטע צירקולאַציע-פּראָצעסן ווערן דערלייזדיקט דורך א פארגרעסערטער צאָל קרעדיט-געלט. די וועקסל-צירקולאַציע פארגרעסערט זיך, — און זי קאָן זיך פארגרעסערן, ווייל עס שטייגט די צאָל סחורות, וועלכע גייען אריין אין דער צירקולאַציע. דער דאָזיקער וואוקס פון דער צירקולאַציע קאָן אויף אזא אופן פארקומען, נישט ארויסרופנדיק קיין פארשטארקטן נאָכפרעג אויף גאָלד-געלט. די פאר-העלטעניש פון נאָכפרעג און אָנבאָט פון געלט-קאפּיטאַל קאָן אויך בלייבן נישט געענדערט, ווייל איינצייטיק און אין דער זעלבער מאָס מיט דעם שטייגן פון דעם באַדארף אין צירקולאַציע-מיטלען קאָן אויך וואקסן דער אָנבאָט פון אָט די צירקולאַציע-מיטלען, ווייל אויפן סמך פון דער פארגרעסערטער מענגע סחורות קאָן דאָס קרעדיט-געלט ארויסגעלאָזט ווערן אין א פארגרעסערטן סכום.

געשטיגן איז דאָ די וועקסל-צירקולאַציע 1. עס איז גאָר נישט נייטיק, אז דער דאָזיקער געשטיגענער קרעדיט זאָל אָנרירן די פאר-העלטעניש פון אָנבאָט און נאָכפרעג אויף די ווירקלעכע עלעמענטן פון דעם פּראָדוקטיוון קאפּיטאַל. פארקערט, זיי זיינען ביידע געשטיגן אין א גלייכער מאָס. דער פּראָדוקציע-פּראָצעס האָט זיך אויסגעברייטערט און די סחורות ווערן, אלזאָ, פּראָדוצירט אין אזא צאָל, וואָס איז נייטיק פאר דעם אויסגעברייטערטן מאַסשטאַב פון דער פּראָדוקציע, — הייסט עס, אז מיר האָבן דאָ א פארגרעסערטן קרעדיט און א פארגרעסערטן פּראָ-דוקטיוון קאפּיטאַל. די ביידע דריקן זיך אויס אין דער פארגרעסערטער וועקסל-צירקולאַציע. מיט דעם האָט אָבער קיין שייכות נישט וועלכע נישט איז ענדערונג אין די פארהעלטענישן פון אָנבאָט און נאָכפרעג אויף קאפּיטאַל אין געלט-פאָרם. בלויז אין דעם פאַל וואָלט דער נאָכ-פרעג געקאָנט האָבן א ווירקונג אויף דעם צינזן-פוס. דער פארגרע-סערטער קרעדיט, — אויב ער איז בלויז א צירקולאַציע-קרעדיט, — קאָן זיך, אלזאָ, צונויפפּאסן מיט א נישט געענדערטן צינזן-פוס.

---

1 די סומע פון די וועקסלען, וואָס זיינען ארויסגעלאָזט געוואָרן אין פאר-קער אין משך פון איין יאָר, האָבן באַטראָפן אין מיליאָנען מארק: אין 1885 — 12060, אין 1895 — 15241, אין 1905 — 25506; פון זיי זיינען אַקצעפּטירט געוואָרן דורך די בענק: 1965 אָדער 16 פּראָצ', 3530 — 23 פּראָצ' און 8000 — 31 פּראָצ'. אין אָט דער סומע זיינען, אמת, אריין די וועקסלען, וועלכע זיינען נישט געווען אין פארקער (דעפּאָ-וועקסלען, קויציע-וועקסלען א.אז"וו). W. Prion, Das Deutsche Wechseldiskontgeschäft", Leipzig 1907, 51 זייט

די וועקסל־צירקולאַציע איז נאָר באַגרעניצט דורך דער סומע פון ווירקלעך געשלאָסענע טראַנזאַקציעס. דאָס מלוכה־פּאַפּירגעלט קאָן אַרויסגעלאָזט ווערן איבער דער נאָרמע און מחמת דעם קאָן יעדער איינצלנער געלט־צייכן אָנווערן פון זײַן ווערט, אָבער דער ווערט פון דער גאַנצער סומע פּאַפּיר־געלט וועט זיך קיינמאָל נישט ענדערן; אַנדערש איז מיטן וועקסל — ער קאָן פּרינציפּיעל אויסגעשטעלט ווערן נאָר אויפן סמך פון אַ געשלאָסענער טראַנזאַקציע און דעריבער קאָן מען נישט אַרויסלאָזן קיין וועקסלען איבער דער נאָרמע. אויב די אונטערנע־מונג איז אַ פיקטיווע, אַ שווינדלערישע, דאַן איז דער וועקסל, אמת, ווערטלאָז, אָבער דאָס, וואָס איין וועקסל איז ווערטלאָז, איז אַבסאָ־לוט נישט נוגע די איבעריקע וועקסלען.

דאָס, וואָס וועקסלען קאָנען נישט אַרויסגעלאָזט ווערן אין אַ צאָל, וואָס איז איבער דער נאָרמע, הייסט נאָך נישט, אַז די געלט־סומע, וואָס איז אויף זיי אויסגעשטעלט, קאָן נישט זײַן קיין צו הויכע. אויב עס מאַכט זיך אַ קריזיס און די סחורות פאַלן אין זייער ווערט, דאַן קאָנען די צאָלונגס־פאַרפליכטונגען נישט אויסגעפילט ווערן אין דער פולער מאָס. די סטאַגנאַציע פון אָפּזאַץ מאַכט פאַר אוממעגלעך דאָס פאַרוואַנדלען די סחורות אין געלט. דער מאַשינען־פאַבריקאַנט, וואָס האָט אויסגערעכנט צו פאַרקויפן אַ מאַשין און מיט דעם אָפּגעלייזטן געלט אויסצוקויפן דעם וועקסל, וואָס ער האָט אויסגעשטעלט פאַר אײַזן און קוילן, — קאָן נישט צאָלן דעם וועקסל און אויך אים נישט קאָמפּענסירן מיט דעם וועקסל, וואָס ער וואָלט באַקומען פון דעם קונה פון זײַן מאַשין. אויב ער פאַרמאָגט נישט קיין אַנדערע מיטלען, דאַן איז זײַן וועקסל ווערטלאָז, הגם בשעת ער האָט אים אויסגעשטעלט, האָט ער רעפּרעזענטירט סחורה־קאַפּיטאַל (אײַזן און קוילן, וואָס זיינען איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַשין) [1].

דער וועקסל־קרעדיט איז אַ קרעדיט ביז עס פאַרענדיקט זיך דער צירקולאַציע־פּראָצעס און פאַרבײַט דעם צוגאָבּ־קאַפּיטאַל, וואָס איז נייטיק אין דעם צירקולאַציע־פּעריאָד. די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן גיבן אַליין איינער דעם אַנדערן דעם דאָזיקן קרעדיט. בלויז אין דעם פאַל,

---

1 אויב די נאָרמאַלע סחורות־צירקולאַציע ווערט אָבער איבערגעריסן דורך וועלכע נישט איז אויסערגעוויינלעכע אויסערקאָנאָמישע, אַלזאָ, צופעליקע געשעענישן, ווי למשל, דורך אַ רעוואָלוציע אָדער מלחמה אאז״וו, איז ראַציאָנעל נישט אַרײַנצו־רעכענען די צײַט פון אַזעלכע איבעררײַסן אין דעם נאָרמאַלן צײַט־לויף און איבער־וואַרטן ביז די דאָזיקע געשעענישן וועלן זיך ענדיקן. דאָס ווערט דורכגעפירט דורך אַ געזעצלעכער פאַראָרדענונג וועגן מאָראַטאָריום פאַר די וועקסלען.

זוען עס ווערט נישט רעאַליזירט דאָס צוריקפליסן פון דעם קאַפּיטאַל, מוז דאָס געלט צוגעשטעלט ווערן דורך אַ דריטן צד, דורך די בענק. אויך דעמאָלט, ווען דער פאַרקויף פון די סחורות, ד"ה דער יסוד פון וועקסל-פאַרקער, פאַרהאַקט זיך, ד"ה, ווען די וועקסל-צירקולאַציע ווערט געשטערט, צי מחמת דעם, וואָס אין דעם געגעבענעם מאָמענט איז שווער צו פאַרקויפן די סחורה, אָדער מחמת דעם, וואָס מען באַהאַלט זי אויס פון ספּעקולאַציע וועגן אאז"וו, — דאַן ווערט דער וועקסל-קרעדיט דערגאַנצט און פאַרפילט דורך די בענק.

אויף אַזאַ אופן ברייטערט אויס דער צירקולאַציע-קרעדיט דעם פּראָדוקציע-באַזיס איבער די גרעניצן, וועלכע זיינען באַשטימט דורך דעם געלט-קאַפּיטאַל, וועלכן עס באַזיצן די קאַפּיטאַליסטן. דער דאָזיקער קאַפּיטאַל ווערט פאַר זיי אין אַן אַלץ גרעסערער מאָס פאַרוואַנדלט אין אַ באַזיס פאַר דעם קרעדיט-איבערגעבן, אין אַ פאָנד אויף אויסצוגלייכן די דיפערענץ פון די וועקסלען און אין אַ רעזערוו-פאָנד אויפן פאַל, אויב עס וועט זיין היזק, ווען די וועקסלען וועלן פאַרלירן זייער ווערט.

וואָס מער וועקסלען עס וועלן זיך קעגנזייטיק קאָמפּענסירן, אַלץ גרעסער וועט זיין די עקאָנאָמיע אין מזומן געלט. צו דעם צוועק זיינען נויטווענדיק ספּעציעלע אַנשטאַלטן: די וועקסלען מוז מען צונויפזאַמלען און קעגנשטעלן איינס דעם אַנדערן. די דאָזיקע פונקציע פירן אויס די בענק. ווייטער, אויף וויפיל איינער און דער זעלביקער וועקסל וועט פונקציאָנירן מערערע מאָל אַלס צאָלונגס-מיטל, אַלץ גרעסער וועט וואַקסן די עקאָנאָמיע אין געלט. די צירקולאַציע פון דעם וועקסל ווערט אָבער מער פאַרברייטערט, וואָס זיכערער עס איז זיין צאָלונגס-פעיִקייט. דעריבער איז נייטיק, אַז עס זאָל זיין באַקאַנט די קרעדיט-פעיִקייט פון דעם וועקסל, וואָס דאַרף פונקציאָנירן אַלס צירקולאַציע- און צאָלונגס-מיטל. אויך די אויפגאַבע ווערט געלייזט דורך די בענק. זיי פילן-אויס די ביידע פונקציעס, דערמיט, וואָס זיי קויפן די וועקסלען. קויפנדיק דעם וועקסל, ווערט שוין דער באַנקיר די פּערזאָן, וואָס גיט דעם קרעדיט. דער באַנקיר פאַרבייט דעם האַנדלס-קרעדיט אויף אַ באַנק-קרעדיט, — אויף זיין אייגענעם קרעדיט: אַנשטאָט וועקסלען לאָזט ער אַרויס באַנקנאָטן, אַנשטאָט אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע וועקסלען — זיינע אייגענע. וואָרום דער באַנקנאָט איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דעם באַנקירס אַ וועקסל; מען נעמט אים גערנער ווי אַ וועקסל פון אַן אינדוסטריעלער אָדער סוחר. אויב דער מלוכה-באַנקנאָט איז געזיכערט דורך דעם געזעלשאַפטלעך-נויטווענדיקן מינימום פון דער סחורה-צירקולאַציע, און דער וועקסל — דורך סחורה-טראַנזאַקציעס, וואָס ווערן געשלאָסן אַלס פּריוואַטע אַקטן פון די

קאפיטאליסטן, — ווערט דער באנקנאט געזיכערט דורך דעם וועקסל, דורך דעם צוזאג צו צאלן, פאר וועלכן עס איז פאראנטווארטלעך דאס גאנצע פארמעגן פון די אלע פערזאנען, וואס האבן דורכגעפירט דעם אויסטויש. אין דער זעלבער צייט איז דער ארויסלאז פון די באנקנאטן באגרענעצט דורך דער צאל דיסקאנטירטע וועקסלען, וועלכע איז, פון איר זייט, באגרענעצט דורך דער צאל דורכגעפירטע טויש-אקטן.

לכתחילה איז דער באנקנאט נישט עפעס אנדערש, ווי א באנק-וועקסל, מיט וועלכן עס ווערט פארביטן דער וועקסל פון דער פראדוק-ציע 1. ביז עס איז אנשטאנען דער באנקנאט, האבן די וועקסלען, ביז זיי זיינען געווארן פעליק, אפט צירקולירט, פארזען מיט הונדערט אונטער-שריפטן, אין פארקער; פארקערט, אויף די באנקנאטן האט מען לכתחילה אויסגעשטעלט, פונקט אזוי ווי אויף וועקסלען, פארשיידענע סומעס, און נישט וועלכע ס'איז קיילעכדיקע סומע. זיי האבן אפילו נישט שטענדיק געהאט דעם כאראקטער פון א וועקסל אויף דעם אויסשטעלער:

„אין אמאליקע צייטן איז נישט געווען קיין אויסערגעוויינ-לעכע זאך, אז די בענק זאלן ארויסלאזן נאטן, וועלכע זאלן געצאלט ווערן אדער ביים פרעזענטירן זיי, אדער אין א באשטימטן טאג נאכדעם, ווי מען האט זיי פרעזענטירט, לויט דעם ווי דער אויסשטעלער האט זיך מתחייב געווען: דאך האבן די נאטן, אין לעצטן פאל, געטראגן צינזן ביז צום טאג פון דער צאלונג“ 2.

אן ענדערונג, וואס שאפט אבער נישט אפ די עקאנאמישע געזעצן, ווערט געמאכט ערשט דורך דער אינטערווענץ פון דער מלוכה. די אויפ-גאבע פון דער געזעצגעבונג באשטייט אין דעם, ווי צו גאראנטירן דאס אויסקויפן די נאטן; דער ארויסלאז פון די באנקנאטן ווערט דירעקט אדער אומדירעקט באגרענעצט און פארוואנדלט אין א מאנאפאל פון א באשטימטער באנק, וואס ווערט געשטעלט אונטער דער מלוכה-קאנטראל. אין די לענדער, ווו עס איז נישטא קיין מלוכה-פאפירגעלט, אדער זיין צאל איז באגרענעצט מיט א סומע, וואס איז הינטערשטעליק פון דעם געזעלשאפטלעך-נויטווענדיקן מינימום, — פארנעמט דער באנקנאט דאס ארט, וואס עס דארף אין אלגעמיין פארנעמען דאס מלוכהשע פאפיר-

---

1 אונטער פראדוקטיווע קאפיטאליסטן פארשטייען מיר די קאפיטאליסטן, וועלכע רעאליזירן דעם דורכשניטלעכן ריווח, אלזא, די אינדוסטריעלער און סוחרים, אלס קעגנזאץ צו די ליי-קאפיטאליסטן, וועלכע באקומען צינזן, רענטע, און די לאנד-הירטן, וועלכע באקומען ערענדע-אפצאל.

2 Jams Wilson, „Capital, Currency and Banking“. London 1847, 44 זייט.

געלט. אויב די באנקנאטן באקומען אין באשטימטע צייטן א צוואנג=קורס, ווערן זיי אדאנק דעם מלוכה=פאפירגעלט 1. די קינסטלעכע רעגולירונג פון דעם ארויסלאז פון באנקנאטן, די קינסטלעכע רעגולירונג פון דער נאטן=עמיסיע גיט זיך ניט איין, וויבאלד נאר די אומשטענדן פאדערן א פארגרעסערטע עמיסיע, — למשל, דעמאלט, ווען דער קרעדיט ווערט אין קריזיס=צייט צוזאמענגעבראכן, דאס קרעדיט=געלט פון א סך איינצלנע קאפיטאליסטן (אלזא, פון פיל וועקסלען) ווערט נישט זיכער, און עס פאדערט זיך דעריבער, אז מען זאל אויספילן דאס ארט, וואס זיי האבן פארנומען אין דער צירקולאציע, מיט צוגאב צירקולאציע=מיטלען. דאס געזעץ דערפילט נישט זיין אויפגאבע און מען איז עס עובר, ווי עס האט

---

3 פארשטייט זיך, ווען די באנק דיסקאנטירט ווייטער מיט די דאזיקע באנקנאטן, אויף וויפיל זיי ווערן ארויסגעלאזט אויף וועקסלען און אנדערע גאראנטיעס, אויף אזוי פיל פילן זיי אויס, פונקט אזוי ווי פריער, די פונקציעס פון קרעדיט-געלט. דאס איז אבסאלוט נישט אין סתירה צו דעם, וואס זיי זיינען מלוכה-פאפירגעלט; דאס וועט זיך גלייך ארויסווייזן, ווי נאר זיי וועלן ווערן דעוואלוירט מחמת דעם, וואס עס איז ארויסגעלאזט געווארן מער פאפירן, ווי דאס פאדערט דער געזעלשאפטלעך-נויטווענדיקער צירקולאציע-מינימום. אויב דאס איז נישט געשען, קאן, נאטירלעך, וועגן קיין שום אנטווערטונג קיין רייד נישט זיין. אזוי ווי די אוואנסן פאר דער מלוכה, צוליב וואס דער צירקולאציע-סכום פון פאפיר-געלט וואקסט אימאפהענגיק פון די באדערפענישן פון האנדל און אינדוסטריע, זיינען געבליבן קליינע אויך בעתן פעריאד פון די באנק-באגרעניצונגען אין ענגלאנד, איז אויך די דעוואלואציע געווען א קליינע. אט טאקע דורך די א אוואנסירונגען וואלט די צאל פון די פאפירן, וואס האבן זיך געפונען אין דער צירקולאציע, געקאנט זיך פארגרעסערן אומאפהענגיק פון די באדערפענישן פון האנדל און אינדוסטריע. און דאך איז פאלש, ווען דיל זאגט: „אבער אפילו די נישט אויסטוישלעכע באנקנאטן גופא, וועלכע זיינען פאקטיש געזעצלעכע צאלונגס-מיטלען, קאנען בשום אופן נישט הייסן „פאפיר-געלט"; ווארום וואס פאר א ספקות ס'זאל נישט ארויסרופן אט די קנאפע פליכט אויסצוקויפן (ספקות, וועלכע ווערן נאך דערצו שטארק איבערגעטריבן דורך דילן, וועלכער רעכנט זיך אבסאלוט נישט מיט דער דערפארונג פון דער עסטרייכישער וואלוטע), פונדעסטוועגן ווערן אויך ביי דער דאזיקער סיסטעם די באנקנאטן ארויסגעלאזט נישט צוליב דעם, כדי עס זאל ארויסגעלאזט ווערן געלט אין דעם פארקער: זיי ווערן ארויסגעלאזט אין דער פארם פון הלוואות פאר דער מלוכה אדער פאר די סוחרים, — הייסט עס, אויפן גרונט פון געוויסע תביעות, רעכט, וועלכע גייען איבער צו דער באנק. אויף אזא אופן איז אלץ אפהענגיק פון דעם אופן פון דער געשעפטספירונג פון דער באנק, און נישט פון דער צאל באנקנאטן; פון דעם הענגט אפ, אויף וויפיל און ווי וויים דער ארויסלאז פון די באנקנאטן באדינט אויך ביי די פארהעלטענישן די דורכאויס באדעכטיקטע קרעדיט-באדערפענישן פון דער מלוכה און פון דעם האנדל, אדער, ארויסגייענדיק פון אט די ראמען, דערפירט זי צו אזא מין פאפיר-געלט-ווירטשאפט, וועלכע באדראס די גאנצע קרעדיט-סיסטעם". (Karl Diehl, „Sozialwissenschaftliche Erläuterungen zu Ricardos Grundgesetzen der

לעצמנס געטראָפן אין די פאראייניקטע שטאַטן, אָדער מען מוז דאָס אָפּשטעלן ציַיטוויַיליק, ווי דאָס איז געשען מיט דעם פּיל-אַקט אין ענג-לאַנד. דאָס, וואָס דער עולם נעמט די באַנקנאָטן, אין דער ציַיט וואָס אַ גרויסע צאָל וועקסלען וויל מען גאָר אין האַנט נישט נעמען, נעמט זיך ז׳ערפון, וואָס דער קרעדיט פון דער באַנק איז נישט דערשיטערט געוואָרן. ווען ער וואָלט יאָ דערשיטערט געוואָרן, וואָלט מען געמוזט געבן די באַנקנאָטן אַ צוואַנג-קורס אָדער אַרויסלאָזן מלוכה-פּאַפּירגעלט. טוט מען דאָס אויך נישט, דאַן ווערן געשאַפן פּריוואַטע צירקולאַציע-מיטלען, פּונקט ווי מען האָט דאָס געטאָן בשעתן לעצטן קריזיס אין אַמעריקע. אָבער דאָס איז שוין אַ פּיל וויַיניקער ווירקזאַמער מיטל אויף

---

volkswirtschaft". Leipzig, 1905, II teil, Seite 235) דיל זעט נישט דעם וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן דעם אַרויסלאָז פון באַנקנאָטן, וואָס שטיצט זיך אויף וועקסל-דיסקאָנטאָ, אלזאָ, אויפן סחורה-אומזאַץ, וואָס פאָדערט געלט און אין וועמעס רשות דאָס קרעדיט-געלט ווערט טאַקע געשטעלט, — און דעם אַרויסלאָז פון נאָטן אַלס אַנטלײַען פאַר דער מלוכה. דער באַנקנאָט פאַרבייט דעם וועקסל, הייסט עס, איין פאָרם פון קרעדיט-געלט מיט דער אַנדערער, און דער וועקסל רעפּרעזענטירט דעם ווירקלעכן סחורה-ווערט. אָבער דער אַרויסלאָז פון באַנקנאָטן אויפן סמך פון דעם צאָלונגס-צוזאָג מצד דער מלוכה, גיט דער מלוכה בלויז די מעגלעכקייט איינצוקויפן סחורה, אויף וואָס עס פעלט איר אויס געלט. אויב די מלוכה מאַכט חובות אויף דעם געלט-מאַרק, באַקומט זי דאָס געלט, וואָס געפינט זיך אין פאַרקער, און אדאַנק די הוצאות קערט זיך דאָס צוריק אום אויף דעם געלט-מאַרק. עס איז דאָ נישטאָ די נויט-ווענדיקייט, אַז עס זאָל געענדערט ווערן דער סכום פון דעם געלט, וואָס געפינט זיך אין פאַרקער. די מלוכה ווענדעט זיך אָבער צו דער באַנק דערפאַר, ווייל זי האָט נישט קיין אַנדער קרעדיט, און זי גיט די באַנקנאָטן אַ צוואַנגס-קורס דערפאַר, ווייל אַנדערש וואָלט די באַנק באַנקראָטירט. די פּאַפּירן, וואָס ווערן אַרויסגעלאָזט פאַר אָט דער הלוואה, זיינען אַ צוגאָב צו דער צירקולאַציע און קאָנען פאַלן אין זייער ווערט. דאָס איז דאָס זעלבע, ווי די מלוכה וואָלט, נישט לאָזנדיק זיך אויף אומוועגן און נישט אָנקומענדיק צו די בענק, אַליין אַרויסגעלאָזט פּאַפּיר-געלט, וואָס זי דאַרף נייטיקן אויף צו דעקן אירע הוצאות. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס דער אומוועג לוינט זיך פאַר דער באַנק דערפאַר, ווייל זי באַקומט איצט ציגזן פאַר דער „הלוואה", וואָס האָט איר בלויז געקאָסט אַזוי פיל, וויפיל עס באַטרעפט דאָס דרוקן די פּאַפּירן. און אָט טאַקע דאָס איז די סיבה, וואָס האָט אויפגערעגט ריקאַרדאָן קעגן דער ענגלישער באַנק און אים געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל פאָדערן, אַז בלויז די מלוכה אַליין זאָל אַרויסלאָזן פּאַפּיר-געלט, — דערביי האָט ער, בלי ספק, פאַרמישט דאָס מלוכה-פּאַפּירגעלט מיט די באַנקנאָטן. איבעריקנס, איז גאַנץ אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ריקאַרדאָס באַרימטע פּראָיעקטן (אין זיין „Proposals for an economical and secure Currency") זיינען טיילווייז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דעם עסטרייכישן „ריינעם פּאַפּיר-געלט", הגם גראָד אָט דער פאַקט באַווייזט אַמקלאָרסטן דאָס פאַלשע אין ריקאַרדאָס טעאָרעטישער באַגרינדונג.

קעגנצוווירקן דעם געלט-קריזיס, וואס האט זיך נאך מער פארשארפט מחמת דער נישט געראטענער געזעצגעבונג וועגן באנקנאטן 1.

פונקט אזוי ווי די וועקסלען, קאנען די אויסטוישלעכע באנקנאטן (די נישט אויסטוישלעכע זיינען אין דער ווירקלעכקייט דאס זעלבע, ווי

---

1 ביי דער געזעצגעבונג וועגן געלט-ענינים שטייט די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט פאר א ריין געזעלשאפטלעכער פראבלעם. די דאזיקע געזעלשאפט וויל זיך אליין נישט דערקענען. די געזעצן וועגן איר אייגענער באוועגונג בלייבן פאר איר גופא פארהוילן: בלויז די טעאריע מוז ערשט מיט גרויס מי זיי אנטפלעקן. אבער די אינטערעסן פון אירע אנפירנדיקע שיכטן שטעלן זיך אנטקעגן דעם אנער-קענען די רעזולטאטן, וואס די טעאריע האט דערגרייכט. מיר ריידן שוין דא נישט וועגן די שמאלע עגאאיסטישע אינטערעסן פון די געלט-קאפיטאליסטן, וועלכע מען האלט פאר די קאמפעטענטסטע זאכקענער בנוגע דער באנק-געזעצגעבונג, — די סאמע שטארקסטע שטערונג ריכטיק צו באגעמען די געזעצן וועגן דער געלט- און באנק-צירקולאציע איז אויך דער חידערגעפיל צו דער טעאריע פון ארבעטס-ווערט. אין דער ענגלישער געזעצגעבונג וועגן באנק-וועזן האט דאס געבראכט צום נצחון פון די פרינציפן פון דער Currency-שול, הגם איר טעאריע איז סיי היסטאריש, סיי טעארעטיש שוין דערפירט געווארן ad absurdum דורך טוקס, פולארטאנס און ווילסאנס ארבעטן. און די וואונדערבארע איראניע פון דער געשיכטע באשטייט דערין, וואס די דאזיקע טעאריע וואלט זיך, — און ביז א געוויסן גראד מיט רעכט, — געקאנט שטיצן אויף ריקארדאן, וועלכער האט זיך בכלל באמיט קאנסעקווענט דורכ-צופירן די טעאריע פון ארבעטס-ווערט, אבער אונטערן איינדרוק פון דער פראקטיק פון דער פאפירגעלט-ווירטשאפט האט ער אין דעם פאל אפגעווארפן זיין אייגענע טעאריע.

דער אנארכישער כאראקטער פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט באשווערט איר אויפן העכסטן גראד די ראציאנעלע און באוווסטזיניקע רעגולירונג פון דער דאזיקער געזעלשאפטלעכער פראגע. מיט גרויס מי און בהדרגה, פון די שטרענגע און טייערקאסטנדיקע דערפארונגען פון די פארשיידנסטע לענדער און עפאכעס דער-לערנט זי די מער ריכטיקע פרינציפן, אבער זי געפינט אין זיך נישט גענוג קראפט צו געבן אט די פרינציפן אן אלגעמיינע אנווענדונג. א באווייז דערצו איז, וואס היינט צוטאג האלטן זיך נאך די אמעריקאנישע און ענגלישע, און אין א קלענערער מאס אויך די דייטשע געזעצגעבונג און פאליטיק בנוגע באנקנאטן. זי איז גאר נישט ביכולת ארומצונעמען דורך אן איינהייטלעכער, אויסגעהאלטענער טעאריע די נייע דערפארונגען: אט ווערט זי דאך איבערראשט פון דער דרייסטקייט פון א קנאפ, וועלכע פארורטיילט נישט די נייע פאקטן, באזייטיקט זיי נישט דורך זיין אינטער-פרעטאציע, נאר ער שאפט בלויז פאר זיי — א סיסטעמאטישע טערמינאלאגיע.

אזוי ווי דאס אנפירן מיט דער געלט- און קרעדיט-צירקולאציע איז א ריין געזעלשאפטלעכע אויפגאבע, אנשטייט די פאדערונג איבערצוגעבן אט די אויפגאבע דער מלוכה. נאר אזוי ווי די קאפיטאליסטישע מלוכה איז צעטיילט דורך די קלאסן-אינטערעסן, אנטשטייט באלד א ספק בנוגע אט דער פאדערונג ביי אט די אלע, וואס האבן מורא, עס זאל זיך נישט פארגרעסערן די מאכט פון די שיכטן, וועלכע באהערשן די מלוכה. דער קאמף ענדיקט זיך געווינלעך מיט א קאמפראמיס; מיט

מלוכה=פּאַפּירגעלט מיט אַ צוואַנגס=קורס) אויך נישט אַרויסגעלאָזט ווערן אין אַ צאָל, וואָס שטײַגט איבער די נאָרמע 1. נישט נייטיקנדיק זיך מער אין די באַנקנאָטן, באַפרייט זיך די צירקולאַציע פון זיי און קערט זיי אום צוריק דער באַנק. און אַזוי ווי די באַנקנאָטן פאַרבײַטן די וועקסלען, איז דער אַרויסלאָז פון די באַנקנאָטן אונטערגעוואָרפן די זעלבע געזעצן, וואָס די וועקסל=צירקולאַציע, און זיי ברייטערן זיך אויס צוזאַמען מיט די לעצטע, ביז דער קרעדיט ווערט נישט דערשיטערט; נאָר אַזוי ווי דער קרעדיט פון דעם דאָזיקן צאָלונגס=מיטל, פון די באַנקנאָטן, ווערט אין קריזיס=צײַט נישט דערשיטערט, פאַרנעמען די באַנקנאָטן, בשעת דער קריזיס איז גורם די גוואַלטיקע פאַרקלענערונג פון דער וועקסל=צירקולאַציע, זייער אָרט לעבן דעם מזומנעם געלט.

וואָס מער די בענק אַנטוויקלען זיך, אַלץ מער פליסן אַהין אַרײַן די פרײַע געלטער, און דער קאָמערציעלער קרעדיט ווערט אַלץ מער פאַרביטן מיט דעם באַנק=קרעדיט אין דעם זין, וואָס די וועקסלען דינען וואָס ווײַטער אַלץ וויניקער אַלס צאָלונגס=מיטל אין זייער לכתּחילהדיקער פאָרם, און ווערן זיי צירקולירן צווישן די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן; זיי דינען שוין איצט אַלס צאָלונגס=מיטל אין זייער פאַרוואַנדלטער פאָרם, אַלס באַנקנאָטן. די קאָמפּענסאַציע און די סאַלדירונג פון דעם בילאַנס ווערט איצט דורכגעפירט דורך די בענק: אַ טעכנישע פאַרלײַכטערונג,

אַ חײַטגייענדיקער מלוכה-קאָנטראָל איבער דער פּריווילעגירטער פּריוואַטער געזעלשאַפט. עס ווערט געשטעלט אין אַ זײַט אָדער באַגרעניצט דער פּערזענלעכער אינטערעס פון די קאַפּיטאַליסטן, וואָס מען האַלט עס מכלומרשט פאַר אַ נויטווענדיקייט. דער פּריוואַטער אינטערעס פון די אָנפירער פון די נאַציאָנאַלע בענק געפינט זיך נישט נויטווענדיק אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו דער באַדײַטונג פון זייער מאַכט. דאָ וואָלט אין דער אמתן דאָס פרײַע הערשן פון פּראָפּיטגלוסטונג דורך אויסנוצן דעם נאַציאָנאַלן קרעדיט פאַר דעם אייגענעם חשבון געקאָנט ברענגען דעם גרעסטן שאָדן. דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פון דער אויפגאַבע מאַכט פאַר אומפאַרמײַדלעך דאָס באַזײַטיקן אָדער לכל הפּחות שטאַרק באַגרעניצן די פּריוואַטע פאַראינטערעסירונג אין דעם ריווח.

1 „איך קווענקל זיך אפילו נישט און דערקלער, אַז איך בין מסכּים מיט דער פאַרשריענער דאָקטרין פון די אַלטע באַנק-דירעקטאָרן פון יאָר 1810, נעמלעך, מיט דער דאָקטרין, אַז, כּל זמן די באַנק לאָזט אַרויס אירע באַנקנאָטן אויסשליסלעך אויף דיסקאָנט פון גוטע וועקסלען מיט אַ טערמין, וואָס איז נישט העכער פון 60 טעג, איז איר האַנדלונג נישט קיין פאַלשע, אויב זי גיט אַזוי פיל באַנקנאָטן, וויפיל דער עולם וויל נעמען. ווי איינפאַך דער דאָזיקער פּרינציפּ זאָל נישט זײַן, שטעקט פאָרט אין אים, לויט מײַן מיינונג, מער אמת און אַ טיפער באַנעמען די פּרינציפּן, וואָס הערשן אין דער צירקולאַציע, איידער אין וועלכער נישט איז פאַראָרדענונג, וואָס איז פון יענער צײַט אָן אַרויסגעגעבן געוואָרן וועגן אָט דעם ענין". Fullarton, loc. cit, Seite 207.

וואס ברייטערט אוים די ספערע פון די מעגלעכע קאמפענסאציעס און פארקלענערט נאך מער די צאל מזומן געלט, וואס איז נייטיק אויף צו דעקן די דיפערענץ.

פריער האבן די קאפיטאליסטן אליין געמוזט האלטן ביי זיך דאס געלט, וואס עס איז זיי געווען נייטיק אויף צו דעקן דעם בילאנס פון די וועקסלען, וואס זיי האבן אויסגעשטעלט. איצט איז דאס שוין איבעריק. דאס דאזיקע געלט פליסט אריין אין די בענק, אלס דע-פאזיטן, מיט וועלכע זיי קאנען איצט סאלדירן די בילאנסן. הייסט עס, אז דער טייל קאפיטאל, וואס די פראדוקטיווע קאפיטאליסטן האבן ביי זיך געמוזט האלטן אין דער פארם פון געלט-קאפיטאל, ווערט איצט קלענער.

אזוי ווי דער באנקיר פארבייט דעם וועקסל מיט זיין אייגענעם קרעדיט, נייטיקט ער זיך דעריבער אין קרעדיט; ער מוז אבער האבן בלויז אן אומבאדייטנדיקן אייגענעם קאפיטאל אין געלט-פארם, וועלכער דארף גאראנטירן זיין אייגענע צאלונגס-פעיקייט. די ראל פון די בענק באשטייט דערין, וואס זיי פארביטן דעם אומבאקאנטן קרעדיט מיט זייער אייגענעם, מער באקאנטן, און העלפן אויף דעם אופן, אז דאס קרעדיט-געלט זאל קאנען אין א פארגרעסערטער צאל פונקציאנירן אין דער צירקולאציע. דורך דעם מאכן זיי אויך פאר מעגלעך דאס אויסגלייכן די צאלונגס-פאדערונגען: אין שטח — אין א מער ברייטערן געביט, און, אויף וויפיל עס ווערן דורך דעם אויך פארפילפאכט די קאמפענסאציע-מעגלעכקייטן לויט צייט, אויך אין דער צייט פון דער קאמפענסאציע. הייסט עס, אז זיי ברייטערן אוים דעם קרעדיט-איבערגעביי אין א באַ-דייטנדיק גרעסערער מאס, ווי דאס וואלט זיך איינגעגעבן ביי דער וועקסל-צירקולאציע, וואס ווערט באגרעניצט דורך דער ספערע פון די פראדוקטיווע קאפיטאליסטן.

מען כאר אבער נישט דעם דאזיקן קאפיטאל, וואס די בענק גיבן איבער דורך דעם וועקסל-דיסקאנט אין רשות פון די פראדוקטיווע קא-פיטאליסטן, רעכענען אלס פארטאפלטן. א גרויסער טייל פון די באנק-דעפאזיטן געהער צו דעם קלאס פון די פראדוקטיווע קאפיטאליסטן, וועלכע האלטן איצט, בשעת דאס באנק-וועזן האט זיך אנגעוויקלט, זייער גאנצן פריַיען געלט-קאפיטאל אין די בענק. דער דאזיקער געלט-קאפיטאל בילדעט, ווי מיר האבן געזען, דעם באזיס פון דער וועקסל-צירקולאציע. אבער דאס איז דער אייגענער קאפיטאל פון אט דעם קלאס. דורך דעם וועקסל-דיסקאנט ווערט דעם קלאס, אלס אזעלכן, קיין נייער קאפיטאל נישט צוגעשטעלט. דער קאפיטאל פון איין געלט-פארם (די פארם פון

א פריוואטן צוזאָג צו צאָלן) ווערט נאָר. פאַרביטן מיט אַן אַנדער געלט=פאָרם (מיט דעם צוזאָג צו צאָלן מצד דער באַנק, עווענטועל מיט מזומן געלט). ווען געלט=קאַפּיטאַל האַנדלט זיך דאָ נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל ער פאַרבײַט דעם רעאַליזירטן סחורה=קאַפּיטאַל, הייסט עס, אויף וויפיל די געלט=סומע ווערט דאָ גענעטיש באַטראַכט. פונקציאָנעל האָבן מיר די גאַנצע צײַט פאַר זיך געהאַט געלט (אַ צאָלונג אָדער קויף=מיטל).

געוויינלעך, קאָן דאָס פאַרבײַטן דעם קרעדיט פון די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן דורך דעם באַנק=קרעדיט פאָרקומען אויך אין אַנדערע פאָרמען, ווי דורך דעם אַרויסלאָזן באַנקנאָטן. אין די לענדער מיט אַ מאָנאָפּאָל אויף אַרויסלאָזן באַנקנאָטן גיבן די פּריוואַט=בענק זייער קרעדיט די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן אויף אַזאַ אופן, וואָס זיי „אַק=צעפּטירן" די וועקסלען פון די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן, ד"ה זיי באַ=זאָרגן זיי מיט זייער אונטערשריפט, און דורך דעם נעמען זיי אויף זיך די אחריות, אַז זיי וועלן געצאָלט ווערן. אַדאַנק דעם געניסט דער וועקסל פון דעם באַנק=קרעדיט און דאָס העכערט זײַן צירקולאַציע=פעיִקייט, ווי דאָס וואָלט פאַרביטן געוואָרן מיט באַנקנאָטן פון אָט דער באַנק. ווי באַקאַנט, ווערט אַ גרויסער טייל, דערהויפּט אינטערנאַציאָנאַלע האַנדלס=טראַנזאַקציעס, דורכגעפירט דורך אַזעלכע וועקסלען. צווישן אַזעלכע אַק=צעפּטירטע וועקסלען און די נאָטן פון די פּריוואַטע בענק איז קיין שום חילוק נישטאָ 1.

1 „דער וועקסל איז דאָס וויכטיקסטע מיטל אויף צו דערליידיקן די צאָלונגען אין אינטערנאַציאָנאַלן פאַרקער. אין אַמאָליקע צײַטן זײַנען די אָפּרעכענונגען צווישן די מלוכות באַשײַנפּערלעך פאָרגעקומען דורך דעם האַנדלס=וועקסל; פאַרקערט, אין לעצטן יאָרהונדערט רוקט זיך דער באַנק=וועקסל אַלץ מער אַרויס אויפן ערשטן אָרט. הינטער אָט דעם וועקסל איז באַהאַלטן דער האַנדלס=וועקסל, אָבער אויך אַזעלכע, וואָס שטאַמען פון אַנדערע פאָדערונגען, למשל, פון דעם האַנדל מיט ווערט=פּאַפּירן (עפעקטן). אין דעם האַנדלס=וועקסל האָט זיך אויסגעוועפּט דער ספּעציעלער כאַראַק=טער פון דעם אַקט פון סחורה=אײַנקויף, וואָס איז פאַר דעם פאָרגעקומען. אין דעם באַנק=וועקסל איז, אין הסכם מיט די גרונט=שטריכן פון דער צײַט, די אַבסטראַקציע דערפירט געוואָרן נאָך ווײַטער. איצט קאָן מען שוין נישט זאָגן, אַז אין זײַן יסוד ליגט דער סחורה=אויסטויש. דער איינציקער אויספיר, וואָס לאָזט זיך נאָך מאַכן, איז דער, אַז דאָ קומט אויס צו באַפרידיקן די געלט=פאָדערונג, וואָס דרינגט אַרויס פון וועלכן נישט איז עקאָנאָמישן אַקט. דעם מין צאָלונגען קאָן מען פאַר זיך אויסנוצן דער אינטערנאַציאָנאַלער קרעדיט". A. Sartonus, Freiherr, V. Waltershausen, „Das volkswirtschafliche System der Kapitalanlage im Ausland", זייט 258 און ווייטער Berlin, 1907.

אַלזאָ, דער צירקולאַציע=קרעדיט אין דעם זין, ווי מיר באַנוצן אָט דעם טערמין, באַשטייט אין שאַפן קרעדיט=געלט. הייסט עס, אַז ער מאַכט די פּראָדוקציע אומאָפּהענגיק פון דער באַגרעניצונג דורך די פאַראַנענע סומע מזומן געלט. אונטער מזומן געלט פאַרשטייען מיר דאָס פולווערטיקע מעטאַל=געלט, דאָס וואַלוטאַרישע געלט, גאָלד= אָדער זילבער=געלט, פּלוס דאָס מלוכה=פּאַפּירגעלט מיט אַ צוואַנג=קורס און בילאָן=מטבעות, אויף וויפיל אָט די אַלע מינים געלט עקזיסטירן אין די ראַמען פון געזעלשאַפטלעך=נויטווענדיקן צירקולאַציע=מינימום.

דורך דעם צירקולאַציע=קרעדיט, אַלס אַזעלכן, ווערט אָבער נישט פאַרווירקלעכט — נישט די איבערטראָגונג פון דעם געלט פון איין פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַליסט צום אַנדערן, נישט דער געלט=צופלוס פון אַנדערע (נישט פּראָדוקטיווע) קלאַסן צו דעם קאַפּיטאַליסטן=קלאַס, כדי פאַרוואַנדלט צו ווערן אין קאַפּיטאַל. אַלזאָ, אויב דער צירקולאַציע=קרעדיט פאַרבײַט דאָס מזומן געלט, רופן מיר אַזאַ קרעדיט, וועמעס פונקציע עס איז צו פאַרוואַנדלען געלט, אין וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס לעצטע זאָל נישט זײַן: מזומן צי קרעדיט=געלט, פון אומטעטיק געלט אין אַ פונקציאָנירנדיקן געלט=קאַפּיטאַל, — אַזאַ קרעדיט רופן מיר אָן קאַפּיטאַל=קרעדיט. קאַפּיטאַל=קרעדיט דערפאַר, ווײַל ער טראָגט אַריבער דאָס געלט צו אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע, קויפנדיק פאַר אָט דעם געלט די עלעמענטן פון פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל, פאַרווענדן זיי דאָס אַלס געלט=קאַפּיטאַל.

אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געזען, ווי אין פאַרלויף פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע=פּראָצעס אַנטשטייט פרײַליגנדיק געלט, וואָס נעמט אָן די פאָרם פון אַן אוצר און וואָס דאַרף דינען אַלס געלט=קאַפּיטאַל. דאָס זיינען די סומעס, וועלכע זײַנען צײַטווײַליק געבונדן מיט דעם צירקולאַציע=פּראָצעס און צײַטווײַליק ליגן זיי פרײַ, די סומעס, וואָס ווערן טעזאַווירט, בכדי צו פאַרבײַטן דעם גרונט=קאַפּיטאַל און דעם טעזאַווירטן מערווערט, ביז זיי וועלן נישט דערגרייכן די גענוגנדיקע גרייס פאַר דער אַקומולאַציע. דאָ זײַנען פאַראַן דרײַערליי אויפגאַבעס צום לייזן: ערשטנס, דאַרף מען צונויפזאַמלען די באַזונדערע סומעס, ביז זיי וועלן מחמת דער צענטראַליזאַציע נישט אויסוואַקסן ביז דער גרייס, וואָס איז נייטיק פאַר דער פּראָדוקטיווער אָנווענדונג; צווייטנס, מוז מען זיי איבערגעבן אין רשות פון די געהעריקע פּערזאָנען, און, דריטנס, איבערגעבן זיי אין רשות אויף אַ געהעריקער צײַט.

פריער האָבן מיר געזען, ווי דאָס קרעדיט=געלט איז אַנטשטאַנען פון דער צירקולאַציע. איצט האָבן מיר צו טאָן מיט געלט, וואָס פונקציאָנירט נישט; אָבער דאָס געלט קאָן אויספירן נאָר געלט=פונקציעס,

און אויספירן זיי קאן דאס בלויז אין דער צירקולאציע. דעריבער קאן דער קרעדיט אלס קאפיטאל־קרעדיט קיין אנדער זאך נישט טאן, ווי נאר צו ווארפן דאס נישט־צירקולירנדיקע געלט אין דער צירקולאציע.

אבער אלס קאפיטאליסטישער קרעדיט, ווארפט ער דאס אין דער צירקולאציע נאר צוליב דעם, כדי וואס מער געלט ארויסצובאקומען; ער ווארפט דאס אין דער צירקולאציע אלס געלט־קאפיטאל, כדי דאס צו פארוואנדלען אין פראדוקטיוון קאפיטאל. אויף אזא אופן פארברייטערט ער דעם פארנעם פון דער פראדוקציע; דערביי מוז דער דאזיקער אויס־ברייטערונג פארויסגיין די אויסברייטערונג פון דעם צירקולאציע־פארנעם. דאס לעצטע קומט פאר אן דער אריינמישונג פון פריש געלט, נאר אויסשליסלעך דורך דעם, וואס עס ווערט אויסגענוצט פאר צירקולאציע־צוועקן דאס אלטע, אבער אומטעטיקע געלט.

דא טרעפן מיר זיך ווידער מיט דער באדערפעניש אין אן עקאנא־מישער פונקציע, וואס באשטייט אין דעם, אז עס זאל אויפגעזאמעלט ווערן דער אומטעטיקער קאפיטאל און דאס צונויפגעזאמלטע זאל פארטיילט ווערן. דער קרעדיט האט דא אבער אן אנדער כאראקטער, ווי דער צירקולאציע־קרעדיט. דער לעצטער פירט דערצו, אז דאס געלט פונקציאנירט אלס צאלונגס־מיטל. די צאלונג פאר דער פארקויפטער סחורה ווערט קרעדיטירט. דאס געלט, וואס וואלט אויף אן אנדער אופן געמוזט אריינטרעטן אין דער צירקולאציע, ווערט דא איינגעשפארט, ווייל עס ווערט פארביטן מיט קרעדיט־געלט. דאסווירקלעכע געלט ווערט דא איבעריק אויף דער גאנצער סומע, וועלכע מען וואלט אנדערש געמוזט האבן אין מזומנים. פון דער צווייטער זייט, ווערט דא דעם קאפיטאליסט נישט געגעבן קיין נייער קאפיטאל. דער צירקולאציע־קרעדיט גיט בלויז דעם סחורה־קאפיטאל די פארם פון געלט־קאפיטאל.

אנדערש איז מיט דעם קאפיטאל־קרעדיט. ער איז נאר די איבער־טראגונג פון דער געלט־סומע, וועלכע דער באזיצער קאן נישט פאר־ווענדן אלס קאפיטאל, צו אזא פערזאן, וועלכע דארף זי פארווענדן, אלס קאפיטאל. אט דאס איז די באשטימונג פון אט דער סומע. ווארום וואלט זי נישט פארווענדעט געווארן אלס קאפיטאל, וואלט איר ווערט נישט געקאנט אויפגעהיט ווערן און זיך צוריק אומקערן. פון געזעל־שאפטלעכן שטאנדפונקט אבער איז יעדעם מאל נייטיק, אז דאס געלט זאל זיך צוריק אומקערן צו דעם בעל־חוב, ווייל אנדערש וועט די הלוואה נישט זיין געזיכערט. הייסט עס, אז דא ווערט דורכגעפירט אן איבערטראגונג פון געלט, וואס מען האט שוין פריער געהאט, און נישט קיין עקאנאמיע אין געלט בכלל. הייסט עס, אז דער קאפיטאל־

קרעדיט באַשטייט אין דעם איבערטראָגן דאָס געלט, וואָס דאַרף זיך מחמת דעם פאַרוואַנדלען פון אומטעטיקן אין פונקציאָנירנדיקן געלט=קאַפּיטאַל 1. ער שפּאָרט נישט אײַן, ווי דער צאָלונגס=קרעדיט, די צירקולאַציע=קאָסטן, נאָר בײַ אַ גלײַכבלײַבנדיקן געלט=באַזיס ברייטערט ער אויס די פונקציעס פון דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל.

די מעגלעכקייט פון דעם קאַפּיטאַל=קרעדיט נעמט זיך דאָ פון די צירקולאַציע=באַדינגונגען פון דעם געלט=קאַפּיטאַל גופא, פון דעם, וואָס אין דער קרײַזבאַוועגונג פון דעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַל ווערט דאָס געלט פּעריאָדיש אומטעטיק. איין טייל קאַפּיטאַליסטן לייגן דאָס אַרײַן אין די בענק, וועלכע גיבן דאָס איבער אין רשות פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטן.

אויב מען זאָל באַטראַכטן דעם קאַפּיטאַליסטן=קלאַס אַלס גאַנצע, ליגט שוין נישט דאָס געלט אומטעטיק. אויב אין איין אָרט ווערט דאָס געלט פאַרגליווערט אַלס אוצר, וועט דער קרעדיט דאָס תיכף ומיד פאַרוואַנדלען אין אַן אַקטיוון געלט=קאַפּיטאַל פאַר אַן אַנדערן צירקולאַציע=פּראָצעס. אויף אַזאַ אופן ווערט פאַר דעם גאַנצן קלאַס פאַרקלענערט די גרייס פון דעם געלט, וואָס דאַרף אויסגעלייגט ווערן. די דאָזיקע פאַרקלענערונג ווערט דערגרייכט דורך דעם, ווײַל די הפסקות אין דער צירקולאַציע מאַכן מעגלעך איבערצוטראָגן דאָס געלט, און אויף אַזאַ אופן ווערט באַזײַטיקט די אומטעטיקייט פון געלט אין דער פאָרם פון אַן אוצר. וויבאַלד אַזוי, איז כדי אויסצומײַדן די נישט פּינקטלעכקייט און די שטערונגען פונם צירקולאַציע=פּראָצעס, וועט פאַר דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטן=קלאַס קלעקן, ווען לפי=ערך אַ קליינער טייל געלט וועט פונקציאָנירן אַלס אוצר.

פריער האָבן מיר געהאַט פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן (אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע), וועלכע האָבן געמאַכט זייערע אומזאַצן, למשל, זיי האָבן אײַנגעקויפט פּראָדוקציע=מיטלען מיט קרעדיט=געלט. איצט ווערט דער פּראָדוקטיווער קאַפּיטאַליסט פאַרוואַנדלט אין אַ געלט אָדער לײַ=קאַפּיטאַליסט. אָבער דעם דאָזיקן כאַראַקטער באַקומט ער נאָר פאַרבײַגייענדיק, נעמלעך, ווען זײַן געלט=קאַפּיטאַל, וואָס וואַרט, ער זאָל פאַר=

1 אַזוי, געלט ווערט שטענדיק געליען אויף צינזן, הייסט עס, אַז פאַר דעם מלוה נעמט עס שטענדיק אָן דעם כאַראַקטער פון קאַפּיטאַל. דעריבער ווערט, פאַרקערט, יעדעס געלט, וואָס מען אַנטלײַט, אומאָפּהענגיק, וועלכעווירקלעכע פונקציעס דאָס פירט נאָכדעם אויס, צי וועט דאָס געלט זײַן אַן אויסגאַנגס=פּונקט פון אַ נײַעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל, אָדער דאָס וועט בלויז באַדינען די צירקולאַציע=פּראָצעסן פון דעם שוין עקזיסטירנדיקן קאַפּיטאַל, — אין אָט די אַלע פאַלן ווערט דאָס אַנטליענע געלט באַטראַכט אַלס קאַפּיטאַל, און דער נאָכפראַגע אויף געלט, אַלס צאָלונגס=מיטל, ווערט פאַרמישט מיט דעם נאָכפראַגע אויף דעם, אַלס געלט=קאַפּיטאַל.

וואנדלט ווערן אין א פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל, ליגט אומטעטיק, און אנטלייענדיק אין איין מאָמענט, לייט ער אין א צווייטן מאָמענט ביי אן אַנדערן פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַליסט. צום אָנהייב איז דער כאַראַקטער פון א ליי־קאַפּיטאַליסט פאַר אים א ריין פאַרביייגייענדיקער, און דערנאָך, מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם באַנק־וועזן, ווערט דאָס זיין ספּעציעלע פונקציע.

דער באַראַנענער געלט־קאַפּיטאַל פונקציאָנירט דורך דער פאַר־מיטלונג פון דעם קרעדיט אין א פיל גרעסערן מאַסשטאַב, ווי ער וואָלט פונקציאָנירט אָן דער דאָזיקער פאַרמיטלונג. דער אומטעטיקער קאַפּיטאַל ווערט דורך דעם קרעדיט רעדוצירט ביז א מינימום, וועלכער איז נייטיק צוליב דעם, כדי צו פאַרהיטן די שטערונגען אָדער די נישט פאָרויסגעזעענע ענדערונגען אין דעם קריייזבאַוועגונג־פּראָצעס פון דעם קאַפּיטאַל. אויף אזא אופן שטרעבט דער קרעדיט צו אומטעטיקייט פון דעם געלט־קאַפּיטאַל, וואָס אנטשטייט אין משך פון א געוויסער צייט אין דעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַל בעת זיין קריייזבאַוועגונג־פּראָצעס, צו באַזייטיקן פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל.

גלייכצייטיק איז קלאָר, אז דאָס אריינטראָגן די דעפּאָזיטן דורך די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן און דאָס צוריק ארויספאָדערן זיי קומט פאָר לויט באַשטימטע געזעצן, וועלכע דרינגען ארויס אויס דער נאַטור פון דער צירקולאַציע פון דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל, פון דער צייטדויער פון זיין צירקולאַציע. די דערפאַרונג לערנט די בענק צו דערקענען אָט די געזעצמעסיקייט, איינצושטעלן אָט דעם דעפּאָזיטן־מינימום, וואָס אין א נאָרמאַלער צייט קאָן זייער סומע נידעריקער נישט זיין. מחמת דעם קאָנען זיי צו יעדער צייט צושטעלן אין רשות פון די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן די געהעריקע סומע.

דער טשעק האָט א דירעקטע שייכות צו די דעפּאָזיטן, בשעת די באַציִונג פון דעם וועקסל צו די דעפּאָזיטן איז בלויז א פּאָטענציעלע. דער טשעק איז פאַרבונדן מיט דעם אינדיווידועלן דעפּאָזיט, און דער וועקסל שטיצט זיך אויף די דעפּאָזיטן פון דעם קלאַס. וואָרום דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס באַקומט ביים וועקסל־דיסקאָנט אין זיין רשות, פריער פאַר אלץ, זיינע אייגענע דעפּאָזיטן, — און ווען עס הייבן אן איינצופליסן די צאָלונגען פאַר די פעליקע וועקסלען, דאָס הייסט, ווען עס פליסט פּאַקטיש צוריק אריין דאָס געלט פאַר די פאַרקויפטע סחורות, קערט זיך דאָס ווידער אום אלס דעפּאָזיטן. אויב די צוריקפליסונגען פאַרמינערן זיך און די צאָלונגען פון די וועקסלען ווערן קלענער, מוזן די קאַפּיטאַליסטן האָבן א צוגאָב־קאַפּיטאַל, דעמאָלט פאַרקלענערן זיי די דעפּאָזיטן, און

צוזאמען דערמיט אויך יענעם פאנד, פון וועלכן עס ווערן דיסקאנטירט די וועקסלען. דא מוז זיך אריינמישן די באנק: זי מוז דיסקאנטירן מיט איר אייגענעם קרעדיט. און אזוי ווי די דעפאזיטן, דער באזיס פון דער וועקסל=צירקולאציע, האבן זיך פארקלענערט, עס איז רעדוצירט געווארן זייער פליסיקייט, קאן דעריבער די באנק אן א געוויסער געפאר נישט פארגרעסערן איר אייגענעם קרעדיט. דער פארלאנגזאמטער צוריקפלוס רופט אין דעם פאל ארויס א פארשטארקטן נאכפרעג אויף באנק=קרעדיט, און אזוי ווי דער לעצטער קאן זיך נישט אויסברייטערן, ווערט א נאכ=פרעג אויף באנק=קאפיטאל, — אויף ליי=קאפיטאל. דאס דריקט זיך אויס אין דער העכערונג פון דעם צינזן=פוס. דאס פונקציא=נירן פון דעם וועקסל אלס קרעדיט=געלט איז פארקלענערט געווארן. אנשטאט דעם וועקסל מוז זיין געלט, וואס מען נעמט אין די בענק, און מחמת דעם הייבט זיך דא אן צו פילן דער פארשטארקטער נאכפרעג אויף געלט=קאפיטאל. הייסט עס, אז מיר האבן דא פארקלענערטע דע=פאזיטן ביי א נישט=געענדערטער אדער נאך געשטיגענער וועקסל=צירקו=לאציע און געהעכערטע צינזן.

פון דעם אלעמען איז קלאר, אז די סומע פון די דעפאזיטן שטייגט פילפאך אריבער דיווירקלעך פאראנענע סומע מזומן געלט. דאס מע=טאל=געלט מאכט דורך א גאנצע רייי צירקולאציע=אקטן און שאפט דעם באזיס פאר דער צירקולאציע פון דעם קרעדיט=געלט. יעדע צירקולאציע אזא פון מזומן אדער קרעדיט=געלט קאן זיך אפזעצן ביים באנקיר, אלס דעפאזיט. אויף אזא אופן קאן די סומע פון דעפאזיטן זיין א סך גרעסער, ווי די סומע פון מזומן געלט, — א סך גרעסער, ווי די צירקולאציע=צאל פון דעם געלט, אריינרעכענענדיק אהער אויך דאס קרעדיט=געלט.

A לייגט אריין 1000 מארק אין דער באנק. די באנק אנטלייט די דאזיקע 1000 מארק B. דער לעצטער באצאלט מיט זיי זיין חוב C, C לייגט ווידער אריין די 1000 מארק אין באנק, די באנק אנטלייט זיי ווידער, און באקומט זיי ווידער אלס דעפאזיט אאז"וו:

„די דעפאזיטן שפילן... א טאפלטע ראלע. פון איין זייט ווערן זיי... אנטליען אלס קאפיטאל, וואס טראגט צינזן, און געפינען זיך, אלזא, נישט אין דער קאסע פון דער באנק, נאר זיי פיגורירן בלויז אין די ביכער, אלס קאנטע פון די דעפאזיטארן. פון דער צווייטער זייט, פונקציאנירן זיי בלויז אלס פשוטע פאזיציעס אין די ביכער, אויף וויפיל די קעגנזייטיקע חובות=קאנטעס פון די דעפאזיטארן ווערן געדעקט דורך טשעקן אויף די דעפאזיטן און אפגעשריבן פון די קאנטעס; דערביי איז אלצאיינס, צי די דעפאזיטן

געפינען זיך בײַ איינעם און דעם זעלביקן באַנקיר, אַזוי, אַז דער לעצטער שרײַבט אַראָפּ די סומע פון די דעפּאָזיטן פון דער קאָנטאָ פון איין דעפּאָזיטאָר און טראָגט זי אַריבער אויף דער קאָנטאָ פון אַ צווייטן, אָדער דאָס קומט פאָר צווישן פאַרשײדענע בענק, וועלכע בײַטן זיך קעגנזײַטיק מיט זייערע טשעקן, צואָלנדיק בלויז די דיפערענץ [1].

לויט דעם, וואָס ס'איז ביז אַהער געזאָגט געוואָרן, האָט די באַנק געווירקט, ערשטנס, אַלס פאַרמיטלערין אין צאָלונגס־פּאַרקער, וועלכער האָט זיך דורך איר פאַרברייטערט דורך דער קאָנצענטראַציע פון די צאָ־לונגען און דורך דעם אויסגלײַכן די אָרטיקע פאַרשיידנהייטן; צווייטנס, האָט די באַנק פאַרווירקלעכט די פאַרוואַנדלונג פון אומטעטיקן געלט־קאַפּיטאַל אין אַ פונקציאָנירנדיקן, וועלכער איז דורך איר געזאַמלט, קאָנצענטרירט און פאַרטיילט געוואָרן און דורך דעם זיך פאַרקלענערט ביז אַ מינימום, וואָס איז נייטיק צו יעדער צײַט פאַר דער קרײַז־באַוועגונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל.

די דריטע פונקציע פירט אוים די באַנק, זאַמלענדיק די הכנסות פון אַלע אַנדערע קלאַסן אין געלט־פאָרם און איבערגעבנדיק דאָס, אַלס געלט־קאַפּיטאַל, אין רשות פון דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס. אויף אַזאַ אופן פליסט צו די קאַפּיטאַליסטן אַרײַן, אויסער זייער אייגענעם קאַפּיטאַל, מיט וועלכן די בענק פאַרוואַלטן, אויך דאָס פרײַ־ליגנדיקע געלט פון אַלע אַנדערע קלאַסן, וואָס זיי קאָנען דאָס פּראָדוקטיוו פאַרווענדן.

כדי אויסצופירן די דאָזיקע פונקציע, מוזן די בענק צוציען, קאָנ־צענטרירן און דערנאָך אויסלײַען די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן ווי ווײַט מעגלעך דאָס גאַנצע געלט, וואָס ליגט פרײַ בײַ די גוט־באַזיצער. דער הויפּט־מיטל דערצו איז צו צאָלן צינזן פאַר די דעפּאָזיטן און עפענען אָפּטיילונגען (פיליעס) אָנצונעמען דעפּאָזיטן. אָט די דאָזיקע אַזוי גערו־פענע דעצענטראַליזאַציע, — „אַזוי גערופענע", ווײַל זי איז אַ ריין אָרטיקע און נישט אַן עקאָנאָמישע, — ווערט פאַשטימט דורך דעם סאַמע וועזן פון דער באַטראַכטער פונקציע פון די בענק: איבערצוגעבן דאָס פרײַ־ליגנדיקע געלט די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן.

דער געלט־קאַפּיטאַל, וואָס די בענק גיבן איבער אין רשות פון די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן, קאָנען די לעצטע פאַרווענדן אויף צוויי־ערליי אופנים, כדי צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע: דער געלט־קאַפּיטאַל קאָן זײַן נייטיק — אָדער כדי צו פאַרוואַנדלען אים אין צירקולירנדיקן קאַ־

1 Marx, „Kapital" III 2 טייל, זייט 8.

פיטאל, אדער כדי צו פארוואנדלען אים אין גרונט־קאפיטאל. דער אונטערשייד איז וויכטיק מחמת דער פארשיידנארטיקייט פון דעם צוריק־פליסן. דער געלט־קאפיטאל, וואס ווערט אויסגעלייגט אויף דעם איינקויף פון דעם צירקולירנדיקן קאפיטאל, פליסט אויף דעם זעלבן אופן צוריק, ד"ה, נאכדעם ווי עס ענדיקט זיך זיין אומזאץ־צייט, ווערט זיין ווערט אינגאנצן רעפראדוצירט און רעאליזירט זיך אין דער געלט־פארם. אנדערש איז ביים אויסלייגן דאס געלט צו פארוואנדלען דאס אין גרונט־קאפיטאל. דא פליסט דאס געלט ערשט צוריק בהדרגה, אין משך פון א מער אדער ווייניקער לאנגער ריי אומזאץ־פעריאדן, און איז די גאנצע צייט אומבאוועגלעך געמאכט. די פארשיידנארטיקייט פון דעם צוריקפליסן איז פארבונדן מיט דער פארשיידנארטיקייט פון די אופנים, ווי אזוי די געלטער פון דער באנק זיינען אומבאוועגלעך געמאכט. די באנק האט אריינגעלייגט איר קאפיטאל אין א קאפיטאליסטישער אונטערנעמונג און דעריבער איז זי פאראינטערעסירט אין דעם גורל פון דער דאזיקער אונטערנעמונג. די דאזיקע פאראינטערעסירונג ווערט אלץ גרעסער, וואס מער דער באנק־קאפיטאל פונקציאנירט אין דער אונטערנעמונג אלס גרונט־קאפיטאל. בנוגע דעם סוחר האלט זיך די באנק פיל פרייער, ווי בנוגע דער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג. פאר דעם קאמערציעלן קאפיטאל קומט בכלל אין באטראכט מערסטנטיילס בלויז דער צאלונגס־קרעדיט. מיט דעם דערקלערט זיך אויך, פארוואס די קעגנזייטיקע באציונגען צווישן די בענק און דעם קאמערציעלן קאפיטאל זיינען גאר אנדערע (ווי מיר וועלן דאס ווייטער זען), ווי צווישן דעם באנק־קאפיטאל און דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל.

די פארמען, אין וועלכע די פראדוקטיווע קאפיטאליסטן באקומען אין זייער רשות דעם באנק־קאפיטאל, אריינגערעכנט אהער אויך דאס פרעמדע געלט פון אזעלכע קוועלן, וואס מיר האבן פריער דערמאנט, — אט די פארמען זיינען פארשיידנארטיק: דאס ארויסנעמען די אייגענע דעפאזיטן, דאס עפענען א זעלבשטענדיקן בוך־קרעדיט און די קאנטא־קארענט־אפעראציעס. דער אונטערשייד צווישן זיי האט נישט קיין פרינציפיעלע באדייטונג; וויכטיק זיינען בלויז די צילן, אויף וואס דאס געלט ווערט ווירקלעך פארנוצט: צי אויף די עלעמענטן פון גרונט־קאפיטאל, אדער גאר אויף די עלעמענטן פון צירקולירנדיקן קאפיטאל [1].

---

1 אנאליזירנדיק די סחורה, באמערקן ניט די עקאנאמיסטן די ספעציפישע באשטימטקייט פון דער פארם און באטראכטן בלויז דעם אינהאלט פון דעם טויש־אקט; פארקערט, ביי די אנטוויקלטע פארמען פון קרעדיט־ און בערזע־פארקער פארנעמען זיי זיך ניט מיט דעם אינהאלט און קענען זיך בשום־אופן קיין עצה נישט געבן

פון דער צווייטער זײַט, פאָדערט אָבער דאָס אומבאַוועגלעך מאַכן דעם קאַפּיטאַל, אַז די בענק זאָלן באַזיצן אַ פּאַרהעלטניסמעסיק גרויסן אייגענעם קאַפּיטאַל, וואָס דאַרף דינען אַלס רעזערוו־פאָנד און גאַראַנטיע־פאָנד אויפן פאַל, ווען מען פאָדערט צוריק אַרויס די דעפּאָזיטן. הייסט עס, אַז די בענק, וואָס זייער פונקציע איז צו געבן קרעדיט אין אייגנטלעכן זין, מוזן, להיפוך די ריינע דעפּאָזיטן־בענק, שטענדיק דיספּאָנירן איבער אַ באַדײַטנדיקן אייגענעם קאַפּיטאַל. אַזוי, למשל, איז אין ענגלאַנד די פאַרהעלטעניש פון דעם אײַנגעצאָלטן אַקציע־קאַפּיטאַל לגבי די פאַרפליכטונגען ביז גאָר אַ קליינע. אין דער זעלטן־גוט אָנגעפירטער „London and County Bank“ איז די פאַרהעלטעניש אין יאָר 1900 געווען 100 : 4,38 [1]. מיט אָט דער קליינער פאַרהעלטעניש דערקלערט זיך פון דער אַנדערער זײַט די הייך פון די דיווידענדן פון די ענגלישע דעפּאָזיטן־בענק.

בײַם אָנהייב פון דער אַנטוויקלונג איז דער וועקסל געווען דאָס הויפּט־מיטל פון דעם קרעדיט. דאָס איז אַ צאָלונגס־קרעדיט, וואָס די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן, די אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע, גיבן קעגנזײַטיק איינער דעם אַנדערן; זײַן רעזולטאַט איז דאָס קרעדיט־געלט. ווען דער קרעדיט קאָנצענטרירט זיך אין די בענק, דאַן טרעט לעבן דעם צאָלונג־קרעדיט אַלץ שטאַרקער אַרויס דער קאַפּיטאַל־קרעדיט. גלײַכצײַטיק קאָן אויך דער קרעדיט, וואָס די אינדוסטריעלער גיבן איינער דעם אַנדערן, זיך ענדערן אין זײַן פאָרם. די אינדוסטריעלער האַלטן זייער גאַנצן קאַפּיטאַל, וואָס זיי פאַרמאָגן אין דער געלט־פאָרם, אין דער באַנק. איצט איז שוין קיין שום אונטערשייד נישט, צי זיי גיבן איינער דעם אַנדערן קרעדיט דורך וועקסלען, צי זיי גיבן זיך קעגנזײַטיק אָנווייזונגען אויף זייערע באַנק־קרעדיטן. אויף אַזאַ אופן, קאָן דער באַנק־קרעדיט פאַרבײַטן דאָס אָרט פון דעם וועקסל־קרעדיט, און דערמאָלט וועט די וועקסל־צירקולאַציע פאַרקלענערט ווערן. אַנשטאָט דעם אינדוסטריעלן און קאָמערציעלן וועקסל טרעט אַרויס דער באַנק־וועקסל, וואָס אין זײַן יסוד ליגן אָבער די פאַרפליכטונגען פון די אינדוסטריעלער לגבי דער באַנק [2].

נישט געבן מיט זייערע איבערשפּיצלעך בנוגע די פאָרמען. לויט מײַן מיינונג גיט אפילו די אין אלגעמיין זייער אויסגעצייכנטע ארבעט יידעלסעס („Das leidels: (Verhältnis der deutschen Grossbanken zur Industrie“, Leipzig, 1905 דער פאָרם פון די קרעדיט־אָפּעראַציעס אַ צו גרויסע באַדייטונג.

1 Jaffe, „Das englische Bankwesen“, Seite 200.

2 „כמעט אין אלע געשעפטס־בראַנזשעס האָט מען לכתחילה געקענט באַמערקן — דאָס וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דעם האנדל מיט רוי־שטאָפן און מיט האלב־פאַבריקאַטן — דעם ווּקס פון די צאָלונגען מיט מזומנים (וו פריאָן נעמט שוין

דאָס, וואָס די אַנטוויקלונג גייט אין דער ריכטונג פון דעם צאָלונגס-קרעדיט צום קאַפּיטאַל-קרעדיט, באַווייזט זיך אויך אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. ענגלאַנד (די אַנאַלאָגישע פאַרהעלטעניש פון דעם האָלענדישן קאַפּיטאַליזם צו דעם ענגלישן אין דער פריסטער עפּאָכע פון דעם קאַפּיטאַליזם וועלן מיר דאָ לאָזן אָן אַ זייט) האָט לכתחילה געגעבן די לענדער, וועלכע האָבן געקויפט ענגלישע פּראָדוקטן, דער עיקר אַ האַנדלס-קרעדיט, און אליין האָט ענגלאַנד פאַר דער גרעסטער צאָל איינקויפן פאַר זיך געצאָלט מיט מזומן געלט. איצט האָט זיך די לאַגע געענדערט: איצט ווערט דער קרעדיט נישט געגעבן אויסשליסלעך און אַפילו נישט אין דער ערשטער ריי פאַר האַנדלס-באַציִונגען, אַלס האַנדלס-קרעדיט, נאָר פאַר לאָקירונגען פון דעם קאַפּיטאַל: מען טראַכט דורך דעם קאַפּיטאַל-קרעדיט צו באַהערשן די אויסלענדישע פּראָדוקציע. אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירן זיינען נישט אַזוי די אינדוסטריעלע לענדער (פאַראייניקטע שטאַטן, דייטשלאַנד), ווי קודם-כל פראַנקרייך, דערנאָך בעלגיע און האָלאַנד, וואָס האָט שוין אין 17טן און אין 18טן יאָרהונדערט פינאַנסירט דעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם; אַט די דאָזיקע לענדער שטעלן דאָס צו דעם קאַפּיטאַל-קרעדיט. ענגלאַנד פאַרנעמט דאָ אַ מיטעלע שטעלונג. פונדאַנען שטאַמט די פאַרשיידנקייט אין דער גאָלד-באַוועגונג אין די

אַרום אויך די באַנק-צאָלונג) אָנשטאָט די אָפּרעכענונגען דורך וועקסלען. דורך דעם באַנק-קרעדיט, דערהויפּט אין דער פאָרם פון אַקצעפּטן-קרעדיט, צאָלט דער סוחר במזומנים דורך דער זשיראָ-איבערווייזונג אָדער דורך אַ טשעק, אַזוי, אַז דאָס ריינע סחורה-וועקסל ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויסגעשטויסן. אַמסטאַרקסטן האָט זיך דאָס געמוזט אָפּרופן אויף די גרויסע און בעסטע סחורה-וועקסלען, ווייל אין די אויבערשטע שיכטן פון דעם האַנדלס-פאַרקער איז שוין די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אַדאַנק דעם פאַרשלינגונגס-פּראָצעס אָן דעם אויך שטאַרק אויסגעוואַקסן אַפילו אין דעם גרויסן טראַנס-אָקעאַנישן האַנדל, אין אַט דער ספערע, ווו עס איז אַנטשטאַנען די סאַמע פיינסטע פון אַלע ביז-אַהעריקע וועקסל-פאָרמען, למשל, אין דעם תבואה-האַנדל,— איז איינגעפירט געוואָרן צו צאָלן נישט מיט צוויי- אָדער דריי-חדשימדיקע וועקסלען, נאָר מיט צייג-טראַטעס, אויב עס ווערט נישט באַנוצט דער באַנק-אַקצעפּט. די דאָזיקע נייע ווענדונג נעמט זיך דערפון, וואָס ביים צאָלן מיט מזומן געלט קאָן דער קויפער קויפן אויף פיל גינסטיקערע באַדינגונגען, און זיי פליִבן נישט געענדערט, אַפילו אין דעם פאַל, ווען עס קומט אויס צוליב דעם אין אַ שטאַרקערער מאָס אָנצוקומען נאָך דעם באַנק-קרעדיט. צוליב יענע סחורה-וועקסלען, וועלכע טרעטן נאָך פאַקטיש יאָ אַריין אין דער צירקולאַציע, אַנטשטייט אַ שטאַרקע קאָנקורענץ ווי צווישן דער רייכס-באַנק און די קרעדיט-בענק, אַזוי אויך צווישן די באַזונדערע גרופּעס פון די לעצטע. די געהאַלטיקע קאַפּיטאַלן, וועלכע זיינען אָנגעזאַמלט אין די גרויסע בענק, זוכן אַ פּאַסיקע לאָקאַטע אין וועקסלען און אין דער דאָזיקער קאָנקורענץ דריקן זיי אַראָפּ די פּרייזן פון די גוטע סחורה-וועקסלען אַ סך נידעריקער פון דער דיסקאָנט-מדרגה אין דער רייכס-באַנק, ביז דער מדרגה פון פּריוואַטן דיסקאָנט" (Prion, loc. cit, Seite 120).

צענטראל-בענק פון די לענדער. די גאלד-באוועגונג אין דער ענגלישער באנק איז פריער פאר אלץ דער אינדעקס פאר די אינטערנאציאנאלע קרעדיט-פארהעלטענישן, ווייל לאנדאן איז פון שטענדיק אן דער איינציקער פרייער גאלד-מארק, און דעריבער האט זיך דארט קאנצענטרירט דער גאלד-האנדל. אין פראנקרייך ווערט דער פרייער גאלד-האנדל געשטערט איבער דער פאליטיק פון גאלד-פרעמיעס, אין דייטשלאנד — איבער געוויסע איינפלוסן פון דער פארוואלטונג פון דער רייכסבאנק. און אזוי ווי דער קרעדיט, וואס ענגלאנד גיט, איז אין זיין תוך נאך אלץ א האנדלס-קרעדיט, איז דעריבער די באוועגונג פון דעם ענגלישן גאלד-רעזערוו קודם-כל אפהענגיק פון דעם צושטאנד פון דער אינדוסטריע און פונם האנדל און פון דעם לעצטן באלאנס. די פראנצויזישע באנק, מיט איר קאלאסאלן גאלד-רעזערוו און מיט אירע לפי-ערך נישט גרויסע האנדלס-פארפליכטונגען, איז אין אירע דיספאזיציעס פיל פרייער. בשעת די אויפטרייסלונגען פון דעם קאמערציעלן קרעדיט קומט זי טאקע צו הילף דער ענגלישער באנק.

אט די רעלאטיווע אומאפהענגיקייט פון דעם באנק-קרעדיט לגבי דעם קאמערציעלן איז וויכטיק דערפאר, ווייל זי גיט א געוויסע בכורה דעם באנקיר. יעדער אינדוסטריעלער און סוחר האט קרעדיט-פארפליכטונגען, וועלכע ער מוז אין א באשטימטן מאמענט אויספילן. ער איז אבער אין דעם מאמענט אין פרט פון אויספילונג אפהענגיק פון זיין באנקיר, וועלכער קאן אים גראד פארקלענערן דעם קרעדיט און עווענטועל אים נישט געבן דורכדעם די מעגלעכקייט אויסצופילן אט די פארפליכטונגען. כל-זמן די הויפט-מאסע פון דעם קרעדיט איז געווען דער קאמערציעלער קרעדיט און דער באנקיר איז אין תוך געווען גענומען א סוחר פון וועקסלען, האט דאס נישט געקאנט פאסירן. פארקערט, דא איז דער באנקיר אליין געווען אפהענגיק פון דעם ענדגילטיקן אויסגאנג פון דער אפעראציע, פון דער באצאלונג פון דעם וועקסל; ער האט געמוזט ווי ווייט מעגלעך בלויז אויסמיידן דאס באגרעניצן דעם פארלאנגטן קרעדיט, ווייל אנדערש וואלט דער גאנצער וועקסל-קרעדיט פון דעם געקאנט ליידן. פונדאנען נעמט זיך די שטענדיקע הויכע אנשטרענגונג פון זיין אייגענעם קרעדיט ביז דער איבעראנשטרענגונג און קראך. איצט, ווען דער האנדלס-קרעדיט שפילט שוין נישט אזא ראלע, און דעם אויבנאן פארנעמט דער קאפיטאל-קרעדיט, קאן די באנק פיל בעסער קאנטראלירן און באהערשן די פארהעלטענישן.

ווען דער קרעדיט אנטוויקלט זיך ביז א געוויסער מדרגה, ווערט פאר דער קאפיטאליסטישער אונטערנעמונג דאס באנוצן זיך מיטן קרע-

דיט א נויטוועגדיקייט, וואס ווערט איר אגגעוואָרפן דורך דעם קאָנקור־רענץ־קאמף, וואָרעם דאס באנוצן זיך מיט דעם קרעדיט באדייט פאר דעם אינדיווידועלן קאפיטאליסט די העכערונג פון זיין אינדיווידועלן ריווח. זאל די דורכשניט־נאָרמע פונם ריווח באטרעפן 30 פראצ., דער צינזן־פוס — 5 פראצ/ — דעמאלט וועט דער קאפיטאל פון איין מיליאן מארק ארייגברענגען 300 טויזנט מארק ריווח. (פון דעם דאזיקן ריווח וועלן אין דעם קאפיטאליסטס ביכער געבוכט ווערן: 250 טויזנט מארק אויפן חשבון פון זיין ריווח אלס אונטערנעמער, און 50 טויזנט מארק — אויפן חשבון פון צינזן אויף זיין קאפיטאל). אויב דעם קאפיטאליסט וועט זיך איינגעבן צו קריגן א הלוואה נאך איין מיליאן, וועט זיין ריווח באטרעפן 600.000 מארק מינוס 50.000 מארק, וועלכע ער וועט דארפן באצאלן אלס פראָ־צענט פאר דעם צווייטן מיליאן, הייסט עס, אז דער ריווח וועט אויסמאכן 550 טויזנט מארק. זיין ריווח אלס אונטערנעמער באטרעפט איצט 500.000 מארק און אויסרעכענען דאס ווי פריער אויף זיין אייגענעם קאפיטאל פון איין מיליאן — וועט דאס אים געבן 50 פראצ' ריווח אלס אונטערנע־מער, אנשטאט די פריערדיקע 25 פראצ. אויב דער פארגרעסערטער קאפיטאל וועט אים דערלויבן אויסצובריייטערן די אונטערנעמונג און צו פראדוצירן ביליקער, וועט זיין ריווח נאך מער וואקסן. אויב דער קרעדיט קומט אנדערע קאפיטאליסטן אן נישט אזוי לייכט און נישט אין אזא מאס, קאן דער קאפיטאליסט, וועלכער געפינט זיך אין א גינסטיקערער לאגע, באקומען נאך אן עקסטרע־ריווח.

איז אבער די לאגע אויפן מארק נישט קיין גינסטיקע, דאן וויזן זיך ארויס די נוצן פון דעם קרעדיט אויף אן אנדער אופן. אויב דער קאפיטאליסט באנוצט זיך מיט פרעמדן קאפיטאל, קאן ער רעדוצירן זיינע פרייזן אין דער מאס, אויף וויפיל ער באנוצט זיך מיט פרעמדן קאפיטאל: ער קאן זיי רעדוצירן ביז אונטער דעם פראדוקציע־פרייז (פראדוקציע־קאסטן פלוס דורכשניטלעכן ריווח), ארונטערגערעכנט ביז K+Z (קאסטן־פרייז פלוס צינזן); אויף אזא אופן קאן ער פארקויפן דעם גאנצן סכום פון זיינע סחורות ביליקער פון דעם קאסטן־פרייז, און דער ריווח אויף זיין אייגענעם קאפיטאל וועט פארט נישט קלענער ווערן. ער ברענגט בלויז אלס קרבן דעם אונטערנעמונגס־ריווח אויף דעם פרעמדן, אבער נישט אויף דעם אייגענעם קאפיטאל. הייסט עס, אז ביי א נישט־גינסטיקער קאניונקטור גיט דאס באנוצן זיך מיט קרעדיט די איבערגעוויכט אין דעם פרייזן־קאמף, וואס וואקסט אין דער מאס, אויף וויפיל עס ווערט גרעסער דאס באנוצן זיך מיט דעם קרעדיט. אט אזוי ווערט דער אייגענער קאפיטאל, מיט וועלכן עס באנוצן זיך די פראדוק־

טיווע קאַפּיטאַליסטן, פאַר זיי נאָר אַ באַזיס פון אַן אונטערנעמונג, וועלכע זיי ברייטערן אויס מיט דער הילף פון פרעמדן קאַפּיטאַל ווײַט איבער די גרעניצן, וועלכע זײַנען באַשטימט דורך דער גרייס פון זייער אייגענעם קאַפּיטאַל 1. דאָס העכערן דעם ריווח פון דער אונטערנעמונג דורך דעם באַנוצן זיך מיטן קרעדיט איז אַ געווינס פאַר די אינדיווי־דועלע קאַפּיטאַליסטן און פאַר זייער אייגענעם קאַפּיטאַל. צום אָנהייב באַרירט זי גאָרנישט די דורכשניט־נאָרמע פון דעם געזעלשאַפטלעכן ריווח. גלײַכצײַטיק שטײַגט אָבער נאַטירלעך אויך די ריווח־מאַסע און צוזאַמען דערמיט אויך דער טעמפּ פון דער אַקומולאַציע. דאָס, וואָס דאָס באַ־נוצן זיך מיט דעם קרעדיט שאַפט די מעגלעכקייט צו העכערן דעם מאַסשטאַב פון דער פּראָדוקציע, צו הייבן די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבעט, גייט עס פאַר יענע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן די ערשטע אָדער אינטענסיווער זיך באַנוצט מיט אים, אַן עקסטרע־ריווח; אָבער אין דעם ווײַטערן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג, אַדאַנק דעם איבערגיין צו אַ העכערן צוזאַמענשטעל פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז געוויינלעך פאַר־בונדן מיט דער אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע, דערפירט דאָס באַנוצן זיך מיטן קרעדיט צו דעם, אַז די ריווח־נאָרמע זאָל פאַלן. דאָס, וואָס דער אונטערנעמער־ריווח פון אַן איינצלנעם קאַפּיטאַליסט ווערט גרעסער, טרײַבט זיי אַלץ מער זיך צו באַנוצן מיט דעם קרעדיט. אין דער זעלבער צײַט וואַקסט, מחמת דער קאָנצענטראַציע פון דעם גאַנצן קאַפּיטאַל אין די בענק, די מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט דעם קרע־דיט. אָט די טענדענץ, וואָס אַנטשטייט אין דער אינדוסטריע, מוז פון איר זײַט צוריק ווירקן אויפן אופן פון קרעדיטירן דורך די בענק.

דאָס, וואָס עס ווערט שטאַרקער דאָס שטרעבן צו קרעדיט, ברענגט ראשית־כּל דערצו, וואָס מען וויל אים אויסנוצן פאַרן צירקולירנדיקן קאַפּיטאַל; אַן אַלץ גרעסערער טייל פון דעם אייגענעם קאַפּיטאַל ווערט פאַרוואַנדלט אין גרונט־קאַפּיטאַל, בעת אַ באַדײַטנדיקער טייל פון דעם צירקולירנדיקן קאַפּיטאַל ווערט פאַרביטן מיט פרעמדן קאַפּיטאַל. וואָס

---

1 ווי הויך עס איז דער קרעדיט אין קאָנקרעטע פאַלן, באַווײַזט, למשל, אַ נאָטיץ אין „Aktionär“ פון 1902: ס'איז אין פיל פאַלן געוואָרן אַ מנהג, אַז די אינדוסטריעלער צאָלן ציִנזן פון 20 ביז 40 פּראָצענט פון זייער קאַפּיטאַל ווי פון באַנק־חובות. אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון Neusser Eisenwerk, געוועזן Rudolf Daelen, האָט איין אַקציאָנער באַרעכנט, אַז די חובות פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג האָבן פון 1900 ביז 1903 באַטראָפן 26, 85, 105 און 115 פּראָצ' פון די פליסיקע מיטלען; פון 718 טויזנט מאַרק חובות האָבן אין 1903 די באַנק־חובות באַטראָפן 500 טויזנט מאַרק, בײַ 1 מיליאָן מאַרק אַקציע־קאַפּיטאַל־ (Jeidels a. a. o. זײַט 42).

גרעסער עס ווערט אָבער דער מאסשטאב פון דער פּראָדוקציע, וואָס מעכטיקער עס ווערט דער גרונט־קאפּיטאל, אַלץ פילבארער ווערט די באגרעניצונג פון דעם קרעדיט אויף דעם צירקולירנדיקן קאפּיטאל. אָבער ווען מען מוז זיך ווענדן נאָך קרעדיט אויך פאר דעם גרונט־קאפּיטאל, דאַן ווערן די קרעדיטירונג־באדינגונגען אינגאנצן געענדערט. דער צירקולירנדיקער קאפּיטאל ווערט נאָכדעם, ווי עס ענדיקט זיך די אומזאַץ־צײַט, צוריק פארוואנדלט אין געלט־קאפּיטאל; דער גרונט־קאפּיטאל פאַרוואנדלט זיך אין געלט בהדרגה, פאמעלעך, אויף וויפיל ער ווערט אָפּגענוצט, אין משך פון א לענגערער צײַט. הייסט עס, אז דער געלט־קאפּיטאל, וועלכער דאַרף פארוואנדלט ווערן אין גרונט־קאפּיטאל, ווערט געבונדן אויף א לענגערער צײַט, ער ווערט אוואנסירט אויף א לאנגער צײַט. אָבער די לײַ־קאפּיטאלן, וואָס די באנק דיספּאָנירט מיט זיי, מוזן אין גרעסטן טייל זיך געפינען אין אזא לאגע, אז מען זאָל זיי צו יעדער צײַט צוריק קענען ארויסגעבן. פון אָט די קאפּיטאלן קאָן מען אויסלײַען אויף גרונט־קאפּיטאל בלויז אזא טייל, וואָס בלײַבט אויף א לענגערער צײַט אין רשות פון דער באנק. דאָס איז נישט דער פאל בײַ דעם אינדיווידועלן לײַ־קאפּיטאל. אָבער פון דעם גאנצן, אַלגעמיינעם לײַ־קאפּיטאל בלײַבט שטענדיק ליגן אין דער באנק א באדײַטנדיקער טייל, וואָס זײַן צוזאמענשטעל עס ענדערט זיך שטענדיק, אָבער ער בלײַבט שטענדיק ביז א געוויסן מינימום. אָט דער טייל, וואָס בלײַבט שטענדיק ליגן אין רשות פון דער באנק, קאָן זי ארויסגעבן אלס הלוואה פאר גרונט־קאפּיטאל. דעם אינדיווידועלן קאפּיטאל קאָן מען נישט פשוט פארוואנדלען פון דער פאָרם פון לײַ־קאפּיטאל אין גרונט־קאפּיטאל: דעמאָלט וועט ער אויפהערן צו זײַן לײַ־קאפּיטאל און וועט ווערן א טייל פון דעם אינדוסטריעלן קאפּיטאל, און דער קאפּיטאליסט וועט פארוואנדלט ווערן פון א לײַ־קאפּיטאליסט אין א אינדוסטריעלער. פארקערט, אָט דער מינימום, וואָס בלײַבט שטענדיק אין רשות פון דער באנק, איז צוגעפּאסט פארוואנדלט צו ווערן אין גרונט־קאפּיטאל. דער דאָזיקער טייל וועט, ערשטנס, זײַן אויף אזוי פיל גרעסער און, צווייטנס, אויף אזוי פיל באַשטענדיקער, אויף וויפיל עס איז גרעסער די סומע פון דעם קאפּיטאל, וואָס געפינט זיך אין רשות פון דער באנק. הייסט עס, אז די באנק, וואָס שטעלט צו דעם גרונט־קאפּיטאל, מוז אלנפאלס שוין האָבן א גענוג גרויסן פארנעם, וואָס זאָל וואקסן צוזאמען מיט דער עקספּאנסיע פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און דערצו נאָך וואקסן פיל שנעלער, ווי די לעצטע. אין דער זעלבער צײַט קאָן די באנק זיך נישט באטייליקן בלויז אין איין אונטערנעמונג; עס מוז אומפארמײַדלעך אנטשטיין די

טענדענץ צו צעטיילן די ריזיק דורך דעם, וואָס זי באַטייליקט זיך אין עטלעכע אונטערנעמונגען מיטאַמאָל. דאָס וועט שווין זיין דער פאַל צוליב דעם, ווייל אַזוי אַרום ווערט געזיכערט דאָס רעגלמעסיקע צוריק־פליסן פון די אוואַנסירטע סומעס.

אָבער מיט אַזאַ מין קרעדיטירונג ענדערט זיך די פּאָזיציע פון די בענק לגבי דער אינדוסטריע. כּל־זמן די בענק זיינען נאָר די פּערמיט־לער ביים צאָלונגס־פּאַרקער, גייט זיי אייגנטלעך בלויז אָן דער צושטאַנד פון דער אונטערנעמונג אין אַט דעם מאָמענט, איר צאָלונגס־פעיִקייט אין אַט דעם מאָמענט. זיי קויפן אויס די וועקסלען, וואָס זיי האַלטן אַלס גוטע, גיבן אַרויס אוואַנסן אויף סחורות, לאָמבאַרדירן די אַקציעס, וועלכע קאָנען לויט דעם געגעבענעם צושטאַנד פון מאַרק פאַרקויפט ווערן לויט דעם נאָרמאַלן פּרייז. דעריבער איז זייער הויפּטווירקונגס־געביט מער דער קאָמערציעלער קאַפּיטאַל, איידער דער אינדוסטריעלער, און, חוץ דעם, אויך דאָס באַפרידיקן די באַדערפעענישן פון דער בערזע. אין זייערע באַציִונגען צו דער אינדוסטריע זיינען די בענק ווייניקער פאַרבונדן מיט דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, ווי מיט דעם פאַרקויף צווישן דעם אינדוסטריע־לער און הורט־סוחר. גאָר אַנדערש זעט דאָס אויס, ווען די באַנק הייבט אָן צו באַזאָרגן דעם אינדוסטריעלער מיט פּראָדוקציע־קאַפּיטאַל. דעמאָלט איז איר אינטערעס שוין מער נישט באַגרעניצט בלויז מיט דעם מאָמענ־טאַנעם צושטאַנד פון דער אונטערנעמונג און מיט דער מאָמענטאַנער לאַגע אויפן מאַרק: איצט האַנדלט זיך שוין מער וועגן ווייטערדיקן גורל פון דער אונטערנעמונג, וועגן שפּעטערדיקן אויסזען פון דעם מאַרק. פון דער צייטווייליקער פאַראינטערעסירונג ווערט אַ לאַנג־דויערנדיקע: וואָס גרעסער עס איז דער קרעדיט, וואָס מער עס באַקומט איבערוואָג, קודם־כּל, אַט דער טייל פונם לײַ־קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט פאַרוואַנדלט אין גרונט־קאַפּיטאַל, — אַלץ גרעסער און שטאַרקער ווערט די דאָזיקע פאַראינטערעסירונג.

גלייכצייטיק ווערט אָבער אויך גרעסער דער איינפלוס פון דער באַנק אויף דער אונטערנעמונג.

כּל־זמן דער קרעדיט האָט געטראָגן אַ פאַראיבערגייענדיקן כאַראַק־טער, דאָס הייסט, כּל־זמן די אונטערנעמונג האָט פון דער באַנק באַקומען אין קרעדיט בלויז איר צירקולירנדיקן קאַפּיטאַל, איז דאָס באַפרייען זיך פון אַזעלכע פאַרבינדונגען אַנגעקומען לפי־ערך לייכט. ווי עס האָט זיך נאָר געענדיקט דער אומזאַץ־פּעריאָד, האָט די אונטערנעמונג געקאָנט אָפּצאָלן די קרעדיטירטע סומע און זיך זוכן אַן אַנדער קרעדיט־געבער. אָבער ווי נאָר עס איז קרעדיטירט אויך אַ טייל פון דעם גרונט־קאַפּיטאַל,

נעמט צו דעם א כוח. דעמאָלט קאָן זי זיך באפרייען פון דער פאר־פליכטונג ערשט אין א לאנגער צייט ארום. די אונטערנעמונג בלייבט געבונדן מיט דער באנק. אָבער ביי דער פארהעלטעניש איז די באנק דער שטארקערער צד. די באנק באזיצט דעם קאפיטאל, וואס איז גע־ווייגלעך שטענדיק פליסיק, שטענדיק גרייט צו פונקציאָנירן, — דעם געלט־קאפיטאל. די אונטערנעמונג ווידער איז שטענדיק אָפּהענגיק פון דעם, ווי די סחורה וועט זיך צוריקפארוואנדלען אין געלט. אויב דער צירקו־לאציע־פּראָצעס שטעלט זיך אָפּ, אָדער אויב עס פאלן די פארקויף־פרייזן, דאן מוז מען האָבן צוגאָב־קאפיטאל, וועלכן מען קאָן בלויז קריגן דורך דעם קרעדיט. און אזוי ווי מיט דער אויסברייטערונג פון דעם קרעדיט־וועזן איז די גרייס פון דעם קאפיטאל אין יעדער אונטערנעמונג באגרע־ניצט ביז דעם נויטווענדיקן מינימום, מוז אין יעדן פאל, ווי נאָר עס פאָדערט זיך פלוצלינג צו פארגרעסערן די פליסיקע מיטלען, נויטווענדיק ווערן די קרעדיט־אָפּעראציע; אויב מען קאָן זי נישט דורכפירן, קאָן דאָס באדייטן, אז די אונטערנעמונג איז באנקראָט. דאָס, וואס די בענק האָבן אין זייער רשות דעם געלט־קאפיטאל, גיט זיי די איבערוואָג איבער די אונטערנעמונגען, וואס זייער קאפיטאל איז פארגליווערט אלס פּראָדוקציע־אָדער סחורה־קאפיטאל. דערצו קומט נאָך צו די אייבערמאכט פון דעם קאפיטאל פון דער באנק, וואס איז רעלאטיוו אומאָפּהענגיק פון דער איינצלנער טראנזאקציע, אין דער צייט, בעת פאר דער אונטערנעמונג איז, קאָן זיין, אלץ אָפּהענגיק פון אָט דער טראנזאקציע. פארקערט, אין אייניקע פאלן קאָן זיך די באנק אויך אזוי פיל אנגאזשירן אין א גע־וויסער אונטערנעמונג, אז איר גורל זאל ווערן ענג צונויפגעפלאָכטן מיט דעם גורל פון דער אונטערנעמונג און זי מוז זיך אונטערוואַרפן אלע פאָדערונגען פון דער לעצטער. בכלל גענומען, דעצידירט אלעמאל וועגן דער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט אין די ראמען פון א קרעדיט־פארהעלטעניש די איבערוואָג פון דער מאכט פון קאפיטאל, בפרט די גרייס פון געלט־קאפיטאל, וואס שטייט צו פרייער דיספּאָזיציע.

די געענדערטע פארהעלטענישן צו דער אינדוסטריע פארשטארקט אלע יענע טענדענצן צו קאָנצענטראציע, וועלכע דרינגען שוין ארוים טעכניש פון דעם באנקוועזן. דער אנאליז פון די דאָזיקע טענדענצן מוז דאָ אויך אונטערשיידן יענע דריי הויפּט־פונקציעס פון די בענק, וועלכע ווערן אויסגעדריקט אין דעם צאָלונגס־קרעדיט (אלזאָ אין דער וועקסל־צירקולאציע), אין דעם קאפיטאל־קרעדיט און אין די עמיסיע־אָפּערא־ציעס, — דאָ וועלן מיר מוזן אביסל פארלויפן פאָרויס און דערמאָנען וועגן זיי.

די דעצידירנדיקע באַדײַטונג פאַר דעם וועקסל־מאַרקער האָט קודם־כל די ברייט פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען. ער פאָדערט אַ ברייט־פאַרצווײַגטע נעץ פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען. אַזוי אַרום איז דער בערך לאַנג־דויערנדיקער צירקולאַציע־פּעריאָד פון דעם אויסלענדישן וועקסל גורם די נויטווענדיקייט אומבאַוועגלעך צו מאַכן גרעסערע מיטלען. דריטנס, איז דאָ אויך די אויסגלײַכונג פון די צאָלונגען דורך דער קאָמפּענסאַציע פון די וועקסלען נישט אַזוי גלײַכמעסיק. הייסט עס, אַז דער דעוויזן־האַנדל פאָדערט דעריבער אַ גרויסע און טיכטיקע אָרגאַניזאַציע.

„וויכטיק איז דאָס, וואָס שוין בלויז פון דער טעכניק, פון דער אָדער יענער באַנק־אָפּעראַציע, וואָס איר באַדײַטונג ווערט אַלץ גרעסער פאַר דער אויפבליענדיקער אינדוסטריע, — אַז שוין פון איר אַליין אַנטשטייט די טענדענץ פון קאָנצענטראַציע אין דעם באַנק־וועזן. דער וועקסל, סײַ דער אויסלענדישער, סײַ דער אינלענדישער, וואָס שטאַמט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און באַדינט לויט זײַן תּוך דאָס צאָלן פאַר די רוישטאָפן און פאַבריקאַטן, פאָדערט אַזאַ אָרגאַניזאַציע פון דעם באַנק־וועזן, וואָס זאָל זײַן גענוג פאַרצווײַגט, כּדי צו רעגולירן דעם וועקסל־מאַרקער אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, — דערהויפּט פון די אויסלענדישע וועקסלען, — און זי זאָל אין דער זעלבער צײַט זײַן אימשטאַנד צו קאָנטראָלירן די זיכערקייט פון יעדן וועקסל באַזונדער, ד״ה עס פאָדערט גרויסע בענק מיט ברייטע אויסלענדישע פאַרבינדונגען און מיט פיל דאָרטיקע פיליעס. וואָס אמת, דינט דער וועקסל אין תּוך גענומען דער אינדוסטריע פאַר צאָלונגען און פאַר שאַפן דעם צאָלונגס־קרעדיט: די אַנשטאַלט, וואָס שטעלט צו דעם דאָזיקן קרעדיט, האָט נאָך נישט די מעגלעכקייט באַווסטזיניק און פּלאַן־מעסיק זיך אַרײַנצומישן אין די קרעדיטירטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען; די באַציִונגען צווישן דער באַנק און דער אונטערנעמונג גייען דערבײַ נישט ווײַטער פון דער נויטווענדיקער קאָנטראָל פון דער זיכערקייט פון דעם קרעדיט־נעמער און נישט ווײַטער פון דעם באַקומען ריווח פון דעם דיסקאָנט“ 1

כּדי די אָפּעראַציעס מיט די אויסלענדישע וועקסלען זאָלן ברענגען ריווח, מוז מיט זיי זײַן ענג פאַרבונדן דער וועקסל־אַרביטראַזש. צוליב דעם זײַנען נויטווענדיק, פון איין זייט, די ברייטע פאַר־

1 Ieidels, loc. cit, Seite 32.

בינדונגען, און פון דער צווייטער, — גרויסע פרײַע מיטלען; כּדי די אַרביטראַזש־אָפּעראַציעס זאָלן ברענגען ריווח, מוזן זיי דורכגעפירט ווערן זייער שנעל און אין אַ גרויסן פאַרנעם. די וועקסל־אַרביטראַזש־אָפּעראַציעס

„שטיצן זיך דערויף, וואָס אין יענע טעג, ווען (scil אין לאָנדאָן) דער נאָכפרעג אויף וועקסלען אויף פּאַריז, למשל, איז גרעסער פון דעם אָנבאָט, און דער קורס פון די וועקסלען הייבט זיך צוליב דעם אַנטשפּרעכנדיק, — נוצן־אויס די פירמעס, וועלכע באַזיצן אין פראַנקרײַך אַ קאָנטע אָדער קרעדיט, די דאָזיקע קאָניונקטור און שטעלן־אויס וועקסלען אויף פּאַריז; די פּאַריזער פירמע ווידער, אויף וועלכער די וועקסלען זיינען אויסגעשטעלט, וואַרט, פון איר זײַט, אויף אַזאַ גינסטיקן מאָמענט אויף דעם דאָרטיקן מאַרק, כּדי צוריק איבערצוווײַזן די סומעס קיין ענגלאַנד“ [1].

דאָס באַדינען פון דעם קאַפּיטאַל־קרעדיט דריקט זיך אויס אין דער שטײַגנדיקער באַדײַטונג פון דעם קאָנטאָקאָרענט־פאַרקער [2].

---

1 Edgar Jaffé. „Das englische Bankwesen“, Seite 60.

2 דער תּוך פון דעם קאָנטאָקאָרענט־קרעדיט באַשטייט אין דעם, „וואָס ער דערלויבט דעם בעל־חוב צו באַנוצן זיך מיט דעם אָפּגערעדטן קרעדיט אינגאַנצן אָדער טיילווײַז און אויף דעם זעלבן אופן צו יעדער צײַט צוריק אײַנצוצאָלן די קרעדיטירטע סומע. דער דאָזיקער כאַראַקטער פון דעם קאָנטאָקאָרענט־קרעדיט איז פאַר דעם בעל־חוב גינסטיק דערמיט, וואָס ער קאָן באַנוצן די לײַ־קאַפּיטאַלן, צופּאַסנדיק זיי צו די באַדערפענישן פון זײַן געשעפט, און אויף אַזאַ אופן עקאָנאָמיש פאַרקלענערן זייערע קאָסטן. דאַקעגן באַדײַט דאָס אָפּגעבן דאָס געלט דורך קאָנטאָקאָרענט־קרעדיט פאַר די באַנק אַ געוויסע פעסטע לאַקאַטע, וואָס איר דויערצײַט איז, וואָס אַן אמת, נישט באַגרעניצט, אָבער זי דערמעגלעכט שטענדיק דאָס צוריקצאָלן מצד דעם בעל־חוב (Prion, זײַט 102, loc. cit). וועגן דער גרייס פון דעם דאָזיקן קרעדיט אין דײַטשלאַנד ווערט דאָרט געזאָגט: „געוויינלעך ווערט דער קאָנטאָקאָרענט־צינזן־פוס צוגעפּאַסט צום צינזן־פוס פון די לאָמבאַרד־אָפּעראַציעס אין דער רײַכסבאַנק, און דאָך, ווען עס ווערט נידעריקער די באַנק־נאָרמע, פאַלט ער נישט נידעריקער פון דער באַשטימטער מינימאַלער גרייס, וועלכע באַטרעפט מערסטנטיילס 5 פּראָצ. חוץ דעם, הגם די צינזן ווערן בכלל באַרעכנט אין אַ גלײַכער מאָס, ווערט נאָך אין דער פּראַקטיק, פאַר דעם דאָזיקן ספּעציעלן מין קרעדיט, אָפּהענגיק פון דעם כאַראַקטער און קוואַליטעט פון דער פאַרזיכערונג און מין פון באַנק, צוגערעכנט פּראָוויזיע, וואָס רעכנט זיך מיט דער קוואַליטאַטיווער גראַדאַציע פון די געשעפטס־פאַרבינדונגען. די פּראָוויזיע ווערט מערסטנטיילס אָראָפּגערעכנט פון דעם פילפאַכן פון די געגעבענע אָדער פאַקטיש אויסגענוצטע קרעדיט־סומעס און איז אָפּהענגיק פון דער לעבעדיקייט פון אומזאַץ. אַלנפאַלס פאַרענדערט די דאָזיקע פּראָוויזיע די הייך פון די אייגנטלעכע צינזן צום אומגונסטן פון דעם קרעדיט־נעמער אויף אַזויפיל, אַז אין דער פּראַקטיק מוז מען אין אַנדערע פאַלן אָפּהענגיק פון אָפּמאַך צאָלן מיט 2—3 פּראָצ. מער, ווי עס וואָלטן אויסגעמאַכט די נאָרמאַלע עקזיסטירנדיקע צינזן“.

„זיין באדייטונג פאר די פארהעלטענישן פון די בענק צו דער אינדוסטריע נעמט זיך פון דרייערליי סיבות: 1. אדאנק זיין אנטשיידענער וויכטיקייט פאר דער רויקער אויסברייטערונג פון דער אונטערנעמונג, שאפט דער דאזיקער קרעדיט די אפהענגיקייט פון די קרעדיט־געבער. 2. די טעכנישע נאטור פון דעם אינדוס־טריעלן באנק־קרעדיט איבט אוים נאך מער, ווי די ביז אהער דער־מאנטע קרעדיט־אפעראציעס, א ווירקונג אויף דער ארגאניזאציע פון דעם באנק־וועזן, זי ווירקט אבער אין דער ריכטונג פון דער באנק־קאנצענטראציע... די אייגנארטיקע באציונגען צו דער אינדוסטריע... פאדערן נייע פרינציפן, פאדערן פון די באנק־אנפירער אנדערע קענטעניש פון דער אינדוסטריע. 3. לסוף, די אינדוסטריעלע קאנ־סאקארענט־אפעראציעס זיינען די הויפט־אקס פון אלע אפעראציעס, וואס די באנק מאכט מיט דער אינדוסטריע; די גרינדונג — און עמיסיע־טעטיקייט, דאס דירעקטע באטייליקן זיך איז די אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען, דאס מיטבאטייליקן זיך אלס מיטגלידער פון דעם אויפזיכטס־ראט אין דער פארוואלטונג פון די אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען, — דאס אלץ געפינט זיך אין פיל פאלן בנוגע דעם באנק־קרעדיט אין אן ענגער פארהעלטעניש פון אורזאך און ווירקונג". אין דער זעלבער צייט איז די קאנטאקארענטן־קאנטא „א גוט מיטל פאר דער באנק צו אורטיילן איבער דער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג און זי צו קאנטראלירן; די רעגולערע אומזאצן זיינען א סימן, אז דאס געשעפט גייט גוט" [1].

חוץ דעם באקומט די באנק, אדאנק די דאזיקע רעגולערע באציונגען, א גענויע קענטשאפט פון דער דאזיקער אונטערנעמונג, וואס קאן איר שטארק צונוץ קומען ביי אנדערע באציונגען, למשל, אויף דער בערזע. פון דער אנדערער זייט פאדערט די געפאר פון אריבערכאפן די מאס פון די קרעדיטירונגען צו האבן א נאענטע קאנטראל איבער דער אינדוס־טריעלער אונטערנעמונג, און דער הויפט־באדינג דערצו איז, אז די אונ־טערנעמונג זאל ארבעטן בלויז מיט איין איינציקער באנק.

נאר אויב די פונקציע פון דער באנק אלס קרעדיט־פארמיטלערין פאדערט, אז אין דער מאס, ווי עס פארברייטערט זיך די אינדוסטריע, זאל אויך וואקסן די קאנצענטראציע פון דעם באנק־קאפיטאל, פאדערט ווידער די פונקציע פון דער באנק אלס עמיסיע־אנשטאלט, פון איר זייט, די סאמע גרעסטע קאנצענטראציע. קודם־כל וויזט זיך דא, ביי די סאמע דיווידיקסטע אפעראציעס, אמשטארקסן ארוים די דירעקטע אייבערהאנט

1 Jeidels, loc. cit, Seite 22 ff.

פון דער גרויסער באנק: זי מאכט א גרעסערע צאל אפעראציעס, פיל גרעסערע און גינסטיקערע אפעראציעס. וואס גרעסער די באנק, אלץ גרעסער איז די זיכערקייט פון אירע עמיסיעס. א באדייטנדיקן טייל פון אירע עמיסיעס קאן זי באשטאטן צווישן אירע קליענטן. אין דעם פאל מוז אבער די באנק זיין אימשטאנד מיט זיכערקייט צוצושטעלן יענע אלץ גרעסערע סומעס, וועגן וועלכע עס האנדלט זיך דא. דערצו מוז זי האבן אן אייגענעם גרויסן קאפיטאל און א גרויסן איינפלוס אויף דעם מארק.

די גרויסע באנק קאן אויסקלייבן א פאסיקן מאמענט פאר דעם אפזאץ; זי קאן, שטיצנדיק זיך אויף איר גרויסן קאפיטאל, צוגרייטן די בערזע, — און דערנאך אויך באהערשן די קורס-אנטוויקלונג פון די אקציעס און אזוי ארום שיצן דעם קרעדיט פון דער אונטערנעמונג. די פאדערונגען, וואס ווערן געשטעלט צו דער עמיסיע-קראפט פון די בענק, ווערן מיט דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אלץ גרעסער. מיט דער מאביליזאציע פון דעם קאפיטאל איז שוין די אויסברייטערונג פון דער פראדוקציע אפהענגיק בלויז פון איין באדינג: פון דער טעכנישער ראציאנעלקייט. אין דער זעלבער צייט באווייזט זי אויך דאס, אז די אויסברייטערונג פון די אונטערנעמונגען זאל זיין אפהענגיק פון דעם עודף פון זייער פראדוקציע, און עס ווערט מיגלעך זייער שנעלע און, ביי א גוטער קאניונקטור, אפט פשוט שפרונגהאסטיקע פארגרעסערונג, מיט זייער פלוצלינגדיק וואקסנדיקן נאכפרעג אויף קאפיטאל. דעם דאזיקן קאפיטאל קאן די אינדוסטריע באקומען נאר דארט, ווו ער געפינט זיך אין די גרויסע קאנצענטרירטע מענגעס: נאר אין די בענק, און זי מוז פאר זיי לאזן די זארג צו שאפן אט דעם קאפיטאל, נישט דערשיטערנדיק דערביי דעם געלט-מארק. די באנק קאן דאס מאכן בלויז ביי דעם באדינג, אויב דער קאפיטאל, וואס זי האט ארויסגעגעבן, קערט זיך שנעל צוריק אום צו איר, אדער, אויב די אפעראציע קאן דורכגעפירט ווערן בלויז אין די ביכער; און דאס וועט מעגלעך זיין אין א גרעסערער מאס, ווען די אייגענע קליענטן פון דער באנק וועלן נעמען וואס מער אקציעס און דערפאר איינצאלן אין באנק מיט געלט; זיי נעמען דאס פון די באנק-דעפאזיטן און פארקלענערן אזוי ארום דעם פאסיוו.

הייסט עס, אז פון דער טעכניק פון דעם באנק-וועזן גופא נעמען זיך די טענדענצן, וועלכע פירן אויך צו דער באנק-קאנצענטראציע, פונקט אזוי ווי עס פירט צו דעם אויך די אינדוסטריעלע קאנצענטראציע; אבער די לעצטע בלייבט די פרימערע סיבה פון דער באנק-קאנצענטראציע.

קאפיטל זעקס

דער צינזן-פוס

אויפן יסוד פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע באקומט יעטווידע געלט-סומע די פעיקייט צו פונקציאנירן אלס קאפיטאל, ד"ה צו ברענגען ריווח. דער באדינג דערצו איז, אז זי מוז געשטעלט ווערן אין רשות פון די פראדוקטיווע קאפיטאליסטן.

„לאמיר אננעמען, אז די יערלעכע דורכשניט-נארמע פון דעם ריווח באטרעפט 20 פראצענט. ווי באלד אזוי, וואלט א מאשין אין ווערט פון 100 פונט שטערלינג, וועלכע מען פארווענדט אלס קאפיטאל ביי די דורכשניט-באדינגונגען, מיט דער דורכשניט-פארהעלטעניש פון אינטעליגענץ און צוועקמעסיקער טעטיקייט, געבראכט ריווח 20 פ' שט'. פון דעם איז געדרונגען, אז א מענטש, וואס האט אין זיין רשות 100 פ' שט', האט די מאכט אין די הענט צו פארוואנדלען זיי אין 120 פ' שט', אדער צו פראדוצירן א ריווח פון 20 פ' שט'. אין זיינע הענט געפינט זיך א מעגלעכער קאפיטאל פון 100 פ' שט'. אויב דער דאזיקער מענטש טרעט אפ די 100 פ' שט' אויף איין יאר אן אנדערן, וועלכער וועט זיי ווירקלעך פארווענדן אלס קאפיטאל, וועט ער אים געבן די מאכט צו פראדוצירן 20 פונט שט' ריווח, צו פראדוצירן מערווערט, וואס קאסט אים גארנישט, פאר וועלכן ער באצאלט נישט קיין שום עקוויוואלענט. אויב אט די לעצטע פערזאן באצאלט דעם אייגנטימער פון די 100 פ' שט' סוף יאר, לאמיר זאגן, 5 פ' שט', ד"ה, א טייל פון דעם פראדוצירטן ריווח, באצאלט ער אויף אזא אופן דעם געברויך-ווערט פון די דאזיקע 100 פ' שט', דעם געברויך-ווערט פון זייער פונקציע אלס קאפיטאל, — די פונקציע, וואס איז נויטווענדיק פאר דער פראדוקציע פון די 20 פונט שט' ריווח. דער טייל פון דעם ריווח, וואס ווערט באצאלט דעם אייגנטימער פון דעם דאזיקן געלט, הייסט צינזן, וואס איז אלזא נישט עפעס אנדערש, ווי א באזונדער נאמען, א באזונדער רובריק פון

יענעם טייל ריווח, וועלכן דער פונקציאָנירנדיקער קאפּיטאַל דאַרף אויסצאָלן דעם אייגנטימער פון דעם קאַפּיטאַל, אָנשטאָט דאָס אַרײַנצוליייגן אין דער אייגענער קעשענע".

„ס'איז קלאָר, אַז דאָס באַזיצן 100 פ' שט' גיט דעם אייגנ־טימער אַ קראַפט זיך צוצושאַרן צינזן, אַ געוויסן טייל פון דעם ריווח, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן דורך זײַן קאַפּיטאַל. ווען ער וואָלט נישט אַוועקגעגעבן די 100 פ' שט' דער אַנדערער פּערזאָן, וואָלט אָט די אַנדערע פּערזאָן נישט געקענט פּראָדוצירן קיין ריווח, בכלל נישט געקענט פונקציאָנירן אַלס קאַפּיטאַליסט אין באַציִונג צו די 100 פונט שטערלינג" 1.

אַדאַנק דעם, וואָס דער אייגנטימער גיט אַוועק דאָס דאָזיקע געלט אַלס הלוואה, פונקציאָנירט דאָס פאַר אים אַלס קאַפּיטאַל, אַלס לײַ־קאַפּיטאַל, ווײַל אין אַ צײַט אַרום וועט זיך דאָס ווידער אומקערן צו אים אַלס פאַרגרעסערטע סומע. דער קאַפּיטאַל פאַרגרעסערט זיך אָבער אין זײַן ווערט בלויז אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, דורך עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבעטס־קראַפט, דורך דעם צואייגענען זיך די נישט־באַצאָלטע אַרבעט. הייסט עס, אַז כדי דער געלט־קאַפּיטאַל פון דעם לײַ־קאַפּיטאַ־ליסט זאָל קענען פונקציאָנירן אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, ער זאָל קענען פּראָדוצירן ריווח, מוז ער ווערן דער געלט־קאַפּיטאַל פון דעם פּראָ־דוקטיוון קאַפּיטאַליסט. דער דאָזיקער ריווח ווערט איצט געטיילט; איין טייל אַלס צינזן ווערט אומגעקערט דעם לײַ־קאַפּיטאַליסט, דער צווייטער טייל בלײַבט בײַ דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַליסט. און אַזוי ווי בײַ נאָר־מאַלע באַדינגונגען זײַנען די צינזן אַ טייל פון דעם ריווח, איז דער ריווח די מאַקסימאַלסטע גרעניץ פון דעם צינז. און דאָס איז די איינ־ציקע פאַרהעלטעניש צווישן ריווח און צינזן. דאַקעגן זײַנען די צינזן קיינמאָל נישט קיין באַשטימטער, פיקסירטער טייל פון דעם ריווח. די הייך פון די צינזן איז אָפּהענגיק פון דעם נאָכפרעג און אָנבאָט פון דעם לײַ־קאַפּיטאַל. מען וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט און אירע פאַרהעלטענישן בײַ דער הנחה, אַז די געלט־באַזי־צערס און די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן זײַנען אידענטיש, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: אַז אַלע פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן האָבן אויך אין זייער רשות די נייטיקע געלט־קאַפּיטאַלן. אין דעם פאַל וואָלטן נישט גע־קאָנט אַנטשטיין די צינזן. דאַקעגן, אָן דער פּראָדוקציע פון ריווח קאָן גאָר נישט געמאָלט זײַן קיין קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע; דאָס ערשטע

1 זײַט 323, Marx, „Kapital" III

און דאָס צווייטע באַטײַטן אין תוך דאָס זעלבע. דאָס פּראָדוצירן דעם ריווח איז דער באַדינג און דער ציל פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָ-דוקציע. די פּראָדוקציע פון ריווח, די פּראָדוקציע פון מערווערט, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דעם מערפּראָדוקט, איז אָביעקטיוו באַשטימט; דער ריווח אַנטשטייט דירעקט פון דער עקאָנאָמישער פאַרהעלטעניש: פון דער קאַפּיטאַל-פאַרהעלטעניש, — פון דעם אָפּטיילן די פּראָדוקציע-מיטלען פון דער אַרבעט, פון דעם קעגנזאַץ פון קאַפּיטאַל און לוין-אַרבעט. זײַן גרייס איז אָפּהענגיק פון יענעם נײַעם ווערט, וועלכן דער אַרבעטער-קלאַס פּראָדוצירט מיט דער הילף פון פאַראַנענע פּראָדוקציע-מיטלען, און פון דעם, ווי אַזוי אַט דער נײַער ווערט ווערט פאַרטיילט צווישן דעם קאַפּיטאַליסטן-קלאַס און דעם אַרבעטער-קלאַס, וואָס ווערט, פון זײַן זײַט, באַשטימט דורך דעם ווערט פון דער אַרבעטס-קראַפט. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט ריין אָביעקטיווע באַשטימטע פאַקטאָרן.

אַנדערש איז מיט די צינזן. זיי נעמען זיך פון אַ פאַקט, וואָס איז גאַנץ צופעליק פאַר דעם תוך פון דעם קאַפּיטאַליזם, פאַר דעם אָפּטיילן די פּראָדוקציע-מיטלען פון דער אַרבעט: פון דעם פאַקט, אַז, ערשטנס, געלט האָבן נישט בלויז די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן, און, צווייטנס, אַז דער געלט-קאַפּיטאַל גייט נישט שטענדיק אינגאַנצן אַרײַן אין דער קרײַז-באַוועגונג פון דעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַל, און צײַטנווײַז איז ער אומטעטיק. און טאַקע פון די זיך-בײַטנדיקע פאַרהעלטענישן פון דעם נאָכפראַג אויף דעם דאָזיקן געלט-קאַפּיטאַל מצד די פּראָדוק-טיווע קאַפּיטאַליסטן איז אָפּהענגיק, וואָס פאַר אַ טייל פונם ריווח עס קאָנען זיך נעמען די לײַ-קאַפּיטאַליסטן [1].

---

1 כדי די פאַרהעלטענישן צווישן אָנבאָט און נאָכפראַג זאָלן אויף וויפיל נישט איז קענען מיטהעלפן דער דערקלערונג פון דעם פרײַז, מוזן דער נאָכפראַג און דער אָנבאָט זײַן געגעבענע און פעסטע גרייסן. דערפון נעמט זיך אויך די שטרעבונג פון דער גרעניץ נוצן-טעאָריע צו באַטראַכטן דעם אָנבאָט אַלס באַשטענדיקן, ד"ה ארויסצוגיין פון אַ געגעבענעם רעזערוו. דעריבער איז פולקום קאָנסעקווענט, ווען שומפעטער (Schumpeter: „Das Wesen und der Hauptinhalt der theoretischen Nationalökonomie". Leipzig, 1908,) באַמיט זיך צו זיכערן די טעאָריע פון גרעניץ נוצן און רעדוצירט סוף-כל-סוף די פּאָליטישע עקאָנאָמיע ביז צו סטאַ-טיק, בשעת זי מוז זײַן דינאַמיק, זי מוז זײַן די לערע וועגן די באַוועגונגס-געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דערמיט אַליין ווערט אויף אַ גליקלעכן און שאַרפן אופן פאָרמולירט דער קעגנזאַץ צו דעם מאַרקסיזם און צוזאַמען דערמיט אויך די גאַנצע פרוכטלאָזיקייט פון דער דאָזיקער טעאָריע the final butility of final atility (די מאַקסימאַלע נוצלאָזיקייט פון דעם מאַקסימאַלן נוצן), ווי הײַנדמאַן האָט דאָס שפּאַסיק אָנגערופן. עקאָנאָמיש עקזיסטירט די שוועריקייט צו דערקלערן די גרייס פון דעם אָנבאָט, — וואָס וואָלט געהייסן פונקט אַזוי, ווי צו דערקלערן דעם מאַס-

נאר אויב דער צינזן=פוס איז אפהענגיק פון דעם נאכפרעג און אנבאט, מוזן מיר דא פרעגן: דורך וואס ווערן באשטימט דער נאכפרעג און אנבאט גופא? אויף איין זייט ליגט דאס געלט, וואס איז אין דעם מאמענט אומטעטיק און זוכט פאר זיך אן אנווענדונג, און אויף דער צווייטער זייט ווייזט זיך ארויס א נאכפרעג מצד די פונקציאנירנדיקע קאפיטאליסטן אויף געלט, וואס זיי ווילן פארוואנדלען אלס געלט=קאפיטאל אין פונקציאנירנדיקן קאפיטאל. די דאזיקע פארטיילונג באזארגט דער קאפיטאל=קרעדיט, וואס פון זיין צושטאנד עס איז אלזא אפהענגיק די הייך פון דעם צינזן=פוס. אין יעדן געגעבענעם מאמענט געפינט זיך אין רשות פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט א קוואנטיטיוו באשטימטע סומע געלט, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר דעם אנבאט, און אין דעם זעלבן מאמענט איז אויף דער אנדערער זייט פאראן א באדערפעניש ביי די פונקציאנירנדיקע קאפיטאליסטן אין געלט=קאפיטאל, וואס ווערט באשטימט דורך דעם פארנעם פון דער פראדוקציע און פון דער צירקולאציע. הייסט עס, אז אין יעדן מאמענט האבן מיר דא פאר זיך צוויי באשטימטע גרייסן, וועלכע באגעגענען זיך איינע מיט דער אנדערער אויף דעם געלט=מארק, אלס נאכפרעג און אנבאט, און באשטימען דעם „לייפרייז פון דעם געלט”, דעם צינזן=פוס. די דאזיקע באשטימונג שטעלט מיט זיך נישט פאר קיין שום שוועריקייטן; די דאזיקע שוועריקייטן הייבן זיך ערשט אן ביים אנאליז פון דער ענדערונג פון דעם צינזן=פוס.

קודם=כל איז קלאר, אז די פארברייטערונג פון דער פראדוקציע, און צוזאמען דערמיט אויך פון דער צירקולאציע, באטייט די פארגרעסערונג פון דעם נאכפרעג אויף געלט=קאפיטאל. דער פארגרעסערטער נאכפרעג וואלט, פון זיין זייט, אויב דער אנבאט וואלט געבליבן ווי פריער, געמוזט דערפירן צו א שטייגערונג פון דעם צינזן=פוס. די שוועריקייט אנטשטייט דא אבער דערפון, וואס דער אנבאט ענדערט זיך צוזאמען מיט דעם געענדערטן נאכפרעג, און ענדערט זיך גראד מחמת דעם געענדערטן נאכפרעג. אויב מיר וועלן באטראכטן יענע געלט=סומע, וואס בילדעט דעם אנבאט, וועלן מיר זען, אז זי באשטייט פון צוויי טיילן: ערשטנס, פון דעם מזומן=געלט, און, צווייטנס, פון קרעדיט=געלט. אבער בשעתן אנאליז

שטאב פון דער פראדוקציע און זיין עקאנאמישער געזעצמעסיקייט. וואס שייך דעם נאכפרעג, ווערט ער באשטימט דורך דער פראדוקציע און דורך איר פארטיילונג און דורך די געזעצן, לויט וועלכע עס קומט פאר די פארטיילונג פון דעם געזעלשאפטלעכן פראדוקט. ביים קלאר-מאכן די סיבות, וואס באשטימען דעם צינזן-פוס, איז די גאנצע שוועריקייט דאס צו דערקלערן בלויז אין דעם ארויסברענגען דעם מאמענט, וועלכער באשטימט די גרייס פון דעם אנבאט.

פון דעם צירקולאציע־קרעדיט האָבן מיר שוין געזען, אַז דאָס קרעדיט־געלט איז אַ פאַרענדערלעכער פאַקטאָר, וואָס ברייטערט זיך אויס צוזאַמען מיט דער אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע. די אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע ווידער באַטײַט אַ פאַרגרעסערטן נאָכפרעג אויף געלט־קאַפּיטאַל; אָט דער דאָזיקער פאַרגרעסערטער נאָכפרעג טרעפט אָבער אויך אַ פאַרגרעסערטן אָנבאָט, וועלכער ווערט באַשטימט דורך דעם פאַרגרעסערטן סכום קרעדיט־געלט, וואָס פליסט אַרײַן מחמת דער אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע. הייסט עס, אַז די ענדערונג פון דעם צינזן־פוס קאָן געשען בלויז דעמאָלט, ווען די פאַרענדערונג פון דעם נאָכפרעג אויף געלט־קאַפּיטאַל איז שטאַרקער ווי דער אָנבאָט פון אים; דער צינזן־פוס וועט שטײַגן, אויב דער נאָכפרעג אויף געלט־קאַפּיטאַל וואַקסט שנעלער, ווי עס פאַרגרעסערט זיך דער סכום קרעדיט־געלט. נאָר ווען קאָן דאָס געשען? קודם־כל פאָדערט דער פאַרגרעסערטער סכום קרעדיט־געלט, עס זאָל אויך פאַרגרעסערט ווערן יענע סומע מזומן־געלט, וואָס איז נייטיק אַלס רעזערוו, כּדי שטענדיק צו זײַן גרייט אויסצובײַטן דאָס קרעדיט־געלט. ווײַטער, אַדאַנק דעם, וואָס עס פאַרגרעסערט זיך די צירקולאַציע פון דעם קרעדיט־געלט, ווערט אויך גרעסער יענער טייל פון דער אַלגעמיינער סומע מזומן־געלט, וועלכע מען מוז האַלטן אויף צו דעקן די דיפערענץ פון דעם קרעדיט־געלט, וואָס קאָמפּענסירט זיך נישט קעגנזײַטיק. חוצדעם, וואַקסט אײַנצײַטיק מיט דער אויסברייטערונג פון דער צירקולאַציע די צאָל פון יענע טראַנזאַקציעס, אין וועלכע דער קרעדיט שפּילט אַ נישטיקע ראָלע: די סומעס, וועלכע זײַנען נייטיק אויף צו באַצאָלן די אַרבעטער און צו דערלייזן די געשטיגענע אומזאַצן אין דעם קליינהאַנדל, באַשטייען ס׳רוב פון מזומן־געלט. אויף אַזאַ אופן ווערן יענע סומעס, מיט וועלכע מען קאָן זיך באַנוצן פאַר די קרעדיט־אָפּעראַציעס, אַלץ קלענער, ווײַל אַ טייל פון דעם מזומן־געלט פאָדערט זיך פאַר די ערשט אָנגעוויזענע אַנדערע פונקציעס. און לסוף, דאָס פאַרגרעסערן די צאָל קרעדיט־געלט וועט אָנהייבן אָפּצושטיין פון די פאָדערונגען פון דער אַלץ וואַקסנדיקער פּראָדוקציע און צירקולאַציע, ווי נאָר די פּראָספּעריטי־צײַט וועט האַלטן בײַם ענדיקן זיך און דער אָפּזאַץ פון סחורות וועט פאַרהאַלטן אָדער פאַרלאַנגזאַמט ווערן.

וואָרום דאָס וועט הייסן, אַז די וועקסלען, וואָס מען האָט אויסגעשטעלט פאַר סחורה, קאָמפּענסירן זיך שוין נישט קעגנזײַטיק, און, אַז, ווייניקסטנס, ווערט דער טערמין פון דעם וועקסל פאַרלענגערט. נאָר אויב די פעליקע וועקסלען קאָמפּענסירן זיך נישט, דאַן מוזן זיי אויסגעקויפט ווערן מיט מזומן־געלט. הייסט עס, אַז דאָס קרעדיט־געלט

(ד״ה, די וועקסלען אָדער די באַנקנאָטן, וואָס פאַרטרעטן זיי) קאָן שוין נישט אין דער פריערדיקער מאָס אויספילן די פונקציעס פון געלט, באַדינען די סחורה-צירקולאַציע. און עס אַנטשטייט אַן אַלץ שטײַגנדיקער נאָכפרעג אויף מזומן-געלט, כדי אויסצוקויפן דאָס קרעדיט-געלט. הייסט עס, אַז די צאָל פון דעם ווירקלעך פונקציאָנירנדיקן קרעדיט-געלט ווערט פאַרקלענערט, אין דער צײַט ווען עס וואַקסט דער נאָכפרעג אויף מזומן-געלט, וואָס איז נייטיק צו פאַרבײַטן דאָס קרעדיט-געלט; אָט דער נאָכפרעג איז גורם דאָס שטײַגן פון דעם צינזן-פוס.

אַלזאָ, אויב די אַבסאָלוטע גרייס פון דעם צינזן-פוס איז אָפּהענגיק פון דעם צושטאַנד פון דעם קאַפּיטאַל-קרעדיט, איז איר ענדערונג אָפּהענגיק קודם-כּל פון דעם צושטאַנד פון דעם צירקולאַציע-קרעדיט. דער גענויערער אַנאַליז פון אָט די ענדערונגען געהערט צו דעם טייל וועגן די אינדוסטריעלע קאָניונקטור-וואַקלונגען און וועט דעריבער געגעבן ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט איר.

„די ענדערונגען פון דעם צינזן-פוס (לאָזנדיק אָן אַ זײַט אָט די ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אין משך פון אַ מער לענגערער צײַט, און דעם אונטערשייד פון דעם צינזן-פוס אין פאַרשיידענע לענדער; די ערשטע זײַנען פאַרבונדן מיט די ענדערונגען פון דער אַלגעמיינער ריווח-נאָרמע, די צווייטע — מיט די דיפערענצן אין די ריווח-נאָרמעס און אין דער אַנטוויקלונג פון דעם קרעדיט) זײַנען אָפּהענגיק פון דעם אָנבאָט פון לײַ-קאַפּיטאַל (האַלטנדיק פאַר גלײַך צו אַלע איבעריקע אומשטענדן, ווי למשל, דעם מצב פון צוטרוי אאַז״וו), ד״ה פון אַ קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אַנטליען אין דער פאָרם פון געלט, מעטאַל-געלט אָדער באַנקנאָטן; אין אונטערשייד צום אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט, אַלס אַזעלכער, אויסגעליען אין דער סחורה-פאָרם מיט דער הילף פון קאָמערציעלן קרעדיט צווישן די פּראָדוקטיווע אַגענטן גופא[1].

מיר זײַנען נישט אינגאַנצן מסכּים מיט אָט דעם שטאַנדפּונקט. בײַ מאַרקסן איז די ענדערונג פון דעם צינזן-פוס אָפּהענגיק פון דעם אָנבאָט פון קאַפּיטאַל, וואָס ווערט געליען אין דער פאָרם פון געלט, — מעטאַל-געלט אָדער באַנקנאָטן. ווײַבאַלד אַזוי, בלײַבט דאָך אַ פראַגע, ווי גרויס קאָן זײַן דער באַטרעף פון די באַנקנאָטן. פאַר ענגלאַנד, וועמעס פאַרהעלטענישן עס האָבן אַפּנים זיך דאָ פאַרגעשטעלט מאַרקסן, איז דער ענטפער געגעבן דורך דער געזעצלעכער פאַרשריפט פון פּילס אַקט.

1 M a r x „Kapital“ III. 2 Aufl. Seite 37.

די סומע פון מעטאל=געלט און באנקנאטן ווערט דא צונויפגעלייגט פון דער סומע מעטאל=געלט, וואס געפינט זיך אין דער צירקולאציע, פון דעם גאלד=רעזערוו אין דער באנק און פון 14 מיליאן פ' שט' און באנקנאטן, וואס שטעלן מיט זיך פאר דעם באטרעף פון דער ניט=געדעקטער באנק=נאטן=צירקולאציע. פאקטיש פילן אוים די דאזיקע באנקנאטן די פונקציעס פון דעם מלוכה=פאפיר=געלט נאר אויף אזויפיל, אויף וויפיל זיי רעפרעזענ=טירן — אדער האבן לכל=הפחות אין פילם ציטן רעפרעזענטירט — יענעם מינימום פון דער צירקולאציע, וואס קאן פארביטן ווערן מיט געלט=צייכנס. הייכט עס, אז די סומע פון די באנקנאטן איז דורך דעם געזעץ איין מאל פאר אלע מאל פעסטגעשטעלט געווארן אין א באשטימטער דימענ=סיאן. ווען מען זאל אבער די פראגע אוועקשטעלן בכלל, דאן איז די ענדערונג פון דעם צינזן=פוס אפהענגיק פון דעם אנבאט, פון דער צאל פון דעם געלט, וואס קען אנטליען ווערן. אבער אנטלייען קאן מען דאס גאנצע געלט, וואס געפינט זיך נישט אין דער צירקולאציע. אין דער צירקולאציע געפינט זיך אבער, ערשטנס, די צאל געלט=צייכנס, וואס אנטשפרעכט דער מינימאלער באדערפעניש פון דער צירקולאציע, און צווייטנס, א באשטימטע סומע גאלד. דאס איבעריקע גאלד ליגט בא=האלטן אין די קעלערס פון דער באנק אדער פון די בענק. א טייל פון דעם גאלד דינט אלס רעזערוו (אוצר) פאר די באדערפענישן פון דער אינערלעכער צירקולאציע, א טייל — אלס רעזערוו פאר דער אינטערנא=ציאנאלער צירקולאציע, ווייל דאס גאלד מוז אויספילן די פונקציע פון וועלט=געלט. די דערפארונג באווייזט, וואס פאר א מינימאלע סומע עס דארף באטרעפן דער רעזערוו פאר ביידע צוועקן. די רעשט קאן ארויס=גענעבן ווערן אלס הלוואה און אין דער לעצטער שורה איז דאס יענער אנבאט, וואס דאס אויסנוצן אים באשטימט די הייך פון דעם צינזן=פוס. דאס דאזיקע אויסנוצן גופא איז אפהענגיק פון דעם צושטאנד פון דעם צירקולאציע=קרעדיט, אלזא, פון דעם „קאמערציעל=קרעדיט", וואס די רעפראדוקטיווע אגענטן גיבן איינער דעם אנדערן. כל=זמן דער דאזיקער קרעדיט איז ביכולת זיך אויסצובררייטערן אין דער מאס, ווי עס פאדערט דאס דער געשטייגערטער נאכפרעג, וועט נישט פארקומען קיין שום ענדערונג אין דעם צינזן=פוס. מען דארף אבער דא נישט פארגעסן, אז דער גרעסטער טייל פון דעם נאכפרעג ווערט באפרידיקט דורך דעם אנבאט, וואס וואקסט איינציטיק מיט דעם נאכפרעג. דער גרעסטער טייל פון דעם קרעדיט פארנעמט דער „קאמערציעל=קרעדיט", אדער ווי מיר וועלן בעסער זאגן, דער צירקולאציע=קרעדיט. דא וואקסן דער נאכ=פרעג און דער אנבאט, אדער, אויב איר ווילט, די מיטלען צו באפרידיקן

דעם נאָכפרעג, איינציַיטיק, איינער מיטן אַנדערן און מיט דער פאַרגרע=סערונג פון דער פּראָדוקציע. דער דאָזיקער קרעדיט קאָן זיך אויסברייטערן, נישט האָבנדיק דערביַי קיין שום ווירקונג אויף דעם צינזן=פוס; צום אָנהייב פון פּראָספּעריטי=פּעריאָד קומט טאַקע פאַר אַזאַ אויסברייטערונג, און דאָס ווירקט נישט ספּעציעל אויף דעם צינזן=פוס. דער צינזן=פוס שטיַיגט ערשט אין דעם פאַל, ווען דער סכום גאָלד אין די בענק ווערט קלענער, די רעזערוון דערנעענטערן זיך צו זייער מינימום און די בענק זיַינען מחמת דעם גענויט צו העכערן דעם דיסקאָנט. אָבער אַזוי איז דאָס אין פּעריאָד פון הויך=קאָניונקטור, וויַיל די צירקולאַציע פאָדערט דעמאָלט מער גאָלד (דאָס וואַקסן פון דעם פאַרענדערלעכן קאַפּיטאַל, פון די אומזאַצן בכלל און, הייסט עס, פון יענער סומע, וואָס דינט צום אויסגליַיכן דעם בילאַנס). דער נאָכפרעג אויף ליַי=קאַפּיטאַל ווערט אָבער גראָד אַמשטאַרקסטן דעמאָלט, ווען דער גאָלד=רעזערוו ווערט שטאַרק פאַרקלענערט מחמת דעם, וואָס דאָס גאָלד ווערט פאַרשלונגען דורך די אַלץ מער וואַקסנדיקע באַדערפעניש פון דער צירקולאַציע. די אויסשעפּונג פון דעם גאָלד=רעזערוו, וועלכן מען קען אָוועקליַיגן, מיט אַ דירעקטן שטויס, אַז עס זאָל געהעכערט ווערן דער באַנק=דיסקאָנט, וועלכער ווערט אין אַזעלכע פּעריאָדן דער רעגולאַטאָר פון דעם צינזן=פוס. און דער ציל פון דער דיסקאָנט=העכערונג איז גראָד צו שאַפן דעם צופלוס פון דעם גאָלד. יענע באַגרעניצונגען, וואָס ווערן געשאַפן דורך דער פאַלשער באַנק=געזעצגעבונג, דערפירן בלויז צו דעם, אַז דער דאָזיקער מאָמענט קומט פריער, איידער עס וואָלטן דאָס געפאָדערט די ריין=עקאָנאָמישע באַדינגונגען. דער טעות פון אָט די אַלע באַגרעניצונגען באַשטייט אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן אין דעם, וואָס זיי שאַצן אָפּ צו נידעריק — אין דיַיטשלאַנד אומדירעקט, אין ענגלאַנד דירעקט — יענעם מינימום, וואָס פאָדערט זיך פאַר דער צירקולאַציע, און באַגרענעצן בזה האופן דעם אָנבאָט פון ליַי=קאַפּיטאַל.

הייסט עס, אַז די טענדענץ פון צינזן=פוס צו פאַלן וואָלט געווען פאַרבונדן מיט דער פאַר=הנחה, אַז די פאַרהעלטעניש פון דעם פאַראַנענעם גאָלד=רעזערוו צו דעם נאָכפרעג אויף ליַי=קאַפּיטאַל זאָל אַלץ גינסטיקער ווערן, ד״ה, אַז דער גאָלד=רעזערוו זאָל וואַקסן שנעלער ווי דער נאָכפרעג אויף ליַי=קאַפּיטאַל. אויב מען זאָל אָבער פאַרגליַיכן צווישן זיך די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, וועט פאַקטיש זיַין אוממעגלעך צו קאָנסטאַטירן אַזאַ טענדענץ צום שטענדיקן פאַלן פון דעם

ציגזן־פוס 1. די דאָזיקע טענדענץ לאָזט זיך אויך טעאָרעטיש נישט פאַר־ענטפערן: וואָרום גלײַכצײַטיק מיט דעם וווקס פון דעם גאָלד־רעזערוו און פון דעם צירקולאַציע־מינימום וואַקסט אויך יענע סומע גאָלד, וועלכע ווערט אין דער צײַט פון הויכער קאָניונקטור אָלס צוגאָב פאַרשלונגען פון דער צירקולאַציע.

דאָס פאַלן פון דער ריווח־נאָרמע קאָן בלויז אין דעם פאַל באַדײַטן דאָס פאַלן פון דעם ציגזן־פוס, ווען דער ציגז זאָל זײַן אַ וואָסער־ס'איז פעסטער טייל פון דעם ריווח, וואָס ער איז אָבער נישט אין דער ווירקלעכקייט. דאָס פאַלן פון דער ריווח־נאָרמע האָט, העכסטנס, די באַ־דײַטונג, וואָס עס פאַלט די טעאָרעטיש־מעגלעכע מאַקסימאַלע גרעניץ פון דעם ציגז, נעמלעך, דער גאַנצער ריווח; נאָר אַזוי ווי די דאָזיקע מאַקסימאַלע גרעניץ קאָן בכלל נישט דערגרייכט ווערן אויף אַ לענגערער

---

1 אויף וויפיל עס איז פאַראַן עמפּירישער מאַטעריאַל, וואָס לאָזט זיך פאַר־גלײַכן, באַשטעטיקט ער לחלוטין נישט די דאָגמעס וועגן דעם פאַלן פון דעם ציגזן־פוס. סמיט (Smith) דערציילט, אַז אין האָלאַנד האָט אין זײַן צײַט די רעגירונג געצאָלט 2 פּראָצ' ציגזן און פּריוואַטע פּערזאָנען מיט אַ רעפּוטאַציע פון סאָלידער קרעדיט־פעיִקייט — 3 פּראָצענט. אין ענגלאַנד האָבן אַ געוויסע צײַט נאָך דער לעצטער מלחמה (אין יאָר 1763) נישט בלויז פּריוואַטע פּערזאָנען מיט אַ סאָלידער קרעדיט־פעיִקייט, נאָר אויך אייניקע פון די גרעסטע האַנדלס־פירמעס אין לאָנדאָן גע־וויינלעך געצאָלט 5 פּראָצ' ציגזן, אין דער צײַט וואָס פריִער האָבן זיי העכסטנס געצאָלט 4 — 4 אַ האַלב פּראָצ'. טוק (Tooke), וועלכער ציטירט אָט די דאַטן, באַמערקט: „אין 1764 איז דער קורס פון די 4־פּראָצענטיקע פינאַנס־שײַנען געפאַלן נידעריקער פון דער פּאַריטעט; navy bills האָבן זיך פאַרקויפט מיט אַ דיסקאָנט פון $9\frac{5}{8}$ פּראָצ', און די דרײַ־פּראָצענטיקע קאָנסאָלס, וועלכע זײַנען אין מערץ 1763 געשטאַנען 96, זײַנען אין אָקטאָבער געפאַלן ביז 80. אָבער אין יאָר 1765 זײַנען די דרײַ־פּראָצענטיקע קרוין־פּאַפּירן, פון וועלכע מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ נײַע עמיסיע, אין אַלגעמיין אויף פּאַרי און צומאָל העכער פון פּאַרי, און די דרײַ־פּראָצענטיקע קאָנסאָלס האָבן זיך געהויבן ביז 92". איבעריקנס, דערציילט שמאָלער (Schmoller) („Grundriss der Allgemeinen Volkswirtschaftslerhre“ II, Seite 207): אַז שוין אין יאָר 1737 זײַנען די דרײַ־פּראָצענטיקע קאָנסאָלס געשטאַנען 107. געוויינ־לעך קאָן דער קורס פון מלוכה־פּאַפּירן, וואָס ווערט באַשטימט דורך אַ גאַנצער רײ נאָך אַנדערע אומשטענדן, נישט דינען אַלס זיכערער מאַסשטאַב פאַר דער הייך פון דעם ציגזן־פוס, אָבער, אַלנפאַלס, לוינט זיך אויך אויף דעם קורס אָפּצושטעלן.

באַטראַכטנדיק דעם דיסקאָנט־פּראָצענט פון די עמיסיע־בענק, קאָן מען אויך נישט באַמערקן די טענדענץ צו דעם גלײַכמאָסיקן פאַלן פון דעם ציגזן־פוס. מיר נעמען אַרויס פון דר. אַלפרעד שוואַנערס אינטערעסאַנטן אַרטיקל „Zinsfuss und Krisen im Lichte der Statistik“, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „בערלינער טאַגעבלאַט“ פון 26טן און 27טן נאָוועמבער 1907, פאָלגנדיקע טאַבעלע (דער בוכשטאַב K אין דער זײַט ווײַזט אָן די קריזיס יאָרן, דאָך האַנדלט זיך בײַ די יאָרן 1882 און 1895 — דער באָנטו־קראַך (Bontoux קראַך) — וועגן ריין ספּעקולאַציע־קריזיסן.

דורכשניטלעכע דיסקאָנט-נאָרמעס אין די פיר אייראָפּעאישע הויפּט-בענק פאַר די לעצטע 55 יאָר

יאָר	ענגלישע באנק	פראנצויזישע באנק	דייטשע רייכס-באנק 1875-1847 פרייסישע באנק	עסטרייך-אונגאר. באנק (פריער נאציאָנאל-באנק)
1907	4,54	3,3	5,72	4,72
1906	4,27	3	5,12	4,4
1905	3,08	3	3,82	3,68
1904	3,3	3	4,2	3,5
1903	3,75	3	3,77	3,5
1902	3,33	3	3,32	3,55
k. 1901	3,9	3	4,1	4,08
k. 1900	3,94	3,2	5,33	4,58
1899	3,75	3,06	5,04	5,04
1898	3,19	2,2	4,27	4,16
1897	2,64	2	3,81	4
1896	2,48	2	3,66	4,09
k. 1895	2	2,1	3,14	4,3
1894	2,11	2,5	3,12	4,08
1893	3,06	2,5	4,07	4,24
k. 1892	2,52	2,7	3,2	4,02
k. 1891	3,35	3	3,78	4.4
1890	4,69	3	4,52	4,48
1889	3,55	3,16	3,68	4,19
1888	3,3	3,1	3,32	4,17
1887	3,34	3	3,41	4,12
1886	3,05	3	3,28	4
1885	2,92	3	4,12	4
1884	2,96	3	4	4
1883	3,58	3,03	4,4	4,11
k. 1882	4,14	3,8	4,54	4,02
1881	3,48	3,84	4,42	4
1880	2,76	3,81	4,24	4
1879	2,38	2,58	3,07	4,33
1878	3,75	2,2	4,34	5
1877	2,85	2,26	4,42	5
1876	2,62	3,4	4,16	5
1875	3,25	4	4,7	4,6
1874	3,75	4,3	4,38	4,87
k. 1873	4,75	5,15	4,95	5,22
1872	4,12	5,15	4,29	5,55
1871	2,85	5,35	4,16	5,5
1870	3,12	3,9	4,40	4,44
1869	3,25	2,5	4,24	4,34
1868	2,25	2,5	4	4
1867	2,5	2,7	4	4
k. 1866	7	3,67	6,21	4,94
1865	4,75	3,66	4,96	5
1864	7,5	6,51	5,31	5
1863	4,5	4,63	5,08	5
1862	2,52	3,73	4,2	5,06
1861	5,5	5,86	4,2	5,5
1860	4,25	3,56	4,2	5,12
1859	2,75	3,47	4,2	5
1858	3	3,68	4,2	5
k. 1857	6,7	6	5,76	5
1856	5,8	5,5	4,94	4,27
1855	4,8	5	4,08	4
1854	5,1	4,37	4,36	4
1853	3,4	3,23	4,25	4
1852	2,5	3,18	4	4

שוואַנער באַמערקט צו דער דאָזיקער טאַבעלע:

„אויב מען זאָל מאַכן וועלכע נישט איז אַלגעמיינע אויספירן פון דער סטאַטיסטיק פון דעם באַנק-דיסקאָנט אין 19טן יאָרהונדערט, וועט זיך אַרויסווייַזן, אַז עס מערקט זיך דאָ נישט קיין שום באַשטימטע טענדענץ אויף אַרויף אָדער אויף אַראָפּ. אמת, דער אָפיציעלער דיסקאָנט אונטער 4 פּראָצענט האָט זיך ערשט באַוויזן מיט דער צייַט, און דערבייַ האָט ער זיך באַוויזן פריער אָדער שפּעטער, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד. אין דער הינזיכט איז ענגלאַנד ווייַט פאַרלאָפן די איבעריקע לענדער. דאָרט האָט מען שוין אין יאָר 1845 דאָס ערשטע מאָל געטראָפן דעם צוויי-פּראָצענטיקן באַנק-דיסקאָנט. אין דער פראַנצויזישער באַנק טרעפט מען אין יאָר 1852 צום ערשטן מאָל אַ ציַנזן-פוס פון 3 פּראָצענט, אין 1867 צום ערשטן מאָל 2 אַהאַלב פּראָצענט און אין 1877 — 2 פּראָצ׳. אין בערלינער באַנק האָט שוין אין די צוואַנציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט דער מינימאַלער דיסקאָנט באַטראָפן 3 פּראָצ׳, אָבער אין דער צייַט פון דער פרייַסישער באַנק און דער דייַטשער רייַכס-באַנק איז דער ציַנזן-פוס צום ערשטן מאָל אין יאָר 1880 געפאַלן נידעריקער פון 4 פּראָצ׳. אין דער עסטרייַך-אונגאַרישער באַנק טרעפט מען צום ערשטן מאָל דעם ציַנזן-פוס פון 3 אַ האַלב פּראָצ׳ אין יאָר 1903, אין דעם פעריאָד פון דער ערשטער דעפּרעסיע, וואָס די מאָנאַרכיע האָט איבערגעלעבט נאָך דער רעגולירונג פון דער וואַלוטע-סיסטעם. דער פּראָגרעס באַמערקט זיך אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דער ציַנזן-פוס ווערט, מחמת דער טעכנישער פאַרפולקומונג פון דער באַנק-אָרגאַניזאַציע און פון דער געלט-סיסטעם, אַראָפּגעדריקט.

שוואַנער גיט נאָך פאָלגנדיקע ציפערן:

דער דיסקאָנט-דורכשניט פאַר די לעצטע פינף יאָרצענדליק

יאָרן	ענגלישע באַנק	פראַנצויזישע באַנק	דייַטשע רייַכס-באַנק	עסטרייַך-אונגאַרישע באַנק	די דורכשניט-גרייס פאַר די אַלע בענק
1906—1897	3,52	2,85	4,28	4,05	3,67
1896—1887	3,04	2,71	3,59	4,21	3,38
1886—1877	3,19	2,96	4,11	4,26	3,63
1876—1867	3,25	3,89	4,34	4,85	4,09
1866—1857	4,82	4,48	4,83	5,06	4,79

„אַמהעכסטן איז די אַלגעמיינע דורכשניט-גרייס — אין יאָרצענדליק 1866—1857, ווען זי האָט באַטראָפן 4,79 פּראָצ׳; אין דעם יאָרצענדליק 1876—1867 איז זי אַראָפּגעפאַלן ביז 4,09 פּראָצ׳; זי איז נאָך אַלץ געווען הויך; אין 1886—1877 פאַלט זי ביז 3,63 פּראָצ׳ און אין יאָרצענדליק 1896—1887 דערגרייכט זי דעם מינימאַלסטן פונקט פון 3,63 פּראָצ׳; פאַר דעם לעצטן יאָרצענדליק איז דער דורכשניט 3,67

צײַט דורך דעם צינז, האָט די דאָזיקע „קאָנסטאַטירונג“ קיין שום באַדײַטונג נישט [1].

וויכטיק איז, דאַקעגן, אַן אַנדער מאָמענט. אַזוי ווי בײַ אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן ענדערט זיך דער צינזן=פוס וויניק, און די ריווח=נאָרמע, דאַקעגן, פאַלט, וואַקסט ממילא ביז אַ געוויסן גראַד דער אָנטייל פון דעם צינז אין דעם אַלגעמיינעם ריווח אין פאַרגלײַך מיט דעם אונטערנעמער=ריווח, — הייסט עס, אַז דער אָנטייל פון אומטעטיקן קאַפּיטאַליסט וואַקסט אויפן חשבון פון פונקציאָנירנדיקן. דער דאָזיקער פאַקט איז, באמת, אין סתירה צו דער דאָגמע וועגן פאַלנדיקן צינזן=פוס; דערפאַר אָבער איז ער אין הסכם מיט די פאַקטן און איז איינע פון די סיבות פון דעם וואַקסנדיקן אײַנפלוס און באַדײַטונג פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס טראָגט צינזן, הייסט עס, פון די בענק, און דינט אַלס וויכטיקער הייבער אין דער פאַרוואַנדלונג פון דעם קאַפּיטאַל אין פינאַנץ=קאַפּיטאַל.

פּראָצ׳; הייסט עס, העכער ווי אין די פאַריקע צוויי יאָרצענדליק, און, דאַקעגן, פיל נידעריקער, ווי אין די ערשטע צוואַנציק יאָר פון דעם אינדוסטריעלן און פינאַנציעלן אויפשטײַג (1857—1876)“.

פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז דער צינזן-פוס ווערט נישט באַשטימט דורך וועלכער נישט איז ריווח-נאָרמע, נאָר ער איז אָפּהענגיק פון דעם שטאַרקערן אָדער שוואַכערן נאָכפרעג אויף געלט-קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם פאַרשנעלערטן אָדער פאַרלאַנגזאַמטן טעמפּאָ פון דער אַנטוויקלונג, מיט דער אינטענסיווקייט און מיט דער צײַט-דויער פון די פּראָספּעריטי-פּעריאָדן.

בײַם שטודירן די פאַלן פון גאַנץ אַנאָרמאַלער הויך פון דעם צינזן-פוס ווײַזט זיך שטענדיק אַרויס, אַז די סיבה דערפון שטעקט אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער געלט-סיסטעם. אַזוי, למשל, איז אין 1799 דער דיסקאָנט געשטיגן אין האַמבורג ביז 15 פּראָצ׳, און דערצו האָט מען בײַ דער הויכער נאָרמע בלויז געקאָנט דיסקאָנטירן די סאָלידסטע וועקסלען און בלויז אין אַ באַגרעניצטער צאָל (זעיט Tooke, I, 241). די סיבה שטעקט אין דעם מאַנגל פון וועלכער נישט איז עלאַסטישער געלט-סיסטעם, ווי דאָס מערקט זיך הײַנט צו טאָג אויך אין די פּאַראייניקטע שטאַטן מיט זייערע קאָלאָסאַלע צינזן און מיט זייערע ריזיקע וואַקלונגען; דאַקעגן האָבן זיי קיין שום שייכות נישט מיט וועלכע נישט איז ענדערונגען פון דער ריווח-נאָרמע.

1 אַדאַם סמיטס (Smith) פּרינציפּ, „אַז דאָרט, וווּ מען קאָן מיט געלט באַקומען אַ גרויסן ריווח, צאָלט מען געווײנלעך פאַר דעם באַנוצן זיך מיט דעם זייער פיל; און דאָרט, ווו מען קאָן באַקומען ווינציק ריווח — צאָלט מען אויך וויניק“ באַנד I, קאַפּיטל IX, („Wealth of Nation“), — איז הגם ער זעט אויס איבערצײַגנדיק, איז ער אָבער נישט דערוויזן און נישט ריכטיק.

צווייטער טייל

די מאָביליזאַציע פון דעם קאַפּיטאַל

דער פיקטיווער קאַפּיטאַל

קאפיטל זיבן

די אַקציען־געזעלשאַפט

1. דיווידענד און גרינדונגס־ריווח

די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט ביז אַהער געזוכט דעם חילוק צווישן דער איינצלנער אונטערנעמונג און דער אַקציען־געזעלשאַפט דער עיקר אין דער פאַרשיידנקייט פון די אָרגאַניזאַציע־פאָרמען און אין די רעזולטאַטן, וואָס באַקומען זיך אוממיטלבאַר פון זיי. זי האָט אָנגעוויזן אויף דער „גוטער" און „שלעכטער" זייט פון די ביידע אונטערנעמונג־פאָרמען און דערביי האָט זי אַלס אונטערשייד־סימנים אַרויסגערוקט טיילווייז סוביעקטיווע מאָמענטן (די גרעסערע אָדער קלענערע דירעקטע פאַראינטערעסירטקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די אָנפירער, וואָס מאַכט שווערער אָדער לייכטער אונטערצוואַרפן די אונטערנעמונג אונטער אַ קאָנטראָל) און טיילווייז אָביעקטיווע מאָמענטן (די לייכטקייט צו שאַפן קאַפּיטאַל, די גרעסערע אָדער קלענערע אַקומולאַציע־קראַפט), און דאָך האָט זי דורכגעלאָזט דאָס אַריינדרינגען און פאַרטיפן זיך אין די עיקרדיקע עקאָנאָמישע אונטערשיידן פון די ביידע אונטערנעמונג־פאָרמען, הגם זיי זיינען אַנטשיידן וויכטיק פאַר דעם פאַרשטיין די היינטצייטיקע קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, וועלכע מען קאָן נישט באַגרייפן, נישט פאַרשטייענדיק דעם זיג פון דער אַקציע־געזעלשאַפט און זיינע סיבות 1.

די אינדוסטריעלע אַקציען־געזעלשאַפט, וועלכע מיר וועלן באַטראַכטן אין דער ערשטער ריי, באַדייט קודם־כל די ענדערונג פון דער פונקציע

---

1 דאָס דאָזיקע געפיל איז, אפנים, נישט געווען פרעמד ערווין שטיינ־צער, ווען ער האט זיין ארבעט וועגן דער אקציען־געזעלשאפט באטיטלט: („Oekonomische Theorie der Aktiengeselschaft". Leipzig, Duncker und Humblot, 1908) און דאָך זיינען דאָ אויך נישט אויפגעקלערט די עיקרדיקע עקאָנאָמישע באַזונדערקייטן פון דער אַקציען־געזעלשאַפט. אין דער דאָזיקער אַרבעט זיינען אָבער פאַראַן פיל טרעפלעכע און פיינע באַמערקונגען.

פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאליסט. ווארום זי ברענגט מיט זיך אלס איר פרינציפ דאס, וואס עס איז ביי אן איינצלנער אונטערנעמונג בלויז א זעלטענער צופאל: די באפרייאונג פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאליסט פון דער פונקציע פון א אינדוסטריעלן אונטערנעמער. דער קאפיטאל, וואס ווערט אריינגעלייגט אין דער אקציען־געזעלשאפט, באקומט פאר דעם קאפיטאליסט, אדאנק דער דאזיקער ענדערונג פון דער פונקציע, א כא־ראקטער פון ריינעם געלט־קאפיטאל. דער געלט־קאפיטאליסט, אלס קרע־דיטאר, האט קיין שום שייכות נישט צו דער פארווענדונג פון זיין קאפיטאל אין דעם פראדוקציע־פראצעס, הגם די דאזיקע פארווענדונג איז פאקטיש דער נויטווענדיקער באדינג פון דער קרעדיט־פארהעלטעניש; דער געלט־קאפיטאליסט דארף נאר אוועקגעבן זיין געלט־קאפיטאל און דערנאך, אין א באשטימטער צייט ארום, אים צוריקבאקומען מיט צינזן; הייסט עס, אז זיין פונקציע גייט נישט ארויס פון די ראמען פון א יורי־דישער טראנזאקציע. אט אזוי פונקציאנירט אויך דער אקציאנער בלויז אלס געלט־קאפיטאליסט. ער גיט זיין געלט, כדי צו באקומען פראפיט, — לאמיר צום אנהייב זיך באנוצן מיט דעם גאנץ אלגעמיינעם אויסדרוק. ער קאן דערביי לויט זיין איינזען באשטימען די גרייס פון דער סומע און איז פאראנטווארטלעך בלויז פאר אט דער סומע, — פונקט אזוי ווי דער געלט־קאפיטאליסט, שטעלט ער אויך אין קאן בלויז א באשטימטע סומע, וואס איר גרייס ער באשטימט אליין. און דאך איז שוין דא אויך פאראן אן אונטערשייד. די צינזן־נארמע פאר דעם געלט־קאפיטאל, וואס ווערט געשטעלט צו דיספאזיציע אין דער פארם פון אקציעס, ווערט אלס אזעלכע נישט באשטימט פארויס, זי עקזיסטירט נאר אלס תביעה אויפן ריווח פון א באשטימטער אונטערנעמונג. דער צווייטער אונטער־שייד זיינער פון דעם ליי־קאפיטאל באשטייט אין דעם, וואס דער צוריק־פלוס פון דעם קאפיטאל צו דעם געלט־קאפיטאליסט איז נישט דירעקט באשטימט: נישט ער ווערט באטראכט פאר אפגעמאכט ביים שאפן די פארהעלטעניש גופא, נישט אלס געדרונגען פון דער נאטור פון ליי־פארהעלטעניש.

פריער לאמיר באטראכטן דעם ערשטן מאמענט. קודם־כל דארף מען פעסטשטעלן, אז דער פראכיט פאר דעם געלט־קאפיטאל, וואס ווערט געשטעלט צו דיספאזיציע אין דער אקציע־פארם, איז בשום־אופן נישט אינגאנצן אומבאשטימט. א קאפיטאליסטישע אונטערנעמונג ווערט גע־גרינדעט צוליב דעם, זי זאל אריינברענגען ריווח. דאס באקומען ריווח, דהיינו, ביי נארמאלע באדינגונגען, דעם געוויינלעכן דורכשניט־ריווח, איז די פאר־הנחה ביים גרינדן אן אונטערנעמונג. אלנפאלס איז דא דער אק־

ציאַנער אין דער זעלבער לאַגע, ווי דער געלט-קאַפּיטאַליסט, וועלכער מוז אויך אויסשטעלן אויף דער פּראָדוקטיווער אויסנוצונג פון זיין קאַפּי-טאַל, אויב נאָר דער בעל-חוב וועט נישט ווערן אומפעיק צו צאָלן. אין אַלגעמיין וועט אַן עטוואָס גרעסערע אומזיכערקייט אין פאַרגלייך מיט דעם געלט-קאַפּיטאַליסט, אפשר, ברענגען דערצו, אַז דער אַקציאָנער זאָל באַקומען אַ געוויסע פּרעמיע פאַר דער ריזיקע. מען דאַרף זיך נאָר נישט פאָרשטעלן, אַז די דאָזיקע פּרעמיע איז אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן פיקסירט, און אַז דער אַקציאָנער האָט בנוגע איר באַוווסטזיניקע און, וואָס עס איז באַזונדערס וויכטיק, קוואַנטיטיוו באַשטימטע תביעות. די פּרעמיע אַנטשטייט, דאַקעגן, צוליב דעם, וואָס, ביי אַנדערע גלייכע באַ-דינגונגען, וועט דער אָנבאָט פון געלט-קאַפּיטאַל, — און גראָד צו די פּרייזע קאַפּיטאַלן ווענדן זיך טאַקע די גרינדער, — וואָס ווערן אַריינגע-לייגט אין די אַקציעס, זיין קלענער, ווי דער אָנבאָט פון די זעלבע קאַפּיטאַלן פאַר די לאָקאַטעס, וואָס גיבן באַשטענדיקע צינזן און זיינען עווענטועל באַזונדערס זיכער. אין אַלגעמיין דערקלערן זיך מיט אָט די פאַרשיידנקייטן אין דער גרייס פון דעם אָנבאָט די פאַרשיידנקייטן אין דער צינזן-נאָרמע, רעספּעקטיוו, די פאַרשיידנקייט אינם קורס פון די פּראָצענט-פּאַפּירן. די גרעסערע זיכערקייט אָדער נישט-זיכערקייט ווירקט אַלס מאָטיוו פאַר אַ גרעסערן אָדער קלענערן אָנבאָט. אָבער ערשט פון דער פאַרשיידנקייט פון דער דאָזיקער פאַרהעלטעניש פון אָנבאָט און נאָכפרעג באַקומט זיך אַ פאַרשיידנקייט פון דער צינזן-הכנסה. הייסט עס, אַז די געהאָפטע גרייס פון דעם פּראָפיט פון די אַקציעס ווערט באַשטימט דורך דעם אינדוסטריעלן ריווח, און דער לעצטער, ביי אַנדערע גלייכע באַדינגונגען, דורך דער דורכשניטלעכער ריווח-נאָרמע.

דער אַקציאָנער איז אָבער נישט קיין אינדוסטריעלער אונטערנע-מער (נישט קיין קאַפּיטאַליסט). קודם-כל איז ער נאָר אַ געלט-קאַפּיטאַ-ליסט. אָבער צו די וועזנטלעכע אונטערשייד-סימנים פון אַ ליי-קאַפּיטאַ-ליסט ביז אַן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליסט געהערט דאָס, וואָס דער ערשטער קאָן גאָר אויף אַן אַנדער אופן פריי דיספּאָנירן מיט זיין קאַפּיטאַל — מיט דעם געלט-קאַפּיטאַל. דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסט ווי אַזעלכער לייגט זיין גאַנצן קאַפּיטאַל אַריין אין אַ באַשטימטער אונטערנעמונג. פאַר-הנחה דערצו איז, אַז זיין קאַפּיטאַל זאָל זיין גענוג גרויס, בכדי ער זאָל קענען זעלבשטענדיק פונקציאָנירן אין דעם דאָזיקן אינדוסטריע-צווייג. דער אַקציאָנער דאַקעגן דאַרף נאָר דיספּאָנירן מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל. דער אינדוסטריעלער אונטערנעמער האָט זיין קאַפּיטאַל פאַרפיקסירט אין זיין אונטערנעמונג, ער פונקציאָנירט פּראָ-

דוקטיוו בלויז אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג און איז זיך מיט איר פעסט צונויפגעוואקסן. דער אונטערנעמער קאָן ארויסנעמען זײַן קאַפּיטאַל, נישט צוריקציען, סײַדן ער פאַרקויפט זײַן גאַנצע אונטערנעמונג, און דאָס וואָלט באַדײַט, אַז די פּערזאָן פון דעם קאַפּיטאַליסט וואָלט זיך געענ־דערט: איין אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסט וואָלט פאַרביטן דעם אַנדערן. ער איז נישט קיין געלט־קאַפּיטאַליסט, נאָר אַ אינדוסטריעלער (פּראָדוק־טיוו־פונקציאָנירנדיקער) קאַפּיטאַליסט. ער קריגט די הכנסה פון דער אונטערנעמונג — דעם אינדוסטריעלן ריווח. אויב מיר זעען אָבער אין דעם אַקציאָנער נאָר דעם געלט־קאַפּיטאַליסט, דאַן וואָלט גענוג געווען פאַר אים, ער זאָל באַקומען צינזן פאַר זײַן קאַפּיטאַל, בכדי ער זאָל אָפּ־געבן צו דיספּאָזיציע זײַן געלט־קאַפּיטאַל.

אָבער, בכדי דער אַקציאָנער זאָל בלײַבן אַלס געלט־קאַפּיטאַליסט, איז נייטיק, ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו יעדער צײַט צו באַקו־מען צוריק זײַן קאַפּיטאַל, אַלס געלט־קאַפּיטאַל. עס ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז זײַן קאַפּיטאַל איז, פּונקט אַזוי ווי דער קאַפּיטאַל פון אַן איינצלנעם אונטערנעמער, פיקסירט אין דער אונטערנעמונג. און ער איז טאַקע פאַקטיש פיקסירט. דאָס געלט איז אַוועקגעגעבן און דינט צום אײַנקויפן מאַשינען, רוי־מאַטעריאַלן, צו באַצאָלן די אַרבעטער א״וו, — בקיצור, פון געלט־קאַפּיטאַל האָט זיך דאָס פאַרוואַנדלט אין פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל, עס האָט דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס $\text{ג} > \frac{\text{פמ}}{\text{א}}$ און וועט דורכ־מאַכן די צירקולאַציע פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. דעם דאָזיקן איין מאָל אַוועקגעגעבענעם קאַפּיטאַל קאָן שוין דער אַקציאָנער נישט באַקומען צוריק. ער האָט דערויף קיין שום תביעה נישט, — ער האָט בלויז אַ תביעה אויף אַ געוויסן פּראָצענטועלן חלק פון דער הכנסה. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט באַקומט אָבער יעדע געלט־סומע די פעיִקייט אַרײַנצוברענגען צינזן; און, פאַרקערט, יעדע הכנסה, וואָס חזרט זיך רעגלמעסיק איבער און מען קאָן זי איבערגעבן (און די הכנסה קאָן מען בכלל איבערגעבן, אויב נאָר זי איז נישט פאַרבונדן מיט ריין פּער־זענלעכע און דעריבער פאַראיבערגייענדיקע אומבאַשטימטע באַדינגונגען, ווי, למשל, דער אַרבעטס־לוין אד״גל), — ווערט באַטראַכט אַלס צינזן פון אַ קאַפּיטאַל און ווערט גערעכנט אין פּרײַז, וואָס איז גלײַך צו דער סומע, וואָס ווערט קאַפּיטאַליזירט לויט דעם אָנגענומענעם צינזן־פוס [1]. דאָס

---

1 „דער ווערט פון געלט אָדער סחורות, אַלס קאַפּיטאַל, ווערט באַשטימט נישט דורך זייער ווערט אַלס געלט אָדער סחורות, נאָר דורך דעם קוואַנטום מערווערט, וואָס זיי פּראָדוצירן פאַר זייער באַזיצער“, (Marx, „Kapital“ III, Seite 340).

דערקלערט זיך גאנץ פשוט דערמיט, וואָס עס זיינען שטענדיק פאַראַן גרויסע געלט=סומעס, וואָס ווארטן, מען זאָל זיי אויסנוצן, און דאָס קומט פאָר מיט דער אויסרעכענונג אויף אָט דעם פּראָפיט. דער אַקציאָנער קאָן דעריבער צו יעדער צייט צוריקבאַקומען זיין קאַפיטאַל דורך דעם, וואָס ער פאַרקויפט זיינע אַקציעס, — זיין תביעה אויפן פּראָפיט, — און געפינט זיך דעריבער אין דער זעלבער לאַגע, ווי דער געלט=קאַפיטאַליסט. די דאָזיקע מעגלעכקייט ווערט געשאַפן דורך אַ באַזונדערן מאַרק, דורך דער עפעקטן=בערזע. ערשט דאָס שאַפן דעם דאָזיקן מאַרק גיט טאַקע צו דעם אַקציען=קאַפיטאַל, וואָס איז שוין איצט צו יעדער צייט פאַרן יחיד „מעגלעך צו רעאַליזירן", דעם גאַנצן כאַראַקטער פון געלט=קאַפיטאַל. פאַרקערט, דער געלט=קאַפיטאַליסט בלייבט איצט אַלס אַזעלכער אויך נאָכדעם, ווי ער האָט אַריינגעלייגט זיין קאַפיטאַל אין דער אַקציע=פאָרם. דער פרייער געלט=קאַפיטאַל אַלס אַזעלכער, ד"ה אַלס קאַפיטאַל, וואָס טראָגט ציִנזן, קאָנקורירט אויף אַזאַ אופן צוליב דער לאַקירונג אין אַקציעס פונקט אַזוי, ווי ער קאָנקורירט אין זיין אייגנטלעכער פונקציע אַלס ליי=קאַפיטאַל צוליב דער לאַקירונג אין הלוואות מיט באַשטענדיקע ציִנזן. די קאָנקורענץ צוליב אָט די פאַרשיידענע מינים לאַקירונג=מעגלעכקייטן דערנענטערט דעם פּרייז פון די אַקציעס צו דעם פּרייז פון די לאַקירונגען, וועלכע טראָגן פעסטע ציִנזן, און רעדוצירט פאַר דעם אַקציאָנער די הכנסה פון דעם אינדוסטריעלן ריווח צו דער הייך פון ציִנזן.

די דאָזיקע רעדוקציע ביז צו דער הייך פון ציִנזן איז, אַלזאָ, אַ היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס קומט פאָר בעת דער אַנטוויקלונג פון דעם אַקציע=וועזן און פון דער עפעקטן=בערזע. כּל=זמן די אַקציען=געזעלשאַפט איז נישט די הערשנדיקע פאָרם, און דער האַנדל מיט אַקציעס איז נישט אַנטוויקלט, וועט דער דיווידענד אַנטהאַלטן נישט בלויז די ציִנזן, נאָר אויך דעם אונטערנעמער=ריווח.

אַלזאָ, אויף וויפיל עס פאַרשפּרייט זיך די אַקציאָנערע אונטערנעמונג, ווערט איצט די אינדוסטריע געפירט מיט געלט=קאַפיטאַל, וועלכער דאַרף, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אינדוסטריע=קאַפיטאַל, אַריינברענגען די קאַפיטאַליסטן נישט קיין דורכשניט=ריווח, נאָר דורכשניט=ציִנזן.

אָבער אויפן ערשטן בליק האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ בפירושן ווידערשפּרוך. דער געלט=קאַפיטאַל, וועלכער ווערט געשטעלט צו דיספּאָזיציע אַלס אַקציען=קאַפיטאַל, ווערט דאָך פאַרוואַנדלט אין אינדוסטריעלן קאַפיטאַל. אָט דאָס, וואָס פאַר זיין באַזיצער, — אַלזאָ, סובייעקטיוו, — פונקציאָנירט ער פונקט אַזוי ווי ליי=קאַפיטאַל, קאָן, על=כּל=פּנים, נישט האָבן קיין איינפלוס אויף דער הכנסה פון דער אינדוסטריעלער אונטער=

נעמונג. די לעצטע װעט בײַ נאָרמאַלע באַדינגונגען כײַ-װי-סײַ אַרײַנברענגען דעם דורכשניט ריװח. מען קאָן אָבער נישט אָננעמען, אַז די אַקציען-געזעלשאַפט פאַרקױפט איר סחורה אַזױ, אַז דער ריװח זאָל זײַן נידעריקער פון דעם דורכשניט, אַז זי זאָגט זיך פרײַװיליק אָפּ פון דעם טײל ריװח בלױז, כדי צו פאַרטײלן צװישן די אַקציאָנערן בלױז אַזאַ טײל הכנסה, װעלכער זאָל געבן די אַקציאָנערן נישט מער װי דעם געװײנלעכן ציגז. יעדע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג שטרעבט דאָך צו באַקומען װי װײַט מעגלעך דעם גרעסטן ריװח. און גראָד אָט די שטרעבונג איז גורם צו פאַרקױפן צו פּראָדוקציע-פּרײַזן, ד"ה, צו די פּרײַזן, װאָס באַטרעפן די פּראָדוקציע-קאָסטן פּלוס דעם דורכשניט ריװח. עס דוכט זיך דעריבער, אַז די אָנגעװיזענע מאָמענטן, װאָס גיבן צו דעם אין אַקציע-פאָרם לאָקירטן געלט-קאַפּיטאַל סוביעקטיװ דעם כאַראַקטער פון לײַ-קאַפּיטאַל, ד"ה, פון אַ קאַפּיטאַל, װאָס טראָגט ציגזן, — זײַנען נישט גענוג צו דערקלערן די רעדוקציע פון דער הכנסה פון דער אַקציע צו דער הײך פון ציגזן. װײַבאַלד אַזױ, װאָלט דאָך געבליבן נישט דערקלערט, װוּהין עס טוט זיך אַהין דער איבעריקער טײל פון דעם ריװח, דער דורכשניט-ריװח מינוס ציגזן, דהײנו, װאָס מאַכט גראָד אױס דעם אײגנטלעכן אונטערנעמער-ריװח. לאָמיר נעענטער באַטראַכטן דעם ענין.

דורך דעם, װאָס די פּריװאַטע אונטערנעמונג װערט פאַרװאַנדלט אין אַן אַקציען-געזעלשאַפט, קומט פאָר װי אַ מין פאַרטאָפּלונג פון דעם קאַפּיטאַל. דער לכתּחילהדיקער קאַפּיטאַל, װאָס די אַקציאָנערן האָבן אַרױסגעגעבן, װערט אָבער דעפיניטיװ פאַרװאַנדלט אין אַן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל און עקזיסטירט שױן װײַטער אין דער װירקלעכקײט בלױז אין דער פאָרם פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. דאָס געלט האָט אױסגעפּילט זײַן פונקציע פון אַ קױף-מיטל לגבי די פּראָדוקציע-מיטלען, עס איז אױסגעגעבן געװאָרן אױף די לעצטע און איז אױף אַזאַ אופן אינגאַנצן פאַרשװוּנדן געװאָרן אױס דער קרײַז-באַװעגונג פון דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל. ערשט די פאַרװאַנדלונג פון די פּראָדוקציע-מיטלען דורך דער פּראָדוקציע אין סחורות און דער פאַרקױף פון אָט די סחורות װעט צװינגען דאָס געלט— אָבער שױן גאַנץ אַנדער געלט — זיך צוריק אומצוקערן פון דער צירקולאַציע. הײסט עס, אַז דאָס געלט, װאָס װערט שפּעטער באַצאָלט בײַ די אומזאַצן פון די אַקציעס, איז שױן לחלוטין נישט יענץ געלט, װאָס די אַקציאָנערן האָבן לכתּחילה אַרױסגעגעבן און איז שױן פאַרנוצט געװאָרן; דאָס איז לחלוטין נישט װעלכער-נישט-איז באַשטאַנדטײל פון דעם קאַפּיטאַל פון דער אַקציען-געזעלשאַפט, פון דעם אונטערנעמונגס-קאַפּיטאַל. דאָס איז צוגאָב-געלט, װאָס איז נײטיק פאַר דער צירקולאַציע

פון דעם קאפיטאליזירטן הכנסה-שיין, פון דער אקציע. פונקט אזוי ווערט דער פרייז פון דער אקציע אויך נישט באשטימט אלס געוויסער טייל פון דעם אונטערנעמונגס-קאפיטאל; אין דער ווירקלעכקייט איז דער פרייז — דער קאפיטאליזירטער אנטייל אין דער הכנסה. הייסט עס, אז ער ווערט נישט באשטימט אלס פראצענטועלער טייל פון דעם גאנצן קאפיטאל, וואס איז פיקסירט אין דער אונטערנעמונג, ווי א רעלאטיוו פעסטע גרייס, נאר בלויז אלס הכנסה, וואס איז קאפיטאליזירט לויט דעם געוויינלעכן צינזן-פוס. דעריבער איז דער פרייז פון דער אקציע אפהענגיק נישט פון דעם ווערט (רעספעקטיוו-פרייז) פון דעם ווירקלעך פונקציאנירנדיקן אינדוסטריעלן קאפיטאל, ווייל די אקציע איז דאך נישט קיין שיין אויף דעם קאפיטאל, וואס פונקציאנירט פאקטיש אין דער אונטערנעמונג, נאר א שיין אויף א טייל הכנסה און דערביי איז איר פרייז אפהענגיק, ערשטנס, פון דער הייך פונם ריווח (אלזא, פון דער גרייס, וואס איז פיל פארענדערלעכער, ווי עס וואלט געקאנט זיין דער פרייז פון די פראדוקציע-עלעמענטן פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל גופא) און, צווייטנס, פון דעם געוויינטלעכן צינזן-פוס 1.

אלזא, די אקציע איז א הכנסה-טיטול, א תביעה-טיטול אויף דער קומענדיקער פראדוקציע, א שיין אויף דער הכנסה. און אזוי ווי די דאזיקע הכנסה ווערט קאפיטאליזירט און דורך דעם ווערט באשטימט דער פרייז פון דער אקציע, דוכט זיך, אז אין דעם דאזיקן פרייז פון דער אקציע איז כלומרשט פאראן א צווייטער קאפיטאל. דאס איז אבער ריין פיקטיוו. פאקטיש עקזיסטירט בלויז דער אינדוסטריעלער קאפיטאל און זיין ריווח. און דאך איז דאס גאר קיין מניעה נישט דערצו, וואס עס עקזיסטירט אזא פיקטיווער „קאפיטאל" אלס רעכענונג-אביעקט און ווערט דורכגעפירט אלס „אקציען-קאפיטאל". אין דער ווירקלעכקייט איז דאס נישט קיין קאפיטאל, נאר דער פרייז פון דער הכנסה, א פרייז, וואס איז דערפאר מעגלעך, ווייל אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט ברענגט יעדע געלט-סומע הכנסה, און דעריבער קומט אויס, פארקערט, יעדע הכנסה ווי א פרוכט פון א געלט-סומע. אויב ביי די אינדוסטריעלע אקציעס איז נאך אזא אילוזיע מעגלעך מחמת דעם, וואס עס עקזיסטירט דא א ווירקלעך פונקציאנירנדיקער אינדוסטריעלער קאפיטאל, ווערט אבער

---

1 דער צוזאמענהאנג צווישן קורס פון די אקציעס און דעם ווערט פון דעם פראדוקטיוון קאפיטאל דריקט זיך אויס בלויז אין דעם, וואס דער קורס קאן נישט פאלן נידעריקער, ווי עס באטרעפט דער טייל פון דעם ווערט, וואס בלייבט ביים באנקראט פון דער אינטערנעמונג, נאכן באפרידיקן אלע איבעריקע פארערונגען, אויפן חלק פון יעדער אקציע.

בײַ אַנדערע מינים הכנסה=שײַנען דער פיקטיװער, רײנער אָפּרעכענונגס=
כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן פּאַפּיר=קאַפּיטאַל קלאָר בײַם ערשטן בליק.
די מלוכהשע הלװאה=שײַנען דאַרפן גאָר נישט רעפּרעזענטירן קײן שום
װירקלעכן קאַפּיטאַל. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס געלט, װאָס די
מלוכה=קרעדיטאָרן האָבן געליען דער מלוכה איז שױן לאַנג פאַרװאַנדלט
געװאָרן אין פּולװער=רױך. די דאָזיקע שײַנען זײַנען נישט מער, װי דער
פּרײַז פון אַ געװיסן אַנטײל אין די מלוכהשע שטײַערן, װאָס איז
אַ פּראָדוקט פון גאָר אַן אַנדערן קאַפּיטאַל, װי יענער, װאָס איז אין זײַן
צײַט אױסגעגעבן געװאָרן אױף דעם אָדער יענעם אומפּראָדוקטיװן אופן.

דער אומזאַץ פון אַקציעס איז נישט קײן קאַפּיטאַל=אומזאַץ, נאָר
אַ קױף און פאַרקױף פון רענטע=טיטולן; די װאַקלונגען פון זײערע
פּרײַזן באַרירן אַבסאָלוט נישט דירעקט יענעם װירקלעך=פונקציאָנירנדיקן
אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, װאָס זײ רעפּרעזענטירן זײַן הכנסה, אָבער
נישט זײַן װערט. זײער פּרײַז איז אָפּהענגיק, חוץ פון דער הײך פון
דער הכנסה, אױך פון דעם צינזן=פוס, לױט װעלכן זײ זײַנען קאַפּיטאַ=
ליזירט. דער לעצטער איז אָבער אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פונם גורל פון
דעם אינדיװידועלן אינדוסטריע=קאַפּיטאַל. פון דעם אַלײן איז שױן גע=
דרונגען, אַז מען דאַרף נישט זען אין דעם פּרײַז פון דער אַקציע דעם
פּראָצענטועלן טײל פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל.

דעריבער קאָן די סומע פון דעם „אַקציאָנערן=קאַפּיטאַל”, אַלזאָ, די
פּרײַז=סומע פון די קאַפּיטאַליזירטע הכנסה=טיטולן, נישט שטימען מיט
דעם לכתחילהדיקן געלט=קאַפּיטאַל, װאָס איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אין
אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. איצט פרעגט זיך, װי אַזױ זשע אַנטשטײט אָט
די דיפערענץ און װי גרױס איז זי. לאָמיר נעמען אַלס בײַשפּיל אַ אינ=
דוסטריעלע אונטערנעמונג מיט אַ קאַפּיטאַל פון 1 מיליאָן מאַרק. זאָל
דער דורכשניט ריװוח אױסמאַכן 15 פּראָצ., דער געװײנטלעכער צינזן=
פוס — 5 פּראָצ׳. די אונטערנעמונג ברענגט אַרײַן ריװוח 150.000 מאַרק.
אָבער די סומע פון 150.000 מאַרק, װאָס װערט קאַפּיטאַליזירט אַלס
יערלעכע הכנסה פון 5 פּראָצ׳, װעט האָבן דעם פּרײַז פון 3,000,000 מאַרק.
געװײנלעך װאָלט דער געלט=קאַפּיטאַל צו 5 פּראָצ׳ אפשר גענומען בלױז
די זיכערע פּאַפּירן מיט פיקסע צינזן. אָבער לאָמיר אָננעמען אַ הױכע
ריזיקע פּרעמיע — לאָמיר זאָגן 2 פּראָצענט — װײַטער לאָמיר נעמען
אין אַכט די אַדמיניסטראַציע=קאָסטן, די טאַנטיעמעס א.אַז״װ, װעלכע
דאַרפן געדעקט װערן פון דעם ריװוח פון דער אונטערנעמונג און פון
װעלכע די פּריװאַטע אונטערנעמונג איז, להיפוך דער אַקציען=געזעלשאַפט,
פרײַ; לאָמיר באַשטימען, אַז מחמת דעם אַלעמען איז דער פרײַער ריװוח

פארקלענערט געווארן אויף 20,000 מארק. דעמאלט דארף צווישן די אקציאנערן פארטיילט ווערן 130,000 מארק און דאס מוז באטרעפן צו 7 פראצ׳ אויף אן אקציע. אין אזא פאל וועט דער פריַיז פון די אקציעס באטרעפן 1.857143, אדער, לאמיר דאס פארקיַילעכיקן, — 1,900,000 מארק. אבער כדי צו פראדוצירן א ריווח פון 150000 מארק, מוז מען האבן א קאפיטאל בלויז פון 1 מיליאן מארק, און 900000 מארק בלײַבן פריַי. אט די 900.000 מארק אנטשטייען פון דעם, וואס דער קאפיטאל, וועל־כער ברענגט אריַין ריווח, איז פארוואנדלט געווארן אין א קאפיטאל, וואס טראגט צינזן (דיווידענד). אויב מיר ווילן אוועקשטעלן אין א זיַיט די גע־העכערטע אדמיניסטראציע־קאסטן, וואס נעמען זיך פון דער פארם פון אן אקציען־געזעלשאפט און פארקלענערן דעם ריווח, ווילן די 900.000 מארק פארשטעלן די דיפערענץ צווישן דער קאפיטאליזירטער הכנסה פון 15 פראצענט און דער זעלבער קאפיטאליזירטער הכנסה פון 7 פראצענט, ד״ה צווישן דעם קאפיטאל, וואס גיט דעם דורכשניט־ריווח, און דעם קאפיטאל, וואס טראגט דורכשניט־צינזן. דאס איז טאקע די דיפערענץ, וועלכע טרעט ארויס אלס „גרינדער־ריווח״ — (Grün- dergewinn) — א קוועלע פון פארדינסט, וואס נעמט זיך בלויז מחמת דער פארוואנדלונג פון דעם ריווח־ברענגענדיקן קאפיטאל, אין דער פארם פון א קאפיטאל, וואס טראגט צינזן.

די הערשנדיקע מיינונג, וועלכע באטאנט אזוי מיט ברען דעם יקרות פון דער אדמיניסטראציע אין אן אקציען־געזעלשאפט אין פארגליַיך מיט א פריוואטער אונטערנעמונג, האט נישט באמערקט און דערקלערט די מערקווירדיקע פראבלעם, פון וואנען עס נעמט זיך פארט דער גרינדונגס־ריווח, וואס אנטשטייט גראד ביַי דער פארוואנדלונג פון א ביליק־פראדוצירנדיקער אונטערנעמונג אין א טיַיער־פראדוצירנדיקער: זי באנוגנט זיך מיט פוסטע פראזן וועגן הוצאות און ריזיקע. פאקטיש איז אבער דער גרינדונגס־ריווח נישט קיין שווינדל, נישט קיין פארגיטיקונג אדער לוין, נאר אן עקאנאמישע קאטעגאריע sui generis.

די עקאנאמיסטן, אויף וויפיל זיי אונטערשיידן בכלל די צינזן אין דעם אונטערנעמער־ריווח, זעען אין דעם דיווידענד נאר די צינזן פלוס דעם אונטערנעמער־ריווח, ד״ה דאס זעלבע, ווי אין דעם ריווח פון א פריוואטער אונטערנעמונג. עס איז קלאר, אז דא בליַיבט נישט אויפ־געקלערט דער ספעציפישער כאראקטער פון דער אקציען־געזעלשאפט. ראדבערטוס, למשל, זאגט:

„כדי זיך דא צונויפצורעדן מכוח דער טערמינאלאגיע, מוז איך דא באמערקן בלויז נאך איין זאך: אין דעם דיווידענד פון אן

אקציע געפינען זיך נישט בלויז די צינזן, נאר אויך דער אונטערנעמונגס-ריווח, בשעת אין דעם צינזן-פוס פון א הלוואה-שיין איז ער גאר אינגאנצן נישט בנמצא[1]. דעריבער איז אוממעגלעך צו דערקלערן דעם גרינדונגס-ריווח. אין דער טעכנישער פארם[2] פון דער אקציען-אונטערנעמונג... באקומט נאך דער געלט-באזיצער (וועלכער וואלט, ווען ער וואלט זיין געלט-קאפיטאל אנטליען דעם איינצעלנעם אנטערנעמער, באקומען בלויז די לויפנדיקע צינזן) אויך דעם אונטערנעמונגס-ריווח, און דערצו נישט מיט קיין קלענערער באקוועמלעכקייט, ווי ער באקומט די צינזן. דערפאר טאקע לאקט אזוי די אקציען-אונטערנעמונג אונזערע קאפיטאליסטן, און עס איז פארויסצוזען, אז די אקציען-פארם וועט אלץ מער באהערשן דעם אינדוסטריעלן געביט. דער אזוי גערופענער גרינדונגס-שווינדל איז נישט מער ווי א שום אדער אפשום פון דעם ראיעלן געשעפט"[3].

די מאראלישע פאראורטיילונג האט דא באזייטיקט יעטווידע דערקלערונג פון דעם אונטערנעמונגס-ריווח, וועלכער איז אליין גאר קיין שארלאטאניזם נישט, נאר ער קאן בלויז דינען אלס באזע פאר פלערליי שווינדלערייען. ראדבערטוס פארנעמט דעם ענין איינזייטיק און דעריבער איז פאלש, ווען ער זאגט:

„הייסט עס, אז דער פריערדיקער לייַ-קאפיטאל הערט אויף אין דער אקציען-פארם צו זיין לייַ-קאפיטאל און ווערט אין די הענט פון זיינע באזיצערס א קאפיטאל, וואס פראדוצירט אליין ווערטן, און דערביי אין אזא פארם, אז אחוץ דעם געטערגלייכן לעבן פון לייַ-קאפיטאליסטן באקומען זיי נאך כמעט די גאנצע קאפיטאל-רענטע".

ראדבערטוס מיינט דא דעם אונטערנעמער-ריווח פלוס צינזן[4]. ראדבערטוס זעט בלויז דעם אינהאלט פון דעם פראצעס, די פארוואנדלונג פון דעם געלט-קאפיטאל אין א אינדוסטריעלן קאפיטאל; ער באמערקט אבער נישט, אז דא איז עיקרדיק די פארם פון דער פארוואנדלונג,

---

1 „Briefe und Aufsätze“ von Dr. Rodbertus-Jagetzow“. Herausgegeben von Dr. Rudolf Meyer. Berlin 1880, I, 259 זייט.

2 דאס איז איבעריקנס פאלש: די אקציען-געזעלשאפט איז נישט קיין טעכנישע פארם, נישט קיין פראדוקציע-פארם, נאר אן אונטערנעמונגס-פארם.

3 דארט, זייט 262.

4 דארט, זייט 285.

ווײַל דער געלט־קאפיטאל ווערט אין דער זעלבער צײַט אויך א פיקטיווער קאפיטאל און היט דערמיט אויף פאר זײַנע באזיצער די פארם פון געלט־קאפיטאל 1.

אויב מיר זאלן באטראכטן די אייגנארטיקע צירקולאציע־פארם פון דעם פיקטיוון קאפיטאל, וועלן מיר דערגיין אט וואס: עס ווערן ארויסגעלאזט אקציעס (א), ד"ה זיי ווערן פארקויפט פאר געלט (ג). דאס דאזיקע געלט פאלט זיך פונאנדער אויף צוויי טייל. איין טייל (ג') בילדעט דעם גרינדער־ריווח און געהערט צו די גרינדער, צום בײַשפיל, צו דער עמיסיע־באנק, און פאלט ארויס פון דער צירקולאציע פון דער דאזיקער קרײַז־

---

1 דער קאנסערוואטיווער סאציאליסט האט אבער ריכטיק געפילט די רעוואלוציאניזירנדיקע באדײַטונג פון דער אקציען־געזעלשאפט: „דער דאזיקער פראדוקטיווער פארם (ד"ה, דער אקציען־אונטערנעמונג), וועלכע קאן צונויפגיסן טויזנטער קליינע קאפיטאל־קוואלן אין איין טײַך, שטייט פאר א גרויסע מיסיע. זי דארף פארפולקומענען גאטס באשאף, דורכשנײַדן לאנדפאסן און לענדער, ווו דער אלמעכטיקער האט פארגעסן אדער געהאלטן פאר פריצײַטיק צו פארבינדן די לענדער, וואס זײַנען אפגעטיילט דורך ימים, אינטער דעם דעק פון ים אדער אויף דער ים־אייבערפלאך, דורכבויערן די אלפן אאז"וו. די פיראמידן און די פעניצײַשע אויפטוען זײַנען א קינדער־שפיל אין פארגלײַך מיט דעם, וואס דער אקציען־קאפיטאל וועט נאך אויפטאן". אזוי לאזט זיך ראדבערטוס ארײַן אין די הויכע ראמאנטישע פאנטאזיעס, פונקט אזוי ווי סאקאר און עמיל זאלאס ראמאן „געלט". אבער ווײַטער אפיסל זאגט ער: „פונדעסטוועגן האב איך, פערזענלעך, בנוגע זיי נאך גאר ספעציעלע „באגײַסטערונג". און פארוואס? ווײַל זיי וועלן אפרייניקן דעם וועג פאר מיר. און נאך ווי אזוי אפרייניקן! דער געוויינלעכער פרײַער האנדל אן דער אקציען־פארם איז בלויז א נעבעכדיקער האנט־בעזעם; דער פרײַער האנדל בײַ אן אקציען־פארם איז א דאמף־מאשין־בעזעם, וועלכער וועט אין משך פון צען יאר אויסקערן אזוי ריין, ווי אט דער אלטער שבת־בעזעם האט דאס קוים באוויזן אין משך פון 100 יאר. די האנט פון די אקציען־אונטערנעמונגען! אויף צו לייזן די סאציאלע פראגע דארף מען האבן אזא פארקערער, ווײַל אויך אן דער צעכן־פארם פאדערט זיך פאר איר פונקט אזא ריינקייט ווי די טויבן וואלטן זיי צונויפגעקליבן" (דארט I, זײַט 291).

זייער סובטעל איז אויך פאלגנדיקע באמערקונג: „בײַ דער אקציען־פארם וועט וואס ווײַטער אלץ מערער פארשווינדן דער אינדיווידועלער אונטערנעמער, ווי אויך דער ריינער לײַ־קאפיטאליסט" (דארט I, זײַט 286).

אומערלאזבאר נאאיוו איז וואן בארגטס (Van Borghts) באהאנדלונג פון ענין „Handwörterbuch der Staatswissenschaften" קאפיטל „Aktien-Gesellschaften". „די אויפגאבע און דער ציל פון די געזעלשאפטלעכע אונטערנעמונגען קאן זײַן ווי די דערגאנצונג און פארגרעסערונג פון דער פערזענלעכער ארבעטס־קראפט, פון דעם וויסן און דערפארונג פון דעם אונטערנעמער, אזוי אויך די פארשטארקונג פון דער קאפיטאל־קראפט". דאס איז אזוי שיין און פײַן, ווי עמעצער וואלט אין א וויסנשאפטלעכן קאך־בוך דערקלערט, אז די אויפגאבע און דער ציל פון א ציבעלע איז כדי צו רייצן דעם אפעטיט, ווי אויך צו שאפן פרנסה פאר דער קעכין

באַוועגונג. דער צווייטער טייל $ג_1$ פאַרוואַנדלט זיך אין פּראָדוקטיוון קאַ-פּיטאַל און מאַכט דורך די אונז שוין באַקאַנטע קרייזבאַוועגונג פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. די אַקציעס זיינען פאַרקויפט; אויב זיי גופא זאָלן ווידער צירקולירן, איז נייטיק דערצו אַ צוגאָב-געלט בתור צירקו-לאַציע-מיטל ($ג_2$). אַט די צירקולאַציע א—$ג_2$—א ווערט דורכגעפירט אויף אַ ספּעציעלן מאַרק, אויף דער בערזע.

עס באַקומט זיך אויף אַזאַ אופן אַזאַ צירקולאַציע-סכעמע:



זייענדיק געשאַפן, האָט שוין די אַקציע קיין שום שייכות נישט מיט דער ווירקלעכער קרייזבאַוועגונג פון יענעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, וועלכן זי רעפּרעזענטירט. די אַלע געשעענישן און קאַטאַסטראָפעס, וואָס דערוואַרטן זי אין איר צירקולאַציע, באַרירן דירעקט אויף אַ האָר נישט דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל.

דער האַנדל מיט אַקציעס און בכלל מיט שיינען פון פיקטיוון קאַפּיטאַל פאָדערט פריש געלט — מזומן און קרעדיט-געלט, — צום ביישפּיל, וועקסלען. אָבער אין דער צייט, וואָס פריער איז דער וועקסל געדעקט געוואָרן מיט דעם ווערט פון די סחורות, ווערט דאָס איצט גע-דעקט מיט דעם „קאַפּיטאַל-ווערט" פון דער אַקציע, וועלכער איז, פון זיין זייט, אָפּהענגיק פון דער הכנסה. די לעצטע ווידער איז אָפּהענגיק פון דער רעאַליזאַציע פון די פּראָדוקטן, וואָס ווערן פּראָדוצירט דורך דער אַקציען-געזעלשאַפט, ד"ה פון דעם פאַרקויף פון די סחורות לויט זייער ווערט, — רעספּעקטיווע פּראָדוקציע-פּרייזן. הייסט עס, אַז דאָס דאָזיקע קרעדיט-געלט איז ערשט *אומדירעקט* געדעקט מיט דעם ווערט פון סחורה. ווייטער: די גרייס פון די צאָלונגס-אָפּעראַציעס ווערט אין דעם האַנדל באַשטימט לויט דעם ווערט פון די סחורות, און דאָ — לויט דער הייך פון דער קאַפּיטאַליזירטער ריינער הכנסה. פון דער צווייטער זייט ווידער ווערט די ווירקלעך נויטווענדיקע צאָל געלט דאָ שטאַרק באַגרע-נעצט דורך דער *פאַרטרעטערשאַפט* פון די דאָזיקע פּאַפּירן.

לאָמיר איצט באַטראַכטן די פאָרמול פון דעם גרינדונגס-ריווח (גר), אויב דער דורכשניט-ריווח=ר, דער דיווידענד=ד און די הכנסה פון דער פּראָדוקציע=ה, און אויב מיר וועלן זיך דערמאָנען, אַז דער קאַפּיטאַל

איז גלייך צו די צינזן געצאלט אויף 100 און געטיילט אויפן געוויינטלעכן צינזן-פוס, וועלן מיר באקומען:

$$\text{ג'} = \frac{100\ \text{ה}}{\text{צ}} - \frac{100\ \text{ה}}{\text{ר}}$$

האלט מען, אז די הכנסה פון דער אקציען-געזעלשאפט ווערט פאר-קלענערט מחמת דער טייערקייט פון דער אדמיניסטראציע, וועט מען אנשטאט די ערשטע ה אוועקשטעלן ה—ת. מיר זעען, אז די צעטיילונג פון די אונטערנעמער-פונקציעס, וועלכע די פאליטישע עקאנאמיע האט ביז אהער ריין דעסקריפטיוו קאנסטאטירט, איז אין דער זעלבער צייט אויך די פארוואנדלונג פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאליסט אין אן אקציאנער, אין א באזונדער מין געלט-קאפיטאליסט, און עס מערקט זיך דערביי אזא טענדענץ, אז דער אקציאנער זאל אלץ מער ווערן א געלט-קאפיטא-ליסט. די דאזיקע טענדענץ ווערט פארווירקלעכט אדאנק דעם, וואס מען קאן שטענדיק פארקויפן די אקציעס אויף דער בערזע.

אין אונזער באנעמען די עקאנאמיק פון דער אקציען-געזעלשאפט גייען מיר ווייטער פון מארקסן. אין זיין געניאלן סקיץ — צום באדויערן האט ער נישט באוויזן אים צו באארבעטן — וועגן דער ראלע פון דעם קרעדיט אין דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע [1], שילדערט מארקס די אנטשטייאונג פון די אקציען-געזעלשאפטן אלס פועל-יוצא פון דעם קרע-דיט-וועזן און רעזומירט מיט די ווערטער זייער ווירקונג:

„1. די קאלאסאלע אויסברייטערונג פון דעם מאסשטאב פון דער פראדוקציע און פון די אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געווען אוממעגלעך פאר אן איינצלנעם קאפיטאליסט. צוזאמען דערמיט ווערן אזעלכע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען פריער גע-ווען רעגירונגס-אונטערנעמונגען, געזעלשאפטלעכע.

„2. דער קאפיטאל, וועלכער שטיצט זיך אין זיין עצם אויף א געזעלשאפטלעכן אופן פון פראדוקציע און זעט פאר א געזעל-שאפטלעכע קאנצענטראציע פון די פראדוקציע-מיטלען און אר-בעטס-קראפט, באקומט דא דירעקט די פארם פון א געזעלשאפט-לעכן קאפיטאל (א קאפיטאל פון דירעקט אסאציאירטע אינדיווי-דומס), אין היפוך צו דעם פריוואטן קאפיטאל, און זיינע אונטער-נעמונגען טרעטן ארויס אלס געזעלשאפטלעכע אונטערנעמונגען להיפוך צו די פריוואטע אונטערנעמונגען. דאס איז די אפשאפונג פון דעם קאפיטאל אלס פריוואט-אייגנטום אין די גרעניצן פון קאפיטאליסטישן אופן פון דער פראדוקציע גופא.

---

1 Marx, „Kapital“ III. I, Kapitel 27, Seite 422 און ווייטער.

3. די פאַרוואַנדלונג פון דעם ווירקלעך פונקציאָנירנדיקן קאַפּיטאַליסט בלויז אין אַ דיריגענט, און אַ פאַרוואַלטער פון פרעמדן קאַפּיטאַל, און די קאַפּיטאַל־אייגנטימער אין פּשוטע אייגנטימער, אין פּשוטע געלט־קאַפּיטאַליסטן. אויב די דיווידענדן, וואָס זיי באַקומען, אַנטהאַלטן אפילו אין זיך דעם צינז און דעם אונטערנעמער־ריווח, ד"ה, דעם גאַנצן ריווח (ווייל דאָס געהאַלט פון דעם דיריגענט איז אָרער דאַרף זיין בלויז דער אַרבעטס־לוין פאַר אַ באַזונדער אַרט געשיקטער אַרבעט, וואָס איר פּרייז ווערט רעגולירט אויף דעם אַרבעטס־מאַרק, ווי דער פּרייז פאַר יעדער אַנדער אַרבעט), ווערט דאָך דער דאָזיקער גאַנצער ריווח באַקומען אין דער פאָרם פון צינזן, ד"ה ווי אַ פּשוטע פאַרגיטיקונג פאַר דעם קאַפּיטאַל־אייגנטום, וואָס טיילט זיך, אויף אַזאַ אופן, גאָר אָפּ פון דער פונקציע אין דעם ווירקלעכן רעפּראָדוקציע־פּראָצעס, פונקט אַזוי ווי די דאָזיקע פונקציע אין דער פּערזאָן פון דעם דיריגענט טיילט זיך אָפּ פון דעם קאַפּיטאַל־אייגנטום. אויף אַזאַ אופן טרעט דאָ דער ריווח (שוין נישט בלויז דער איינער טייל זיינער, די צינזן, וואָס באַקומט זיין באַרעכטיקונג אין דעם ריווח פון דעם מלווה) אַרויס ווי אַ פּשוטע צואייגענונג פון פרעמדער מעראַרבעט, וואָס אַנטשטייט פון דער פאַרוואַנדלונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען אין קאַפּיטאַל, ד"ה פון זייער אַנטפרעמדונג פון די ווירקלעכע פּראָדוצירער, פון זייער קעגנזאַץ אַלס פרעמד אייגנטום צו אַלע ווירקלעך באַטייליקטע אינדיווידומס אין דער פּראָדוקציע, פון דעם דיריגענט ביז דעם לעצטן טאָגאַרבעטער. אין די אַקציען־געזעלשאַפטן איז די פונקציע אָפּגעטיילט פון דעם קאַפּיטאַל־אייגנטום, — הייסט עס, אַז אויך די אַרבעט איז אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון דעם אייגנטום אויף די פּראָדוקציע־מיטלען און אויף דער מעראַרבעט. דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער העכסטער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, דער נויטווענדיקער איבערגאַנגס־פּונקט צו דער צוריקפאַרוואַנדלונג פון דעם קאַפּיטאַל אין אייגנטום פון די פּראָדוצירער, אָבער שוין נישט אין פּריוואַט־אייגנטום פון באַזונדערע פּראָדוצירער, נאָר אין אייגנטום פון אַסאָציאירטע פּראָדוצירער, אין דירעקטן געזעלשאַפטלעכן אייגנטום. פון דער אַנדערער זייט, איז די אַקציען־געזעלשאַפט אַן איבערגאַנגס־פּונקט צו דער פאַרוואַנדלונג פון אַלע פונקציעס אין דעם רעפּראָדוקציע־פּראָצעס, וועלכע זיינען ביז איצט פאַרבונדן מיט דעם קאַפּיטאַל־אייגנטום, אין פּשוטע פונקציעס פון די אַסאָציאירטע פּראָדוצירער, אין געזעלשאַפטלעכע פונקציעס.

„איידער מיר וועלן גיין ווײַטער, וועלן מיר נאָך באַמערקן פאָלגנדיקן וויכטיקן עקאָנאָמישן פאַקט: אַזוי ווי דער ריווח באַקומט אַ ריינע פאָרם פון צינזן, זיינען אַזעלכע אונטערנעמונגען אויך מעגלעך דעמאָלט, ווען זיי טראָגן בלויז צינזן; דאָס איז איינע פון די סיבות, וואָס האַלטן אָפּ דאָס פאַלן פון דער אַלגעמיינער פּראָפיט-נאָרמע, ווײַל פון אָט די אונטערנעמונגען, וווּ דער קאָנסטאַנטער קאַפּיטאַל געפינט זיך אין אַזאַ קאָלאָסאַלער פּראָפּאָרץ לגבי דעם זיך בײַטנדיקערן, איז נישט נויטווענדיק, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין דער אויסגלײַכונג פון דער אַלגעמיינער ריווח-נאָרמע".

מאַרקס באַטראַכט דאָ קודם-כל דיווירטשאַפטלעך-פּאָליטישע ווירקונגען פון די אַקציען-געזעלשאַפטן. ער זעט נאָך נישט אין דעם דיווידענד די באַזונדערע עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע, און דעריבער גיט ער נישט אויך דעם אַנאַליז פון דעם גרינדער-ריווח. וואָס שייך דער לעצטער באַמערקונג — וועגן דער ווירקונג פון די אַקציען-געזעלשאַפטן אויף דער אויסבילדונג פון דער דורכשניטלעכער ריווח-נאָרמע און אויף איר פאַלן, איז קלאָר, אַז מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער אַקציען-פאָרם מוז דער ריווח פון דער אַקציען-געזעלשאַפט אַרײַנגיין אין דער אויסגלייכונג פון דער אַלגעמיינער ריווח-נאָרמע פּונקט אַזוי, ווי דער ריווח פון פּריוואַטע אונטערנעמונגען. אַגב האָבן מיר שוין פריער געזען, אַז בײַ נאָרמאַלע באַדינגונגען איז דער פּראָדוקט פון אַן אַקציען-געזעלשאַפט אונטערגעוואָרפן די זעלביקע פּרײַז-געזעצן, ווי דער פּראָדוקט פון אַ פּריוואַטער אונטערנעמונג. מאַרקס האָט דאָ געהאַט אין זין די אײַזנבאַן-אַקציען-געזעלשאַפטן פון זײַן צײַט און בנוגע זיי זײַנען זײַנע באַמערקונגען, אפשר, טיילווײַז ריכטיקע; נאָר טיילווײַז, ווײַל אויך דאָרטן האָט דער גרינדער-ריווח שוין אַרײַנגעכאַפּט אַ געוויסן טייל פון דעם ריווח, וועלכער האָט געמוזט קומען צום אויסדרוק אין די פּרײַזן פון דער אײַזנבאַן.

2. די פינאַנסירונג פון די געזעלשאַפטן. די אַקציען-געזעלשאַפטן און די בענק.

אַלזאָ, בײַם גרינדן אַן אַקציען-געזעלשאַפט ווערט די גרייס פון דעם אַקציען-קאַפּיטאַל באַשטימט אויף אַזאַ אופן, אַז דער ריווח פון דער אונטערנעמונג זאָל קלעקן אויף צו פאַרטיילן פון דעם דאָזיקן

קאפיטאל דעם דיווידענד, וואס זאל באטרעפן פאר יעדן אקציאנער דעם געוויינטלעכן צינז פון זיין אויסגעליגטן קאפיטאל 1.

אויב עס ווערט א הויך־קאניונקטור, אדער ווען אנדערע גינסטיקע באדינגונגען דערלויבן שפעטער צו פארטיילן העכערע דיווידענדן, דאן וועט שטייגן דער קורס פון די אקציעס. אויב די אקציעס פון א געוויסער אונטערנעמונג שטייען, לאמיר זאגן, 100 ביי א דיווידענד פון 6 פראצענט, וועלן זיי ביי א דיווידענד פון 9 פראצענט שטייגן ביז 150. אין דער פארשיידנקייט פון דעם דיווידענד שפיגלען זיך אפ די פארשיידענע גורלות, וואס דערווארטן די באזונדערע אונטערנעמונגען אין זייער ווייטערדיקן

1 אט איז אן אילוסטראציע פאר דער סכעמאטישער פארמולירונג, וואס מיר האבן געגעבן אין טעקסט. אין דער אוונט־אויסגאבע פון „בערלינער טאגעבלאט" פון 16 מאי 1908 ווערט איבערגעגעבן: „די טעג זיינען אויף דער בערזע אריינגעפירט געווארן די אקציעס פון דער „קעפעניקער גוטריט־פאבריק" מיט אן אנזשוא פון 80 פראצענט. פון 1901 ביז 1906 האט די דאזיקע אונטערנעמונג עקזיסטירט אלס געזעלשאפט מיט באגרענעצטער פאראנטווארטלעכקייט (האפטונג) מיט א באשיידענעם קאפיטאל פון 300,000 מארק. נאך עטלעכע יאר פון פארלוסטן האט די געזעלשאפט מיט באגרענעצטער פאראנטווארטלעכקייט איינמאל באקומען א ברוטא־ריווח פון 100,000 מארק, דערנאך דאס צווייטע מאל 300,000 מארק און האט אויסגעצאלט 15,000 און 75,000 מארק אלס דיווידענדן. די גרינדער האבן אדאנק דעם באשלאסן, אז ס'איז צייט צו ווערן אן אקציען־געזעלשאפט מיט א גרונט־קאפיטאל פון 1 מיליאן מארק, אין וועלכן די 300,000 מארק פאיען פון דער געזעלשאפט מיט באגר. פאראנטוו. זיינען אריין צום פרייז פון 900,000 מארק. אויף צו באלאנסירן דעם אקטיוו און פאסיוו פון דער נייער אקציען־געזעלשאפט, האט די אקציען־געזעלשאפט געמוזט איבערנעמען די פלעצער, וואס האבן לויט די ביכער פון דער ג. מ. ב. פ. באטראפן 60,000 מארק — פאר 210,000 מארק, די געביידעס פון 45,000 מארק פאר 140,000 מארק, די מאשינען, אפאראטן און דעם איבעריקן אינווענטאר פון 246,000 מארק — פאר 400,000 מארק. איצט האט די נייע אקציען־געזעלשאפט הינטער זיך צוויי אפעראציע־יארן, פאר וועלכע זי האט פארטיילט 15 און 16 פראצענט דיווידענד, הגם די קאנטא פון די פלעצער — נישט רעכענענדיק נייע דערווערבונגען — איז נאך אלץ באלאסטעט מיט 200,000 מארק, און די קאנטא פון די געביידעס — מיט 150.000 מארק. בלויז די קאנטא פון די מאשינען און פון אינווענטאר, וואס זייער העכערע אפשאצונג איז געווען די אממייסטן ריזיקאלישע, איז רעדוצירט געווארן ביז 250,000 מארק. די פאבריקאציע פון דער אקציען־געזעלשאפט באזירט זיך אויף צוויי פאטענטן, פון וועלכע איינער ענדיקט זיך אין א יאר ארום, און דעם צווייטן האט דער דערפינדער פארקויפט דער אקציען־געזעלשאפט פאר 50,000 מארק. און אט דער דאזיקער באזיס איז גענוג, אז די עמיסיע־אנשטאלטן זאלן פאר זיך סטיפולירן א פרייז פון 180 פראצ', ד"ה, פאר די 300,000 מארק פון די פריערדיקע פאיען, וועלכע האבן צוזאמען מיט די 100,000 מארק מזומן געשאפן דעם פונדאמענט פון דער אקציען־געזעלשאפט, האבן זיי זיך געלאזט באצאלן 1,800,0„0 מארק!" דער גרינדער־ריווח איז דא געשטיגן נאך צוליב דעם, וואס די אינטערנעמונג באקומט נאך, באנוצנדיק זיך מיט די פאטענטן, אן עקסטרע ריווח, וועלכער ווערט, נאטירלעך, אויך קאפיטאליזירט.

לעבנס-וועג. פון דער אנדערער זייט פארשווינדן אט די פארשיידנקייטן, צוליב דעם שטייגן אדער פאלן פונם קורס, פאר די נייע קויפער פון די אקציעס [1].

[1] די פאלגנדיקע טאבעלע, וואס מיר נעמען פון דעם „בערלינער טאגעבלאט" פון 11 יוני 1907, באווייזט, אז דער קאפיטאל, וואס ווערט אויסגעלייגט אין אקציעס, גיט די ערשטע צייט דעם קויפער דיווידענדן, וועלכע זיינען עטוואס העכער פון דעם דורכשניטלעכן צינזן-פוס. אין יענער צייט האט דער דיסקאנט פון דער רייכס-באנק באטראפן 5 א האלב פראצענט.

	דער קורס פון 30 מאי (אין פראצ׳)	דיווידענדן אין פראצענטער	רענטאבילי-טעט אין פראצענטער
Berliner Handelsgesellschaft	150,75	9	3,97
Darmstädter Bank	129,30	8	6,18
Deutsche Bank	223,60	12	5,36
Diskontogesellschaft	129	9	5,32
Dresdener Bank	141	$8^1/_2$	2,03
National Bank	121,50	$7^1/_2$	6,17
Bochmer Gusshtahl	224,25	15	6,68
Laurahütte	225,30	12	5,32
Harpener Bergbau	207,60	11	5,29
Gelsenkirchener Bergwerk	195,50	11	5,62
Phönix Bergbau	205,80	15	7,30
Rombacher Hüttenwerke	204,50	14	6,84
Donnersmarckhütte	264,50	14	5,29
Eisenwerk Kraft	166	11	6,62
Eisenhütte Thale, (פריווילעגירטע אקציעס)	123	9	7,31
Allgemeine Elektrizitätsgesellschaft .	198,50	11	5,54
Lahmeyer Elektrizität	122	8	6,55
Hoffmann Waggonfabrik	335	22	6 56
Gaggenauer Eisenwerk	105	8	7,61
Schering Chemische Fabriken	263	17	6,46
Chemische Fabrik Oranienburg . . .	184,50	10	5,42
Schultheis' Brauerei	288,50	18	6,23
Vereinsbrauerei, (אקציעס)	210,50	12	5,70

אין דעם לעבנס=גאנג פון דער אקציען=געזעלשאפט קאן די דיפערענץ צווישן דעם ווירקלעך פונקציאנירנדיקן קאפיטאל און דעם (פיקטיוון) אקציען=קאפיטאל ווערן נאך גרעסער. אויב די אונטערנעמונג גיט א סך מער פון דעם דורכשניטלעכן צינז און אויב עס שאפט זיך א נויטווענדיקייט אדער א געלעגנהייט צו פארגרעסערן דעם קאפיטאל, ווערט שוין אלס יסוד פון דער נייער קאפיטאליזאציע ארײַנגעלייגט די דאזיקע געהעכערטע פרנסה און דער נאמינעלער אקציען=קאפיטאל ווערט פארגרעסערט ווײַט איבער דער גרייס פון דעם פונקציאנירנדיקן קאפיטאל. דאקעגן איז אויך מעגלעך צו פארגרעסערן דעם פונקציאנירנדיקן קאפיטאל, נישט פארגעסנדיק דערבײַ דעם נאמינעלן אקציען=קאפיטאל. דאס קאן טרעפן, למשל, ווען דער ריינער ריווח ווערט נישט אויסגעצאלט די אקציאנערן אלס דיווידענד און ווערט אינגאנצן אדער טיילווײַז אויסגענוצט אויף צו פירן די אונטערנעמונג. און אזוי ווי אזא פארווענדונג גיט האפענונגען, אז אין דער צוקונפט וועט שטײַגן די הכנסה, וועט דאס גלײַכצײַטיק ווירקן, אז עס זאל זיך אויך הייבן דער קורס=ווערט פון דעם אקציען=קאפיטאל.

אחוץ דעם וועלן ענדערונגען אין קורס=ווערט, — אומאפהענגיק פון ענדערונגען אין דער הכנסה און אין דער פארגרעסערונג אדער פארקלענערונג פון פאקטיש פונקציאנירנדיקן קאפיטאל, — פארקומען צוליב דער ענדערונג פון דעם אלגעמיינעם צינזן=פוס. א לאנג=דויערנדיקער נידעריקער צינזן=פוס Caeteris poribus איז גורם דאס שטײַגן פון דעם קורס=ווערט פון דעם אקציען=קאפיטאל, א הויכער—פארקלענערט זי.

פון דער אנטשטייאונג פון דעם דיווידענד איז שוין געדרונגען, אז עס עקזיסטירט נישט קיין דורכשניט=דיווידענד נישט לויטן מוסטער פון דער צינזן=נארמע און נישט לויטן מוסטער פון דער ריווח=נארמע. לכתחילה איז דער דיווידענד גלײַך צו דעם צינז פלוס דער ריזיקע=פרעמיע, אבער אין משך פון דער אנטוויקלונג קאן ער פאלן אדער שטײַגן און א לאנגע צײַט זיך אזוי האלטן, ווײַל די קאנקורענץ איז דא גורם די אויסגלײַכונג נישט אין דער גרייס פון דער הכנסה, ווי בײַ די צינזן און ריווח=נארמעס, נאר אין קורס פון די אקציעס.

אלזא, דער קורס=ווערט פון דעם אקציען=קאפיטאל איז שטענדיק העכער, ווי דער ווערט פון דעם קאפיטאל, וואס פונקציאנירט בײַ נארמאלע באדינגונגען, ד"ה פון דעם קאפיטאל, וואס ברענגט א דורכשניט=ריווח. פון דער צווייטער זײַט ווידער, אויב די הכנסה פון דער אונטערנעמונג און דער צינזן=פוס זײַנען געגעבענע גרייסן, איז דער קורס=ווערט פון דעם אקציען=קאפיטאל אפהענגיק פון דער צאל ארויסגעלאזטע אקציעס.

דער גאנצער אקציען־קאפיטאל פון דער אונטערנעמונג, אין וועלכער דער פראדוקטיווער קאפיטאל באטרעפט 1 מיליאן מארק און ברענגט א ריווח פון 200.000 מארק, וועט באקומען א קורס־ווערט פון 4 מיליאן מארק, אויב דער צינזן־פוס וועט אויסמאכן 5 פראצענט. דער קורס־ווערט פון איין אקציע מיט דעם נאמינעלן ווערט פון 1000 מארק וועט אויסמאכן 4000 מארק, ווען מען האט ארויסגעלאזט אקציעס אויף 1 מיליאן מארק, און 2000 מארק, אויב מען האט זיי ארויסגעלאזט אויף 2 מיליאן מארק; 1000 מארק ביי — 4.000.000 מארק און 500 מארק — ביי 8.000.000 מארק.

אויב דער נאמינעלער אקציען־קאפיטאל איז אויף אזויפיל גרויס, אז ביי דער עמיסיע פאלט זיין קורס נידעריקער פון דעם נאמינעלן ווערט, נידעריקער פון pari, שמועסט מען וועגן דעם שיטער־ווערן אדער דער פארוואסערונג פון דעם אקציען־קאפיטאל. עס איז קלאר, אז די דאזיקע שיטערקייט טראגט קודם־כל א רעכענונג־כאראקטער. די הכנסה איז א געגעבענע גרייס, און זי באשטימט דעם קורס פון דעם גאנצן אקציען־קאפיטאל. פון וואס מער טיילן דער לעצטער ווערט צוזא־מענגעשטעלט, אלץ א קלענערער פראצענטועלער חלק וועט, נאטירלעך, אויספאלן אויף יעדן טייל. דאס שיטער־ווערן האט קיין שום שייכות נישט מיט דעם גרינדער־ריווח: דער לעצטער אנטשטייט ביי יעדער גרינדונג פון אן אקציען־געזעלשאפט פון דער פארוואנדלונג פון דעם פראדוקטיוון קאפיטאל, וועלכער ברענגט ריווח, אין א פיקטיוון קאפיטאל, וועלכער טראגט צינזן. פאקטיש איז דאס שיטער־ווערן נישט קיין עיקר־זאך; דאס געזעץ קאן דא אין פרינציפ שאפן מניעות, אין קעגנזאץ צו דעם גרינדער־ריווח. די פאדערונגען פון דעם דייטשן געזעץ וועגן אקציעס, אז דער אזשיא פון די אקציעס זאל פאררעכנט ווערן אלס רעזערוו־קאפיטאל, האט בלויז גורם געווען דאס, אז די אקציעס זאלן al pari אדער מיט א נישטיקן אזשיא איבערגעגעבן ווערן צו א באנק־קאנסארציום, וועלכער פארקויפט זיי דעם פובליקום מיט ריווח (מיט גרינדער־ריווח).

די פארשיטערונג איז אבער ביי געוויסע אומשטענדן זייער א בא־קוועם פינאנציעל־טעכניש מיטל אויף צו העכערן דעם חלק פון די גרינ־דער אויסער די גרעניצן פון דעם גרינדער־ריווח. אין די פאראייניקטע שטאטן, למשל, לאזט מען געוויינלעך ארויס ביי דער גרינדונג פון די גרויסע אקציען־געזעלשאפטן צוויי ערליי מינים אקציעס: preferred shares (פריווילעגירטע אקציעס) און common shares (געוויינלעכע אקציעס). דער צינז אויף די preferred shares איז א פארויסבאשטימ־

טער, ער באַטרעפט געוויינלעך פון 5 ביז 7 פּראָצענט. חוצדעם זײַנען זיי אָפט קומולאַטיוו, ד"ה, אַז אויב מען צאָלט אַ האַלב יאָר נישט אויס דעם גאַנצן דיווידענד, אויף וועלכן זיי האָבן רעכט, דאַן קאָנען זיי דאָס צובאַקומען פון די הכנסות פון די ווײַטערדיקע יאָרן. ערשט נאָכדעם ווי מען האָט באַפרידיקט די preferred shares קאָנען פאַרטיילט ווערן די דיווידענדן צווישן די commons. דער באַטרעף פון די preferred shares ווערט געוויינלעך באַשטימט בשעת דער גרינדונג פון דער אַקציען־געזעלשאַפט אַזוי, אַז ער זאָל איבערשטײַגן דעם קאַפּיטאַל, וואָס זײַן פונקציאָנירן איז פּאַקטיש נייטיק. אין די preferred shares שטעקט שוין אַ גרויסער טייל פון דעם גרינדער־ריווח. דערצו קומען נאָך צו די Common shares מייסטנטייל לפי־ערך פון גלײַכן באַטרעף. געוויינ־לעך איז זייער קורס־ווערט די ערשטע צײַט זייער נידעריק; די preferred און common shares שטייען מערסטנטיילס עטוואָס העכער פון דעם pari. אָבער, ערשטנס, בלײַבט אַ גרויסער טייל פון די Common shares בײַ די גרינדער און פאַרלײַכטערן פאַר זיי צו שאַפן אַ זיכערע מאַיאָרי־טעט [1]. צווייטנס, בײַ דער גרינדונג פון סאָלידע געזעלשאַפטן באַקומען

---

1 דאָס זעלבע זעען מיר אויך בײַ די ענגלישע אַקציען־געזעלשאַפטן. שילדערנ־דיק די שותפות פון די אינטערעסן צווישן אַ געמישטן טשוגון־און שטאָל־זאַוואָד, דערציילט מאַקראָסטי: „It is to be observed, that while the aid of the public was called in to asist in the extension of the business (געמיינט: דורך דאָס אַרויסלאָזן אָבליגאַציעס, פּריווילעגירטע אַקציעס) control lay solely with the vendors. (פירמע Bill bros, and Durman Long and Co.) so long as debenture interest and preference dividend were maintaned. This is quite a common feature of British flotations, and it demands from the cautious investor a careful scrutiny of the purchase conditions“. Henry W. Macrosty. „The Ttust Movement in British Industry“. London 1907, זייט 72. „In many cases the ord.nary stock is held largely or solely by the original vendors in order that they may retain control, in which case the amount of the ordinary dividend is of less consequence to the public“ (דאָרט, זייט 54).

אַן ענלעכע פונקציע ווי די Common shares, צו מאָנאָפּאָליזירן פאַר די גרינדער די גינסטיקע רעזולטאַטן פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַקציען־געזעלשאַפט, — האָבן אויך אויסגעפילט די אַזוי גערופענע גרינדער־רעכט אין דעם אַמאָליקן דײַטשן (און עסטרײַכישן) אַקציען־רעכט. די גרינדער האָבן פאַר זיך אויסגעפּועלט געוויסע פּריווילעגיעס, לויט וועלכע מען האָט זיי, למשל, בײַ נײַע עמיסיעס פון אַקציעס, געמוזט שטענדיק אָפּגעבן אַקציעס לויט דעם נאָמינעלן ווערט זייערן. אַזעלכן פאַר־פליכטונגען האָבן אָבער סותר געווען די מאָביליזאַציע פון דעם קאַפּיטאַל און זײַנען דעריבער אָפּגעשאַפט געוואָרן. דער „בערלינער טאַגעבלאַט“ פון 24 סעפּטעמבער 1907 שרײַבט וועגן דעם: „ווי אַ דענקמאָל פון אַ לאַנג פאַרגאַנגענעם פּעריאָד, שטאַרצט

די preferred א בערך געווינלעכן פראצענט; דער חלק פון די Commons איז דאקעגן אינגאנצן אן אומבאשטימטער; דא קומט פריער פאר אלץ צום אויסדרוק דער אלגעמיינער צושטאנד פון דער קאניונקטור; זייער הכנסה וואקלט זיך אויסערגעווינלעך, דערפאר זיינען טאקע את די אקציעס באזונדערס באליבט אין די ספעקולאציע-קרייזן; די גרויסע אקציאנערן, וועלכע ווייסן אלע סודות און וועמען די Commons האבן גארנישט געקאסט, קאנען אויסנוצן את די קורס-וואקלונגען פאר גינס-טיקער ספעקולאציע. דריטנס, דער דאזיקער פינאנסירונג-מעטאד זיכערט פאר די גרינדער, פאר די באזיצער פון די common shares אן עקסטרע ריווח, וואס ס'איז צו דערווארטן פון דער גרינדונג פון דער געזעלשאפט, — ער פארזיכערט זיי אלע הכנסות אויך פון די שפעטערדיקע דערגרייכונגען און גינסטיקע קאניונקטורן, בשעת דער ריווח פון דעם פובליקום, וואס באזיצט די preferred איז פיקסירט אויף א פעסטער גרעניץ, וואס שטייגט נישט פיל אריבער דעם געווינלעכן צינז. און

אין אונזער צייט די אינסטיטוציע פון גרינדער-רעכט, וואס איז נאך עד-היום אויפגעהויבן געווארן אין א גאנצער ריי אקציען-געזעלשאפטן. די גרינדער-רעכט שטאמען אויס דער צייט, ווען דאס אקציע-רעכט האט נאך נישט דערגרייכט די שטופע פון אנטוויקלונג, ווי היינט צו טאג. פריער האט מען געהאלטן פאר דערלאזבאר צו פארזיכערן פאר די גרינדער פון דער אונטערנעמונג געדויערנדיקע עקסטרע-באדינגונגען: א צושטאנד, וועלכע האט ביי דער באוועגלעכקייט, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די אקציעס, געמוזט ווערן דריקנדיק און נישט בארעכטיקט. שוין די נאוועלע צום אקציע-רעכט פון 1884 האט געמאכט א דורכריס אין דער סיסטעם פון די גרינדער-רעכט, אבער אינגאנצן זיינען זיי ערשט באזייטיקט געווארן פאר די ניי-געגרינדעטע געזעל-שאפטן דורך דאס האנדלס-געזעץ, וואס איז אריין אין קראפט פון 1 יאנואר 1900. דאס נייע האנדלס-געזעץ האט אמת נישט קיין צוריקווירקנדיקע קראפט; אויף אזא אופן ווערט דאס גרינדער-רעכט אומפארענדערט אויפגעהויבן נאך פון די אלטע צייטן און ביי א געלעגנהייט, אויב נאר עס האט זיך נישט איינגעגעבן דאס צו באזייטיקן אויפן סמך פון א פרייוויליקער פארשטענדיקונג, לאזן זיי זיך גוט פילן די אקציאנערן פון דער געזעלשאפט, וועלכע איז „באגליקט" מיט גרינדער-רעכט... ביי די בערלינער עלעקטריע-קאמפאניעס — לאמיר דא אלס עלעמענטארן ביישפיל ברענגען, ווי אזוי ס'ווירקן די גרינדער-רעכט — באשטייט די פריווילעגיע פון דער אלגעמיינער עלעקטריע-קאמפאניע אין דעם, וואס ביי יעדער נייער עמיסיע פון אקציעס, קאן זי פאר זיך נעמען א העלפט לויטן קור al pasio. דער פראפיט, וואס די אלגעמיינע עלעקטריע-קאמפאניע האט צוליב את דער פריווילעגיע באקומען בלויז ביי די עמיסיעס פון די אקציעס פון Berliner Elektrizitätswerke אין 1889, 1890, 1899 און 1904, ווערט געשאצט אויף בערך 15 מיליאן מארק. מען קאן קיין פאראיבל נישט האבן אויף די גרינדער אדער אויף זייערע יורשים, פארוואס זיי נוצן אויס זייערע גוט דער-װארבענע רעכט. איצט איז שוין אבער קלאר, אז די היינטצייטיקע אויפפאסונג פון דעם אקציען-וועזן פאדערט מיט רעכט, מען זאל באזייטיקן די אייביקע גרינדער-פריווילעגיעס.

לסוף, אדאנק דעם ווערט ביז א געוויסן מאמענט פארהוילן דער ווירק-לעכער צושטאנד פון דער אונטערנעמונג, און אט די טונקלקייט קאן מען זייער לייכט אויסנוצן צו ספעקולאטיווע אפעראציעס [1]. און דאך האט די איבערקאפיטאליזאציע קיין שום איינפלוס נישט אויף די פרייזן. דאס איז א מאדנע פארשטעלונג, אז אויב דער פיקטיווער קאפיטאל איז נאר-

---

1 דעם בעסטן און גרעסטן ביישפיל שטעלט מיט זיך פאר די געשיכטע פון דעם אמעריקאנישן שטאל-טרעסט (זע „Report of Industrial Commission XV און XIV זייט vol. XIII, „1901"). ער האט פאראייניקט די שוין היפערקאפי-טאליסטישע געזעלשאפטן. דער „Report" בארעכנט דעם „ווירקלעכן ווערט" אויף אזא אופן, אז ער גיט אן די סומע בלויז פון די preferred shares אין די פאראייניקטע געזעלשאפטן, — דאס גיט אין דער ווירקלעכקייט דעם אקציען-קאפיטאל, וואס קאן שטיין al pari, — און קומט צום אויספיר, אז נאר לויטן איינזען האט מען צוגעגעבן נאך 918 ,111. 398 דאלאר. די פאלגנדיקע ידיעה פון דער „פראנק-פורטער צייטונג" פון 29 מערץ 1909 גיט נאך א בעסערע פארשטעלונג וועגן דער „איבערקאפיטאליזאציע", — גענויער, וועגן דער דיפערענץ צווישן דעם ווירקלעך פונקציאנירנדיקן קאפיטאל און דעם אקציען-קאפיטאל. „די אינדוסטריעלע אנשטאלטן אין Gary וועלן קאסטן בערך 100 מיליאן דאלאר און וועלן ארויסגעבן העכער 2 מיליאן טאן שטאל. דער קאפיטאליזירטער ווערט פון די איבעריקע זאוואדן פון דעם טרעסט איז אפגעשאצט אויף 1500 מיליאן דאלאר און זיי האבן א פראדוקציע-פעיקייט פון העכער 10 מיליאן טאן. די דאזיקע דיספראפארץ-פארהעלטעניש ווארפט זיך ממש אין די אויגן". ווען מען זאל אפילו נעמען אין אכט, אז אין דער דאזיקער קאפיטאלי-זירטער סומע זיינען צווישן אנדערע אויך ארייגערעכנט געווארן דער באזיץ פון ווערט-פולע ערצן און אנדערע אביעקטן, בלייבט נאך אלץ אט די דיספראפארץ קאלאסאל.

דאס האט אבער נישט געשטערט, אז דער שטאל-טרעסט זאל שטענדיק קענען אויסצאלן 7 פראצענט דיווידענד אויף preferred shares, און אפילו common shares זאלן טראגן אלץ גרעסערע דיווידענדן. דער טרעסט איז געגרינדעט געווארן אין פרילינג 1901. אין 1901—1903 איז געווען א גינסטיקע קאניונקטור און אויף די common shares האט מען אויסגעצאלט 4 פראצענט דיווידענד. אין 1903 איז דער דיווידענד געפאלן ביז 3 פראצענט און אין 1904 און 1905 זיינען קיין דיווידענדן בכלל נישט געווען, אבער אין יאר 1905 האט די קאניונקטור שוין אנגעהויבן זיך פארבעסערן, און אין דעם שטאל-טרעסט וואלט געקענט איבערגעבליבן אויף דיווידענדן ביז 43 מיליאן דאלאר, וואס וואלט דערלויבט אויסצוצאלן אן 8 א האלב פראצענטיקן דיווידענד. דער טרעסט האט אבער אויסגענוצט די דאזיקע סומע אויף אפשרייבונגען, נייע אינוועסטיציעס און אויף בילדן א רעזערוו-קאפיטאל. אין 1906 האט מען ווידער אויסגעצאלט 2 פראצענט.

דער דאזיקער דיווידענד האט אבער נישט געגעבן קיין שום פארשטעלונג וועגן דעם ווירקלעכן פארדינסט פון דעם שטאל-טרעסט: דאס יאר 1906 איז געווען זייער א פעט יאר, און דער שטאל-טרעסט האט געהאט אין זיין רשות כמעט 100 מיליאן דאלאר אויף צו פארטיילן דעם דיווידענד. פון דעם האט מען אויף אויסצאלן די preferred shares געדארפט האבן 25 מיליאן דאלאר. דאס, וואס עס וואלט לויטן חשבון איבערגעבליבן, וואלט באטראפן 14,4 פראצענט

מאָל אָנגעוואַקסן, מוזן כל זמן די פּרײַז־געזעצן לײַדן וועלכע נישט אין ענדערונג. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער גרויסער אַקציען־קאַפּיטאַל ווײַזט אַרויס דעם ווונטש, אַז די פּרײַזן זאָלן זײַן הויכע און זאָלן דערמעגלעכן צו באַקומען דעם געהעריקן צינז. דער קאַפּיטאַל קאָן אָבער אויך זײַן אַראָפּגעשריבן בײַ ס, — און דאָך וועט קיין שום קאַפּיטאַליסט נישט פאַרקויפן ביליקער, ווי מען דאַרף, מעג

אויף די common shares. די אַקציאָנערן האָט מען אָבער בסך־הכל אויסגעצאָלט 10.166.600 דאָלאַר און אויף נײַע אינוועסטיציעס (צווישן אַנדערע האָט פיגורירט די צווייטע ראַטע פאַר דעם שטאָל־זאַוואָד אין Gary אין דער הייך פון 21 אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר) האָט מען אויסגעגעבן 50 מיליאָן דאָלאַר און אויסער דעם האָט מען נאָך באַרעכנט 13 מיליאָן דאָלאַר אַלס רעזערוו־פאָנד. די זעלביקע פּאָליטיק האָבן די דירעקטאָרן אויך דורכגעפירט אין יאָר 1907. אין דעם יאָר איז דער פאַרדינסט געווען נאָך גרעסער, ווי אין יאָר 1906. ווען מען וואָלט פאַרטיילט די סומע, וואָס דער טרעסט האָט געהאַט אין זײַן רשות פאַר די באַזיצערס פון די געוויינלעכע אַקציעס, וואָלט דער דיווידענד אויסגעמאַכט 15,6 פּראָצענט. די אַקציאָנערן האָבן אָבער ווידער באַקומען בלויז 2 פּראָצענט פאַר אַ יאָר, ד"ה, אַ האַלב פּראָצענט פאַר אַ קוואַרטל. 54 מיליאָן דאָלאַר האָט מען אויסגעגעבן אויף נײַע אינוועסטיציעס, צווישן זיי 18 אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר אויף דעם זאַוואָד אין Gary. אין דעם רעזערוו־פאָנד האָט מען פאַררעכנט 25 מיליאָן דאָלאַר. דאָס יאָר 1908 האָט זיך פאַרענדיקט באַדײַטנדיק ערגער, ווי די פאַריקע יאָרן. נישט געקוקט דערויף, וואָלטן די באַזיצערס געדאַרפט באַקומען העכער 4 פּראָצענט, אָבער פאַקטיש האָבן זיי באַקומען בלויז 2 פּראָצענט. אויף נײַע אינוועסטיציעס האָט מען גאָרנישט אַסיגנירט, דאַקעגן האָט מען פאַר דעם רעזערוו־פאָנד באַשטימט פרישע 10 מיליאָן דאָלאַר, אַזוי אַז סוף 1908 איז ער אויסגעוואַקסן כּמעט ביז 133,5 מיליאָן דאָלאַר. דער ערשטער קוואַרטל 1909 האָט ווידער אַרויסגעוויזן אַ בעסערונג אין פאַרגלײַך מיט דעם ערשטן קוואַרטל פון פאַריקן יאָר, אָבער אין פאַרגלײַך מיט די צוויי לעצטע קוואַרטלען פון 1908 איז דאָס, דאַקעגן, געווען אַ סך ערגער, ווײַל אין מיטן פעברואַר זײַנען די פּרײַזן אויף דעם אַמעריקאַנער שטאָל־מאַרק שטאַרק געפאַלן. אויף די common shares האָט מען אויסגעצאָלט, ווי בכלל זינט 1900, צו 0,5 פּראָצענט דיווידענד פאַר אַ קוואַרטל און איבער 3 מיליאָן דאָלאַר האָט מען פאַררעכנט צום רעזערוו־פאָנד (זע „בערלינער טאַגעבלאַט" פון 28 יולי 1909). פאַרן צווייטן קוואַרטל 1909 האָט דער שטאָל־טרעסט דערקלערט אַ דיווידענד פון $^{8}/_{4}$ פּראָצענט, וואָס מאַכט אויס 3 פּראָצענט אַ יאָר, און פאַר דעם דריטן קוואַרטל — 1 פּראָצענט, וואָס מאַכט אויס 4 פּראָצענט אויף די געוויינלעכע אַקציעס. דער גרעסטער טייל פון די געוויינלעכע אַקציעס, וואָס איז געבליבן בײַ די גרינדער, אָדער וואָס איז אַרײַנגעפאַלן צו די ספּעקולאַנטן, פאַר וועלכע זיי זײַנען די באַליבטסטע ספּעקולאַציע־פּאַפּירן, זײַנען בשעת און נאָך דער פּאַניק אין 1907 צוריק אויפגעקויפט געוואָרן דורך די פינאַנץ־גרופּן צו די סאַמע נידעריקסטע פּרײַזן. בײַ אַזעלכע אומשטענדן איז די דיווידענדן־פּאָליטיק, וועלכע פאַרהאַלט אויפן חשבון פון די אַקציאָנערן יאָרנלאַנג דעם פאַרדינסט, כּדי דאָס נאָכדעם אין אַ פּאַסיקן מאָמענט, מיטאַמאָל צו פאַרטיילן, אַ געוואַלדיקער באַרײַכערונג־מקור פאַר די פינאַנץ־גרופּן, וועלכע האָבן געהערשט אין דעם שטאָל־טרעסט.

ער זיין דער אדמיניסטראטאר פון א פריוואטער אונטערנעמונג, פון א געוויינלעכער אקציען-געזעלשאפט אדער גאר פון א טרעסט.

אן אקציען-געזעלשאפט איז א געזעלשאפט פון קאפיטאליסטן. זי קאנסטיטואירט זיך דורך דער איינצאלונג פון קאפיטאל; דער גראד פון דעם אנטייל פון יעדן קאפיטאליסט אין דער גרינדונג ווערט באשטימט דורך דער גרייס פון דעם קאפיטאל, וואס ער האט אריינגעטראגן; דעריבער ווערט זיין שטים-רעכט און בכלל זיין איינפלוס, נאטירלעך, באשטימט דורך דער גרייס פון זיין איינצאלונג. דער קאפיטאליסט בלייבט דאך קאפיטאליסט, אויף וויפיל ער האט קאפיטאל, און ער אונטערשיידט זיך בלויז קוואנטיטאטיוו פון וועלכן נישט איז אנדערן קאפיטאליסט. הייסט עס, אז די מאכט צו דיספאנירן מיט דער גאנצער אונטערנעמונג ווערט איבערגעגעבן אין די הענט פון די, וואס באזיצן א מערהייט אין דעם אקציען-קאפיטאל. הייסט עס, אז כדי אנצופירן מיט אן אקציען-געזעלשאפט דארף מען בלויז האבן א העלפט קאפיטאל, — מען מוז נישט, ווי ביי א פריוואטער אונטערנעמונג, אומבאדינגט האבן אין רשות דעם גאנצן קאפיטאל. דאס פארטאפלט די מאכט פון די גרויסע קאפיטאליסטן. דער קאפיטאליסט, וועלכער פארוואנדלט זיין פריוואטע אונטערנעמונג (דעם קרעדיט לאזן מיר אן א זייט) אין אן אקציען-געזעלשאפט, מוז בלויז באזיצן א העלפט פון זיין קאפיטאל, כדי צו באקומען די פולע מאכט אויף צו דיספאנירן מיט דער אונטערנעמונג. די צווייטע העלפט בלייבט פריי און קאן ארויסגענומען ווערן פון דער אונטערנעמונג. פארשטייט זיך, אז א העלפט פון די דיווידענדן גייען דא פארלוירן. אבער די מאכט צו דיספאנירן מיט פרעמדן קאפיטאל איז אומגעהייער וויכטיק, און די הערשאפט איבער דער אונטערנעמונג באקומט, שוין נישט רעדנדיק וועגן אנדערע זאכן, די גרעסטע באדייטונג אויף צו האבן אן איינפלוס אויף דער אייגנטומס-באוועגונג פון די אקציעס אויף דער בערזע.

אין דער פראקטיק איז אבער די סומע פון דעם קאפיטאל, וואס איז גענוג אויף צו באהערשן די אקציען-געזעלשאפט, געוויינלעך נאך קלענער, זי באטרעפט קוים פון א $1/8$ ביז א $1/4$ פון דעם קאפיטאל און צומאל אפילו וויניקער אויך. אבער, הערשנדיק איבער דער אקציען-געזעלשאפט, האט דער קאפיטאליסט אין זיין רשות אן אנדערן, א פרעמדן קאפיטאל, מיט וועלכן ער קאן ארדענען, ווי מיט זיין אייגענעם. אט אזא אופן פון ארדענען אין נישט דאס, ווי מען זאל בכלל ארדענען מיט פרעמדן קאפיטאל. אין דער אנטוויקלטער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט ווערט יעדער אייגענער קאפיטאל, אדאנק דער אנטוויקלונג פון דעם קרעדיט, אין דער זעלבער צייט אויך דער עקספאנענט (פארשטייער) פון

דעם פרעמדן, געליענעם קאפיטאל, — און פון דער גרייס פון דעם אייגענעם קאפיטאל הענגט אפ, ביי גלייכע באדינגונגען, די גרייס פון דעם קרעדיט, וועלכער וואקסט אנב פיל שנעלער, ווי דער אייגענער קאפיטאל. וויבאלד אזוי, ווערט דער אייגענער קאפיטאל פון דעם גרויסן אקציאנער א טאפלטער עקספאנענט פון דעם פרעמדן קאפיטאל. זיין קאפיטאל דיספאנירט מיט די קאפיטאלן פון די אנדערע אקציאנערן, און די גאנצע קאפיטאל=קראפט פון דער אונטערנעמונג ווערט ווידער די אטראקציע פאר דעם פרעמדן קאפיטאל, — פאר דעם ליי=קאפיטאל, וואס די אונטערנעמונג באקומט.

אבער נאך א גרעסערע קראפט באקומט דער גרויס=קאפיטאל, וועלכער באהערשט אן אקציען=געזעלשאפט, ווען עס האנדלט זיך נישט בלויז וועגן איין אקציען=געזעלשאפט, נאר וועגן א סיסטעם פון געזעל=שאפטן, וועלכע זיינען אפהענגיק איינע פון דער אנדערער. לאמיר זיך פארשטעלן, אז דער קאפיטאליסט N האט געהאט 5 מיליאן אין אקציעס און האט באהערשט די אקציען=געזעלשאפט A, וועמעס אקציען=קאפיטאל באטרעפט 9 מיליאן. די דאזיקע געזעלשאפט גרינדעט א פיליע B מיט אן אקציען=קאפיטאל פון 30 מיליאן, פון וועלכע די ערשטע געזעלשאפט באהאלט ביי זיך אין פארטפעל 16 מיליאן. כדי צו שאפן געלט אויף צו באצאלן פאר אט די 16 מיליאן, לאזט די געזעלשאפט A ארויס אויף 16 מיליאן אבליגאציעס, וועלכע טראגן צינזן, אבער זיי גיבן נישט קיין שטים=רעכט. איצט באהערשט N מיט זיינע 5 מיליאן ביידע געזעלשאפטן, דאס הייסט, א קאפיטאל פון 39 מיליאן. די געזעלשאפטן A און B קאנען איצט לויט די זעלבע פרינציפן גרינדן נייע געזעלשאפטן, אזוי אז N וואלט מיט זיין פארהעלטנישמעסיק קליינעם קאפיטאל באקומען די מאכט איבער אומגעהייער ריזיקע סומען פון פרעמדן קאפיטאל. מיט דער אנטוויקלונג פון דעם אקציען=וועזן אנטוויקלט זיך אן אייגנאר=טיקע פינאנס=טעכניק, וועלכע שטעלט זיך אלס אויפגאבע צו פארזיכערן פאר דעם ווי ווייט מעגלעך קליינעם אייגענעם קאפיטאל די הערשאפט איבער דעם ווי ווייט מעגלעך גרויסן פרעמדן קאפיטאל. איר השלמה האט די דאזיקע טעכניק דערגרייכט ביי דער פינאנסירונג פון דער אמעריקאנער אייזנבאן=סיסטעם [1].

---

1 די בפרטיותדיקע באשרייבונג פון דער פינאנסירונגס=טעכניק גייט ארויס פון די ראמען פון דער דאזיקער ארבעט. פונדעסטוועגן וועט דער חייטערדיקער טיפישער ביישפיל, וואס שילדערט די פינאנסירונג פון דער אייזנבאן=סיסטעם Rock Island, אילוסטרירן דאס, וואס מיר האבן אויבן געזאגט (זע „פראנקפורטער צייטונג“ פון 6 אקטאבער 1909). בראש פון דער סיסטעם שטייט א קאנטראל=געזעלשאפט

מיט דער אַנטוויקלונג פון די אַקציען־געזעלשאַפטן, פון איין זייט, און מיט דער וואַקסנדיקער קאָנצענטראַציע פון דעם אייגנטום, פון דער צווייטער זייט, פאַרגרעסערט זיך די צאָל פון יענע גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן אַרייַנגעלייגט זייער קאַפּיטאַל אין פאַרשיידענע אַקציען־געזעלשאַפטן. דאָס באַזיצן אַ גרויסע צאָל אַקציעס גיט אָבער די מעג־לעכקייט צו זייַן פאַרטרעטן אין דער לייטונג פון דער געזעלשאַפט. אַלס

Holding Company (ד״ה אייגנטלעך אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט אין איר באַזיץ אַקציעס פון אַנדערע געזעלשאַפטן). די Rock Island Company, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין פעסטע חובות, האָט געהאַט אַ קאַפּיטאַל פון 54 מיליאָן דאָלאַר אין פּריווילעגירטע אַקציעס און 96 מיליאָן דאָלאַר אין געוויינלעכע אַקציעס; דערפון האָט מען עמיטירט אַקציעס אויף 49 מיליאָן 129 טויזנט דאָלאַר און 89 מיליאָן 733 טויזנט דאָלאַר. שטים־רעכט האָבן נאָר די פּריווילעגירטע אַקציעס. צו דער דאָזיקער געזעלשאַפט געהערט דער גאַנצער אַקציען־קאַפּיטאַל פון 145 מיליאָן דאָלאַר פון „Chicago Rock Island“ און „Pacific Railroad Company“; די לעצטע באַזיצט נאָך חוץ דעם סטאַבּיליזירטע חובות 70,199,000 דאָלאַר אין 4־פּראָצענטיקע Collateral Trust Bonds און 17,361,000 דאָלאַר אין 5־פּראָצענטיקע Collateral Trust Bonds. די דאָזיקע באָנדס (Bonds) זייַנען אָבליגאַציעס, אויף וועלכע עס ליגן ווי אַ פאַרזיכערונג אייַנגעלייגט בייַ די געטרויער אַלס ערבית נאָך אַנדערע פּאַפּירן (וועגן די Collateral Trust Bonds, זע בייַ L. Green „Corporation Finance“, New-York 1906). Railroad Company באַזיצט צוויי אייַזנבאַן־געזעלשאַפטן: Chihago Rock Island און Pacific Railway Company. זייער חוב, וואָס איז פאַרזיכערט מיט ווערט־זאַכן, באַטרעפט 19,850,000 דאָלאַר; דער אַקציען־קאַפּיטאַל 74,259,000 דאָלאַר, פון וועלכע 70,190,000 דאָלאַר זייַנען אייַנגעלייגט געוואָרן בייַ די געטרויער אַלס פאַרזיכערונג פאַר דער דערמאָנטער עמיסיע פון די 4־פּראָצענטיקע Collateral Trust Bonds. St. Louis San-Francisko Railroad Company 2. מיט אַ קאָנסאָלידירטן חוב פון קיילעכדיקע 227 מיליאָן דאָלאַר. דער אַקציען־קאַפּיטאַל באַשטייט פון 5 מיליאָן דאָלאַר, פּריווילעגירטע אַקציעס פון דער ערשטער ריי, 16 מיליאָן דאָל׳, פּריווילעגירטע אַקציעס פון דער צווייטער ריי און 29 מיל׳ ד׳ געוויינלעכע אַקציעס, פון וועלכע די Rock Island Company האָט דערוואָרבן 28,940,000 דאָלאַר. די לעצטע האָט געגעבן פאַר יעדע 100 דאָלאַר אין אַקציעס 60 דאָלאַר 5־פּראָצענטיקע Collateral Trust Bonds, וועלכע האָבן געהערט צו דער Chicago Rock Island און Pacifik Railroad Company. אָט די ביידע גרויסע אייַזנבאַן־געזעלשאַפטן האָבן ווידער באַקומען אייגענע אונטערגעזעלשאַפטן.

דער ציל פון אָט דער קונציקער פינאַנסירונג איז קלאָר. די קאָנטראָל איבער דער גאַנצער מעכטיקער אייַזנבאַן־סיסטעם געהער צו די באַזיצער פון די פּריווילע־גירטע אַקציעס, פון דער Rock Island Company, וואָס נאָר זיי האָבן שטים־רעכט. אין דער צייַט, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט (1902), האָט דער קורס־ווערט פון אָט די פּאַפּירן באַטראָפן פון 40 ביז 70 פּראָצענט. כדי צו באַקומען אויף 27 מיליאָן דאָלאַר פּריווילעגירטע אַקציעס, וועלכע פאַרזיכערן די קאָנ־טראָלע, האָבן די גרינדער געדאַרפט האָבן אַן ערך 15 מיליאָן דאָלאַר. דאָס דאָזיקע געלט איז געוועזן גענומען, זי זאָל ווערן די הערשערין פון דער גאַנצער אייַזנבאַן־נעץ.

מיטגליד פון דעם אויפזיכטס=ראט באקומט דער גרויסער אקציאנער,
ערשטנס, אין דער פארם פון טאנטיעמע א געוויסן חלק אין ריווח [1];
צווייטנס, באקומט ער די מעגלעכקייט צו האבן אן איינפלוס אויף דער
פארוואלטונג פון דער אונטערנעמונג, — אדער גאר אויסנוצן די באַ=
האוונטקייט אין דער לאגע פון דער אונטערנעמונג צוליב ספעקולאציע
אדער אנדערע קאמערציעלע אפעראציעס. עס אנטשטייט א קרייז מענטשן,
וועלכע, שטיצנדיק זיך אויף דער קראפט פון זייער אייגענעם קאפיטאל
אדער זייענדיק די פארטרעטער פון דער קאנצענטרירטער קראפט פון
פרעמדן קאפיטאל (די באנק=דירעקטארן), ווערן מיטגלידער אין די אויפ=
זיכטס=ראטן אין א גרויסער צאל אקציען=געזעלשאפטן. עס שאפט זיך
א מין פראפעסיאנעלע אוניע [2], קודם=כל צווישן די פארשיידענע אקציען=

---

1 E. Loeb האט (Das Institut des Aufsichtsrates etc.,)
(Jahrbuch für Nationalökonomie und Statistik, 3 Folge, XXIII Bd. 1902
געשאצט די הכנסה פון די שטעלעס אין אויפזיכטס-ראטן פאר דייטשלאנד אין 1900
ביז 60 מיליאן מארק. פראנץ איילענבורג (Eulenburg) האט אין זיין
זייער געניייער ארבעט וועגן די אויפזיכטס-ראטן און די דייטשע אקציען-געזעלשאפטן
פארן יאר 1906 (פארעפנטלעכט אין דער זעלביקער אויסגאבע 3 Folge, XXXII
זייט 92 ff) געשאצט די דאזיקע סומע פארן יאר 1906 אויף בערך 70 מיליאן מארק.
יעדע אקציען-געזעלשאפט פארטיילט אלס טאנטיעמע אין דורכשניט $^{6}/_{10}$ פראצענט פון
איר נאמינעלן קאפיטאל, הייסט עס, אז יעדער מיטגליד פון אויפזיכטס-ראט באקומט
דורכשניטלעך $^{1}/_{10}$ פראצענט. אין די גרויסע אקציען-געזעלשאפטן איז די אבסאלוטע
גרייס פון די טאנטיעמעס, פארשטייט זיך, גרעסער, — ביז 6000 און 8000 מארק
און העכער. אזוי, למשל, האט די דרעזדענער באנק פארטיילט אלס טאנטיעמע 21,000,
Felten און Guillaume — 34000, Dürrkopp — 10,000, די דייטשע באנק —
32,000, Hörder Bergwerke — 15,000, Gelsenkirchen — 8,700, בייערישע
היפאטעק-באנק — 13,000 מארק.

2 די פראפעסיאנעלע אוניע איז דער אנהייב און דער סוף פון צוזאמענגעהעריקע
פאראייניקונגען, וועלכע מוזן צוליב אויסערלעכע טעמים בלייבן ארגאניזאציאנעל און
פארמעל אפגעטיילט, אבער זיי קענען אין דער פולער מאס פונאנדערשפרייטן זייער
ווירקזאמקייט בלויז דורך דעם, וואס זייער קראפט ווערט פאראייניקט אונטער אן איינ-
הייטלעכער אויבערשטער אנפירונג. די פראפעסיאנעלע אוניע צווישן עסטרייך און אונ-
גארן איז דער רודאמענט, וואס איז געבליבן פון דער צייט, ווען דיביידע לענדער
זיינען געווען פאראייניקט; ער האט, מעגלעך, נאר אויף אזוי פיל א באדייטונג, אויף
וויפיל ער קאן זיין דער אויסגאנגס-פונקט פון אן אנדער מין פארבינדונג. די פאר-
אייניקונג פון די עקאנאמישע און פאליטישע ארגאניזאציעס פון דעם ארבעטער-קלאס,
וואס ווערט פארווירקלעכט דורך דער פראפעסיאנעלער אוניע אין אן אויבערשטער אנפי-
רונג, גיט טאקע די מעגלעכקייט די ביידע צו אנטוויקלען זייער גאנצע קראפט. די
זעלביקע דערשיינונג — די פאראייניקונג פון דער עקאנאמישער און פאליטישער ארגאניזא-
ציע — מערקן מיר אויך ביי דעם דייטשן ערד-באזיץ, אין דעם בונד פון לאנדווירטן, און
אין א באזונדער פולקומענער פארם — אין דער ארגאניזאציע פון די פרייסישע פאליאקן.

געזעלשאפטן און דערנאך צווישן זיי און די בענק: אן אומשטאנד, וועלכער מוז אומבאדינגט האבן אן אומגעהייערן איינפלוס אויף דער פאליטיק פון די געזעלשאפטן, ווייל די פארשיידענע געזעלשאפטן ווערן פארבונדן דורך אלץ איינע באזיץ-אינטערעסן.

כדי צו פארווירקלעכן די קאנצענטראציע פון קאפיטאל אין איין אונטערנעמונג, זאמלט די אקציען-געזעלשאפט איר קאפיטאל פון איינצלנע קאפיטאל-חלקים, וועלכע זיינען באזונדער גענומען, אפשר, צו קליין צו קענען פונקציאנירן אלס אינדוסטריעלער קאפיטאל סיי איבערהויפט, סיי אין די אינדוסטריע-צווייגן, וועלכע זיינען די דאמיניעס פון דער אקציען-געזעלשאפט. מען דארף דא באמערקן, אז ביי דער ערשטער אנטשטייונג פון די אקציען-געזעלשאפטן איז אט די זאמלונג פארגעקומען דורך דירעקטע ווענדונגען צו באזונדערע קאפיטאליסטן. אבער אין ווייטערן גאנג פון דער אנטוויקלונג זיינען די איינצלנע קאפיטאלן שוין געווען געזאמלט און קאנצענטרירט אין די בענק. דעריבער ווערט שוין איצט די ווענדונג צום געלט-מארק דורכגעפירט דורך דער פארמיטלונג פון די בענק.

קיין שום באנק קאן אפילו נישט טראכטן וועגן שאפן דעם קאפי-טאל פאר א פריוואטער אונטערנעמונג. דאס איינציקע, וואס זי קאן בכלל טאן, איז געבן דער לעצטער בלויז א „צאלונגס-קרעדיט". אנדערש איז עס, ווען עס האנדלט זיך וועגן אן אקציען-געזעלשאפט. דאס צושטעלן דעם קאפיטאל באטייט דא פאר דער באנק נאר אויסלייגן אים, צעטיילן אים אויף פאיען, און דורך דעם פארקויף פון אט די פאיען צוריקבאקומען דעם קאפיטאל, ד"ה מאכן לויט דער פארם א ריין געלט-געשעפט ג—ג1. די מעגלעכקייט פון איבערגעבן און פארקויפן די דאזיקע קאפיטאל-שיינען, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם וועזן פון אן אקציען-געזעלשאפט, דערלויבט דער באנק צו „גרינדן" און סוף-כל-סוף צו באהערשן די אקציען-געזעלשאפטן. פונקט אזוי איז אויך פאר די אקציען-געזעלשאפטן די מעגלעכקייט פון באנק-חובות פיל גרעסער, ווי פאר א פריוואטער אונטערנעמונג. בכלל גענומען, מוז די לעצטע דעקן אזעלכע חובות פון די הכנסות, און דעריבער זיינען די דאזיקע חובות שטארק באגרעניצט, אבער טאקע דערפאר, — טאקע מחמת זייער רעאליטיוו קליינער מאס, — לאזן זיי דעם פריוואטן אונטערנעמער כמעט אינגאנצן זיין זעלבשטענדיק. די אקציען-געזעלשאפטן האבן אבער די מעגלעכקייט צו דעקן די דאזיקע באנק-חובות נישט בלויז פון די לויפנדיקע הכנסות, נאר אויך דורך דער פארגרעסערונג פון דעם קאפיטאל, דורך דעם ארויסלאז פון אקציעס און אבליגאציעס, וואס זייער עמיסיע עם ברענגט נאך ארײַן פאר דער באנק

א גרינדער-ריווח. דעריבער קאן די באנק צושטעלן דער אקציען-געזעל-
שאפט א רעלאטיוו גרויסן קרעדיט מיט א גרעסערער זיכערקייט איידער
א פריוואטער אונטערנעמונג, — און פריער פאר אלץ קאן זי געבן אן
אנדער מין קרעדיט, א קרעדיט נישט בלויז צו באדינען די צאלונגען,
ד"ה נישט בלויז א צירקולאציע-קרעדיט, נאר אויך א קרעדיט צו דער-
גאנצן דעם פעלנדיקן פראדוקטיוון קאפיטאל, הייסט עס, א קאפיטאל-
קרעדיט. דא קאן די באנק, אויב זי האלט פאר נייטיק, באגרעניצן די
דאזיקע קרעדיט-צושטעלונג אויף אזא אופן, אז זי שטעלט צו דער
אונטערנעמונג א נייעם קאפיטאל דורך נייע עמיסיעס פון אקציעס אדער
אבליגאציעס [1].

די באנק קאן אבער נישט נאר געבן קרעדיט דער אקציען-געזעל-
שאפט אין א גרעסערער מאס, ווי דער פריוואטער אונטערנעמונג, נאר
זי קאן אויך ארייַנלייגן א טייל פון איר געלט-קאפיטאל אויף א קירצע-
רער אדער לענגערער צייט אין אקציעס. ווי די מעשה זאל נישט זיין,
ווייַזט זיך דא ארויס א לאנגדויערנדיקע פאראינטערעסירונג מצד דער
באנק אין דער אקציען-געזעלשאפט: פון איין זייט מוז די באנק קאנטרא-
לירן די אקציען-געזעלשאפט, כדי צו האבן א גאראנטיע, אז דער קרעדיט
ווערט ריכטיק פארווענדט; פון דער צווייטער זייט באהערשט די באנק
די אקציען-געזעלשאפט, כדי צו זיכערן פאר זיך אלע פראפיטברענגענדיקע
פינאנציעלע טראנזאקציעס.

פון אט דער דאזיקער דויערנדיקער פאראינטערעסירונג מצד די
בענק נעמט זיך די שטרעבונג אונטערצוווארפן די געהעריקע אקציען-
געזעלשאפטן אונטער זייער באשטענדיקן קאנטראל, וואס דאס בעסטע
מיטל דערצו איז צו האבן א פארשטייערשאפט אין די אויפזיכט-ראטן.
די דאזיקע פארשטייערשאפט גיט איינצייַטיק א גאראנטיע, אז אלע
איבעריקע פינאנציעלע טראנזאקציעס, וועלכע זייַנען פארבונדן מיט די
עמיסיע-אפעראציעס, וועלן בלייַבן פאר דער באנק. פון דער אנדערער
זייט, כדי צו צעטיילן די ריזיקע און אויסצוברייטערן די ספערע פון אירע
געשעפטן, שטרעבט די באנק צו ארבעטן מיט וואס מער אקציען-
געזעלשאפטן און גלייַכצייַטיק צו באקומען א פארשטייערשאפט אין זייערע
אויפזיכט-ראטן. דאס, וואס זי האט אין איר רשות די אקציעס, גיט
איר די מעגלעכקייט ארייַנצופירן אירע פארטרעטער אויך אין אזעלכע
געזעלשאפטן, וועלכע האבן צום אנהייב געשטעלט א ווידערשטאנד דערצו.

---

1 דעריבער זייַנען גרויסע באנק-חובות פון א פריוואטער אונטערנעמונג אפט
פאראורזאכער פון זייַן פארוואנדלונג אין אן אקציען-געזעלשאפט.

אַט אזוי אַנטשטייט די טענדענץ צו דער קומולירונג פון די שטעלעס אין די אויפזיכטס-ראַטן 1.

1 די גרויסע בענק שטרעבן „אנצוקניפּן ווי ווייט מעגלעך פילזייטיקע פּאַר-בינדונגען מיט די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען — אין פּאַרהעלטעניש פון אָרט און אינדוסטריע-צווייג — און ווי ווייט מעגלעך צו באַזייטיקן די אומגלייכקייטן אין דער אָרטיקער און אינדוסטריעלער פּאַרטיילונג, וועלכע דערקלערן זיך פון דער געשיכטע פון איינצלנע אינסטיטוציעס. האָט ביי האָט מיט דעם גייט די שטרעבונג צו פּאַר-פעסטיקן די באַציונגען צו דער אינדוסטריע, צו שטיצן זיי אויף רעגולערע באַשטענ-דיקע פּאַרבינדונגען, זיי ברענגען צום אויסדרוק אין זיי גענבן די מעגלעכקייט זיך ווייטער אויסצוברייטערן און פּאַרטיפן דורך אַן אינערלעכער איינהייטלעכער סיסטעם פון באַזעצן די אַמטן אין די אויפזיכטס-ראַטן” (זייט (leidels, loc. cit. 180).

יײַדעלס גיט ווייטערדיקע טאַבעלע (פּאַרן יאָר 1903). אין די אַקציען-געזעל-שאַפטן זיינען געווען פּאַרטרעטן:

	די דייטשע באַנק	דיסקאָנטאָ-געזעלשאַפט	דאַרמשטעטער באַנק	דרעזדענער באַנק	שאַפהויזענ'שער באַנק-פּאַראיין	בערלינער האַנדעלס-געזעלשאַפט	סך-הכל
דורך דירעקטאָרן . .	101	31	51	53	68	40	344
דורך אייגענע מיטגלידער פון אויפזיכט-ראַט .	120	61	50	80	62	34	407
	221	92	101	133	130	74	751

הייסט עס, אַז בסך-הכל זעקס גרויסע בערלינער בענק האָבן אין אַלגעמיין געהאַט 751 ערטער אין די אויפזיכט-ראַטן.

לויטן נייסטן אַדרעסן-בוך פון דירעקטאָרן און מיטגלידער פון די אויפזיכט-ראַטן פאַרן יאָר 1909, זיינען אין דייטשלאַנד פאַראַן 12,000 אַזעלכע שטעלעס. אָבער 2918 געפינען זיך אין האַנט פון בלויז 179 פּערזאָן. דעם רעקאָרד האָט דאָ געשלאָגן קאַרל פירשטנבערג פון „בערלינער האַנדלס-געזעלשאַפט”, וועלכער פאַרמאָגט 44 מאַנדאַטן; אייגען גוטמאַן פון דער דרעזדענער באַנק האָט 35 שטעלעס. בכלל, פון די פאַרשיידענע פּראָפעסיעס פון די מיטגלידער, וועלכע זיינען פאַרטראָטן אין די אויפזיכט-ראַטן, איז אַמשטאַרקסטן פאַרטראָטן די באַנק-פּראָפעסיע, און דעריבער פאַלט אויס אויף איר חלק די גרעסטע קומולירונג. גענויע דאַטן וועגן דעם זע ביי Eulenburg l. c.

די זעלבע דערשיינונג מערקט זיך נאַטירלעך אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין יאָר 1906 איז די פירמע „S. P. Morgan and Co“ געווען פאַרטראָטן אין Board פון 5 בענק, 59 אייזנבאַנען, 3 שיפס-געזעלשאַפטן, 8 טרעסט-געזעלשאַפטן, 8 פאַרזי-כערונגס-געזעלשאַפטן און 40 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען Steinitzer a. a. O. Seite 158.

אַן אַנדער ראָלע שפּילן אין די אויפזיכטס=ראַטן די פאַרטרעטער פון דער אינדוסטריע. דאָ האַנדלט זיך וועגן איינשטעלן געשעפטס=פאַר= בינדונגען צווישן צוויי געזעלשאַפטן. ווען דער פאַרטרעטער פון אַן אייזן=הוטע זיצט, למשל, אין דעם אויפזיכטס=ראַט פון אַ קוילן=אינדוסטריע= אונטערנעמונג, ווירקט ער אויף אַזאַ אופן, אַז די אייזן=הוטע זאָל באַציען קוילן פון אָט דער אונטערנעמונג.

די דאָזיקע פּערסאָנאַלע אוניע, וואָס באַדייט גלייכצייטיק די קומו= לירונג פון די שטעלעס אין די אויפזיכטס=ראַטן אין די הענט פון אַ קליינער צאָל גרויסע קאַפּיטאַליסטן, איז דערפאַר וויכטיק, ווייל זי גרייט=צו אָדער פאַרגיכערט אַן ענגערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג צווישן די געזעלשאַפטן, וועלכע זיינען ביז אַהער געווען אומאָפּהענגיק איינע פון דער אַנדערער [1].

3. די אַקציען=געזעלשאַפט און די אינדיווידועלע אונטערנעמונג

די אַקציען=געזעלשאַפט ווענדעט זיך, הייסט עס, בשעת איר גרינדונג נישט צו דער רעלאַטיוו שמאָלער שיכט פון די פונקציאָנירנדיקע אָדער פונקציע=פעיִקע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע וואָלטן מוזן פאַראייניקן די אייגנטום=פונקציעס מיט די אונטערנעמער=פונקציעס. פון סאַמע אָנהייב אָן איז זי נישט אָפּהענגיק פון די פּערזענלעכע מעלות און בלייבט אומ= אָפּהענגיק פון זיי אין משך פון איר עקזיסטענץ. דער טויט, דאָס צעטיילן די ירושה צווישן די באַזיצערס אאַז"וו האָבן אויף איר קיין שום וויר=

1 דאַקעגן שפּילט די אויפזיכט גופא, אין זין פון אַ יורידישער פונקציע, קיין שום ראָלע נישט. אַזוי האָט, למשל, דער פאָרזיצער פון דער אַלגעמיינער פאַר= זאַמלונג פון „Elektrische Licht- und Kraftanlagen Aktiengesellschaft in Berlin“ אָפן ערקלערט: „די אידעע, אַז וועלכער נישט איז אויפזיכטס-ראַט אָדער מיטגליד פון אויפזיכטס-ראַט קאָן כלומרשט טאָן דאָס, וואָס דאָס געזעץ הייסט אים, איז פאַלש. די געזעצגעבער האָבן נישט געוווסט, וואָס זיי טוען, בשעת זיי האָבן דאָס דאָזיקע געזעץ געמאַכט. שטעלט אייך פאָר, אַז אַ מיטגליד אָדער דעם גאַנצן אויפזיכטס-ראַט איז איינגעפאַלן אין איין שיינעם טאָג נאָכצוגיין אַלע צוויגן פון איינער פון אונזערע גרויסע געזעלשאַפטן. בשעת ער קאָנטראָלירט אויף איין אָרט, קאָן מען אין צען אַנדערע אָפּטאָן די גרעסטע פעלער. דער ראַט מוז בלויז אָנמערקן די הויפּט=ריכטליניעס פאַר דער לייטונג פון דער געזעלשאַפט. ער קאָן האָבן אַן אויפזיכט איבער דער דירעקציע, זי זאָל נישט עובר זיין אויף די געזעצן און סטאַטוטן. וואָס שייך די פּרטים פון דער רעוויזיע — איז דאָס אַן ענין פאַר די רעווידיר-קאָמיסיעס" („בערלינער טאַגעבלאַט" פון 28 נאָוועמבער 1908).

קונג נישט. אָבער דאָ זעען מיר נאָך נישט דעם אנטשיידענעם אונטער־שייד פון אן אינדיווידועלער אונטערנעמונג, וועלכע קאָן, אָנגעהויבן פון א געוויסן גראַד פון איר אנטוויקלונג, פאַרבײַטן די פערזענלעכע מעלות, וואָס די אייגנטימער פאַרמאָגן נישט, מיט די פערזענלעכע מעלות פון באַצאָלטע אָנגעשטעלטע. פּראַקטיש האָט אויך קיין באַדײַטונג נישט דער צווייטער אונטערשייד, וואָס ווערט אין דער ליטעראַטור געמאַכט צווישן אן אַקציען־געזעלשאַפט און א פּריוואַטער אונטערנעמונג: נעמלעך, אז אין איין פאַל באַלעבאַטעוועט א סוביעקטיוו פולקום פאַראַנטוואָרטלעכער, גאַנץ אומאָפּהענגיקער, אָבער דערפאַר פולשטענדיק פאַראינטערעסירטער אונטערנעמער, און צווייטנס האָט די דעה א מענגע קנאָפּ־צוגערייטע, אײַנפלוסלאָזע אונטערנעמער (אַקציאָנערן), וועלכע זײַנען נאָר טיילווײַז פאַראינטערעסירט און ווייסן נישט, ווי אזוי מען דאַרף פירן דאָס געשעפט. אין דער ווירקלעכקייט זײַנען די אַקציען־געזעלשאַפטן, און גראָד די וויכטיקסטע, וואָס ברענגען אַרײַן מער הכנסה, אָט די, וואָס זײַנען די פיאָנערן, באַהערשט דורך דער אָליגאַרכיע, אָדער אפילו דורך איין גרויסן קאַפּיטאַליסט (אָדער באַנק), וועלכער איז אַלנפאַלס אויך אינגאַנצן פאַראינטערעסירט און אומאָפּהענגיק פון דער מענגע קליינע אַקציאָנערן. דערצו קומט נאָך צו דאָס, וואָס די לייטער, וועלכע שטייען בראש פון דער אינדוסטריעלער ביוראָקראַטיע, זײַנען פאַראינטערעסירט אין דער אונטערנעמונג צוליב די טאַנטיעמעס, און קודם־כּל צוליב דעם, וואָס געוויינלעך געהערט צו זיי א גרויסע צאָל אַקציעס.

פיל וויכטיקער איז אָט דער מאַטעריעלער אונטערשייד: די ווענדונג צו דעם געלט־מאַרק איז אן אַלגעמיינע ווענדונג צו די אַלע, וואָס האָבן געלט, — דערבײַ מיינט מען דאָ אונטערן וואָרט געלט אויך די מאַכט איבער דעם קרעדיט. די אַקציען־געזעלשאַפט איז אומאָפּהענגיק פון דער גרייס פון דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַל, וועלכער מוז ערשט קאָנצענטרירט ווערן אין איין האַנט, איידער ער וועט קאָנען פונקציאָנירן אַלס אינדוס־טריעלער קאַפּיטאַל אין א פּריוואַטער אונטערנעמונג. עס ווערט נישט בלויז גרעסער דער קרײַז מענטשן, — א געלט־קאַפּיטאַליסט קאָן זײַן יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געלט, — נאָר אויך יעדע געלט־סומע, וואָס איז העכער פון א געוויסן מינימום (וועלכער דאַרף, ווי באַקאַנט, באַטרעפן בלויז עטלעכע שילינג), באַקומט די מעגלעכקייט זיך צו פאַר־אייניקן אין דער אַקציען־געזעלשאַפט מיט אַנדערע געלט־סומען און אָנגעווענדעט ווערן אַלס אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל. דאָס שאַפט פאַר דער אַקציען־געזעלשאַפט שוין לכתחילה א פיל ליַכטערע מעגלעכקייט בײַם

גרינדן, איידער פאר א פריוואטער אונטערנעמונג, און פאר די שוין עקזיסטירנדיקע געזעלשאפטן — א פיל גרעסערע עקספאנסיע-קראפט.

אין דעם דאזיקן כאראקטער פון קאנצענטרירן דעם קאפיטאל פילן די אקציען-געזעלשאפטן אויס די זעלבע פונקציעס, ווי די בענק. דער אונטערשייד איז אזא: דער קאפיטאל, וואס ווערט געזאמלט אין די בענק, היט אויף די לכתחילהדיקע פארם פון א געלט-קאפיטאל און ערשט נאך זיין קאנצענטראציע ווערט ער איבערגעגעבן אלס קרעדיט אין רשות פון דער פראדוקציע. אין די אקציען-געזעלשאפטן פאראייניקט זיך דער צעשטויבטער קאפיטאל אין דער פארם פון א פיקטיוון קאפיטאל. מען דארף איבעריקנס נישט מיינען, אז די פאראייניקונג פון די קליינע קאפיטאלן, וועלכע דארבן ערשט ווערן עלעמענטן פון די גרויסע קאפי-טאלן, הייסט דאס זעלבע ווי די באטייליקונג פון קליינע קאפיטאליסטן. די קליינע קאפיטאלן קאנען פאקטיש געהערן צו גאר גרויסע קאפיטא-ליסטן. די קליינע קאפיטאלן פון די קליינע קאפיטאליסטן ווערן גיכער פאראייניקט דורך די בענק, איידער דורך די אקציען-געזעלשאפטן.

צו דער לייכטקייט פון שאפן קאפיטאל פאראייניקט זיך די לייכט-קייט פון אקומולאציע. אין דער פריוואטער אונטערנעמונג מוז די אקו-מולאציע געשען פון דעם ריווח. א טייל פון דעם ריווח ווערט נישט קאנסומירט, וואס באשטימט שוין אליין פאר זיך א געוויסע גרייס פון דער אונטערנעמונג, און ווערט אנגעזאמלט אלס לאטענטער געלט-קא-פיטאל, ביז ער וועט שוין זיין אזוי גרויס, אז ער וועט קלעקן אויף איינצואָרדענען א נייע פראָדוקציע, אויף אויסצוברייטערן די שוין עקזיס-טירנדיקע. אין אן אקציען-געזעלשאפט ווערן די דיווידענדן, געוויינטלעך, קודם-כל ארויסגעגעבן די אקציאָנערן. אָבער אויך דאָ איז פאראן די מעגלעכקייט צו אקומולירן א געוויסן טייל פון דעם ריווח, דערהויפט ביי הויכע דיווידענדן, וועלכע שטייגן ווייט אריבער די דורכשניטלעכע ציגזן-גרייס. אָבער קודם-כל איז דאָ די אויסברייטערונג אומאָפהענגיק פון דער אייגנטלעכער אקומולאציע פון די אייגענע הכנסות פון דער אונטערנעמונג און קאָן פאָרווירקלעכט ווערן דירעקט דורך דער פארגרע-סערונג פון דעם קאפיטאל. עס פאלט דאָ אָפּ די גרעניץ, וואָס שטייט פאר דעם וואקסן פון דער פריוואטער פראָדוקציע: די גרייס פון דעם ריווח, וואָס ווערט פראָדוצירט אין דער דאזיקער פראָדוקציע גופא. אדאנק דעם איז די ענערגיע פון וואקסן ביי דער אקציען-געזעלשאפט באדייטנדיק גרעסער, ווי ביי דער פריוואטער אונטערנעמונג. אין רשות פון דער אקציען-געזעלשאפט געפינט זיך דער גאנצער פרייער געלט-קאפי-טאל, סיי ווען עס האנדלט זיך וועגן פארברייטערן, סיי וועגן דער גרינדונג

פון אַט דער געזעלשאַפט. זי פאַרגרעסערט זיך נישט בלויז דורך דער אַקומולאַציע פון דעם אייגענעם ריווח. דער גאַנצער אַקומולירטער געלט=קאַפיטאַל, וועלכער זוכט פאַר זיך אַן אַנווענדונג, איז וואַסער, וואָס ער קאָן פאַרקערעווען צו איר מיל. עס ווערן באַזייטיקט די באַגרעניצונגען, וועלכע נעמען זיך מחמת דער צעדרויבלונג פון דעם קאַפּיטאַל צווישן די אידיווידועלע גלייכגילטיקע און צופעליקע באַזיצערס. די אַקציען=געזעלשאַפט ווענדעט זיך דירעקט צום פאַראייניקטן קאַפּיטאַל פון דעם קאַפּיטאַליסטן=קלאַס.

די אונטערנעמונג, וועלכע איז אומאָפּהענגיק פון דעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַל, ווערט אין איר גרייס אויך אומאָפּהענגיק פון דער גרייס פון דעם רייכטום, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין איינצלנע הענט, און זי קאָן זיך פאַרברייטערן אומאָפּהענגיק פון דעם גראַד, וועלכע די קאָנצענטראַציע פון דעם פאַרמעגן האָט דערגרייכט. אַזוי ווערן דורך דער אַקציען=געזעלשאַפט מעגלעך, — אָדער לכל=הפּחות אין נייטיקן פאַרנעם מעגלעך, — אַזעלכע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען מחמת דעם, וואָס זיי האָבן געפאָדערט גרויסע קאַפּיטאַלן, געווען נישט צוטריטלעך פאַר די פּריוואַטע אונטערנעמער, און דערפאַר טאַקע זיינען זיי נישט אַנטשטאַנען אָדער זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך דער מלוכה און זיינען, אַלזאָ, געשטאַנען אויסער דער ספערע פון דעם דירעקטן איינפלוס מצד דעם קאַפּיטאַל. אַלס וויכטיקסטער ביישפּיל קאָן דאָ דינען, ווי באַקאַנט, די אייזנבאַן, וועלכע האָט געגעבן אַ מעכטיקן שטויס צו דער פאַרשפּרייטונג פון די אַקציען=געזעלשאַפטן. די דאָזיקע פעיקייט פון דער אַקציען=געזעלשאַפט: אויפצורייסן די גרעניצן, וועלכע ווערן געשאַפן דורך דער פּערזאָן פון דעם אייגנטימער, אונטערצוואַרפן איר מאַסשטאַב דער גרייס נישט פון דעם פּערזענלעכן, נאָר פון געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל, — איז געווען אומגעהייער וויכטיק, דערהויפּט ביי דער ערשטער דערשיינונג פון די אַקציען=געזעלשאַפטן [1].

די עקספּאַנסיע פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקציען=געזעלשאַפט, קאָן זיך איצט באַפרייען פון די פענטעם פון דעם אינדיווידועלן אייגנטום און פאַרקומען אומשליסלעך אין הסכּם מיט די פאָדערונגען פון דער טעכניק. דאָס איינפירן נייע מאַשינען, דאָס פאַראייניקן קרובהשע פּראָדוקציע=צווייגן, דאָס

[1] ווען מיר ריידן דאָ וועגן געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל, מיינען מיר אַט וואָס: דער פּריוואַטער אונטערנעמער איז באַגרעניצט דורך דער גרייס פון דעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַל; די אַקציען-געזעלשאַפט — דורך דער גרייס פון דעם גאַנצן געלט-קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַראַן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און איז פריי צו אַ נייער פאַרוועדטונג.

אויסנוצן פאטענטן, — דאס אלץ געשעט בלויז פונם קוקווינקל פון טעכנישער און עקאנאמישער ראציאנעלקייט. די זארג, ווי ארום צו באקומען דעם נייטיקן קאפיטאל, וואס פאר א פריוואטער אונטערנעמונג שפילט דאס די הויפטראלע, עס באגרעניצט איר עקספאנסיע-קראפט, פארקלענערט איר עלאסטישקייט און קריגס-גרייטקייט, — ווערט דא אפגערוקט אויפן הינטערשטן פלאן. די קאניונקטורן קאנען דא בעסער, גרינדלעכער און שנעלער אויסגענוצט ווערן: דאס איז זייער א וויכטיקער אומשטאנד, דערהויפט דעמאלט, ווען דער דויער פון דער גוטער קאניונקטור פארקירצט זיך [1].

די אנגעוויזענע מאמענטן האבן זייער באדייטונג אין דעם קאנקורענץ-קאמף. מיר האבן געזען, אז די אקציען-געזעלשאפט באקומט קאפיטאלן א סך לייכטער, ווי די פריוואטע אונטערנעמונג. אויף אזא אופן,

---

1 „אן אקציען-געזעלשאפט איז דאס שארפסטע, זיכערסטע און דעריבער דאס בעסטע וואפן, וואס געפינט זיך נאר אין רשות פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפטלעכער ארדענונג, כדי דורכצוזעצן אירע קאנצענטראציע-טענדענצן. די אקציען-געזעלשאפט גופא שטעלט דאך שוין מיט זיך פאר א פולקומע קאנצענטראציע: די פאראייניקונג פון קליינע, צעשפליטערטע טיילן פון פארמעגן, וועלכע וואלטן באזונדער גענומען נישט געווען פעיק צו פראדוקטיווער פארווענדונג, אין אן אלגעמיינער קאפיטאל-מאסע, וועלכע איז אלס אזעלכע פאראויסבאשטימט און פעיק דורכצופירן אונטער אן איינהייטלעכער לייטונג די ווירטשאפטלעכע, ד"ה, די פראדוקטיווע צילן. מחמת דער לייכטקייט איבערצוגעבן און ירשענען די פאיען; ווייטער, מחמת דעם, וואס די פערזאן פון דעם אונטערנעמער ווערט כמעט אינגאנצן אפגעטיילט, וואס ביט אין א גרעסערער מאס, איידער ביי די אנדערע אונטערנעמונגס-פארמען, די ווארשיינלעכקייט פון לענגערן לעבנס-דויער, און צולעצט, מחמת דער (טעארעטישער) אומבאגרעניצטקייט פון די דיווידענדן, וועלכע ווערן דערווארט פון דעם פאראייניקטן קאפיטאל, — ווייזט די אקציען-געזעלשאפט ארויס אן אומגעוויינלעכע צוציונגס-קראפט אויף די פרייע קאפיטאלן. הייסט עס, אז זי האט מער מעגלעכקייטן, איידער יעדע אונטערנעמונגס-פארם, צו באפרידיקן אירע קרעדיט- און אויסברייטערונגס-באדערפענישן דורך דער קאפיטאל-פארגרעסערונג. אבער די לייכטקייט צו באקומען קאפיטאלן רופט, נאטירלעך, ארויס די טענדענץ צו פארגרעסערן דעם קאפיטאל; ווייל אין געביט סיי פון דער אינדוסטריע, סיי פונם האנדל, סיי פון דעם באנק-וועזן איז דאס עקאנאמישע געזעץ, א פנים, אזא: דאס פארטאפלען דעם קאפיטאל גיט די מעגלעכקייט מער ווי צו פארטאפלען די פראדוקציע, אדער מער ווי צו פארטאפלען דעם אומזאץ (באמערקונג: אבער נישט שטענדיק אויך די פארטאפלונג פון דער הכנסה), און טאקע מחמת אט דעם אליין ווערט שוין די טענדענץ צו פארגרעסערן דעם קאפיטאל פיל שטארקער מיט דעם וואקס פון אט דעם קאפיטאל, און צוזאמען דערמיט איז זי ביי גרעסערע קאפיטאלן רעלאטיוו שטארקער, ווי ביי קליינע קאפיטאלן". Riessner, „Zur Entwicklungsgeschichte der deutschen Grosbanken", Seite 152.

קאן די אקציען=געזעלשאפט ביי דער איינריכטונג פון איר פראדוקציע זיך רעכענען בלויז מיט דער טעכנישער זייט, בשעת דער אינדיווידועלער אונטערנעמער שטויסט זיך דערביי אלעמאל אן אויף די גרעניצן, וואס די גרייס פון זיין קאפיטאל באצייכנט. דאס טרעפט אויך דאן, ווען מען מוז אנקומען צו דעם קרעדיט, ווייל די גרייס פון דעם לעצטן איז אפהענגיק פון דער גרייס פון דעם אייגענעם קאפיטאל. דאקעגן, איז די אקציען=געזעלשאפט סיי בשעת איר גרינדונג און סיי דערהויפט ביי דער אויסברייטערונג אדער ביים דורכפירן נייע אינוועסטיציעס, נישט אפהענגיק פון די גרעניצן פון דעם פערזענלעכן אייגנטום. דעריבער קאן זי זיך איינאייגענען די בעסטע און נייסטע דערגרייכונגען, — און זי איז פיל אומאפהענגיקער אין דער אויסוואל פון דעם מאמענט פאר נייע אינוועסטיציעס, ווי דער פריוואטער אונטערנעמער, וועלכער מוזווארטן ביז זיין אונטערנעמונג וועט דערגרייכן די מינימאלע אנזאמלונג=פעיקע גרייס. הייסט עס, אז די אקציען=געזעלשאפט קאן ארגאניזירט ווערן אין טעכניש פולקומענערע פארמען, און וואס ס'איז כמעט גלייך וויכטיק, זי קאן באשטענדיק אויפהיטן די טעכנישע איבערגעוויכט. דאס באדייט אבער אויך, אז זי איז אימשטאנד אויסצונוצן די טעכנישע דערגרייכונגען, די פארשיידענע מעטאדן פון ארבעט=איינשפארונג, איידער זיי האבן נאך געפונען די אלגעמיינע אנווענדונג. אויף אזא אופן קאן די אקציען=געזעלשאפט, אין פארגלייך מיט דער פריוואטער אונטערנעמונג, ערשטנס ארבעטן אין א פיל גרעסערן מאסשטאב, צווייטנס, קאן זי אנווענדן די פולקומסטע און נייסטע טעכניק און מחמת דעם באקומען אן עקסטרע=ריווח אין פארגלייך מיט דער פריוואטער אונטערנעמונג.

דערצו קומט נאך צו אט דער אומשטאנד, וואס די אקציען=געזעלשאפט קאן אין פארגלייך מיט דער אינדיווידועלער אונטערנעמונג זיך מער באנוצן מיט דעם קרעדיט: אין צוזאמענהאנג דערמיט וועלן מיר דאס נאך אמאל קורץ באהאנדלען.

דער פריוואטער אונטערנעמער קאן געוויינטלעך באקומען קרעדיט בלויז אויף דער מאקסימאלער סומע פון צירקולירנדיקן קאפיטאל. יעדע ווייטערדיקע קרעדיטירונג, וואס גייט אריבער אט די גרעניצן, וואלט פארוואנדלט דעם קרעדיטירטן קאפיטאל אין אן אינדוסטריעלן גרונטקאפיטאל און ער וואלט, הייסט עס, פאר דעם ליי=קאפיטאליסט פאקטיש אנגעווארן דעם כאראקטער פון ליי=קאפיטאל. דער ליי=קאפיטאליסט וואלט זיך פשוט פארוואנדלט אין א אינדוסטריעלן קאפיטאליסט. דעריבער קאנען דעם קרעדיט פאר פריוואט=אונטערנעמער געבן בלויז אזעלכע פערזאנען, וועלכע זיינען באקאנט מיט אלע באדינגונגען און געשעפטס=

מעטאָדן פון די אינדוסטריעלער. דער קרעדיט פאר פריוואטע אונטערנע־מער פאָדערט די עקזיסטענץ פון די קליינע לאָקאלע בענק, פון פריוואטע באנקירן, וועלכע זיינען גוט באקאנט מיט די געשעפטס־פארהעלטענישן פון זייערע קליענטן.

דער אקציען־געזעלשאפט קומט אָן לייכטער צו באקומען קרעדיט, ווייל דער כאראקטער פון איר אָרגאניזאציע פארלייכטערט ביז גאָר די קאָנטראָל דורך דעם, וואָס די באנק קאָן פשוט דעלעגירן אירן א פאר־טרויאונגסמאן. דער פריוואטער באנקיר ווערט דאָ באזייטיקט דורך א באנק־באאמטן. ווייטער, דער אקציען־געזעלשאפט קאָן מען קרעדיטירן אין א פיל גרעסערן מאסשטאב, ווייל די אקציען־געזעלשאפט קאָן לייכט זיך שאפן קאפיטאל. דאָ האָט מען נישט וואָס מורא צו האָבן, טאָמער וועט דער גענומענער קרעדיט אוממאָביליזירט ווערן. ווען די אקציען־געזעלשאפט וואָלט זיך אפילו פאקטיש באנוצט מיט דעם קרעדיט אויף צו שאפן א גרונט־קאפיטאל, וואָלט זי, ביי גינסטיקע באדינגונגען, געקאָנט, אומאָפהענגיק פון דעםווירקלעכן צוריקפלוס פון דעם גרונט־קאפיטאל, מאָביליזירן א קאפיטאל דורך אן עמיסיע פון אקציעס און אים פארווענדן אויף צו באצאָלן די חובות אין דער באנק. פאקטיש ווערט דאָס שטענדיק אזוי געטאָן, דיביידע אומשטענדן: די לייכטקייט צו אָרגאניזירן די קאָנטראָל און דער אומשטאנד, וואָס דאָ פאלט לגמרי אָפּ די באגרעניצונג פון קרעדיט אויף דעם צירקולאציע־קאפיטאל, גיבן דער אקציען־געזעלשאפט די מעגלעכקייט אינטענסיווער צו באנוצן זיך מיט דעם קרעדיט און צוזאמען דערמיט אויך א נייע איבערגעוויכט אין דעם קאָנקורענץ־קאמף.

די עקאָנאָמישע איבערגעוויכט, אדאנק דער לייכטקייט צו שאפן קאפיטאל ביי דער גרינדונג, ווי אויך אדאנק דער לייכטערער אויסברייטע־רונג פון דער אונטערנעמונג, ברענגט מיט זיך די טעכנישע איבערגעוויכט.

די אקציען־געזעלשאפט פארמאָגט אָבער צוליב קאָנסטיטוציע אן איבערגעוויכט אויך דורך דעם פריזן־קאמף.

מיר האָבן געזען, אז דער אקציאָנער האָט דעם כאראקטער פון א געלט־קאפיטאליסט, און ער דערוואַרט פון דעם איינגעלייגטן קאפיטאל בלויז צינזן. נישט געקוקט אויף דעם גרינדער־ריווח, נישט געקוקט אויף דער פארקירצונג פון דעם ריווח דורך די פארגרעסערטע אדמיניסטרא־ציע־קאָסטן, טאַנטיעמעס אאז"וו, קאָן דער ריווח אין פארלויף פון א גינסטיקער אנטוויקלונג ווייט אַריבערשטייגן די צינזן.

ווי מיר האָבן געזען, געניסן ניט אלעמאָל די אקציאָנערן פון אָט דער געהעכערטער הכנסה. א טייל פון איר קאָן גיין אויף צו פאר־

שטאַרקן די אונטערנעמונג, אויך צו בילדן אַ רעזערוו־קאַפּיטאַל, וועלכער איז אין קריזיס־צײַט אַ שטאַרקערער שטיצפּונקט פאַר דער אַקציען־געזעל־שאַפט אין פאַרגלײַך מיט דער פּריוואַטער אונטערנעמונג. אין דער זעלבער צײַט גיבן די גרויסע רעזערוון די מעגלעכקייט צו פירן אַ מער אויסגעהאַלטענע דיווידענדן־פּאָליטיק און העכערן דורך דעם דעם קורס פון די אַקציעס. אָדער אַ טייל פון אָט די געהעכערטע הכנסות קאָן ווערן אַקומולירט, — דעמאָלט ווערט אָן דער פאַרגרעסערונג פון דעם נאָמינעלן קאַפּיטאַל געהעכערט דער ווירקלעך פונקציאָנירנדיקער קאַפּי־טאַל, וועלכער פּראָדוצירט ריווח. אויך דאָס העכערט, און אַפילו אין נאָך אַ גרעסערער מאָס, ווי דאָס שאַפן רעזערוון, דעם ווירקלעכן ווערט פון די אַקציעס. אָט אַזאַ העכערונג — וואָס ווײַזט זיך, אפשר, ערשט אַרום שפּעטער — איז לטובת די גרויסע און פעסטערע אַקציאָנערן, אינדער־צײַט ווען די קלענערע, די אָפּט זיך בײַטנדיקע אַקציען־באַזיצער מוזן באַצאָלן מיטן אָנוואָר פון אַ געוויסן טייל פון זייער ריווח.

אויב עס מאַכט זיך אָבער אַ נישט גינסטיקע קאָניונקטור און עס פאַרשאַרפט זיך דער קאָנקורענץ־קאַמף, קאָן די אַקציען־געזעלשאַפט, — בײַ וועלכער אַזאַ דיווידענדן־פּאָליטיק האָט שטאַרק רעדוצירט אָדער אינגאַנצן אָפּגעשאַפט דעם לכתחילהדיקן אונטערשייד צווישן דעם אַקציען־קאַפּיטאַל און דעם ווירקלעך פונקציאָנירנדיקן קאַפּיטאַל, — אַראָפּלאָזן אירע פּרײַזן נידעריקער פון די פּראָדוקציע־פּרײַזן ק+ר (פּראָדוקציע־קאָסטן פּלוס דורכשניט־נאָרמע פון ריווח), ביז דער פּרײַז ק+צ (פּראָדוקציע־קאָסטן פּלוס צינזן), — און וועט נאָך אויך אין דעם פאַל אויסצאָלן דיווידענדן, וועלכע וועלן באַטרעפן אַזויפיל, וויפיל דער דורשניט־צינז אָדער עטוואָס נידעריקער.

אַדאַנק דעם איז די ווידערשטאַנדס־קראַפט פון דער אַקציען־גע־זעלשאַפט פיל גרעסער. דער אינדיווידועלער אונטערנעמער מוז שטרעבן דערצו, ער זאָל רעאַליזירן דעם דורכשניט־ריווח. אויב ער פּראָדוצירט ווייניקער, וועט ער טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי אַרום אַרויסצובאַקומען זײַן קאַפּיטאַל. בײַ דער אַקציען־געזעלשאַפט איז די דאָזיקע שטרעבונג אַ שוואַכערע, — לכל־הפּחות בײַ אירע לייטער, אָבער, אַגב, אויך בײַ די אַקציאָנערן. דער פּריוואַטער אונטערנעמער מוז פון דער הכנסה דעקן די הוצאות פון זײַן אייגן לעבן; אויב זײַן ריווח פאַלט נידעריקער פון אַ געוויסער גרעניץ, וועלן די פּראָדוקציע־מיטלען ווערן קלענער, ווײַל ער וועט מוזן דעקן מיט אַ טייל פון זײַן קאַפּיטאַל די הוצאות פון זײַן אייגענער אויסהאַלטונג, ער באַנקראָטירט. אַנדערש איז עס מיט אַן אַקציען־געזעלשאַפט. זי שטרעבט צו באַקומען צ י נ ז ן אויף דעם אַקציען־קאַפּיטאַל. אָבער בכלל גענומען קאָן אַן אַקציען־געזעלשאַפט עקזיסטירן

כל־זמן זי אַרבעט נישט מיט היזק. קיין צוואַנג, זי זאָל אַרבעטן מיט ריינער הכנסה, עקזיסטירט פאַר איר איבערהויפּט נישט [1], — אַט דער צוואַנג, וועלכער פירט דירעקט צו דער קאַטאַסטראָפע, וואָס מוז געשען פאַר דעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַליסט צוליב דער פאַרקלענערונג פון זיין קאַפּיטאַל. עס קאָן זייער גרינגלעך זיין, אַז אַזאַ צוואַנג עקזיסטירט אויך פאַר דעם אַקציאָנער און צווינגט אים, ער זאָל פאַרקויפן די אַקציע. דער דאָזיקער פאַרקויף רירט אָבער נישט אָן דעם פונקציאָנירנדיקן קאַפּיטאַל. אויב דער ריינער ריווח איז נישט פאַרשוואונדן, נאָר ער האָט זיך בלויז פאַרקלענערט, קאָן די אַקציען־געזעלשאַפט אַזוי אויך עקזיסטירן אַ לאַנגע צייט. אויב דער ריינער ריווח איז געפאַלן נידעריקער פון דער דורכ־שניטלעכער גרייס פון די דיווידענדן, וועט דער פּרייז פון די אַקציעס פאַלן. די נייע קויפער און די אַלטע באַזיצער וועלן איצט אויסרעכענען די הכנסה אויף אַ קלענער געוואַקסענעם קאַפּיטאַל. דער קורס־ווערט פון דער אַקציע איז קלענער געוואָרן, — אָבער די אונטערנעמונג, וועלכע איז פון שטאַנדפּונקט פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליסט געוואָרן אַ נישט רענטאַבלע, ווייל זי ברענגט שוין נישט דעם דורכשניט־ריווח, איז פאַר די נייע קויפער פולקום רענטאַבל, און די אַלטע באַזיצער וואָלטן אין פאַל, ווען זי וואָלט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, נאָך מער פאַרלאָרן. אָבער אַפילו אַזאַ אַקציען־געזעלשאַפט, וואָס אַרבעט מיט היזק, צייכנט זיך אויך אויס מיט אַ גרעסערער ווידערשטאַנדס־פעיִקייט, ווי די פּריוואַטע אונטערנעמונג. אַ פּריוואַטער אונטערנעמער איז אין אַזאַ פאַל געוויינלעך פאַרלאָרן, דער באַנקראָט איז פאַר אים אומפאַרמיידלעך; די אַקציען־געזעלשאַפט קאָן, דאַקעגן, פאַרהעלטנישמעסיק זייער לייכט „רעאָרגאַני־זירט" ווערן, ווייל אַזוי ווי עס איז איר לייכט צו שאַפן קאַפּיטאַל, קאָן זי גיכער קריגן די סומעס, וועלכע זיינען נייטיק אויף ווייטער צו פירן און סאַנירן דאָס געשעפט. די אַקציאָנערן קומט געוויינטלעך אויס צו

1 „איבערהויפּט האָט די קאָמיסיע פון יאָר 1886 אויסגעהערט זייער פיל אָנקלאָגעס אויף דער קאָנקורענץ פון די אַקציען־געזעלשאַפטן; אַ סך עדות האָבן גע־טענהט, אַז די הויפּט־סיבה פון די נידעריקערע סחורה־פּרייזן נעמט זיך דערפון, וואָס אין זייער פיל אינדוסטריע־צווייגן זיינען צו „שטאַרק פאַרשפּרייט די אַקציען־געזעל־שאַפטן, וועלכע אַרבעטן אַפילו דאַן, ווען זיי ברענגען נישט קיין ריווח, ווייל דער אינטערעס פון די פּערזאָנען, וועלכע פירן אָן מיט דעם געשעפט (די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, די מיטגלידער פון אויפזיכטס־ראַט אאז"וו) איז, מען זאָל ווייטער פירן די פּראָדוקציע, נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, צי זי ברענגט ריווח". M. Туган-Барановскій — „Промышленный Кризис" СПБ. 1900 г. 145—146. אָדער Tugan-Baranowski, Studien zur Theorie und Geschichte der Handelskrisen in England". Iena 1901, Seite 162.

געבן זייער הסכמה דערויף. וואָרעם אין אַקציען־פּרייז דריקט זיך דאָך אויס דער צושטאַנד פון דער אונטערנעמונג. זיי מוזן דעם פאַקטישן היזק אויך נאָמינעל אויסדריקן. דער אַקציען־קאַפּיטאַל ווערט פאַרקלענערט, ד"ה די הכנסה ווערט פאַרטיילט אויף אַ קלענערן קאַפּיטאַל און איז אַזוי אַרום נאָך פאַר אים צוגעפּאַסט. אָדער, ווען עס איז בכלל נישטאָ קיין הכנסה, ווערט צוגעצויגן פרישער קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט פאַראייניקט מיט דעם אַלטן, נידעריקער געשאַצטן קאַפּיטאַל, און וועט שוין איצט ברענגען גענוג הכנסה. דורך־אַגב דאַרף מען זאָגן, אַז די אַלע סאַנירונגען און רעאָרגאַניזאַציעס האָבן אַ טאָפּלטע באַדײַטונג פאַר די בענק: ערשטנס, אַלס אַ ריווח ברענגענדיק געשעפט און, צווייטנס, אַלס גינסטיקע געלעגנהייט אָפּהענגיק צו מאַכן פון זיך אַזעלכע נויטבאַדערפטיקע געזעלשאַפטן.

דאָס אָפּטיילן דאָס קאַפּיטאַל־אייגנטום פון זײַנע פונקציעס האָט אַן אײַנפלוס אויך אויף דער פירונג פון דער אונטערנעמונג. די פאַראינטערעסירונג פון דעם אייגנטימער אַרויסצונעמען וואָס אַ שנעלערן און גרעסערן ריווח, די טענדענץ צו אַ רויב־ווירטשאַפט, וואָס דרימלט אין יעדער קאַפּיטאַליסטישער נשמה, — קאָן פאַר די לייטער פון אַן אַקציען־געזעלשאַפט ביז אַ געוויסן גראַד אָפּגערוקט ווערן אין אַ זײַט לגבי די ריין־טעכנישע פאָדערונגען, וועלכע די פּראָדוקציע שטעלט. זיי וועלן ענערגישער, ווי דער פּריוואַט־אונטערנעמער, פירן די אויסשטאַטונג פון דער אונטערנעמונג, די מאָדערניזירונג פון אַלטע אײַנריכטונגען און אויך דעם קאָנקורענץ־קאַמף, בכדי צו געווינען נײַע געביטן, נישט געקוקט אויף די קרבנות, וואָס די באַפרידיקונג פון די דאָזיקע פאָדערונגען קאָן קאָסטן די אַקציאָנערן. בײַ דעם פאַרוואַלטן מיט פרעמדן קאַפּיטאַל אַנטפּלעקט זיך אַ גרויסע ענערגיע, דרייסטקייט און ראַציאָנעלקייט, אַ שטריך פון פרײַ־זײַן פון פּערזענלעכע פניות, — נאָך בפרט, אַז אַזאַ פּאָליטיק באַקומט געוויינטלעך די צושטימונג פון די גרעסטע אײַנפלוס־רײַכסטע אַקציאָנערן, וועלכע קאָנען לײַכט אײַנגיין אויף דער צײַטווײַליקער פאַרקלענערונג פון זייער ריווח; וואָרעם אין געהעכערטן קורס און אין דעם געהעכערטן ריווח וועלן זיי דאָך, סוף־כל־סוף, באַקומען דעם לוין פאַר זייערע קרבנות, וועלכע עס האָבן געמוזט ברענגען אויך די קליינע אַקציאָנערן, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרקויפט זייערע אַקציעס.

די אַקציע־געזעלשאַפט שטײַגט איבער די פּריוואַטע אונטערנעמונג אין דעם פּרט, וואָס בײַ דער ערשטער קאָנען די ריין־עקאָנאָמישע באַדינגונגען און פאָדערונגען זיך דורכברעכן אַ וועג אפילו קעגן די באַדינגונגען פון דעם אינדיווידועלן אייגנטום, וועלכע קומען בײַ־

געוויסע אומשטענדן אין א קאנפליקט מיט די טעכניש-עקאנאמישע פאדערונגען.

די קאנצענטראציע-באוועגונג פון דעם קאפיטאל ווערט שטענדיק באגלייט פון דעם אפטיילן-זיך פון קאפיטאל-טיילן, וועלכע הייבן אן צו פונקציאנירן אלס נייע זעלבשטענדיקע קאפיטאלן.

> „א גרויסע ראלע שפילט דערביי, אגב, די צעטיילונג פון דעם פארמעגן אין די קאפיטאליסטישע פאמיליעס... הייסט עס, אז די אקומולאציע און די קאנצענטראציע, וואס באגלייט איר, ווערט נישט בלויז צעדרויבלט איבער פארשיידענע פונקטן, נאר אויך דאס וואקסן פון די פונקציאנירנדיקע קאפיטאלן ווערט איבערגעהאקט דורך דעם, וואס עס שאפן זיך נייע דורך דער שפאלטונג פון די אלטע קאפיטאלן. דעריבער שטעלט זיך די אקומולאציע פאר אונז פון איין זייט אלס וואקסנדיקע קאנצענטראציע פון פראדוצירמיטלען און הערשאפט איבער דער ארבעט, און פון דער אנדערער זייט שטויסט זי אפ א סך אינדיווידועלע קאפיטאלן" [1].

הייסט עס, אז מיט דער אויסברייטערונג פון דעם אקציע-וועזן ווערט די עקאנאמישע אנטוויקלונג באפרייט פון די אינווידועלע צופעליקייטן אין דער אייגנטום-באוועגונג, וועלכע שפיגלען זיך איצט אפ אויפן גורל פון די אקציעס, אבער נישט פון דער אקציען-געזעלשאפט גופא. דעריבער קאן די קאנצענטראציע פון די אונטערנעמונגען צוגיין שנעלער, איידער די צענטראליזאציע פון דעם אייגנטום. די ביידע באוועגונגען האבן זייערע אייגענע געזעצן. פונדעסטוועגן זיינען די טענדענצן צו קאנצענטראציע פאראן ביי ביידע, סיי אין דער באוועגונג פון די אונטערנעמונגען, סיי פון דעם אייגנטום. אין דער אייגנטום-באוועגונג איז זי בלויז צופעליקער, ווייניקער צווינגענדיק, און אין דער פראקטיק ווערט זי אפט איבערגעהאקט דורך פארשיידענע צופעליקייטן. אט די דאזיקע אויסערלעכע שיינבארקייט גיט אייניקע די געלעגנהייט צו ריידן וועגן דער דעמאקראטיזאציע פון דעם אייגנטום דורך די אקציעס. דאס אפטיילן-זיך פון דער אינדוסטריעלער קאנצענטראציע-באוועגונג פון דער אייגנטום-באוועגונג איז וויכטיק צוליב דעם, ווייל אדאנק דעם דארף די ערשטע בלויז פאלגן די טעכניש-עקאנאמישע געזעצן, אומאפהענגיק פון די גרעניצן פון דעם אינדיווידועלן אייגנטום. די דאזיקע קאנצענטראציע, וואס איז נישט גלייכצייטיק אויך די אייגנטום-קאנצענטראציע, דארף מען אונטערשיידן פון יענע קאנצענטראציעס און צענטראליזאציעס, וועלכע

1 זייט 589, Marx, „Kapital" II

ווערן פאַרווירקלעכט דורך דער אייגנטום=באַוועגונג און גייען פּאַראַלעל מיט איר 1.

אדאַנק דעם, וואָס דאָס אייגנטום איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקציען=אייגנטום, ווערט דער אייגנטימער אַן אייגנטימער מיט באַגרעניצטע רעכט. אַלס אַקציען=באַזיצער, ווערט ער אָפּהענגיק פון די באַשלוסן פון אַלע אַנדערע אַקציען=באַזיצערס: ער איז בלויז אַ מיטגליד (הגם נישט אַלע מאָל דווקא אַ דינענדיקער) פון דעם כּלל. מיט דער פאַרברייטערונג פון דעם אַקציען=וועזן ווערט אַזוי=אַרום דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום אַלץ מער פאַרוואַנדלט אין אַזאַ באַגרעניצטע אייגנטום, וואָס גיט דעם קאַפּי=טאַליסט בלויז דאָס רעכט אויף מער=ווערט, אָבער עס דערלויבט אים נישט אַנטשיידן אַריינצומישן זיך אין דעם גאַנג פון דער פּראָדוקציע. אָבער גראָד אָט די באַגרעניצונג גיט די באַזיצער פון דער מערהייט אַקציעס אַן אומבאַגרעניצטע הערשאַפט איבער דער מינדערהייט, און אויף אַזאַ אופן ווערט דאָס אייגנטום פון דעם גרעסטן טייל קליינע קאַפּיטאַליסטן אַלץ מער באַגרעניצט, דאָס אומבאַגרעניצטע אָרדענען מיט דער פּראָ=דוקציע ווערט באַזייטיקט, דער קרייז פון די, וועלכע הערשן איבער דער פּראָדוקציע, ווערט אַלץ שמעלער; די קאַפּיטאַליסטן בילדן אַ געזעלשאַפט, אויף וועמעס אָנפירערשאַפט די מערהייט האָט נישט קיין שום דעה צו זאָגן. די פאַקטישע אָנפירערשאַפט מיט דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל געהער צו די מענטשן, וועלכע האָבן אין דער ווירקלעכקייט אין אים אַריינגעלייגט בלויז אַ געוויסן טייל. קיין אינדיווידועלע אייגנטימער פון די פּראָדוציר=מיטלען זיינען שוין נישטאָ: זיי בילדן אַ געזעלשאַפט און דעם יחיד בלייבט בלויז די פאָדערונג אויף דעם געהעריקן חלק פון דער הכנסה.

4. די עמיסיע=טעטיקייט.

אַלס פאַרמיטלער אין דעם וועקסל=פאַרקער, פאַרבינדן די בענק דעם קאָמערציעלן קרעדיט מיט דעם באַנק=קרעדיט. אַלס פאַרמיטלער אין דער פאַרוואַנדלונג פון דעם פריי=ליגנדיקן געלט אין אַ געלט=קאַפּיטאַל, שטעלן די בענק צו די פּראָדוציר=קאַפּיטאַליסטן נייעם קאַפּיטאַל. אויספירנדיק אַ דריטע פונקציע, שטעלן די בענק אויך צו די פּראָדוציר=קאַפּיטאַליסטן קאַפּיטאַל, אָבער שוין נישט אויף אַזאַ אופן, וואָס זיי לייען אים, נאָר דורך דעם, וואָס זיי פאַרוואַנדלען דעם געלט=קאַפּיטאַל אין אינדוסטריעלן

1 העבן דעם אונטערשייד צווישן די באַגריפן „קאָנצענטראַציע“ און „צענטראַליזאַציע“ זע ביי מאַרקסן, „Kapital“ I, Seite 591 ff.

קאפיטאל און אין פיקטיוון קאפיטאל און זיי אליין פירן-דורך אַט די פארוואנדלונג. ערשטנס פירט די אנטוויקלונג אַלץ מער דערצו, אז דאָס גאנצע געלט פליסט אריין אין די בענק, און דערפאר טאקע קאָן דאָס בלויז דורך זייער פארמיטלונג פארוואנדלט ווערן אין געלט-קאפיטאל. צווייטנס, מחמת דער פארוואנדלונג פון דעם באנק-קאפיטאל אין אינ-דוסטריעלן קאפיטאל, הערט דער קאפיטאל אויף צו עקזיסטירן אין דער געלט-פאָרם און הערט צוזאמען דערמיט אויף צו זיין א פאסיקער באַ-שטאנדטייל פון דעם באנק-קאפיטאל. דער דאָזיקער ווידערשפרוך ווערט געלייזט דורך דער מאָביליזאציע פון דעם קאפיטאל, דורך זיין פארוואנד-לען-זיך אין א פיקטיוון קאפיטאל, אין קאפיטאליזירטע שיינען אויף הכנסה. און אזוי ווי גלייכצייטיק מיט אַט דער פארוואנדלונג אנטוויקלט זיך אויך דער מארק פאר אזעלכע שיינען און מען קאָן זיי צו יעדער צייט פארוואנדלען אין געלט, קאָנען זיי מחמת דעם ווערן דער באשטאנד-טייל פון דעם באנק-קאפיטאל גופא. די באנק גייט דאָ נישט אריין אין קיין שום קרעדיט-פארהעלטענישן און רעאליזירט נישט וועלכע נישט איז צינזן אויפן קאפיטאל. די באנק שטעלט בלויז צו אין רשות פון דעם מארק אין דער פאָרם פון פיקטיוון קאפיטאל יענעם געלט-קאפיטאל, וועלכער אין פאראויסבאשטימט פארוואנדלט צו ווערן אין אינדוסטריעלן קאפיטאל. דער פיקטיווער קאפיטאל ווערט פארקויפט אויפן מארק, און די באנק רעאליזירט דעם גרינדער-ריווח, וואָס אנטשטייט פון דער פאר-וואנדלונג פון דעם אינדוסטריעלן אין א פיקטיוון קאפיטאל. הייסט עס, אז דער אויסדרוק „עמיסיע-קרעדיט" באצייכנט נישט וועלכע נישט איז קרעדיט-פארהעלטעניש: נאָר דעם מער אָדער ווייניקער באגרינדעטן צוטרוי פון דעם פובליקום, אז די באנק וועט דאָ נישט אָפּנארן.

די דאָזיקע פונקציע פון דער באנק — דאָס פארווירקלעכן די מאָבי-ליזאציע פון דעם קאפיטאל — נעמט זיך פון דעם, וואָס אין איר רשות געפינט זיך דאָס גאנצע געלט פון דער געזעלשאפט. אין דער זעלבער צייט פאָדערט אָבער די דאָזיקע פונקציע פון דער באנק, אז זי זאָל האָבן אן אייגענעם גרויסן קאפיטאל. דער פיקטיווער קאפיטאל, דער חוב-טיטל, איז סחורה sui generis, וועלכע ווערט ערשט דורכן פאר-קויף צוריק פארוואנדלט אין געלט. פאר דער א פארוואנדלונג איז אָבער נייטיק א געוויסע צירקולאציע-צייט, אין משך פון וועלכער דער קאפיטאל פון דער באנק איז געבונדן אין אַט דער סחורה. דערצו נאָך קאָן מען נישט אין יעדן מאָמענט דורכפירן דעם פארקויף, און די באנק מוז צו יעדער צייט אויספילן אירע התחייבותן אין דער געלט-פאָרם.

פאר די דאזיקע טראנזאקציעס מוז די באנק שטענדיק האבן אין איר רשות א קאפיטאל, אויף וועלכן עס זיינען נישט חל קיין שום התחייבותן, הייסט עס, אן אייגענעם קאפיטאל. אין דער זעלבער ציַיט, צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, פארגרע־סערן זיך אויך די טראנזאקציעס און דעריבער אויך די נויטווענדיקייט צו פארגרעסערן דעם אייגענעם באנק־קאפיטאל 1.

וואס גרעסער עס איז די מאכט פון דער באנק, אלץ פולשטענ־דיקער גיט זיך איין צו רעדוצירן די דיווידענדן אויף דעם צינזן־פוס, און אן אלץ פולערער מאס פאלט דער גרינדער־ריווח אריין אין דער באנק. פארקערט, די שטארקערע און איינגעפונדעוועטע אונטערנעמונגען געלינגט ביַי א פארגרעסערונג פון זייער קאפיטאל צו לאזן פאר זיך א טייל פון דעם גרינדער־ריווח. צוליב דער פארטיילונג פון דעם גרינדער־ריווח אנטשטייט אן אייגנארטיקער קאמף צווישן דער אקציען־געזעלשאפט מיט דער באנק און דאס גיט דער באנק א נייעם מאטיוו צו זיכערן פאר זיך די הערשאפט איבער דער אונטערנעמונג.

עס איז שוין זעלבסטפארשטענדלעך, אז דער גרינדער־ריווח ווערט דערגרייכט נישט נאר ביַי די גרינדונגען אין אייגנטלעכן זין פוןווארט, — עס איז אלץ איינס, צי עס איז א גרינדונג פון פולשטענדיק נייע אונ־טערנעמונגען אדער א פארוואנדלונג פון די שוין עקזיסטירנדיקע פריוואטע אונטערנעמונגען אין אקציען־געזעלשאפטן. דער גרינדער־ריווח, אין עקא־נאמישן זין פון ווארט, קאן באקומען ווערן אויך ביַי יעטווידער קאפי־טאל־פארגרעסערונג אין די שוין עקזיסטירנדיקע אקציען־געזעלשאפטן, אויב נאר זייער הכנסה איז העכער פון דעם געוויינלעכן צינז.

---

1 די דאזיקע טענדענץ צו פארגרעסערן דעם באנק־קאפיטאל קאן נאך פאר־שטארקט ווערן דורך א געזעצל. כער אינטערווענץ. אט אזא איז די באשטימונג פון דעם דייטשן אקציען־געזעץ: ביַי דער פארוואנדלונג פון פריוואטע אינטערנעמונגען אין אן אקציען־געזעלשאפט קאנען די אקציעס ווערן צוגעלאזט אויף דער בערזע ערשט אין א יאר ארום נאך דער גרינדונג; דער פועל־יוצא דערפון איז געווען דאס, וואס עס איז אוממעגלעך געווען צו מאביליזירן דעם באנק־קאפיטאל אין משך פון א גאנץ יאר און, הייסט עס, אין פארלויף פון אט דער ציַיט איז דער באנק־קאפיטאל פארוואנדלט געווארן אין א אינדוסטריעלן קאפיטאל און קאן נישט צוריק אנגעמען די געלט־פארם. אויף אזא אופן איז די גרינדונגס־טעטיקייט, דערהויפט, ווען עס האנדלט זיך וועגן גרויסע אונטערנעמונגען, געווארן דער מאנאפאל בלויז פון די גרויסע בענק מיט א גרויסן אייגענעם קאפיטאל. אין דער זעלבער ציַיט האט דאס אויך מיטגעווירקט דער קאנצענטראציע פון דעם באנק־וועזן, צו די זעלביקע גרויסע בענק פאלט דערנאך אויך אריין דער גרינדער־ריווח.

דאָס, וואָס דאָס פאַלן פון דעם ציגזן-פוס שטעלט מיט זיך באַר, אין טיילווייז בלויז אַ פּועל-יוצא פון דער פּראָגרעסירנדיקער רעדוקציע פון דעם דיווידענד צו דער הייך פון צינז, בשעת אין דעם גרינדער-ריווח ווערט אַלץ מער קאַפּיטאַליזירט דער גאַנצער אונטערנעמער-ריווח: אַ פּראָצעס, אַלס באַר-הנחה פון וועלכן עס דינט די פאַרהעלטנישמעסיק הויכע אַנטוויקלונג פון די בענק און זייער פאַרבינדונג מיט דער אינדוסטריע, ווי אויך די אַנטשפּרעכנדיקע אַנטוויקלונג פון דער בערזע, ווי אַ מאַרק פון דעם פיקטיוון קאַפּיטאַל. אויב דער צינז אויף די אייזנבאַן-אָבליגאַציעס האָט אין די 70ער יאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויסגעמאַכט 7 פּראָצענט, און איצט בלויז $3^1/_2$ פּראָצענט [1], נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס דער טייל, וואָס האָט אין די 7 פּראָצענט פאַרגעשטעלט דעם אונטערנעמער-ריווח, ווערט איצט קאַפּיטאַליזירט פון די גרינדער. דאָס איז וויכטיק אויך דערפאַר, וואָס עס אַנטפּלעקט די טענדענץ פון דעם גרינדער-ריווח צום שטייגן, וועלכע נעמט זיך דערפון, וואָס די הכנסה אויף די אַקציעס און אָבליגאַציעס ווערט אַלץ מער רעדוצירט אויף דעם בלויזן צינז. דער דאָזיקער טענדענץ פון דעם גרינדער-ריווח צום שטייגן ווירקט אַנטקעגן דאָס פאַלן פון דער ריווח-נאָרמע; פונדעסטוועגן דאַרף מען מיינען, אַז דאָס דאָזיקע פאַלן, — וואָס ווערט אַזוי אָפּט איבערגעריסן און עס זיינען דעם אַנטקעגנגעשטעלט אַזויפיל קעגנווירקונגען, וועלכע הויבן דעם ריווח, — האָט אין דער אונטערשטער שורה נישט געקאָנט צונישט מאַכן די טענדענץ צו דער פאַרגרעסערונג פון דעם גרינדער-ריווח; מען דאַרף דעריבער אָננעמען, אַז אין דער נייסטער צייט איז דער לעצטער אַלץ מער געשטיגן, און דערביי אַמשטאַרקסטן אין די לענדער, וווּ עס האָבן זיך אַמשנעלסטן אַנטוויקלט די בענק און די בערזעס און וווּ דער איינפלוס פון די בענק אויף דער אינדוסטריע האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה.

בשעת דער געלט-קאַפּיטאַליסט לייט דעם קאַפּיטאַל, באַקומט ער צינזן; די באַנק, וועלכע עמיטירט די אַקציעס, לייט אין דעם פאַל גאָרנישט און באַקומט דעריבער נישט קיין צינזן. דעם צינז באַקומען דאָ די באַזיצער פון די אַקציעס אין דער פאָרם פון דיווידענד. פאַר דער באַנק בלייבט דער אונטערנעמער-ריווח, אָבער נישט אַלס יערלעכע הכנסה, נאָר אַ קאַפּיטאַליזירטע, אַלס גרינדער-ריווח. דער אונטערנעמער-

1 זע: Edward Sherwood Meade—„Trust Finance", New-Jork 1907, Seite 24?.

ריווח איז א שטענדיק לויפנדיקע הכנסה, אָבער זי ווערט דער באַנק אויסגעצאָלט איין מאָל פאר אלעמאָל אלס גרינדער־ריווח. די באנק נעמט די קאפיטאליסטישע פארטיילונג פון דעם אייגנטום אלס אייביקס און אומפארענדערלעכס און עסקאָנטירט די דאָזיקע אייביקייט אין דעם גרינדער־ריווח. אויף אזא אופן איז זי שוין איינמאָל פאר אלעמאָל באַ־לוינט און זי קאָן שוין מער נישט פרעטענדירן, מען זאָל איר באַלוינען פאר דאָס אָפּשאַפן די דאָזיקע אייגנטום־פארטיילונג. זי האָט שוין איר לוין באַקומען.

קאַפּיטל אַכט

די עפעקטן-בערזע

1. בערזע-פּאַפּירן, ספּעקולאַציע

די בערזע איז אַ מאַרק פאַר די עפעקטן. אונטער די עפעקטן פאַרשטייען מיר דאָ פריִער פאַר אַלץ בכלל „ווערט-פּאַפּירן", וועלכע רעפּרעזענטירן געלט-סומעס. זיי צעפאַלן זיך אויף צוויי הויפּט-גרופּעס: ערשטנס, געלט-אַנווייזונגען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר נישט עפּעס אַנדערש, ווי שולד-שיַינען, ד"ה קרעדיט-פּאַפּירן, אויף וועלכע עס איז אָנגעוויזן די סומע, אויף וועלכער זיי זיַינען אויסגעשטעלט; דער וועקסל איז דער הויפּט-רעפּרעזענטאַנט פון אָט דער קאַטעגאָריע; די צווייטע גרופּע שטעלן מיט זיך פאָר די פּאַפּירן, וועלכע רעפּרעזענטירן נישט די געלט-סומע גופא, נאָר די הכנסה אירע; זיי ווידער צעפאַלן זיך אויף צוויי אונטער-אָפּטיילונגען: אויף פּאַפּירן מיט אַ באַשטימטער צינזן-הכנסה — מלוכה-שולד-שיַינען און אָבליגאַציעס, — און אויף דיווידענד-פּאַפּירן, אַקציעס. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט נעמט אָבער, ווי מיר ווייסן שוין, יעדע הכנסה, וואָס חזרט זיך רעגלמעסיק (יערלעך) איבער, אָן די פאָרם פון אַ פּעריאָדישער פּראָצענטועלער הכנסה פון קאַפּיטאַל, וואָס איר גרייס איז גליַיך צו דער פאַקטיש באַקומענער הכנסה, וועלכע איז קאַפּיטאַליזירט פון דעם הערשנדיקן צינזן פוס. אויף אַזאַ אופן רעפּרעזענטירן אויך די דאָזיקע ווערט-פּאַפּירן געלט-סומעס. פונדעסטוועגן איז דער אונטערשייד פון דער ערשטער גרופּע אָט דער: אין די קרעדיט-פּאַפּירן איז די געלט-סומע דער לכתחילהדיקער פאַקט; דאָס געלט, אָדער דער ווערט פון אַ גליַיכער גרייס איז דאָ ווירקלעך געליען געוואָרן און איצט טראָגט דאָס צינזן. די דאָזיקע פּאַפּירן געפינען זיך אין צירקולאַציע אין משך פון אַ באַשטימטער ציַיט: ווען דער קאַפּיטאַל וועט ווערן צוריק אויסגעצאָלט, איז דאָס זייער סוף. דעמאָלט ענדיקט זיך דער טערמין פון דעם וועקסל. און הגם אין צירקולאַציע געפינען זיך שטענדיק וועקסלען, איז דאָס נישט קיין מניעה דערצו, וואָס עס האַלט

זיך אין איין ענדיקן דער טערמין פון דעם אָדער יענעם איינצלנעם וועקסל, און דער געליענער קאַפּיטאַל פליסט צוריק אַרײַן צום מלווה: דער לעצטער באַקומט די סומע געלט צוריק און קאָן דאָס ווידער אויסלײַען. דאָס פעליק=ווערן פון די וועקסלען, — אַלזאָ, דער באַשטענדיקער צוריקפלוס פון דעם קאַפּיטאַל צו זײַן אייגנטימער, — איז דאָ דער באַדינג פון אַ שטענדיקער באַנײַאונג פון דעם פּראָצעס.

אַנדערש איז עס מיט דער צווייטער גרופּע ווערט=פּאַפּירן. דאָ איז דאָס געלט דעפיניטיוו אַוועקגעגעבן. אויב עס האַנדלט זיך וועגן מלוכה=פּאַפּירן, האָט דאָס געלט שוין לאַנג געקאָנט אומפּראָדוקטיוו אויסגעגעבן ווערן, ד"ה, אַז עס איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן; אויב עס האַנדלט זיך וועגן אינדוסטריע=פּאַפּירן, האָט דאָס געלט, וואָס איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף אײַנצוקויפן באַשטענדיקן און זיך=בײַטנדיקן קאַפּיטאַל=גערינט אַלס קויף=מיטל, דער ווערט פון דעם געלט איז איצט פאַראַן אין די עלעמענטן פון דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל, און די געלט=סומע גופא געפינט זיך אין די הענט פון די פאַרקויפער און וועט זיך שוין נישט אומקערן צו איר אויסגאַנגס=פּונקט. די אַקציעס קאָנען שוין דעריבער דאָס דאָזיקע געלט נישט רעפּרעזענטירן, ווײַל דאָס געלט איז אַריבער אין רשות פון די סחורה=פאַרקויפער (פון די, וואָס פאַרקויפן די עלעמענטן פון דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל) און עס איז, הייסט עס, געוואָרן זייער אייגנטום. זיי רעפּרעזענטירן אָבער בשום=אופן נישט דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל גופא. וואָרעם, ערשטנס, קענען די אַקציען=באַזיצערס נישט פּרעטענדירן אויף וועלכן נישט איז טייל פון דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל, — זיי האָבן רעכט בלויז אויף דער הכנסה, און, צווייטנס, רעפּרעזענטירט נישט די אַקציע וועלכן נישט איז קאָנקרעטן געברויך=ווערט, פּונקט אַזוי ווי וואַראַנטן אָדער לאָדונג=שײַנען; די אַקציע וואָלט דאָס אָבער יאָ געדאַרפט זײַן, ווען זי וואָלטווירקלעך רעפּרעזענטירט אַ געוויסן חלק אין דעם פּראָדוקטיוו פונקציאָנירנדיקן קאַפּיטאַל, אָבער פאַקטיש גיט זי בלויז אַ תביעה אויף אַ געוויסער געלט=סומע. און דעם דאָזיקן אומשטאַנד שטעלט דאָך מיט זיך פאָר „די מאָביליזאַציע" פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. די דאָזיקע „געלט=סומע" איז אָבער נישט עפּעס אַנדערש, ווי די הכנסה, וואָס איז קאַפּיטאַליזירט לויט דעם עקזיסטירנדיקן צינזן=פוס. הייסט עס, אַז די הכנסה, די יערלעכע אײַננאַמע, איז דאָ דער אויסגאַנג=פּונקט בײַ דעם אָפּשאַצן די פּאַפּירן, און די געלט=סומע ווערט באַרעכנט ערשט לויט דער הכנסה.

די פּאַפּירן מיט פעסטע צינזן דערנעענטערן זיך צו דער ערשטער גרופּע אויף אַזויפיל, וואָס צו יעדער צײַט אַנטשפּרעכט יעדער באַשטימ=

טער הכנסה א באַשטימטע סומע געלט. זיי געהערן אָבער צו דער צווייטער גרופּע, ווײַל יענע געלט, וואָס זיי האָבן לכתחילה רעפּרעזענטירט, איז דעפיניטיוו אַוועקגעגעבן געוואָרן, און עס איז גאָר נישט קיין מוז, אַז עס זאָל זיך צוריק אומקערן צום אויסגאַנגס־פּונקט; הייסט עס, אַז דער קאַפּיטאַל, וואָס זיי שטעלן פאָר, איז אַ פיקטיווער, זײַן גרייס ווערט באַרעכנט לויט דער הכנסה. דער חילוק צווישן די פּאַפּירן מיט אַ פעסטן צינז און די איבעריקע הכנסה־פּאַפּירן איז דער, וואָס די פּרײַזן פון די ערשטע, ויען מען זאָל אַוועקשטעלן אָן אַ זײַט די צופעליקע באַשטימענדיקע אומשטענדן, זײַנען אָפּהענגיק פון דעם צינזן־פוס, און די פּרײַזן פון די אַנדערע — פון דעם צינזן־פוס און פון דער אָרער יענער גרייס פון דער הכנסה. הייסט עס, אַז דער פּרײַז פון די ערשטע קאָן בלויז לײַדן פון פאַרהעלטענישמעסיק קליינע וואַקלונגען, דערצו פון אַזעלכע וואַקלונגען, וועלכע געשעען בהדרגה, אין צוזאַמענהאַנג מיט די לײַכט פאָרויסגע־זעענע וואַקלונגען פון דעם צינזן־פוס. פאַרקערט, אין דער צווייטער גרופּע איז די גרייס פון דער הכנסה אומבאַשטימט און איז אונטערגעוואָרפן פילפאַכע ענדערונגען, וועלכע לאָזן זיך נישט שטענדיק בײַצײַטנס באַרע־כענען און זײַנען גורם שטאַרקע פּרײַז־וואַקלונגען פון די דאָזיקע פּאַפּירן. דעריבער טאַקע זײַנען זיי דער הויפּט־אָביעקט פון דער ספּעקולאַציע.

פון דעם אַלעמען איז שוין געדרונגען, אַז די אַלגעמיין־פאַרשפּרייטע באַצייכענונג פון דער בערזע אַלס „קאַפּיטאַל־מאַרק“ איז ניט צוגעטראָפן פאַר איר וועזן.

די פּאַפּירן פון דער ערשטער גרופּע זײַנען חוב־שײַנען. די גרעסטע מערהייט זייערע איז אַנטשטאַנען פון די צירקולאַציע־אַקטן, פון דער סחורות־איבערטראָגונג, וואָס קומט פאָר אָן דער אַרײַנמישונג פון דעם געלט, וואָס האָט דאָ פונקציאָנירט בלויז אַלס צאָלונגס־מיטל. אַלס קרעדיט־געלט האָבן זיי פאַרביטן דאָס מזומנע געלט. דער האַנדל מיט די דאָזיקע פּאַפּירן אויף דער בערזע באַטײַט נאָר דאָס אַריבערטראָגן דעם קרעדיט פון איינעם אויפן אַנדערן. אָבער, ווי מיר ווייסן שוין, איז די צירקולאַציע פון דעם ווירקלעכן געלט אַ פאָר־הנחה און אַ דערגאַנצונג פון דער צירקולאַציע פון דעם קרעדיט־געלט. נאָר אַזוי ווי דאָס קרעדיט־געלט. וואָס געפינט זיך אין דער צירקולאַציע, באַדינט נישט בלויז דעם אינלענדישן, נאָר אויך דעם אויסלענדישן צאָלונגס־פאַרקער, מוז די בערזע האָבן אין איר רשות נישט בלויז דאָס אינלענדישע קרעדיט־געלט, נאָר אויך אויסלענדיש קרעדיט־געלט און מעטאַל־געלט. דעריבער געפינט זיך אויף דער בערזע, אַלס דערגאַנצונג צו דעם קרעדיט־פאַרקער, דער צענטער

פון דעם האנדל מיט אויסלענדישע וואלוטעס און מיט געלט. אהערצו־שטראָמט דער אין געגעבענעם מאָמענט פרייער קאפּיטאַל, כדי צו גע־פינען פאר זיך א פּאַרווענדונג, און ער געפינט זי אין די קרעדיט־פּאַפּירן. אין דער דאָזיקער טעטיקייט קאָנקורירט די בערזע מיט די אייגנטלעכע קרעדיט־אינסטיטוציעס, מיט די בענק. עס איז אָבער דאָ פאראן א חילוק, סיי קוואנטיטאַטיוו, סיי קוואליטאַטיוו. קוואנטיטאַטיוו: ווייל דאָ שפּילט קיין ראָלע נישט, ווי אין די בענק, דאָס זאמלען פון די פארשיידנסטע קליינע מקורים, — דאָ זוכן פון אָנהויב אָן א פּאַרווענדונג די גרויסע און שוין אָנגעזאמלטע קאפּיטאַלן. די קאָנצענטראַציע פון דעם געלט, וואָס איז אזא וויכטיקע פונקציע פון די בענק, איז דאָ שוין פאַרגעקומען. דער קוואליטאַטיווער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס דאָ האנדלט זיך נישט וועגן פאַרשיידענע אופנים פון קרעדיטירונגען. דאָ ווערט פּשוט פאַרגעלייגט געלט, וואָס איז נייטיק אויף אונטערצוהאַלטן די צירקולאַציע פון דעם קרעדיט־געלט. דאָס געלט ווערט אין גרויסע סומעס אַריינגע־לייגט אין ערשטקלאַסיקע וועקסלען. סיי ביים אָנבאָט, סיי ביי דעם נאָכפרעג האָט מען דאָ צו טאָן מיט גרויסע סומעס; דער אָנבאָט און דער נאָכפרעג ווערן דאָ קאָנצענטרירט אנטקעגנגעשטעלט. דאָ ווערט טאַקע פעסטגעשטעלט דער מארק־פּרייז פון דעם לייַ־קאַפּיטאַל, דער צינזן־פוס. דאָס איז א ריינער צינז, וואָס איז פריי פון יעטווידער ריזיקע־פּרעמיע, — עס האנדלט זיך דאָך דאָ וועגן די בעסטע פּאַפּירן, וועלכע מען קאָן נאָר קריגן אין אָט דער פאַרדאַרבענער קאַפּיטאַליסטישער וועלט; דאָס צווייפלען אין זייער גוטסקייט איז נאָך ווייניקער געמאָלט, ווי דאָס צווייפלען אין גאָטס חסד. דער צינז אויף אָט די פיינסטע וועקסלען, — פיין מיינט מען דאָ נישט אין זין פון דער פיינקייט פון דעם געברויכס־ווערט פונם מאַטעריאַל, וואָרום אפילו פּרימאַ־וועקסלען ווערן נישט געשריבן אויף יאפּאַניש פּאַפּיר, — שיינט אַרויסצודרינגען דירעקט פון דעם בלויזן אייגנטום אויף דעם געלט־קאַפּיטאַל. עס קומט אויס, ווי ווען מען וואָלט דאָס געלט לגמרי נישט אוועקגעגעבן: מען קאָן דאָך דעם וועקסל שטענדיק ווייטער איבערגעבן און דאָס געלט צו יעדער צייט רעאַליזירן. אַלנפאַלס ווערט דאָס געלט נאָר צייטווייליק אַריינגעלייגט און עס איז שטענדיק גרייט צום פאַרנוצן דאָס אויף עפּעס אַנדערש. די זיכערקייט און די קורצטערמיניקייט זיינען גורם א נידעריקן צינז פאַר אָט די לאָקאַטעס, פאַר וועלכע מען דאַרף האָבן גאַר גרויסע קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען דערצו נאָך גאַנץ אָפט בלויז מאָמענטאַן פריי. דער דאָזיקער צינז ווערט דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר באַרעכענען דעם צינז אין אַנדערע לאָקירונגס־צווייגן. דורך זיין הייך באַשטימט מען אויך די וואַנ־

דערונגען פון די פרײַזע, פליסיקע, באוועגלעכע געלט=קאפיטאלן פון אייניקע בערזע=פלעצער צו די אנדערע. דאס דאזיקע געלט טרעט ארײַן אין א שטענדיק זיך=ענדערנדיקער צאל אין דער צירקולאציע=ספערע פון דעם וועלט=געלט און טרעט פון איר ארויס.

די בערזע בילדעט דא דעם מארק פאר דעם געלט=פארקער פון די גרויסע בענק און גרויסע קאפיטאליסטן. די וועקסלען, וועגן וועלכע עס רעדט זיך, זײַנען פארזען מיט דער אונטערשריפט פון איינעם פון די ערשטקלאסיקע באנק=הײַזער. די אינלענדישע און אויסלענדישע בענק אדער בכלל גרויסע קאפיטאליסטן לייגן ארײַן אין אט די וועקסלען דאס פליסיקע געלט און שאפן פאר דעם אויף אזא אופן אן אבסאלוט זיכערע פארווענדונג, וואס טראגט צינזן. פארקערט, די גרויסע קרעדיט=אינסטיטוציעס ברענגען די דאזיקע וועקסלען אויף דער בערזע, כדי צו שאפן די נייטיקע מיטלען, וועלכע זיי דארפן האבן אויף צו באפרידיקן די פאדערונגען, וואס שטײַגן אריבער זייערע פרײַע קאפיטאלן [1].

די געלט=סומען, וואס פאדערן זיך פאר אט די אפעראציעס, וואקסן אן און פארקלענערן זיך, אבער זיי מוזן זיך שטענדיק געפינען אין א געוויסער מינימאלער גרייס. מיט זיי ווערן געקויפט די וועקסלען, — און זיי פליסן צוריק ארײַן, ווען דער וועקסל ווערט פעליק. דורך דעם דאזיקן שטענדיקן צוריק=אומקערן=זיך פון דעם געלט צום אויסגאנגס=פונקט, דורך דעם, וואס דאס געלט פונקציאנירט בלויז אלס פארמיטלער אין די קרעדיט=אפעראציעס, אונטערשיידט זיך די צירקולאציע פון דעם געלט, וואס איז ארײַנגעלייגט אין דער ערשטער גרופע בערזע=פאפירן, באשײַנפערלעך פון דער לאקירונג פון דעם געלט אין דער צווייטער גרופע, צום בײַשפיל אין אקציעס. דא ווערט דאס געלט דעפיניטיוו אוועקגעגעבן, עס פארוואנדלט זיך אין פראדוקטיוון קאפיטאל און גייט איבער צו דעם סחורה=פארקויפער. עס קערט זיך נישט אום צוריק, ווי אין ערשטן פאל, אויף דער בערזע. אנשטאט געלט, איז איצט פאראן א יורידישע תביעה אויף דעם קאפיטאליזירטן צינז. דאס געלט איז דא ווירקלעך ארויסגעצויגן געווארן פון דעם געלט=מארק.

אויף דעם וועקסל=מארק קאנקורירט די בערזע מיט די בענק. די אנטוויקלונג פון די לעצטע נעמט צו בײַ דער בערזע א טייל וועקסלען. די בענק נעמען מערסטנטייל אויך צו די פארבינדונגען צווישן די קאפיטאליסטן מיט דער בערזע, אלס פארמיטלערין אין דעם צאלונגס=קרעדיט,

---

1 זע די אינסטרוקטיווע ארבעט פון W. Prion: „Das Deutsche Wechseldiskontogeschäft". Leipzig 1907.

וואס איז בײַם אנטשטיין פון די בערזעס געווען זייער וויכטיקסטע פונקציע. פאר דער בערזע בלײַבט בלויז די פארמיטלונג צווישן די בענק און דער דעוויזן=האנדל, וועלכער באדינט די אויסלענדישע צאלונ=גען און רעגולירט דעם וועקסל=קורס. אבער אויך דא ווערט א גרויסער טייל פון די אפעראציעס דורכגעפירט דירעקט דורך די בענק, וואס האבן צו דעם ציל אויסלענדישע אפטיילונגען (פיליעס). די אנטוויקלונג פון די בענק באגרעניצט אויף צווייערליי אופנים דעם דאזיקן טייל בערזע=פארקער: ערשטנס, דורך דעם, וואס די בענק לייגן אליין, אן דער פאר=מיטלונג פון דער בערזע, ארײַן די אלץ מער וואקסנדיקע סומעס פון זייער געלט אין אלץ גרעסערער מאס אין וועקסלען, און, צווייטנס, דורך דעם, וואס די אנטוויקלונג פון די בענק פארבײַט טיילווײַז דעם וועקסל=קרעדיט מיט אנדערע קרעדיט=פארמען.

דער וועקסל איז א קרעדיט, וואס איין פראדוקטיווער קאפיטאליסט (אלס אזעלכער ווערט געמיינט יעדער קאפיטאליסט, וואס מאכט ריווח, אלזא אויך דער סוחר) גיט דעם צווייטן אנשטאט צאלונג. דער קאפי=טאליסט, וואס באקומט דעם וועקסל, דיסקאנטירט אים אין באנק, און דער קרעדיט ווערט אלזא שוין געגעבן דורך דער באנק. אויב די ביידע קאפיטאליסטן האבן אין דער באנק דעפאזיטן, אדער א! אפענעם באנק=קרעדיט, קאנען זיי זייערע צאלונגען רעגולירן נישט מיט וועקסלען, נאר מיט א טשעק אויף דער באנק אדער דורך איבערשרײַבונגען אין די ביכער פון דער באנק. דער וועקסל איז דא געווארן איבעריק. אנשטאט דעם וועקסל ווערט דא געמאכט א טראנזאקציע, וואס ווערט דורכגעפירט אין די ביכער פון דער באנק; אין קעגנזאץ צום וועקסל, וואס מען קאן ווײַטער איבערגעבן, זײַנען די דאזיקע אפעראציעס פאר דער דרויסנ=דיקער וועלט לגמרי נישט באמערקלעך. און אזוי ווי די בענק רעגולירן אין אלץ א גרעסערער מאס די צאלונגען פון זייערע קליענטן, ווערט דער וועקסל=פארקער אלץ מער אײַנגעשרומפן, וואס רופט זיך שטארק אפ אויך אויף דעם בערזע=מארק פון וועקסלען. אין די לענדער, ווו א בא=שטימטע באנק האט דעם מאנאפאל ארויסצולאזן באנקנאטן, קומט נאך צו די באהערשנדיקע שטעלונג פון אט דער עמיסיע=באנק אויף דעם דעוויזן=מארק; אויב די דאזיקע שטעלונג ווערט דערשיטערט, וועט דאס זײַן נישט לטובת דער בערזע, נאר לטובת די גרויסע בענק. אויף דעם געביט פון אזעלכע קרעדיט=געלט=אומזאצן קומט די ספעציפישע בערזע=טעטיקייט נישט פאר; אן אויסנאם קאן נאר זײַן די וואלוטע=ספעקולאציע. די בערזע איז דא נאר א קאנצענטרירטער מארק פאר יענע געלט=סומעס,

וועלכע ווערן געשטעלט אין רשות פון דער צירקולאציע פון דעם קרעדיט-געלט.

דאס געביט פון דער אייגנטלעכער בערזע-טעטיקייט איז דער מארק פון צינז-פאפירן, אדער אויף פיקטיוון קאפיטאל. דא ווערט קודם-כל לאקירט דאס געלט אין דער פארם פון געלט-קאפיטאל, בכדי דערנאך פארוואנדלט צו ווערן אין פראדוקטיוון קאפיטאל. דאס געלט ווערט דע-פיניטיוו אוועקגעגעבן אויף איינצוקויפן צינזן-טיטולן, און קערט זיך שוין צוריק נישט אום. אויף דער בערזע קערט זיך בלויז אלע יאר צוריק אום דער רעאליזירטער צינז, — הייסט עס, אז דא שאפט זיך גאר אן אנדער לאגע, ווי ביים ארייגלייגן דאס געלט אין קרעדיט-פאפירן, ווען עס קערט זיך אויך צוריק אום דער קאפיטאל. פארקערט, ביים קויף און פארקויף פון די צינזן-טיטולן מוז מען האבן פריש געלט, וואס באדינט די צירקו-לאציע אויף דער בערזע גופא. די דאזיקע סומעס זיינען נישטיק אין פארגלייך מיט די אומזאץ-סומעס. אזוי ווי די צינזן-טיטולן שטעלן מיט זיך פאר געלט-אנווייזונגען, קאן מען זיי דירעקט קאמפענסירן און מען דארף בלויז האבן א קליינע דיפערענץ-סומע אויף אויסגלייכונג; דורך ספעציעלע אפרעכענונגס-אנשטאלטן ווערט שוין געזארגט, אז פאקטיש זאל מען דארפן דעקן מיט מזומן געלט בלויז די דיפערענץ. אבסאלוט געגומען אין די גרייס פון די צירקולאציע-מיטלען, וועלכע זיינען נייטיק פאר די בערזע-צילן, באזונדערס אין די פעריאדן פון גרויסער ספעקולאציע, וויל גראד אין די א אויפגעברויזטע ספעקולאציע-צייטן ווערט די לעצטע איינזייטיק געריכטעט און דעריבער וואקסט שטארק די דיפערענץ, וועלכע מען דארף אויסגלייכן.

איצט בלייבט די פראגע וועגן דעם כאראקטער פון דער בערזע-טעטיקייט און וועגן אירע פונקציעס. מיר האבן געזען, אז די בערזע-טעטיקייט אויף דעם וועקסל-מארק דעקט זיך מיט דער טעטיקייט פון די בענק. פונקט אזוי איז אויך דאס איינקויפן ווערט-פאפירן צו אינ-וועסטיציע-צוועקן נישט קיין ספעציפישע פונקציע פון דער בערזע. די ווערט-פאפירן קאן מען מיט פונקט אזא דערפאלג אויך קויפן אין די בענק, ווי אויף דער בערזע; אן אלץ גרעסערער טייל ווערט טאקע גע-קויפט אין די בענק. דאקעגן איז די ספעציפישע טעטיקייט פון דער בערזע — די ספעקולאציע.

די ספעקולאציע איז קודם-כל דער קויף און פארקויף. אבער דאס איז דער קויף נישט פון סחורות, נאר פון צינז-טיטולן. כדי צו רעאליזירן זיין ריווח, מוז דער פראדוקטיווער קאפיטאליסט פארוואנדלען זיין סחורה-קאפיטאל אין געלט, ד"ה פארקויפן זיין סחורה. און אויב די פונקציע צו

פארקויפן די סחורה נעמט איבער אן אנדער קאפיטאליסט, דאן מוז דער אינדוסטריעלער אים אפטרעטן א טייל פון זיין ריווח. דער גאנצער ריווח, וואס שטעקט אין דער סחורה, ווערט דעפיניטיוו רעאליזירט ערשט ביים פארקויף צו דעם קאנסומענט. די סחורה ווערט דערביי באוועגט פון דעם פראדוצענט צו דעם קאנסומענט; אבער עס איז, נאטירלעך, אן אומזין צו פארשטיין אונטער דעם די באוועגונג אין שטח (לאמיר דא נאר דערמאנען דעם פארקויף פון היזער) און פארביינדן דעם האנדל מיט דעם טראנספארט. ביים קויף און פארקויף האנדלט זיך נישט וועגן לאקאלע פארהעלטענישן און וועגן זייער ענדערונג, נאר גאר וועגן עפעס אנדערש: וועגן די עקאנאמישע פראצעסן, וועגן די איבערטראגונגען פונם אייגנטום־רעכט. ביי אלע נישט אינטענסיווע פראצעסן האנדלט זיך עס אויך וועגן לאקאלע ענדערונגען. אבער ווער וועט דאס זען דעם תוך פון טעאטער־פארגעניגן אין גיין אין טעאטער־זאל?

סוף־כל־סוף פאלט די סחורה אריין צום קאנסומענט און פארשווינדט אדאנק דעם פון מארק. דער צינז־טיטל, דאקעגן, איז לויט זיין נאטור, אייביק. ער וועט קיינמאל נישט ארויספאלן פון דער צירקולאציע אין דעם זין, ווי די סחורה. אפילו אויב ער ווערט צוליב אינוועסטיציע־צוועקן צייטווייליק ארויסגעצויגן פון מארק, קאן ער דאך צו יעדער צייט זיך ווידער צוריק אומקערן אויפן מארק, — און, ווירקלעך, אין משך פון א יאר אדער ווייניקער קורצער צייט קערן זיך די צינז־טיטלען אין א גרעסערער אדער קלענערער צאל צוריק אום. אבער פאר דער ספעקולאציע גופא איז דאס דערוויטערן דעם צינז־טיטל פון דעם מארק, און הייסט עס, פון דער צירקולאציע, נישט קיין ציל און נישט קיין פעולה. דאס אייגנטלעכע ספעקולאציע־פאפיר געפינט זיך שטענדיק אויף דער בערזע, אין צירקולאציע. עס באוועגט זיך אהער און אהין, קרייזט ארום, אבער עס מאכט נישט קיין פארויס־באוועגונג.

דער קויף און פארקויף פון סחורות איז א געזעלשאפטלעך נויטווענדיקער פראצעס. דורך אים ווערן אין דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט פארווירקלעכט די לעבנסבאדינגונגען פון דער געזעלשאפט, ער איז א conditio sine qua non פון דער דאזיקער געזעלשאפט. בנוגע דער ספעקולאציע קאן מען דאס אין דער גלייכער מאס נישט זאגן. זי באריערט נישט די קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען: נישט די פראדוקציע, נישט דעם פראדוקט פון דער דאזיקער פראדוקציע. דאס טוישן זיך פון די באזיצער, די שטענדיקע צירקולאציע, האט קיין שום איינפלוס נישט אויף דער שוין געגרינדעטער אונטערנעמונג. די פראדוקציע און איר הכנסה וועט זיך נישט ענדערן צוליב דעם, וואס די אנווייזונגען

אויף דער הכנסה וועלן אריבערגיין פון איין פערזאן צו דער אנדערער; פונקט אזוי וועט זיך נישט ענדערן דער ווערט פון דער הכנסה צוליב דעם, וואס עס האט זיך געענדערט דער פרייז פון די אקציעס. פארקערט, באשטימט caeteris paribus דער ווערט פון דער הכנסה די ענדערונגען פון די דאזיקע פרייזן. הייסט עס, אז דער קויף און פארקויף פון די דאזיקע צינז=אנווייזונגען איז א ריין עקאנאמישע דערשיינונג, א פשוטע ענדערונג אין דער פארטיילונג פון דעם פריוואט=אייגנטום, וואס האט קיין שום ווירקונג נישט אויף דער פראדוקציע, נישט אויף דער רעאליזאציע פון דעם ריווח (ווי ביי דעם פארקויף פון סחורה). הייסט עס, אז דער ריווח און דער היזק פון דער ספעקולאציע אנטשטייען נאר פון די דיפערענצן ביים אפשאצן די צינז=טיטולן. די דאזיקע רווחים און היזקות זיינען נישט קיין ריווח, נישט קיין חלק פון דעם מערווערט: זיי אנטשטייען בלויז מחמת די וואקלונגען און דער אפשאצונג פון דעם טייל מערווערט, וועלכער פאלט אויס פון דער אונטערנעמונג אויף די אקציען=באזיצער; און די דאזיקע וואקלונגען דארפן גארנישט, ווי מיר וועלן דאס נאך זען, זיין פארבונדן מיט די ענדערונגען אין דעם ווירקלעך רעאליזירטן ריווח. מיר האבן דא צו טאן מיט פשוטע דיפערענץ=פארדינסטן 1. בשעת דער קאפיטאליסטן=קלאס, אלס אזעלכער, אייגנט זיך צו אן א עקוויוואלענט א טייל פון דער ארבעט פון דעם פראלעטאריאט און באקומט אויף אזא אופן זיין ריווח, געווינען די ספעקולאנטן בלויז איינער ביים אנדערן. דער היזק פון איינעם איז דער ריווח פאר דעם צווייטן. Les affaires, c'est l'argent des autres.

די ספעקולאציע באשטייט אין דעם אויסנוצן די פרייזן=ענדערונג, אבער נישט אין דעם אויסנוצן די פרייז=ענדערונג פון די סחורות. פאר דעם ספעקולאנט, להיפוך צו דעם פראדוקטיוון קאפיטאליסט, איז גאנץ עגאל, צי די פרייזן הייבן זיך אדער זיי פאלן. אים אינטערעסירן נישט די סחורה=פרייזן. נישט זיי גייען אים אן, אים אינטערעסירן נאר די פרייזן פון די צינז=טיטולן. די לעצטע זיינען אבער אפהענגיק פון דער

---

1 מען מוז דא אונטערשטרייכן, אז מיר ריידן דא נישט וועגן די אזוי-גערופענע דיפערענץ-געשעפטן, ביי וועלכע די ווערט-פאפירן ווערן פאקטיש נישט געליפערט, און די ספעקולאציע ענדיקט זיך דורך דעם באצאלן די קורס-דיפערענץ. מיר ווילן דא זאגן, אז יעדער ספעקולאציע-ריווח איז א דיפערענץ-ריווח אין עקאנאמישן זין. די טעכניק פון דעם בערזע-געשעפט, וואס ליגט אין יסוד פון אט דער ספעקולאציע, איז אין דעם פאל פונקט אזוי גלייכגילטיק, ווי אט דער אומשטאנד, וואס די קאפיטאליסטן און א טייל עקאנאמיסטן זעען אין יעדן קאפיטאליסטישן ריווח די דיפערענץ: אלץ איינס, צי עס האנדלט זיך וועגן אן אינדוסטריעלן אדער האנדלס-ריווח, ערד-רענטע, צינזן אדער ספעקולאציע-פארדינסטן.

גרייס פון דעם ריווח, — פון דער גרייס, וועלכע קאָן שטײַגן אָדער פאַלן בײַ אומפאַרענדערטע, שטײַגנדיקע אָדער פאַלנדיקע פּרייזן. וואָרום די אנטשיידענע באַדײַטונג פאַר דעם ריווח האָט נישט די אַבסאָלוטע גרייס פון דעם פּרײַז פון די פּראָדוצירטע סחורות, נאָר די פאַרהעלטענישן פון זייער קאָסטן=פּרײַז צו זייער פאַרקויף=פּרײַז. פאַר דעם ספּעקולאַנט איז אָבער אויך נישט דער עיקר, צי דער ריווח שטײַגט אָדער פאַלט; פאַר אים איז בלויז וויכטיק דער פּשוטער פאַקט פון די ענדערונגען, און פאַראויסצוזען, אין וועלכער ריכטונג זיי גייען. זײַנע אינטערעסן זײַנען גאָר אַנדערע, ווי בײַ דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַליסט אָדער געלט=קאַפּיטאַליסט, וועלכער וויל, אַז די הכנסה זאָל זײַן ווי ווײַט מעגלעך סטאַביל און, אויב מעגלעך, אַ כסדר וואַקסנדיקע. דאָס שטײַגן פון די סחורה=פּרײַזן קאָן נאָר אין דעם פאַל האָבן אַ ווירקונג אויף דער ספּעקולאַציע, ווען זיי ווערן דער אַנווײַזער פון דער ריווח=העכערונג. די ספּעקולאַציע ווערט באַשטימט דורך אַזעלכע ריווח=ענדערונגען, וועלכע דאַרפן פאַרקומען אָדער וואָס ווערן דערוואַרט. אָבער דער ריווח, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין דער אונטערנעמונג, ווערט פאַרטיילט לחלוטין אומאָפּהענגיק פון דער ספּעקולאַציע. דער ריווח ווערט דאָך פאַרטיילט צווישן די אייגנטימער פון דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל אָדער צווישן די אייגנטימער פון די ריווח=טיטולן. דער ספּעקולאַנט ווידער, אַלס אַזעלכער, באַקומט זײַן פאַרדינסט גאָר נישט פון דעם געהעכערטן ריווח; ער קאָן געווינען אויך בײַם פאַלן פון דעם ריווח; אין אַלגעמיין שטעלט ער אוים נישט אויף דער העכערונג פון דעם ריווח, נאָר אויף דער פּרײַז=ענדערונג פון די ריווח=טיטולן, אַלץ איינס, צי די ענדערונג איז מחמת דעם שטײַגן אָדער פאַלן פון דעם ריווח. ער פאַרהאַלט בײַ זיך די ריווח=טיטולן נישט צוליב דעם, וואָס ער רעכנט צו באַקומען אַ געהעכערטן ריווח, — דאָס טוט דער קאַפּיטאַליסט, וואָס לייגט אַרײַן געלט אין דער אונטערנעמונג, — נאָר ער רעכנט צו געווינען דורך קויף און פאַרקויף פון זײַנע ריווח=טיטולן. זײַן פאַרדינסט שעפּט ער נישט פון וועלכן נישט איז חלק פון ריווח, — ער געווינט אַמאָל אויך פון דעם, וואָס דער ריווח פאַלט, — נאָר פון די פּרײַז=ענדערונגען, פון דעם, וואָס אין דעם געגעבענעם מאָמענט קאָן ער קויפן ביליקער, ווי ער האָט פריער פאַרקויפט, אָדער פאַרקויפן טײַערער, ווי ער האָט פריער געקויפט. ווען די אַלע, וואָס באַטייליקן זיך אין דער ספּעקולאַציע, וואָלטן געהאַנדלט אין איין ריכטונג, ד״ה, ווען אַלע זאָלן איינצײַטיק גלײַך אָפּשאַצן העכער אָדער נידעריקער די פּראָפיט=טיטולן [1], — וואָלט בכלל קיין רייד נישט געקאָנט זײַן וועגן

[1] און נישט בלויז אין איין ריכטונג, נאָר ווען זיי וואָלטן אויך אַלץ איינס

ספּעקולאַציע־פאַרדינסטן. די דאָזיקע פאַרדינסטן נעמען זיך בלויז דערפון, וואָס עס אַנטשטייען קעגנזײַטיקע אָפּשאַצונגען, פון וועלכע בלויז איינע קאָן זיך אַרויסווײַזן פאַר ריכטיק. די דיפערענץ, וואָס שאַפט זיך צווישן די אָפּשאַצונגען פון די ריווח־טיטולן, וועלכע די קויפער און פאַרקויפער מאַכן אין אַ געוויסן מאָמענט, בילדעט דעם ספּעקולאַציע־געווינס פון איינעם און דעם ספּעקולאַציע־אָנווער פון דעם צווייטן. דאָ איז דער ריווח פון איינעם דער היזק פון דעם צווייטן, פונקט קאַפּויר ווי בײַ דעם ריווח פון דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַליסט, ווײַל דער ריווח פון דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס איז נישט דער היזק פון דעם אַרבעטער־קלאַס, ווײַל בײַ די נאָרמאַלע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן דאַרף דער לעצטער נישט באַקומען מער, ווי דער ווערט פון זײַן אַרבעטס־קראַפט.

איצט דאַרפן מיר אונטערזוכן די מאָמענטן, מיט וועלכע די ספּעקולאַציע רעכנט זיך בײַ אירע אָפּעראַציעס. דער הויפּט־אָביעקט פון דער ספּעקולאַציע זײַנען די פּאַפּירן, וואָס טראָגן נישט קיין פעסטע צינזן. די פּרײַז־ענדערונגען זײַנען דאָ דער עיקר אָפּהענגיק פון צוויי פאַקטאָרן: פון דער גרייס פון דעם ריווח און פון דעם צינזן־פוס. נאַטירלעך איז דער ריווח אין אַלגעמיין טעאָרעטיש געגעבן דורך דער דורכשניט־נאָרמע פון דעם ריווח. די דאָזיקע נאָרמע איז אָבער נאָר דער אויסדרוק פון אַן אומצאָליקער מענגע קאָנקרעטע רווחים, וואָס זייער גרייס קאָן גאָר ווײַט אָפּווײַכן פון דער דורכשניט־גרייס. פאַר דעם זײַטיקן מענטשן איז די גרייס פון דעם אינדיווידועלן ריווח אינגאַנצן נישט אויסצוגעפינען. אויסער די אַלגעמיינע סיבות, וועלכע באַשטימען די ריווח־נאָרמע, — די גרייס פון מערווערט און די גרייס פון אויסגעלייגטן קאַפּיטאַל, — שפּילן דאָ אַן אַנטשיידענע ראָלע די אַלע צופעליקייטן, וועלכע ווירקן אויף די ענדערונגען פון די מאַרק־פּרײַזן, און צווישן זיי אויך אַזאַ צופעליקייט, ווי די אינדיווידועלע קונסט פון דעם אונטערנעמער אויסצונוצן די קאָנ־יונקטור. פאַר זײַטיקע באַווײַזט זיך נאָר דער מאַרק־פּרײַז פון דער סחורה; זײַטיקע קענען נישט באַמערקן דעם אַנטשיידענעם מאָמענט, די פאַרהעלטעניש פון דעם מאַרק־פּרײַז צו די פּראָדוקציע־קאָסטן, וואָס ווערט אַפילו דורך דעם אונטערנעמער גאַנץ אָפט דערקענט ערשט בײַם סאַמע סוף פון דעם אומזאַץ־פּעריאָד, ערשט נאָך אַ גענויער באַרעכע־

אָפּגעשאַצט די צײַט און די גרייס פון די דערוואַרטע ענדערונגען פון דעם ריווח. וואָרום דער ספּעקולאַציע־פאַרדינסט אַנטשטייט אויך אין דעם פאַל, ווען עמיצער קויפט אַ פּאַפּיר אין אַ שפּעטערן מאָמענט לויט אַ העכערן פּרײַז, ווי אַ צווייטער פאַרקויפט עס איצט, אָדער ווען עמיצער בעט אַ העכערן פּרײַז, ווי דער, לויט וועלכן אַ צווייטער האָט פאַרקויפט דאָס פּאַפּיר.

נונג. נישט רעכנענדיק די ווירקלעכע גרייס פון דעם ריווח, שפּילן אַ געוויסע ראָלע אַ גאַנצע ריי מער אָדער ווייניקער ווילקערלעכע מאָמענטן, וועלכע באַווירקן די הכנסה, וואָס גייט פאַקטיש פאַר דער פאַרטיילונג אַלס צינזן: די הייך פון די אָפּשרייַבונגען, די טאַנטיעמעס, די אויס־רעכענונג פאַרן רעזערוו־פאָנד אאַז"וו. וואָס שייך די לעצטע מאָמענטן, גיבן זיי די לייטער פון דער אונטערנעמונג די מעגלעכקייט אין געוויסע גרעניצן ווילקערלעך פעסטצושטעלן די גרייס פון דער הכנסה און אויף אַזאַ אופן באַאייַנפלוסן דעם קורס פון די פּאַפּירן. אָבער אַלנפאַלס איז אָט דער איינער פאַקטאָר, וואָס באַשטימט די פּרייַזן און איז אין דער פּראַקטיק דער דעציזירנדיקער, פאַר דער מאַסע ספּעקולאַנטן אינגאַנצן נישט מעגלעך צו באַרעכענען.

ביַי די נישטיקע פּרייַזן־דיפערענצן, וועגן וועלכע עס האַנדלט זיך אָפּט, און ביַי דער גרייס פון דער ווירקונג, וואָס יעדע ריווח־פאַרענדערונג האָט, מחמת דער קאַפּיטאַליזירונג, אויף דעם קורס, וואָלט אַן אַלגעמיינע, מער אָדער ווייניקער אויבערפלעכלעכע באַקאַנטשאַפט מיט דער אונטער־נעמונג נאָך זייער ווייניק געהאָלפן. פאַרקערט, אַ מער נאָענטערע, אַ מער אינטימערע באַקאַנטשאַפט מיט דער אונטערנעמונג גיט דעם אָנפאַר־טרויטן אַ גרויסע זיכערקייט און מעגלעכקייט אויסצונוצן זייַן באַקאַנט־שאַפט אויף צו באַקומען דעם ספּעקולאַטיוון פאַרדינסט כמעט אָן דער מינדסטער ריזיקע.

אַנדערש זעט עס אויס מיט דעם צווייטן מאָמענט, וועלכער באַשטימט דעם פּרייַז פונם קורס, — מיט דעם צינזן־פוס. מיר האָבן געזען, אַז פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ספּעקולאַציע איז נייטיק אַ מיינונג־פאַרשיידנקייט בנוגע דער מעגלעכער קורס־באַוועגונג, ווי, למשל, די וואָס נעמט זיך מחמת דער נישט־זיכערקייט בנוגע דעם דערוואַרטן ריווח. דער צינזן־פוס איז אָבער, פּונקט אַזוי ווי דער מאַרק־פּרייַז פון דער סחורה, אין יעדן געגעבענעם מאָמענט אַ געגעבענע גרייס און איז, הייסט עס, אַלע ספּעקולאַנטן גלייַך באַקאַנט. אָבער אויך זייַן ענדערונג, לכל הפּחות, די ריכטונג פון דער דאָזיקער ענדערונג, קאָן מען פאָראויס פעסטשטעלן מיט מער אָדער ווייניקער וואָרשיינלעכקייט; פאַרשטייט זיך, אַז מיר רעכענען דאָ נישט אַזעלכע אומגערעכטע, מער אָדער ווייני־קער שטאַרקע פּערטורבאַציעס, ווי די, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורך אויסערגעוויינלעכע געשעענישן און האָבן אַ דירעקטע ווירקונג אויף דעם געלט־באַדאַרף, ווי, למשל, דער אויסברוך פון מלחמה אָדער רעוואָ־לוציע, קאָסמישע קאַטאַסטראָפעס אד"גל. דעריבער שטייט די ווירקונג פון דער צינזן־פוס־ענדערונג אויף דעם קורס לויט איר אינטענסיווקייט

אויף דעם צווייטן אָרט; געוויינלעך הערשט דער נידעריקער צינזן־פוס אין די צײַטן פון דעפּרעסיע, ווען די ספּעקולאַציע איז שוואַך, דער צוטרוי געפאַלן און דער קורס פון די אינדוסטריע־פּאַפּירן איז, נישט געקוקט אויף דעם נידעריקן צינזן־פוס, א נידעריקער. פאַרקערט, אין די צײַטן פון הויכער קאָניונקטור און אומגעצוימטער ספּעקולאַציע ווערט די ווירקונג פון דעם הויכן צינזן־פוס פּאַראַליזירט דורך דער דערוואַרטונג פון געהעכערטע קורס־פאַרדינסטן. אַלזאָ, ווי דער צינזן־פוס און זײַן באַוועגונג איז טאַקע א מער אָפענער און קלאָרער מאָמענט, ווי דער פאַראויסגעזעענער ריווח, פונדעסטוועגן באַשטימט גיכער די אויסרעכענונג פון דעם לעצטן די ריכטונג פון דער ספּעקולאַציע און איר אינטענסיווקייט. די ספּעקולאַנטן מוזן זיך גראַד רעכענען מיט דעם מאָמענט, וואָס לאָזט זיך אָמווינציקסטן פאָראויסזען און באַרעכענען. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס קלאָרע און זיכערע פאָראויסזען איז פאַר די ספּעקולאַנטן אַן אוממעגלעכע זאַך, בײַ זייערע אָפּעראַציעס טאַפּן זיי אין דער פינסטער. די בערזע־ספּעקולאַציע האָט דעם כאַראַקטער פון א שפּיל און א פאַרוועטונג. אָבער די דאָזיקע פאַרוועטונג ווערט א פאַרוועטונג **à coup sûre** פאַר די אָנפאַרטרויטע.

ווי בײַ אַלע פּרײַזן, קאָן מען אויך בײַ די קורסן נעבן די אייגנטלעכע באַשטימונג־מאָמענטן פון דעם פּרײַז אונטערשיידן יענע צופעליקע מאָמענטן, וועלכע דריקן זיך אויס אין דער פאַרענדערטער פאַרהעלטעניש פון אָנבאָט און נאָכפראַגע. פאַר דער ספּעקולאַציע, וואָס אינטערעסירט זיך נאָר מיט די פּרײַז־ענדערונגען און נישט מיט די סיבות, וואָס זײַנען זיי גורם, זײַנען די לעצטע, נאַטירלעך, גלײַכגילטיק. פון דער צווייטער זײַט, איז דער תּוך פון דער ספּעקולאַציע אַזאַ, אַז מיט אירע שטענדיק זיך־ענדערנדיקע שטימונגען און דערוואַרטונגען, — ענדערונגען, וואָס מוזן נויטוועדיק אַרויסדרינגען פון איר נישט־זיכערקייט, — שאַפט זי אַליין א כּסדר זיך ענדערנדיקע פאַרהעלטעניש פון אָנבאָט און נאָכפראַגע, וואָס ווירקט אויף דער ענדערונג פון די פּרײַזן; יעדע פּרײַז־ענדערונג איז אָבער אויף דעם געביט אַליין א שטויס פאַר נײַע ספּעקולאַציעס, פאַר נײַע אַנגאַזשירונגען און פּאָזיציע־ענדערונגען, אַלזאָ, פאַר א נײַער ענדערונג אין דער פאַרהעלטעניש פון אָנבאָט און נאָכפראַגע. אויף אַזאַ אופן שאַפט די ספּעקולאַציע א מאַרק, וואָס איז שטענדיק גרייט אויפצונעמען די פּאַפּירן, וועלכע זי האָט באַהערשט, און גיט די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע קרײַזן א שטענדיקע מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען זייער פיקטיוון קאַפּיטאַל אין א ווירקלעכן קאַפּיטאַל, — הייסט עס, אַז זי שאַפט א מאַרק פאַר דעם אָפּזאַץ פון דעם פיקטיוון קאַפּיטאַל און צוואַ־

מען דערמיט די מעגלעכקייט פון כסדרדיקן בײַטן די לאָקאַטעס פון דעם קאַפּיטאַל און צוריק פאַרוואַנדלען אין געלט-קאַפּיטאַל.

די נישט-זיכערקייט פון די ספּעקולאַנטן שאַפט אָבער אויך אַן אַנדער דערשײַנונג: נעמלעך, די מעגלעכקייט צו האָבן אַן אײַנפלוס אויף דער ריכטונג פון דער ספּעקולאַציע, די מעגלעכקייט, אַז די גרויסע ספּעקו-לאַנטן זאָלן קענען „מיטרײַסן" מיט זיך די קליינע. אַזוי ווי דער ספּע-קולאַנט ווייסט גאָרנישט (אַפּטמאָל ווייסט ער גאָרנישט אין כּלל, אָבער אין פּרט ווייסט ער קיינמאָל גאָרנישט) 1, אָריענטירט ער זיך דורך די אויסערלעכע סימפּטאָמען, שטימונגען פון אָט דער אַלגעמיינער ריכטונג פון דעם מאַרק. די דאָזיקע שטימונג קאָן מען אָבער שאַפן און עס שאַפן זי טאַקע די גרויסע ספּעקולאַנטן, וועלכע מען האַלט מיט מער אָדער ווייניקער רעכט אַלס אָנפאַרטרויטע מענטשן. די קליינע ספּעקו-לאַנטן טוען זיי נאָך. די גרויסע ספּעקולאַנטן פאַרפעסטיקן דעם מאַרק דורך זייערע גרויסע אײַנקויפן און הייבן דערמיט דעם קורס, ווײַל דער געהעכערטער נאָכפרעג טרײַבט דעם פּרײַז אויף אַרויף. און אַז די בא-וועגונג איז אין פולן ברען, ווערט שוין דער נאָכפרעג ממילא פאַרגרע-סערט דורך די אַלע, וואָס זײַנען זיך משער, אַז זיי גייען אין איין קאָמ-פּאַניע מיט די גרויסע ספּעקולאַנטן, און די פּרײַזן שטײַגן ווײַטער, הגם די גרויסע האָבן זיך שוין אָפּגערוקט אָן אַ זײַט. די לעצטע קאָנען איצט,

1 לאָמיר דאָ ברענגען בלויז איין קלאָרן בײַשפּיל: „די טעג האָט זיך באַוויזן אַ ידיעה, אַז „פעניקס" האָט באַקומען זייער אַ גרויסע באַשטעלונג אויף שטאָלענע רערן אויפן חשבון פון אַמעריקע; מען האָט אָנגערופן אַ ווערט אויף עטלעכע מיליאָן מאַרק. די בערזע האָט מיט אַ לײַכטן האַרצן געגלויבט אין אָט דער ידיעה און גלײַך אַ הייב געטאָן די קורסן פון אונזערע מאָנטאַן-פּאַפּירן (בארג-אינדוסטריע-פּאַפּירן) און אין דער ערשטער ריי די „פעניקס"-אַקציעס. זי האָט דאָך געוווּסט, אַז די לאַגע אין אַמעריקע איז איצט פיל בעסער, ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק... אָבער דאָרט, אויסער דער בערזע, אין לאַנד, אין די אינדוסטריע-ראַיאָנען, — דאָרט, און דער-הויפּט אין דער פאַרוואַלטונג פון „פעניקס", האָט מען זיכער שטילערהייט געלאַכט אין די הויפנס פון אָט דער סענסאַציאָנעלער מעלדונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ גע-הויבענע שטימונג אויף דער בערלינער בערזע. עס האָט זיך דאָך אַרויסגעוויזן, אַז די באַשטעלונג, אַ מיליאָנען-באַשטעלונג, און דערצו נאָך אויף אַמעריקאַנישער רעכענונג, האָט באַקומען אַן אונטערנעמונג, וועלכע פּראָדוצירט בכלל נישט קיין שטאָל-רערן און האָט קיין שום חלק נישט אין דעם דײַטשן שטאָלווערק-פאַרבאַנד", — דאָס הייסט אַן אומגעלומפּערטער שווינדל. („בערלינער טאַגעבלאַט" פון 15 יולי 1909).

הייסט עס, אַז ווען ה' אַרנאָלד (Deutsche Börsenenquete, Teil I, זייט 444) רעדט וועגן ספּעקולאַטיווער טעטיקייט פון דענקען, איז דאָס גיכער אַ ספּעקולאַציע אויף דער אומטעטיקייט פון דענקען פון די צוהערער. איבעריקנס אָנערקענט ער אַליין די צופעליקייט און די נישט-רעגולערקייט פון דער ספּעקולאַציע, אויף וויפיל עס האַנדלט זיך וועגן די קליינע ספּעקולאַנטן און די מיטלויפער פון דעם פּובליקום.

אָפּהענגיק פון דעם ציל, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט, אָדער רעאַליזירן בהדרגה זייער פאַרדינסט, אָדער אונטערהאַלטן דעם געהעכערטן קורס אויף אַ לענגערער אָדער קירצערער צײַט. דער באַזיץ פון אַ גרויסן קאַפּיטאַל שאַפט דאָ אַן איבערגעוויכט אויפן מאַרק, ווײַל די ריכטונג פון דעם מאַרק גופא ווערט באַשטימט דורך דעם אופן, ווי אַזוי דער קאַפּיטאַל ווערט פאַרווענדט. בשעת אויפן געביט פון דער פּראָדוקציע לוינט בעסער פאַר דעם גרעסערן קאַפּיטאַל די ביליקע פּראָדוקציע, אַלזאָ די נידעריקערע פּרײַזן, ווערן דאָ די פּרײַזן־ענדערונגען אַרויסגערופן דירעקט דורך דער ווירקונג פון דעם קאַפּיטאַל. די גרויס־הענדלער מיט ווערט־פּאַפּירן, די בענק, קאָנען אויסנוצן דעם דאָזיקן אומשטאַנד, כדי צו שטויסן די ספּעקולאַציע אין אַ באַשטימטער ריכטונג. זיי גיבן זייערע פּילצאַליקע קליענטן אַ ווונק, זיי זאָלן קויפן אָדער פאַרקויפן געוויסע ווערט־פּאַפּירן, און אַזוי אַרום דערגרייכן זיי געוויינלעך אַזאַ איבעררוקונג אין דער פאַרהעלטעניש פון אָנבאָט און נאָכפרעג, און דאָס איז פּאַר זיי, פּונקט אַזוי ווי יערער פאַראויסגעזעענע ריכטונג אין דער ספּעקולאַציע, זייער גינסטיק. אָבער אין דער זעלבער צײַט ווײַזט זיך אויך אַרויס די וויכטיקייט פון די מיטלויפער, פון די זײַטיקע פערזאָנען, אָדער פון פּובליקום. די פאַרדינסטן און די היזקות פון די גרויסע ספּעקולאַנטן קאָנען זיך קעגנזײַטיק אויסגלײַכן. גאָר אַנדערש איז דאָס מיט דעם ברייטן עולם. ער לאָזט זיך אין דער ריכטונג, וואָס די גרויסע ספּעקולאַנטן האָבן אָנגעוויזן, און האַלט זיך עקשנותדיק אין איר אויך נאָכדעם, ווי די לעצטע האָבן שוין זייער פאַרדינסט רעאַליזירט און זיך אָפּגערוקט. דאָס פּובליקום, די נאַיִווע מענטשן, גלויבן נאָך אַלץ, אַז איצט איז גראָד געקומען פאַר זיי די צייט צו געניסן פון די פּרוכטן פון דער הויך־קאָנ־יונקטור, — און גראָד זיי קומט טאַקע שטענדיק אויס צו לײַדן היזק בײַ יעדער ווענדונג אין דער קאָניונקטור; אפילו בײַ יעדער ענדערונג אין די בערזע־שטימונגען מוזן זיי צאָלן די דיפערענץ, וואָס דאָס אײַנקאַסירן זי איז די „פּראָדוקטיווע טעטיקייט" פון דער ספּעקולאַציע.

אָבער כאָטש די ספּעקולאַציע איז אומפּראָדוקטיוו, כאָטש זי טראָגט דעם כאַראַקטער פון האַזאַרד און פאַרוועטונג און כאָטש די פאָלקס־מיינונג שאַצט זי גאַנץ ריכטיק אָפּ, פונדעסטוועגן איז דאָס נישט קיין אַרגומענט קעגן דער נויטווענדיקייט פון דער ספּעקולאַציע אויפן באַזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אָדער לכל־הפּחות אין אַ באַשטימטער עפּאָכע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. עס איז בכלל אַן אַפּאָלאָגעטישע מאַניר צו דערקלערן אַלץ, וואָס איז נויטווענדיק אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַלס

פראָדוקטיוו. פארקערט, אדאנק איר אנארכיע, אדאנק דעם אנטאַגאָניזם צווישן די איינגנטימער פון די פּראָדוקציע־מיטלען און די יעניקע, וועלכע ווענדן זי אָן, מחמת דעם כאראקטער פון אירע פארטיילונג־פארהעלטע־נישן, מוז די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע האָבן אַ גרויסע סומע הוצאות און אויסגאבן, וועלכע פארגרעסערן לחלוטין נישט די רײַכקייט, וועלכע ווערן אָפּפאלן אין אַן אָרגאניזירטער געזעלשאפט, און אין דעם זין זיינען זיי אומפּראָדוקטיוו 1. די נויטווענדיקייט זייערע אין דער קאפּיטאליסטי־שער געזעלשאפט באווייזט נישט זייער פּראָדוקטיווקייט, נאָר זי זאָגט עדות קעגן דער אָרגאניזאציע פון דער דאָזיקער געזעלשאפט.

די ספּעקולאציע איז אָבער נייטיק צוליב דעם, כדי די בערזע זאָל קאָנען אויספילן אירע פונקציעס, וועלכע מיר טרעטן איצט צו צו באהאנדלען.

2. די פונקציעס פון דער בערזע

אין גאנג פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג ווערן די פונקציעס פון דער בערזע געענדערט. אין אָנהויב באדינט די בערזע די אומזאצן פון אלע מיני געלטער און וועקסלען. דערצו איז בלויז נייטיק געווען אָנצוזאמלען פריוע קאפּיטאלן, וואָס ווערן אריינגעלייגט אין די דאָזיקע וועקסלען. שפּעטער ווערט די בערזע פארוואנדלט אין דעם מארק פון דעם פיקטיוון קאפּיטאל. לכתחילה אנטוויקלט ער זיך צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון דעם מלוכה־קרעדיט. די בערזע ווערט דער מארק פאר די מלוכה־הלוואות. אָבער ווי אַן אמתע איבערקערעניש ווירקט ערשט די פארוואנדלונג פון דעם אינדוסטריעלן קאפּיטאל אין אַ פיקטיוון קאַ־פּיטאל, אלזאָ, דאָס אלץ שטארקערע אריינדרינגען פון דער אקציען־געַ־זעלשאפט אין דער אינדוסטריע. פון איין זייט ווערט דער מאטעריאל, וואָס געפינט זיך אין רשות פון דער בערזע, שנעל אומבאגרעניצט פאר־גרעסערט; פון דער אנדערער זייט, איז די עקזיסטענץ פון דער בערזע אלס מארק, וואָס איז שטענדיק גרייט אויפצונעמען מאטעריאל, אַ פאָר־הנחה פאר דער פארוואנדלונג פון דעם אינדוסטריעלן קאפּיטאל אין אַ פיקטיוון קאפּיטאל און פאר דער רעדוקציע פון דעם דיווידענד אויף דער הייך פון צינז.

---

1 וועגן דעם באגריף פון פּראָדוקטיווער ארבעט אין ענגערן זין זע ביי קארל מארקס „Theorien über den Mehrwert“ I Bd,, Seite 407 ff.

מיט דעם אנטשטיין פון דעם דאָזיקן מארק פון פיקטיוון קאפיטאל אנטשטייט די מעגלעכקייט פון דער ספעקולאציע. פון דער צווייטער זייט איז די ספעקולאציע נייטיק, כדי דער דאָזיקער מארק זאָל זיין גרייט אויפצונעמען דעם געלט־קאפיטאל און דעם פיקטיוון קאפיטאל: נאָר דאָס שאפט טאקע די מעגלעכקייט פאר דעם געלט־קאפיטאל אלס אזעלכן צו פארוואנדלען זיך אין פיקטיוון קאפיטאל, און פון פיקטיוון קאפיטאל צוריק אין געלט־קאפיטאל. ווארום, היות דורך דעם קויף און פארקויף קאָן מען באקומען דיפערענץ־פארדינסטן, איז דאָס א באשטענדיקע סטימול צו באנייען דעם קויף און פארקויף און פארזיכערט, אלזא, די באשטענדיקע עקזיסטענץ פון דעם מארק, וואָס איז גרייט אויפצונעמען קאפיטאלן. די וועזנטלעכע פונקציע פון דער בערזע באשטייט טאקע אין שאפן אָט דעם מארק פאר דער לאָקירונג פון דעם געלט־קאפיטאל. בלויז דורך איר ווערט דאָס געשאפן די ברייטע מעגלעכקייט פאר דער פארווענדונג פון דעם קאפיטאל אלס געלט־קאפיטאל. ווארום, כדי דער קאפיטאל זאָל פונקציאָנירן אלס געלט־קאפיטאל, איז ערשטנס נייטיק, ער זאָל טראָגן א באשטענדיקע הכנסה — צינזן — און, צווייטנס, אז די הויפט־סומע זאָל זיך קענען צוריק אומקערן אָדער, אויב זי קערט זיך פאקטיש נישט אום, זאָל מען זי צו יעדער צייט קאָנען ארויסבאקומען דורך דעם פארקויף פון די צינז־פאָדערונגען. ערשט די בערזע האָט מעגלעך געמאכט די מאָביליזאציע פון דעם קאפיטאל. יורידיש איז די דאָזיקע מאָביליזאציע נישט עפּעס אנדערש, ווי א פארוואנדלונג און גלייכצייטיק די פארטאָפּלונג פון דעם אייגנטום־רעכט[1]. דאָס אייגנטום אויף דיווירקלעכע פראָדוקציע־מיטלען גייט איבער פון די יחידים צו א יורידישער פערזאָן, וועלכע באשטייט טאקע פון די אלע יחידים, אָבער זיי, אלס אזעלכע, האָבן שוין אין איר נישט דאָס אייגנטום־רעכט אויף דעם פארמעגן פון דער יורידישער פערזאָן. דער יחיד האָט דאָס רעכט בלויז אויף דער הכנסה; דאָס אייגנטום, וואָס האָט אמאָל געהייסן אזוי גוט ווי דער פאקטישער און אומבאגרעניצטער באזיץ פון די פראָדוקציע־מיטלען און אויף אזא אופן אויך די אָנפירערשאפט מיט דער פראָדוקציע, האָט זיך איצט פארוואנדלט אין א פשוטן הכנסה־טיטול; ביי דעם יחיד איז צוגענומען געוואָרן דאָס רעכט צו האָבן אין זיין רשות די פראָדוקציע. פון עקאָנאָמישן שטאנדפונקט ווידער באשטייט די מאָביליזאציע פון דעם קאפיטאל אין דעם, וואָס דער קאפּיטאליסט באקומט די מעגלעכקייט

[1] לויט דער טערמינאָלאָגיע פון קארנער (קארל רענער) געשיט דאָ א פונקציע־ענדערונג פון א יורידישן אינסטיטוט אָן א גלייכצייטיקער ענדערונג פון די נאָרמעס (זע: „Marxstudien" I Bd. Seite 81).

צו יעדער צײַט אַרויסצונעמען זײַן אַרײַנגעלייגטן קאַפּיטאַל אין דער פאָרם פון געלט און אים אַריבערצוטראָגן אין אַן אַנדער ספערע. וואָס העכער עס ווערט דער אָרגאַנישער צוזאַמענשטעל פון דעם קאַפּיטאַל, אַלץ שווערער וואָלט מען געקאָנט פאַרווירקלעכן דאָס דאָזיקע איבערטראָגן דורך דער פאַקטישער ענדערונג אין די מאַטעריעלע עלעמענטן פון דעם אַרײַנגעלייגטן קאַפּיטאַל. די טענדענץ אויסצוגלײַכן די ריווח=נאָרמעס טרעפט זיך שטענדיק אָן אויף אַן אַלץ גרעסערן ווידערשטאַנד און אויף אַלץ גרעסערע אוממעגלעכקייטן אַרויסצונעמען פון דעם פּראָדוקציע=צוויַיג דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל, וואָס זײַן הויפּט=עלעמענט איז דער גרונט=קאַפּיטאַל. די באַוועגונג אויף אויסצוגלײַכן געשעט פאַקטיש נאָר זייער לאַנגזאַם, זי ווירקט בהדרגה און לפי=ערך, דערהויפּט דורך דאָס אַרײַנלייגן דעם נײַ=אָנגעזאַמלטן מערווערט אין די צוויַיגן מיט אַ געהעכערטער ריווח=נאָרמע און דורך דעם אָפּזאָגן זיך זי צו לאָקירן אין די צוויַיגן מיט אַ נידעריקערער נאָרמע. פאַרקערט, די צינז=נאָרמע איז אין קעגנזאַץ צו דער ריווח=נאָרמע אין יעדן געגעבענעם מאָמענט גלײַך און אַלגעמיין. די גלײַכקייט פון אַלע קאַפּיטאַלן, — און פאַר אינדיווידועלע קאַפּיטאַליסטן באַשטייט זי נישט אין דער גלײַכקייט פון די ווערט=סומעס, נאָר אין דער גלײַכקייט פון דער הכנסה פון אַן אַלץ=איינס גרויסן ווערט, — געפינען זייער אַדעקוואַטן אויסדרוק בלויז אין דער אַלגעמיינקייט און גלײַכקייט פון דער צינז=נאָרמע. דער גלײַכגילט פון דעם קאַפּיטאַליסט צו דעם געברויכסווערט, דער גלײַכגילט בנוגע יעטווידער קאָנקרעטער לאָקירונגס=ספערע פון זײַן קאַפּיטאַל; דער פאַקט, וואָס דער קאַפּיטאַל איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ ווערט, וואָס זיצט אוים דעם מערווערט, וואָס ער קומט אין באַטראַכט נאָר אין אַט דער קוואַנטיטאַטיווער פאַרהעלטעניש און איז בלויז אַ ריווח=טיטול, — דאָס אַלץ פירט, בײַ דער פאַרשיידנקייט פון דער פאַקטישער הכנסה (ריווח), צו אַ פאַרשיידענער אָפּשאַצונג פון די אַלץ=איינס גרויסע קאַפּיטאַל=ווערטן. פון צוויי קאַפּיטאַלן אין דעם ווערט פון 100, פון וועלכן איינער טראָגט 10 פּראָצענט און דער צווייטער 5, ווערט דער ערשטער טאָפּלט הויך אָפּגעשאַצט, ווי דער צווייטער. די פאַרשיידנקייט פון דעם ריווח, וואָס עס ברענגען די אינדיווידועלע קאַפּיטאַלן, מחמת דער שטרעבונג פון די אינדיווידועלע קאַפּיטאַליסטן צו באַקומען אַ וואָס גרעסערן ריווח אויף זייער קאַפּיטאַל, פירט פון איין זײַט צו דער קאָנקורענץ פון די קאַפּיטאַלן פאַר די לאָקירונג=ספערעס און שאַפט דורך דעם די טענדענץ אויסצוגלײַכן די ריווח=נאָרמעס (און קודם=כל — די מערווערט=נאָרמעס) און צו דער אויסבילדונג פון אַ דורכשניט=נאָרמע פון דעם ריווח: און

פון דער צווייטער זייט, אזוי ווי די דאזיקע נישט־גלייכקייט פון דער אינדיווידועלער ריווח־נארמע שאפט זיך אלעמאל פון דאסניי און איז כסדר גורם די באוועגונג פון קאפיטאלן, ווערט די דאזיקע נישט־גלייכקייט פאר דעם אינדיווידועלן קאפיטאליסט אלעמאל אפגעשאפט דורך דער אפשאצונג פון זיין קאפיטאל לויט דער הכנסה, וואס איז קאפיטאליזירט אויפן גרונט פון דעם געגעבענעם צינזן־פוס. צוליב דעם אבער, אז די דאזיקע אפשאצונג זאל האבן א פראקטישע באדייטונג; אז די קאפיטאליסטן זאלן ווירקלעך זיין גלייך אלס קאפיטאליסטן; כדי די גלייכקייט פון אלץ, וואס ברענגט ריווח, זאל פארווירקלעכט ווערן, — איז נייטיק, אז דער דאזיקער קאפיטאל זאל צו יעדער צייט האבן די מעגלעכקייט רעאליזירט צו ווערן לויט דעם אנגעוויזענעם אפשאצונגס־מאסשטאב, און דערביי זאל ער קאנען רעאליזירט ווערן אין דער געזעלשאפטלעך־גילטיקער פארם, אין געלט. נאר דעמאלט וועט פארווירקלעכט ווערן די גלייכקייט פון דער ריווח־נארמע פאר יעדן אינדיווידועלן קאפיטאליסט. די דאזיקע פארווירקלעכונג איז גלייכצייטיק אויך די איבערקערונג פון די פאקטישע פארהעלטענישן. דער קאפיטאל דערשיינט שוין נישט מער אלס באשטימטע גרייס, און נישט דורך איר ווערט באשלאסן די גרייס פון דעם ריווח. פארקערט, דער ריווח דערשיינט א פיקסירטער, אלס באשטימטע גרייס, און לויט איר ווערט דאס באשטימט די גרייס פון דעם קאפיטאל; א באשטימונג, וואס ווערט ביי דער גרינדונג פון אן אקציען־געזעלשאפט פראקטיש רעאליזירט און גיט די מעגלעכקייט צו באקומען דעם גרינדער־ריווח אין איר באשטימענדיקער הייך. די ווירקלעכע פארהעלטענישן ווערן דא געשטעלט אויפן קאפ. איז וואס איז דער וואונדער, וואס יענע עקאנאמיסטן, וועלכע קוקן אויף די עקאנאמישע פארהעלטענישן מיט אויגן פון די בערזעניקעס, קומט אוים די פארשטעלונג פון די פאקטישע פארהעלטענישן, ווי א פארקערטע וועלט.

די גלייכקייט פון אלע קאפיטאלן רעאליזירט זיך אויף אזא אופן אין דער אפשאצונג לויט זייער הכנסה. די קאפיטאלן, וועלכע ווערן אבער אויף אזא אופן אפגעשאצט, רעאליזירן זיך און פארוואנדלען זיך, הייסט עס, אין דער ווירקלעכקייט נאר אויף דער בערזע, אויף אט דעם מארק פון די קאפיטאליזירטע צינז־טיטולן, אויפן מארק פון דעם פיקטיוון קאפיטאל. די אינערלעכע געזעצמעסיקייט פון דעם קאפיטאליזם, זיין באדערפעניש אוועקצוגעבן אלע ווערטן, וואס זיינען פאראן אין דער געזעלשאפט, אלס קאפיטאל צום דינסט פון דעם קאפיטאליסטן־קלאס און צושטעלן יעדן קאפיטאל־טייל א גלייכע הכנסה, טרייבט צו דער מאביליזאציע פון דעם קאפיטאל, און דערמיט צום אפשאצן אים בלויז

אלס קאפיטאל, וואס טראגט צינזן; די בערזע דערפילט אויף אזא אופן די פונקציע, וואס דערמעגלעכט די מאביליזאציע דורכדעם, וואס זי שאפט אן ארט פאר דער איבערטראגונג פון דעם קאפיטאל און דעם מעכאניזם פאר אט דער איבערטראגונג.

די מאביליזאציע פון דעם קאפיטאל פארוואנדלט אין אן אלץ גרעסערער מאס דאס קאפיטאליסטישע אייגנטום אין הכנסה־אנווייזונגען און מאכט אויף אזא אופן דעם קאפיטאליסטישן פראדוקציע־פראצעס אלץ מער אומאפהענגיק פון דער באוועגונג פון דעם קאפיטאליסטישן אייגנטום. ווארעם דער האנדל מיט די דאזיקע הכנסה־טיטולן, וואס קומט פאר אויף דער בערזע, באדייט די באוועגונג פון דעם אייגנטום. אבער די דאזיקע איבערטראגונגען פון דעם אייגנטום קאנען איצט פארווירקלעכט ווערן אומאפהענגיק פון דער פראדוקציע־באוועגונג, נישט האבנדיק אויף איר קיין שום ווירקונג. די באוועגונג פון דעם אייגנטום באקומט איצט א זעלבשטענדיקן כאראקטער און ווערט שוין נישט באשטימט דורך די פראדוקציע־פראצעסן. פריער האט די באוועגונג פון דעם אייגנטום גלייכצייטיק באדייט אויך דאס אריבערטראגן די קאפיטאליסטישע פונקציע פון דעם אונטערנעמער, און, פון דער צווייטער זייט, איז דער בייט אין דער אונטערנעמער־פונקציע פארבונדן מיט דעם בייט פון דעם אייגנטום; איצט קומט דאס שוין נישט פאר. פריער איז די הויפט־סיבה פון די ענדערונגען אין דער פארטיילונג פון דעם אייגנטום געווען די געענדערטע פראדוקציע־רעזולטאטן, די פארטיילונג פון דעם אייגנטום איז געווען א פראדוקט פון דער אינדוסטריעלער קאנקורענץ; איצט קומען צו די דאזיקע סיבות, וועלכע ווירקן ווייטער, צו נאך אנדערע, וואס נעמען זיך פון דעם מעכאניזם פון דער צירקולאציע פון די צינז־טיטולן און קאנען ארויסרופן א באוועגונג פון דעם אייגנטום, וועלכע בלייבן אן שום איינפלוס אויף דער פראדוקציע, פונקט אזוי ווי זיי זיינען אנטשטאנען אן דער ענדערונג אין די פראדוקציע־פארהעלטענישן.

ביי דער צירקולאציע פון די סחורות גייט די איבערטראגונג פון די גיטער האנט ביי האנט מיט דער איבערטראגונג פון דעם אייגנטום. ביי דער איינפאכער סחורה־פראדוקציע דערשיינט די איבערטראגונג פון די גיטער ווי דאס סאמע וועזנטלעכע, ווי דער סטימול פון דעם פראצעס פון דער איבערטראגונג פון דעם אייגנטום; דער לעצטער איז נאר א מיטל צו פארווירקלעכן די איבערטראגונג פון די גיטער. דא איז נאך אלץ דער באשטימענדיקער מאמענט אין דער פראדוקציע דער געברויכס־ווערט, די באפרידיקונג פון אוממיטלבארע באדערפענישן. ביי דער קא־פיטאליסטישער סחורות־צירקולאציע באדייט די גיטער־צירקולאציע אויך

די רעאליזירונג פון דעם ריווח, וועלכער אנטשטייט אין דער פראָדוקציע און איז דער סטימול פון עקאנאָמישער טעטיקייט. אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט באדייט אויך דאָס איבערגעבן דעם קאפיטאליסט די סחורה ארבעטס=קראפט די פארגרעסערונג פון דעם קאפיטאליסטישן אייגנטום דורך דאָס שאפן מערוועָרט. ביי דער צירקולאציע פון ווערט=פאפירן האנדלט זיך עס וועגן איבערגעבן דאָס אייגנטום; דאָס איז אַ צירקולאציע בלויז פון אייגנטום=טיטולן, אָן וועלכער נישט איז גלייכצייטיקער איבערטראגונג פון גיטער. די באוועגונג פון אייגנטום איז דאָ נישט פארבונדן מיט אַ גלייכצייטיקער באוועגונג פון די גיטער. דאָ האָט דאָס קאפיטאליסטישע אייגנטום פארלאָרן יעטווידן דירעקטן צוזאמענהאנג מיט דעם געברויכס=ווערט. די בערזע איז דער מאַרק פאר דער דאָזיקער **צירקולאציע פון אייגנטום פאר זיך גענומען**.

די מאָביליזאציע גופא, דאָס שאפן דעם פיקטיוון קאפיטאל איז שוין פאר זיך אליין אַ וויכטיקע סיבה פאר דער אנטשטייאונג פון דעם קאפיטאליסטישן אייגנטום מחוץ דעם פראָדוקציע=פראָצעס. אויב דאָס קאפיטאליסטישע אייגנטום איז פריער אנטשטאנען דער עיקר דורך דער אקומולאציע פון דעם ריווח, גיט איצט דאָס שאפן פון פיקטיוון קאפיטאל די מעגלעכקייט פון דעם גרינדונגס=ריווח. דורך דעם אליין גייט אַ גרויסער טייל פון דעם ריווח אריבער צו די קאָנצענטרירטע געלט=מאכטן, וועלכע זיינען טאקע אויסשליסלעך אימשטאנד צו געבן דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל די פאָרם פון פיקטיוון קאפיטאל. דער דאָזיקער ריווח פליסט אָבער צו זיי אריין נישט אַזוי ווי די דיווידענדן צו די אקציאָנערן, נישט אלס יערלעכע, צעדרויבלטע הכנסות: ער פליסט אריין אַ קאפיטאליזירטער אלס גרינדונגס=פארדינסט, אלס רעלאטיוו און אבסאָלוט גרויסע סומע, וועלכע קאָן באלד שוין פונקציאָנירן ווי אַ נייער קאפיטאל אין געלט=פאָרם. אַט אַזוי צאָלט יעדע נייע אונטערנעמונג פון סאמע אָנהייב אָן צינז אירע גרינדער, וועלכע האָבן פאר איר גאָרנישט געטאָן און וועמען זי וועט, קאָן זיין, קיין מאָל נישט אָנגיין. דאָס איז אַ פראָצעס, וועלכער קאָנצענטרירט פונסניי די גרויסע געלט=סומעס אין די הענט פון די גרויסע געלט=מאכטן.

אויף דער בערזע קומט אויך פאָר דער קאָנצענטראציע=פראָצעס פון דעם אייגנטום אומאפהענגיק פון דעם קאָנצענטראציע=פראָצעס אין דער אינדוסטריע. די גרויסע קאפיטאליסטן זיינען באקאנט מיט דעם צושטאנד פון די אקציען=געזעלשאפטן און האָבן אָן אלגעמיינע פארשטעלונג, ווי דאָס געשעפט וועט אויסזען, און קאָנען דעריבער פאָראויסזען די ריכטונג אין דער קורס=באוועגונג. שטיצנדיק זיך אויף דער קראפט

פון זייער גרויסן קאַפּיטאַל, קאָנען זיי דורך זייערע געהעריקע אײַנקויפן אָדער פאַרקויפן אַליין ווירקן אויף דער באַוועגונג פון דעם קורס און אַזוי אַרום באַקומען דעם אַנטשפּרעכנדיקן פאַרדינסט. ווײַטער, שטיצנדיק זיך אויף דער קראַפט פון זייער קאַפּיטאַל, קאָנען זיי זיך אויך דערלויבן צו אינטערווענירן, פאַרוואָס מען זינגט זיי דערנאָך לויבגעזאַנגען: זיי קאָנען קויפן פּאַפּירן אין דער צײַט פון קריזיס אָדער פּאַניק — און דערנאָך, ווען עס שטעלן זיך ווידער אײַן די נאָרמאַלע באַדינגונגען, זיי פאַרקויפן מיט פאַרדינסט 1. הקיצור, טאַקע נאָר זיי ווייסן, וואָס זיי האָבן צו טאָן, און „די אַלע וואַקלונגען אין דעם דאָזיקן געשעפט ברענגען נוצן בלויז די, וואָס האָבן א ידיעה אין דעם", ווי דער געביפּטער פוקס,

1 דער בעסטער בײַשפּיל פאַר דער נײַסטער צײַט איז אפשר די אויפנאַמע פון דער „Tennessee Steel and Coal Company“ אין דער צײַט פון דער פּאַניק אין הארבסט 1907 דורך דעם שטאָל־טרעסט, פאַר וועלכן די דאָזיקע קאָמפּאַניע איז געווען דער גרעסטער קאָנקורענט. אָן אויפגעבראַכט־צאָרנדיקע פעדער שרײַבט וועגן דעם אין „בערלינער טאַגעבלאַט" פון 17טן נאָוועמבער 1907: „פון א גוט אינפאָרמירטער זײַט באַשטעטיקט מען איצט, אַז די צוויי פאָרשטייער פון י. פּירפּאָנט מאָרגאַן — J. H. Gary (פון Steel Trust) און H. C. Frick — וועלכע זײַנען מיט עטלעכע טעג צוריק געשיקט געוואָרן קיין וואַשינגטאָן, האָבן געשטעלט דעם פּרעזידענט רוזוועלט פאָלגנדיקן אולטימאַטום: אָדער ער זאָל רואיק לאָזן דעם מאָרגאַן־טרעסט אײַנשלינגען די „Tennessee Steel and Coal Company“ און צוזאָגן, אַז די רעגירונג וועט נישט אָננעמען קיין שום פּרעווענטיווע מיטלען, וואָס זײַנען פאָראויסגעזען אין די עקזיסטירנדיקע אַנטי־טרעסט געזעצן, — אָדער עס וועט אויסקומען איבערצולעבן די שרעקלעכסטע פּאַניק, וואָס דאָס לאַנד האָט נאָר איבערגעלעבט, און אַלע בענק וועלן וואַרשײַנלעך מוזן אָפּשטעלן די צאָלונגען.

„דאָס דאָזיקע פײַערגעווער, וואָס איז אַזוי חוצפּהדיק אָנגעשטעלט געוואָרן קעגן דעם פּרעזידענט אין אַזאַ אומרואיקן און באַדראָענדיקן מאָמענט פון עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע, האָט, נאַטירלעך, געמוזט האָבן א ווירקונג. דער פּרעזידענט האָט קיין ברירה נישט געהאַט, און געמוזט פאָלגן, וואָס די בערזע האָט פון אים פאַרלאַנגט. מען האָט אים אויף א ברוטאַלן אופן געצוווּנגען, ער, דער ערשטער מלוכה־באַאַמטער, זאָל זיך אָפּזאָגן אויסצופילן די העכסטע פליכטן און זיך נישט רעכענען מיט די עקזיסטירנדיקע געזעצן. די העכסטע אייספּיר־מאַכט איז געמאַכט געוואָרן פאַר אומשעדלעך און דער בראַווער מאָרגאַן האָט פאַר דאָס „ראַטעווען" פון דער Trust Company of America און Linkoln Trust Company איצט געקאָנט באַקומען פאַר זײַן Steel Trust דעם מאָנאָפּאָל אויף אײַזן און שטאָל אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אים אין זײַן „רעטונג"־אַרבעט אײַנגעגעבן א נײַער Coup: ער האָט גענומען דעם C. Morses Coastwise Steamship Combination.

דאָס כאַראַקטעריזירט די איצטיקע לאַגע אין דער רעפּובליק פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַזעלכע אומאייגננוציקע פּאַטריאָטן, ווי געאָרג וואַשינגטאָן, בענדזשעמען פראַנקלין, דזשעפערסאָן און אַנדערע פּראָמינענטע מענער.

דער באנקיר Samue Gorney, האט נאך בשעתו פארזיכערט דעם קאמיטעט פון דער אויבערשטער קאמער [1].

פאר דער פונקציע פון דער בערזע — דורך דער פארוואנדלונג אין פיקטיוון קאפיטאל געבן דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל אזא כאראקטער, אז פאר דעם אינדיווידועלן קאפיטאליסט זאל ער זײַן געלט-קאפיטאל — איז דאס סאמע וועזנטלעכע די גרייס פון דעם מארק, ווײַל דער געלט-כאראקטער פון דעם קאפיטאל איז דאך אפהענגיק דערפון, וויפיל אקציעס און אבליגאציעס מען קאן צו יעדער צײַט ווירקלעך פארקויפן און דערבײַ נישט קיין סך אנווערן אויפן קורס. פון דאנעט שטאמט די טענדענץ וואס מער צו קאנצענטרירן אלע אפעראציעס אויף איין און איינציקן מארק; די באנק און בערזע-אפעראציעס קאנצענטרירן זיך צוליב דעם אלץ מער אין דעם הויפט-צענטער פון דעם עקאנאמישן לעבן, אין דער הויפט-שטאט פון לאנד, און די פראווינץ-בערזעס פארלירן אלץ מער זייער באדײַטונג. אין דײַטשלאנד שטײַגט די בערלינער בערזע ווײַט אריבער אלע איבעריקע. חוץ דער בערלינער, קומען נאך אין באטראכט די בערזעס אין האמבורג און אין פראנקפורט, אבער זיי ווערן שוין אויך אן זייער באטײַט.

בשעת די קלײנבירגערלעכע טעאריע האלט, אז די אקציעס באדײַטן די „דעמאקראטיזאציע פון דעם קאפיטאל", באמיט זיך די קלײנבירגערלעכע פראקטיק — וואס איז דאך קליגער — אז די אקציעס זאלן זיך בלויז געפינען בײַ די קאפיטאליסטן. די פארטרעטער פון דער גרויס-קאפיטאליסטישער פראקטיק זײַנען מיטן גאנצן הארצן מסכים מיט די קלײנבירגערלעכע באווארענישן, מיט דעם אנגענומענעם באוווסטזײַן, אז זיי וועלן נישט ברענגען קיין סך נוצן. „דער, וואס דארף האבן פעסטע צינזן צום לעבן, — מיינט דער עקספערט ארנהאלד, — דער דארף נישט קויפן קיין אקציעס" [2]. די וואקלענדיקע הכנסה פון דער אקציע, ווערט ווײַטער נעשריבן, וועט פאר דעם, וואס נייטיקט זיך אין זײַן צינזן צום לעבן, דינען בלויז אלס קוואל פון קאפיטאל-היזק, ווײַל די הויכע דיווידענדן דערפירן געוויינלעך צו דעם, אז ער זאל פארגרעסערן זײַן בורזשעט; ער באנוצט נישט דעם הויכן קורס, כדי צו פארקויפן, נאר ער פארקויפט ערשט דעמאלט, ווען ער ווערט באאומרואיקט מחמת די קליינע דיווידענדן און דעם נידעריקן קורס (און ער מוז זיך אומבאדינגט באאומרו-

1 זײַט 406, Marx, „Kapital" III, 1,

2 זע: Stenographischer Bericht der deutschen Börsenenquete 190 זײַט I, 1893.

איקן, ווײַל ער איז נישט באַקאַנט מיט דער ווירקלעכער לאַגע פון דער אונטערנעמונג און מוז דעריבער גלויבן דעם קורס, ד״ה, דעם „אורטייל״ פון דער בערזע), אָדער ווען ער וועט זײַן געצוווּנגען צו פאַרקויפן צוליב אַנדערע סיבות.

3. בערזע=אָפּעראַציעס

די בערזע=אָפּעראַציעס זײַנען אָפּעראַציעס פון קויף און פאַרקויף, וואָס אונטערשיידן זיך אין זייער תּוך פון אַנדערע בלויז דורך דער סחורה, מיט וועלכער מען האַנדלט דאָ, און נישט דורך דעם אופן, ווי עס ווערט געהאַנדלט. נישט די טעכניק פון די אָפּעראַציעס, נאָר זייער אינהאַלט האָט דעם אַנטשיידענעם עקאָנאָמישן באַטײַט, און די באַשרײַבונג פון די דאָזיקע טעכנישע פּרטים דאַרף גיכער אַרײַנגיין אין אַ האַנטבוך פאַר פּראַקטישע סוחרים, איידער אין אַ טעאָרעטישער אַרבעט. דער אופן, ווי די טראַנזאַקציעס ווערן דורכגעפירט, האָט נאָר אויף אַזוי פיל אַן אַלגעמיינעם באַטײַט און אינטערעס, אויף וויפיל דאָס פאַרלײַכטערט צו מאַכן געוויסע אויספירן, וואָס באַקומען זיך אויס דעם אינהאַלט פון אָט די טראַנזאַקציעס.

די אייגנאַרטיקע באַשטימונגען בנוגע דער דורכפירונג פון די בערזע=טראַנזאַקציעס — די בערזע=מנהגים (אוזאַנסן) — זײַנען קודם=כּל אויסן אָט די צילן: זיי דאַרפן געבן די מעגלעכקייט ווי אַמברייטסטן אויסצונוצן דעם קרעדיט, באַגרעניצן די גרייס פון דער ריזיקע און זען, אַז די אומזאַצן זאָלן וואָס שנעלער צוגיין.

דאָס אויסנוצן דעם קרעדיט איז שוין אין דער סאַמע ברייטסטער מאָס געוואָרן מעגלעך אַדאַנק דער נאַטור פון די „סחורות״, מיט וועלכע מען האַנדלט דאָ. דאָס זײַנען, קודם=כּל, געלט=אָנווײַזונגען: אָדער דירעקט אַלס וועקסלען אד״גל, אָדער אומדירעקט, אַלס אָנווײַזונגען אויף קאַפּיטאַליזירטן ריווח. אַלס אַזעלכע געלט=אָנווײַזונגען זײַנען אַלע בערזע=ווערטן גלײַך איינער צום אַנדערן, פאַרטרעטבאַר, און אונטערשיידן זיך בלויז קוואַנטיטאַטיוו. אויך די אַזוי=גערופענע קוואַליטאַטיווע אונטערשיידן פון די בערזע=פּאַפּירן, למשל, דער חילוק צווישן פּאַפּירן מיט פעסטע צינזן און אַקציעס, אָדער דער אונטערשייד אין דער סאָלידקייט פון די פּאַפּירן, ווערן שטענדיק פאַרוואַנדלט דורך דעם בערזע=האַנדל אין קוואַנטיטאַטיווע אונטערשיידן און קאָנען נישט האָבן קיין אַנדער אויסדרוק, חוץ די אונטערשיידן פון דער אָפּשאַצונג. אָבער דאָ איז נישט אַזוי, ווי בײַ איין און דער זעלבער סחורה פון פאַרשיידענער קוואַליטעט:

די אונטערשיידן אין די פרייזן דערקלערן זיך נישט דורך דעם אונטערשייד אין די פראדוקציע=קאסטן, נאר זיי נעמען זיך אויסשליסלעך פון די פארשיידענע פארהעלטענישן פון אנבאט און נאכפרעג. אויב, למשל, א צוקער=אקציע און אן אייזנבאן=אקציע טראגן די זעלבע הכנסה, קאן דער קורס פון דער אייזנבאן=אקציע זיין העכער בלויז דערפאר, וואס אויף אייזנבאן=אקציעס זיינען פאראן מער בעלנים, ווייל, לויט דער מיינונג פון די קויפער, איז די הכנסה אירע סטאבילער. דער קוואליטאטיווער אונטערשייד, די זיכערקייט פון דער הכנסה, האט באקומען א קוואנטיטאטיוון אויסדרוק אין דער פארשיידנקייט פון דעם קורס. אט די דאזיקע קעגנזייטיקע פארטרעטבארקייט פון די בערזע=ווערטן איז גורם דאס, אז דער גרעסטער טייל פון די קויף= און פארקויף=אפעראציעס קאן זיך פארענדיקן דורך קעגנזייטיקע קאמפענסאציעס און מען דארף בלויז דעקן א קלײנעם טייל דורך באצאלן די דיפערענץ. אויף אזא אופן ווערט מיט דעם שליסן דאס געשעפט איינצייטיק פארבונדן די קרעדיטירונג, דאס געלט פונקציאנירט בלויז אלס רעכן=געלט, און אויף צו באצאלן מיט מזומנים דארף מען בלויז א קליינע סומע. אויף צו רעדוצירן דאס צאלן מיט מזומן געלט ביז א מינימום זיינען פאראן באזונדערע אנשטאלטן אויף צו קאמפענסירן די פאדערונגען, וואס אנטשטייען פון די קויף= און פארקויף=אפעראציעס [1]. צוליב דעם איז נייטיק, אז די פרייזן, אויף וועלכע די בערזע=אפעראציעס זיינען געמאכט געווארן, זאלן זיין באקאנט, און דעריבער ווערט דער קורס פובליקירט. און טאקע דאס, וואס דער קורס ווערט פארעפנטלעכט, גיט דער בערזע די מעגלעכקייט אויסצופילן איר פונקציע: צו זיין דער מארק, אויף וועלכן מען קאן צו יעדער צייט מאכן טראנזאקציעס מיט די בערזע=פאפירן לויט א באשטימטן פרייז. און אזוי ווי עס ווערט דא, הייסט עס, פעסטגעשטעלט דער פרייז, וועלכן מען קאן רעאליזירן אין דעם אדער יענעם מאמענט, ווערט דעריבער אויך לייכטער די אנדערע פארם פון קרעדיטירונג: די אייגנטלעכע הלוואות ווערן, אין קעגנזאץ צו דער פריערדיקער פארם פון צאלונגס=

1 אזוי עקזיסטירט אין לאנדאן זינט 1874 דאס „Stock Exchange Clearing", דורך וועלכן עס ווערן ווי ווייט מעגלעך קאמפענסירט אלע אומזאצן פון די וויכטיקסטע ווערט-פאפירן, אזוי אז בלויז אויף דעם עווענטועלן רעשט, וואס פארבלייבט, ווערט אויסגעשטעלט א טשעק. דער רעזולטאט פאר די אומזאצן אויף דער פאנדן-בערזע איז אזא, אז מיט טשעקן ווערט געדעקט בלויז ביז 10 פראצענט פון דער אלגעמיינער סומע, און 90 פראצענט פון די קעגנזייטיקע פארפליכטונגען ווערן ערלעדיקט דורך איינפאכע אויסגלייכונגען (Jaffe, „Das englische Bankwesen", Leipzig 1904, Seit 95). ענלעכע אנשטאלטן עקזיסטירן אויך אין אנדערע בערזע-פונקטן.

קאָמפּענסאַציעס, וועזנטלעך לײַכטער, ווײַל דער קרעדיט-געבער ווייסט גענוי דעם פּרײַז פון דעם אָביעקט, אויף וועלכן ער גיט די הלוואה. דער ספּעקולאַנט פאַרמשכּונט בײַ דעם געלט-קאַפּיטאַליסט די פּאַפּירן, פאַר וועלכע ער האָט באַצאָלט מיט דעם געליִענעם געלט. אַט אַזוי אַנטשטייט אין דער זעלבער צײַט אַ נײַער און זיכערער אופן פון צינזנ-טראָגנדיקן פאַרווענדן דעם קאַפּיטאַל: די לאָמבאַרדירונג (נעמען אַלס משכּון) פון די בערזע-פּאַפּירן.

דער קרעדיט גיט דעם ספּעקולאַנט די מעגלעכקייט אויסצונוצן אַפילו די אומבאַדײַטנדיקע וואַקלונגען פון דעם קורס; ער קאָן אויס-ברייטערן זײַנע טראַנזאַקציעס ווײַט איבער די גרעניצן פון זײַן פאַרמעגן, און, אַדאַנק דער גרייס פון די אָפּעראַציעס, ברענגען אים אַפילו די קלענסטע קורס-וואַקלונגען אַרײַן אַ פאַרדינסט. פאַרקערט, דורך דעם טאַקע, וואָס דער קרעדיט גיט דער ספּעקולאַציע די מעגלעכקייט צו פאַר-גרעסערן אירע טראַנזאַקציעס און אויסצונוצן יעדע לאַגע אויפן מאַרק, איז זי גורם, באַגלייטנדיק שטענדיק די ספּעקולאַטיווע אָפּעראַציעס מיט קאָנטר-אָפּעראַציעס, די פאַרקלענערונג פון די פּרײַז-וואַקלונגען. דאָס באַנוצן זיך מיט דעם קרעדיט גיט די אייבערהאַנט דעם גרויסן ספּעקולאַנט; די קראַפט פון זײַן פאַרמעגן ווערט פיל מאָל גרעסער דורך דעם, וואָס ער באַנוצט זיך מיט דעם קרעדיט, וועלכער וואַקסט פיל שנעלער ווי דאָס אייגענע פאַרמעגן.

די ווײַטערדיקע ספּעציאַליטעט פון די בערזע-טראַנזאַקציעס איז די שנעלקייט, מיט וועלכער זיי ווערן געמאַכט, און וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ געוויסער פאַרמלאָזיקייט פון די געשלאָסענע טראַנזאַקציעס. די דאָזיקע שנעלקייט נעמט זיך דער עיקר פון דעם, וואָס די ספּעקולאַציע שטרעבט אויס-צונוצן די נישט גרויסע, קורץ-דויערנדיקע פּרײַז-וואַקלונגען. בײַ די שנעלע ענדערונגען אין די פאַרהעלטענישן פון נאָכפרעג און אָנבאָט און בײַ די שנעלע קורס-ענדערונגען, איז דאָס פאַרשנעלערטע אָפּשליסן די טראַנז-אַקציעס זייער וויכטיק. וואָרום יעדע נײַע ווענדונג אויף דער בערזע באַדײַט דאָך פאַר דעם ספּעקולאַנט די מעגלעכקייט פון נײַע אָפּעראַציעס, פון נײַע פאַרדינסטן פון די געענדערטע קורסן; דעריבער ווערט דאָ אויסגעמיטן יעטווידע פאָרמאַליסטיק, וואָס נעמט צו איבעריקע צײַט; דאָ האָט פאַר פיל מענטשן „צײַט — איז געלט" דעם בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. פונדאַנען נעמט זיך די אַנטיפּאַטיע צו די אַלע געזעצלעך באַשטימטע טערמינען, צו יעטווידער געזעצלעכער אינטערווענץ בכלל, ווײַל דאָס איז פאַרבונדן מיט פאַרלירן צײַט.

די מעלות פון דעם קרעדיט ווערן אמבעסטן אויסגענוצט דורך דעם טערמין=האנדל. דורך די טערמין=אפעראציעס ווערט דאס דערפילן אלע טראנזאקציעס אפגערוקט אויף איין און דעם זעלבן צייט=פונקט. אזוי ווי די דאזיקע טראנזאקציעס ווערן קודם=כל געמאכט דורך די ספעקולאנטן, שטייען דא קויף= און פארקויף=טראנזאקציעס איינע קעגן די אנדערע און מערסטנטיילס קאמפענסירן זיי זיך קעגנזייטיק. געלט מוז מען נאר האבן אויף צו דעקן די דיפערענצן (און אויך די דאזיקע צאלונגען ווערן געמאכט אין א באדייטנדיקער מאס דורך קרעדיט=געלט אדער דורך איבערשרייבונגען אין די באנק=ביכער) אדער אויף צו דעקן די איינזייטיקע קויפן אדער פארקויפן; אזעלכע איינזייטיקע טראנזאקציעס זיינען אבער רעלאטיוו קליין אין פארגלייך מיט דער גרויסער מענגע אפעראציעס, וועלכע קאמפענסירן זיך קעגנזייטיק. דער קרעדיט ווייזט דא אויך ארויס זיין ווירקונג: ער פארברייטערט דעם מארק. דער טערמין=האנדל דערלויבט שטארק צו פארברייטערן די אפעראציעס; די פאפירן, וועלכע ווערן פארקויפט אויף א טערמין, געפינען שטענדיק פאר זיך א מארק; דעריבער איז צו יעדער צייט פאראן א מעגלעכקייט דורך דעם קויף און פארקויף צו פארענדיקן די ספעקולאציע, רעאליזירן דעם פארדינסט אדער צו באגרעניצן דעם היזק: צו יעדער צייט, אויסער אין דער צייט פון קאטאסטראפאלע דערשיטערונגען פון דעם מארק. און אזוי ווי, ווייטער, ביי דער טערמין=ספעקולאציע איז נישט וויכטיק צו באזיצן די ווערט=פאפירן, נאר צו באקומען דעם דיפערענץ=פארדינסט, און אזוי ווי מען קאן די פאפירן צו יעדער צייט פארקויפן, ווערט די גרייס פון דעם אנגאזשעמענט באשטימט נישט דורך דעם פרייז פון די פאפירן, נאר אויסשליסלעך דורך דער גרייס פון דער דיפערענץ, וואס קאן זיך באקומען אלס רעזולטאט פון דער ספעקולאציע. אין דער זעלבער צייט זיינען די ווירקלעך=עקזיסטירנדיקע פאפירן, וואס צירקולירן אויפן מארק, נאר אויף אזוי פיל נייטיק, אויף וויפיל די ספעקולאטיווע טראנזאקציעס — דער קויף און פארקויף — קאמפענסירן זיך נישט קעגנזייטיק. הייסט עס, אז די גרייס פון דעם אויפגענומענעם אנגאזשעמענט איז נישט אפהענגיק אויך פון דער פרייז=סומע פון יענע פאפירן, וועלכע זיינען ווירקלעך פאראן אויפן מארק, און קאן פילפאכיק איבערשטייגן אט די סומע. אין דער זעלבער צייט פארזיכערן די טיפישע כאראקטער=שטריכן פון די אפמאך=באדינגונגען אויפן פולקומסטן אופן, די אפעראציעס זאלן שנעל דערליידיקט ווערן.

די גרויסע פאראיינפאכונג פון דעם מארק פון די טערמין=טראנזאקציעס, די פארגרעסערטע מעגלעכקייט פון קעגנזייטיקע קאמפענסירונגען

פארקלענערט דעם קאפיטאל, וואס איז נייטיק אויף צו באטייליקן זיך אין דער ספעקולאציע. דורך=דעם ווערט אויסגעברייטערט דער קרייַז מענטשן, וואס קאנען זיך באטייליקן אין דער ספעקולאציע, און עס ווערט פארגרעסערט די גרייס פון די איינצלנע אנגאזשעמענטן. דער טערמין=מארק ווערט פיל גרעסער פון דעם קאסע=מארק. דערצו נאך פארשלינגט ער ווייניקער מיטלען אויף אונטערצוהאלטן און ווייַטער צו פירן די ספעקולאציע, און דעריבער ווירקט ער ווייניקער אינטענסיוו אויף דעם ציַנז פון דעם קאפיטאל, וואס ווערט געשטעלט אין רשות פון דער ספעקולאציע. נאר אזוי ווי די ספעקולאציע ווערט אין א באדייַטנדיקער מאס שטענדיק געפירט מיט דער הילף פון געליענעם קאפיטאל, און אזוי ווי די ציַנזן, וואס ווערן געצאלט אויף דעם דאזיקן קאפיטאל, האבן א באשטימענדיקע ווירקונג אויף דער ווייַטערדיקער ספעקולאציע, האט דעריבער דער טערמין=מארק אין אלגעמיין א טענדענץ ווייַטער צו פירן די ספעקולאציע. פון דער דאזיקער רעלאטיווער באשטענדיקייט נעמט זיך א רעלאטיוו קליינע ענדערונג אין די פארהעלטענישן פון נאכפרעג און אנבאט און אן אומבאדייַטנדיקע ווירקונג אויף די קורס=וואקלונגען. און אין דער זעלבער צייַט וועלן ביַי א רעלאטיוו גרויסן פארנעם פון די טראנזאקציעס קלעקן אויך די מינדסטע וואקלונגען, אז די ספעקולאנטן זאלן באקומען חשק צו ווערן אקטיוו: אין דער ריכטונג ווירקט אויך אט דאס, וואס דער טערמין=האנדל גיט די מעגלעכקייט אויך צו פארקויפן די ווערט=פאפירן צו ספעקולאציע=צילן, און דורך דעם קאן מען בעסער ארויסטרעטן קעגן דער איינזייַטיקער פארגרעסערונג פון דעם אנבאט, ווי אויף דעם קאסע=מארק [1].

[1] „די פארמעס פון די בערזע-אפעראציעס זייַנען אבער וויכטיק נישט נאר אויף קלאר צו מאכן די פרייַזן; די באדינגונגען פון שליסן און רעאליזירן די בערזע-אפעראציעס זייַנען עפעס מער ווי נאר א יורידיש-טעכניש הילפס-מיטל פון די בערזע-אומזאצן; דאס זייַנען אויך פאקטארן פון דער פרייַז-אויסבילדונג גופא, און די דאזיקע פאקטארן דארף מען גארנישט אוועקמאכן מיט דער האנט, אפילו דעמאלט, ווען די אנטשיידענע באדייַטונג וואלטן אין דער אונטערשטער שורה געהאט דער באדארף און דער רעזערוו, דער אנבאט און דער נאכפרעג. צי עס ווערן פארקויפט ווערט-פאפירן אדער סחורה, צי די טראנזאקציעס זייַנען געמאכט געווארן פאר קאסע אדער אויף א טערמין, אויף א לענגערער אדער קירצערער צייַט, אין וועלכע איינסן עס איז געשלאסן דער אפמאך, אין וואס פאר א מין סחורה, אין וואס פאר א בערזע-גרופע: צי אין די קוליסן אדער אויף דער בערזע גופא, — דאס אלץ, ווי אויך די איבעריקע פארמעלע אומשטענדן זייַנען זייער וויכטיקע מאמענטן נישט בלויז פאר דאס ריכטיקע קלאר-מאכן די פרייַזן, נאר אויך פאר זייער אויסבילדונג, און יעטווידע ענדערונג אין די דאזיקע באדינגונגען האט אן אייַנפלוס אויף דעם קורס, לויט וועלכן די פרייַזן באוועגן זיך לויט דער צייַט אויף דעם ארגאניזירטן מארק". Landesberger

דער טערמין=האַנדל גיט די מעגלעכקייט שוין איצט אַרײַנצוליִיגן די קאַפּיטאַלן, וועלכע זײַנען ערשט שפּעטער פעליק, לויט אַ פאָראויס פעסטגעשטעלטן קורס, אָדער צו באַקומען באַלד אויף גינסטיקע באַדינגונגען קאַפּיטאַלן, וועלכע מען וועט ערשט שפּעטער דאַרפן האָבן. צו דעם קומט נאָך צו די אויבנדערמאָנטע אויסברייטערונג פון דעם מאַרק, וועלכע ווערט בכלל אַרויסגערופן דורך דעם טערמין=האַנדל מחמת דער לײַכטקייט צו באַקומען קרעדיט און צו מאַכן די אָפּעראַציעס. די אויפנאַם=פעיִקייט פון דעם טערמין=האַנדל איז פיל ברייטער, ווי פון דעם קאַסע=מאַרק. ער פאַרלײַכטערט דעריבער אויך די עמיסיע=טעטיקייט; די עמיסיע=אינסטיטוציעס קאָנען בהדרגה, נישט אַרויסרופנדיק קיין בעסע אויף דעם קורס, פאַרקויפן זייערע רעזערוון [1]. דער טערמין=האַנדל איז אויך די פּאַסיקע פאָרם פאַר דער פונקציע פון דעם אַרביטראַזש, פאַר דער אויסגלײַכונג פון די קורס=דיפערענצן אין פאַרשיידענע בערזע=פּונקטן.

די ספּעקולאַציע פאַרלאַנגט אַ געוויסן רעזערוו פּאַפּירן, וואָס געפינט זיך צוליב דעם ציל אין איר רשות. אויב אַ פּאַפּיר איז אַרײַנגעפאַלן אין „פעסטע" הענט, ד״ה אויב עס איז אויף לאַנג אַרויסגעצויגן געוואָרן פון מאַרק און פאַרווענדעט געוואָרן אויף אַ לאַנג=דויערנדיקער לאָקירונג פון דעם געלט=קאַפּיטאַל, קאָנען זיי נישט דינען פאַר דער ספּעקולאַציע. דאָס זעלבע איז אויך מיט די פּאַפּירן, וואָס זייער אַלגעמיינער באַטרעף איז נישט קיין גרויסער, — זיי זײַנען אויך נישט קיין אָביעקט פאַר דעם ספּעקולאַנט. די קליינע קויף= און פאַרקויף=אַקטן קאָנען האָבן אַ שטאַרקן אײַנפלוס אויף דעם קורס=ניוואָ און קאָנען געבן די עטלעכע געציילטע קאַפּיטאַליסטן די מעגלעכקייט אײַנצוקויפן דעם גאַנצן „מאַטעריאַל" און דעמאָלט דיקטירן זייערע קאָנטער=ספּעקולאַנטן מאָנאָפּאָל=פּרײַזן. די ספּעקולאַציע רעכנט גראָד אויס אויף אַ גרויסן מאַרק, וואָס לאָזט זיך נישט אַזוי לײַכט באַהערשן; דער מאָנאָפּאָל איז דער טויט פון דער ספּעקולאַציע.

מיט די ספּעקולאַציע=טראַנזאַקציעס זײַנען, ווי מיר האָבן געזען, שטענדיק פאַרבונדן אויך קרעדיט=טראַנזאַקציעס. בײַ דער ספּעקולאַציע ווערט געשטעלט אין קאָן נישט די גאַנצע סומע פון דעם קורס=ווערט פון די אײַנגעקויפטע פּאַפּירן, נאָר די סומע פון די עווענטועלע

אין „Die Reform der landwirtschaftlichen Börsen in Deutschland“ „Zeitschrift für Volkswohlfahrt. Socialpolitik und Verwaltung“. XI .Band, Seite 36 (1902)

1 Deutsche Börsenenquete I, Bericht der Kommission. Seite א״ח 75.

קורס־ענדערונגען. ביים פארמשבונען ווערט־פאפירן קאן דער קרעדיט־געבער גיין ביז צו דער סומע, וואס איז געזיכערט פון די קורס־ענדערונגען. ווען דער קורס פון א פאפיר, וואס קאן ליידן פון פארהעלטניסמעסיק קליינע וואקלונגען, באטרעפט, למשל, 110, וועט דער ספעקולאנט ביים פארזעצן דאס צו יעדער צייט באקומען בערך 90, און ער אליין וועט בלויז דארפן אויסלייגן די 20.

אט די פארם פון קרעדיטירונג איז דער געוויינלעכסטער אופן, וועלכן די בערזע־קאמיסיע־געשעפטן, באנקירן און בענק באנוצן, כדי צו געבן זייערע קליענטן די מעגלעכקייט זיך צו באטייליקן אין די בערזע־אפעראציעס. אפגעזען אין דעם דאזיקן קרעדיט אדער פארשווערן אים איז דאס באליבטסטע מיטל, כדי די דאזיקע קליענטן „ארויסצוווארפן פון זייערע אנגאזשעמענטן", אוממעגלעך צו מאכן פאר זיי די ווייטערדיקע ספעקולאציע, זיי צו צווינגען אויסצופארקויפן די פאפירן פאר יעדן פרייז, און דורך דעם דאזיקן אומדערווארטן אנבאט ווארפן דעם קורס. אין דער זעלבער צייט איז דאס אויך א גוט מיטל פאר די קרעדיטארן, זיי זאלן קאנען קויפן די דאזיקע פאפירן צו ביליגע פרייזן. הייסט עס, אז די קרעדיטירונג איז דא אויך א מיטל צו עקספראפריאירן די קליינע בעלי־חובות.

אנדערש איז רעגולירט די קרעדיטירונג באַ דער אייגנטלעכער גרויסער ספעקולאציע. דא שאפן די ספעקולאנטן דאס נייטיקע געלט דורך דעם רעפארט. פארמעל זיינען די רעפארט־אפעראציעס קויף־ און פארקויף־אפעראציעס. אויב דער האסע־ספעקולאנט וויל איינהאלטן ביי זיך די פאפירן ביז איבער דעם אולטימא, ביז דעם נאענטסטן טערמין, וויל ער האפט, אז דער קורס וועט ווייטער שטייגן, פארקויפט ער די פאפירן דעם געלט־קאפיטאליסט און אויף דעם נאענטסטן טערמין קויפט ער זיי ווידער אפ. אין דעם אונטערשייד צווישן דעם קויף־ און פארקויף־פרייז געפינט זיך דער צינז אויפן געלט, וואס דער געלט־קאפיטאליסט האט אויסגעליען. דאס איז אבער נאר נאמינעל. פאקטיש האט דער געלט־קאפיטאליסט פשוט איבערגענומען די דאזיקע פאפירן אויף אט דעם טערמין און פארבינדן דעם ספעקולאנט. ער אונטערשיידט זיך אבער פון דעם לעצטן דערמיט, וואס ער נעמט אויף זיך קיין שום ריזיקע נישט, ער פרעטענדירט אויך נישט אויף דעם ספעקולאציע־פארדינסט, נאר ער לייגט פשוט אריין זיין געלט אויף דער דאזיקער צייט און רעאליזירט דערפאר דעם צינז. דא איז וויכטיק די פארם גופא, אין וועלכער די אוואנסירונג קומט פאר. אדאנק דעם, וואס די קרעדיט־טראנזאקציע באקומט דא די פארם פון א קויף, גייט אין דער צווישנצייט דאס

אייגנטום אויף די פּאַפּירן אריבער צו דעם קרעדיט-געבער. דער לעצטער קאָן דעריבער אין דער צווישנצייט טאָן מיט די פּאַפּירן, וואָס ער וויל. דאָס איז זייער וויכטיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אינדוסטריעלע אַקציעס. אַ באַנק קאָן זיין פאַראינטערעסירט, אַז צו דער צייט פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג זאָל זי, שטיצנדיק זיך דערויף, וואָס זי באַזיצט אַ גרויסע צאָל אַקציעס, באַקומען די דעציזירנדיקע השפּעה אויף די באַשלוסן פון אָט דער פאַרזאַמלונג. דער רעפּאָרט גיט איר די מעגלעכקייט צו פאַרשאַפן זיך די אַקציעס אויף אַ קורצער צייט און דורך דעם באַהערשן די אַקציען-געזעלשאַפט. פאַרלייכטערנדיק דעם רעפּאָרט דורך קלענער מאַכן די רעפּאָרט-אָפּצאָלונגען, קאָן די באַנק זייער לייכט באַקומען די פּאַפּירן פון די ספּעקולאַנטן. די בענק שטיצן זיך גאַנץ אָפט קעגנזייטיק און באַזייטיקן אויף אַ געוויסער צייט די קאָנקורענץ ביי דער רעפּאָרטירונג בנוגע געוויסע פּאַפּירן 1. אדאַנק דעם פּילן די אַקציעס אויס דאָפּלטע פונקציעס. פון איין זייט דינען זיי אַלס אָביעקט פאַר דער ספּעקולאַציע און אַלס יסוד פון אירע דיפערענץ-פאַרדינסטן, אָבער, פון דער צווייטער זייט, גיבן זיי די בענק די מעגלעכקייט צו באַהערשן די אַקציען-געזעלשאַפטן און דורכצופירן זייער ווילן אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, נישט זייענדיק דערביי געצוווּנגען אויף אַ לאַנגע צייט צו האַלטן זייער געלט אין די געהעריקע אַקציעס 2.

---

1 דאָס קאָן געשען אויך מחמת אנדערע צילן. „אויף דעם קאָנטינענט פירן די בענק גאַנץ אָפט אַן אייגענע רעפּאָרט-פּאָליטיק. עס טרעפט, למשל, אז די בענק גרייטן צו אַן עמיסיע-אָפּעראַציע און מאַכן נידעריקער דעם רעפּאָרט, כדי ארויסצורופן אַ האָסע-שטימונג: דער היזק, וואָס זיי קאָנען צוליב דעם האָבן, ווערט דאָך קאָמפּענסירט ווערן דורך דעם קורס-געווינס פון דער עמיסיע". Philippowich „Grundriss der politischen Oekonomie, II Band, 2 Teil, Seite 181.

2 פאַרגלייך „Deutsche Börsenenquete", III, Seite 1930 די עקספּערטיזע פון דעם עקספּערט-קעניג. ער האַלט דעם טערמין-האַנדל פאַר אומגעוווינטלעך נייטיק פאַר דער אינדוסטריע און באַגרינדעט זיין שטאַנדפּונקט אויף אַזאַ אופן: „די אַלע פּאַפּירן, וועלכע געפינען זיך אין אולטימאָ-האַנדל, שטראָמען איבער דער בערזע און געפינען זיך מערסטנטיילס אין די הענט פון די, וואָס האָבן נישט קיין שטאַרקן אינטערעס צו דער זאַך גופא, זיי אינטערעסירן זיך בלויז מיט די אַקציעס, און נישט מיט דער אונטערנעמונג אַלס אונטערנעמונג, און ביי דעם, וואָס איז פאַראינטערעסירט בלויז צו הייבן אָדער לאָזן פאַלן דעם קורס פון דער אַקציע; ביי די אַלע איינריכטונגען, וואָס עקזיסטירן ביי דעם טערמין-האַנדל, איז ביז גאָר לייכט, אַז אַבי ווער זאָל באַקומען אַן איינפלוס אויף דער אינטערנעמונג: דורך דעם רעפּאָרט פאַרזיכערט ער זיך אַ גרויסע צאָל אַקציעס, וואָס ער דאַרף האָבן צום אולטימאָ פון דעם חודש, ווען עס דאַרף פאָרקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. ער טרעט ארויס אַלס אייגנטימער פון עטלעכע מיליאָן אַקציעס, — וועלכע געהערן גאָר נישט צו אים, —

ביַי אַנדערע גליַיכע אומשטענדן איז די גרייס פון דער בערזע־ספעקולאַציע דער עיקר אָפּהענגיק פון דעם סכום געלט, וואָס געפינט זיך אין רשות פון די ספעקולאַנטן. וואָרום וויפיל אומזאַצן די פּאַפּירן מאַכן דורך, איז דאָך נישט אָפּהענגיק פון דער צאָל פּאַפּירן, וואָס זיַינען פאַראַן, און יעדער אומזאַץ ברענגט אריין אַ דיפערענץ־פאַרדינסט. פונדאַנען שטאַמט דער איַינפלוס פון די בענק אויף דער בערזע־ספעקולאַציע, וויַיל געבנדיק אָדער צונעמענדיק דעם קרעדיט באַאיַינפלוסן זיי שטאַרק דעם פאַרנעם פון דער ספעקולאַציע. אַממערסטן ווערט דער קרעדיט אויסגענוצט צו די רעפּאָרט־אָפּעראַציעס. אין זיי ווערן מייסטנס אריַינגעלייגט גרויסע פליסיקע קאַפּיטאַלן [1], און אַט די לאָקאַטעס האָבן אַן איַינפלוס אויף דעם צינזן־פוס פאַר דעם טעגלעכן געלט און — אין די ציַיטן פון דער קליינער געלט־פליסיקייט — אויף די דיסקאָנט־נאָרמעס און דורך דעם אויך אויף דער גאָלד־באַוועגונג. באַגרעניצנדיק דעם קרעדיט, קאָנען די בענק האָבן אַ דירעקטן איינפלוס אויף דעם צינזן־פוס. דאָס איז מעגלעך אַזוי דערפאַר, וויַיל דאָס געבן קרעדיט איז דאָ אין אַ גאַנץ באַזונדערער מאָס אָפּהענגיק פון איינזען פון דער באַנק. דאָ האַנדלט זיך וועגן ריין פינאַנציעלע אָפּעראַציעס, וועלכע, צי זיי וועלן יאָ געמאַכט ווערן, צי נישט, האָבן נישט קיין דעצידירנדיקן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט. אַנדערש איז דאָס ביַי דעם קרעדיט פאַר די קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן: דאָרט מוז אַ פּלוצימדיקע און איבערגעטריבענע באַגרעניצונג פון דעם קרעדיט — אָדער צוריקציִענדיק דעם קרעדיט — אומפאַרמיַידלעך דערפירן צו אַ קראַך און פאַרשאַרפסטן קריזיס.

מיט דער אַנטוויקלונג פון די בענק ענדערט זיך די סטרוקטור פון דעם האַנדל מיט ווערט־פּאַפּירן. לכתחילה איז דער באַנקיר נאָר אַ קאָמיסיאָנער, וועלכער באַזאָרגט די אָפּעראַציעס פאַר זיַינע קליענטן. אָבער וואָס מער עס וואַקסט ביַי דער באַנק די קאַפּיטאַל־קראַפט און די באַראינטערעסירטקייט אין דעם קורס פון די אַקציעס, אַלץ מער גייט זי איבער צו דעם האַנדל אויף אייגענער האַנט. אַ גרויסער טייל פון די

באַמיַיזט זיך פלוצלינג פאַר די סאָלידע אַקציאָנערן, וועלכע האָבן וועגן דעם קיין אַנונג נישט; זיי ווערן אימגעריכט באַפאַלן און עס ווערן זיי אַקסטרואירט אַזעלכע שיינע זאַכן, וועלכע זיי האָבן זיך אַפילו נישט פאָרגעשטעלט".

1 זע די עקספּערטיזע פון ה' מייער (Meier) („Börsenenquete, II Bd. Seite 1608) וועלכער דערקלערט די שטאַרקע אַנטוויקלונג פון דעם טערמין־האַנדל אין ענגלאַנד דערמיט, וואָס דאָרט געפינען זיך צו יעדער ציַיט באַדיַיטנדיקע פליסיקע קאַפּיטאַלן פאַר די רעפּאָרט־אָפּעראַציעס.

אומזאַצן קומט שוין פאַר נישט אויף דער בערזע: די באַנק קאָמפּענ-סירט די אַנטקעגנגעזעצטע אָרדערס פון אירע קליענטן, און בלויז דעם באַטרעף, וואָס קאָמפּענסירט זיך נישט, נעמט זי אויף דער בערזע אָדער זי דעקט אים פון אירע אייגענע רעזערוון. הייסט עס, אַז פון דער באַנק איז דאָס אין אַ געוויסן גראַד אָפּהענגיק, אויף וואָס פאַר אַ סומען זי זאָל מאַכן דעם קויף און פאַרקויף אויף דער בערזע. דאָס גיט דער באַנק די מעגלעכקייט צו האָבן אַן איינפלוס אויף דער באַוועגונג פון דעם קורס. אַזוי אַרום הערט די באַנק אויף צו זיין נאָר אַ פאַרמיטלערין ביים עפעקטן-האַנדל און פירט אַן אייגענעם האַנדל.

„דאָס באַנק-געשעפט איז איצט שוין פאַקטיש נישט קאָמי-סיאָן-געשעפט, נאָר אַ געשעפט פון האַנדל אויף אייגענער האַנט“ [1].

אין דער זעלבער צייט נעמט די גרויסע באַנק איבער ביי דער בערזע אַ טייל פון אירע פונקציעס און ווערט אַליין אַ מאַרק פאַר די ווערט-פּאַפּירן; פאַר דער בערזע בלייבט בלויז דער רעשט, וואָס קאָמ-פּענסירט זיך נישט אין די בענק [2].

„אַ גרויסע באַנק שטעלט אין זיך פאָר אַזאַ סכום פון אָנבאָט און נאָכפראַגע, ווי מען האָט דאָס פריער געקאָנט טרעפן בלויז אויף אַ גרויסער בערזע“ [3].

1 ארנאָלדס עקספּערטיז „Die Börzenenquete“, I Bd, Seite 347.

2 פאַרגלייך, למשל, פאָלגנדיקע דערקלערונגען פון „פּראָמינענטן מיטגליד פון דער בערלינער באַנק-וועלט“, וועלכע עס ברענגט דער „בערלינער טאַגעבלאַט“ פון 25טן פעברואַר 1908: „פאַרגעסט נישט, אַז לויט דעם אָפיציעלן קורס פון דער בערזע-קאַסע ווערט געשלאָסן בלויז אַ רעלאַטיוו קליינער טייל פון דעם גאַנצן סכום אומזאַצן. די קאָנצענטראַציע אין דעם דייטשן באַנק-וועזן האָט דערפירט דערצו, אַז אַ גרויסער טייל פון קויף- און פאַרקויף-אָרדערס ווערן קאָמפּענסירט אין ביוראָ פון די גרויסע בענק. אויף דער בערלינער בערזע ווערן אייגנטלעך רעגולירט בלויז די „שפּיצן“.

די זעלבע דערשיינונג מערקט זיך אויך אין עסטרייך. אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם ווינער „Giro und Kassenverein“ האָט זיך איין אַקציאָנער געקלאָגט: „צוליב דעם, וואָס דאָס קאָמערציעלע לעבן פון דער מאָנאַרכיע ווערט אַלץ מער קאָנצענטרירט אין די בענק, אַזוי אַז אַלע שוואַכערע פּריוואַטע פירמעס מוזן פאַרשווינדן, נייטיקט זיך דער בערזע-אומזאַץ אין אַ סך פאַלן אינגאַנצן נישט אין דער פאַרמיטלונג פון די אַראַנזשמענט-ביוראָען. יעדע באַנק איז אַן אָפּרעכענונג און קאַסע-אַנשטאַלט אָן הוצאות און באַמטע. דאָס פּראָספּערירן פון דעם עפעקטן-געשעפט אין די בענק איז פאַרבונדן מיט דער באַגרעניצטער פאַרמיטלונג פון דעם אַראַנזשע-מענט פון דעם „Giro“ und Kassenverein“. „נייע פרייע פּרעסע“ פון 7טן פעברואַר 1905.

3 „Berliner Jahrbuch für Handel und Industrie“ 1905.

צוזאַמען מיט דער וואַקסנדיקער קאָנצענטראַציע פון דעם באַנק־וועזן וואַקסט אויסערגעוויינלעך די מאַכט פון די גרויסע בענק איבער דער בערזע, דערהויפּט אין די צײַטן, ווען דער אָנטייל פון דעם ברייטן פּובליקום אין די בערזע־ספּעקולאַציעס איז לפי־ערך אַ שוואַכער.

„לויט דעם, ווי עס אַנטוויקלען זיך די פאַרהעלטנישן אויף דער בערזע, מוז מען איצט ריידן נישט וועגן דער טענדענץ פון דער בערזע, נאָר גיכער וועגן דער טענדענץ פון די גרויסע בענק, ווײַל זיי פאַרוואַנדלען אַלץ מער די בערזע אין זייער אָפּהענגיק ווערקצײַג און לויט זייער אײַנזען פירן זיי אָן מיט איר באַוועגונג. פאַריקן פרילינג האָט מען זייער פיל גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי דער נישט גינסטיקער פּראָגנאָז בנוגע דער דערוואַרטער קאָניונקטור, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ גרויסער באַנק, האָט געגעבן אַן אויסערלעכן שטויס צו דעם דעמאָלטיקן פּלוצלינגען פאַלן פון די קורסן; די אינערלעכע סיבות פון דעם פאַלן זײַנען, נאַטירלעך, געלעגן פיל טיפער; פונקט אַזוי האָט, פאַרקערט, די וואָך די סטימולאַציע און דער פּרווו צו באַרויקן מצד דער haute-banque גורם געווען, אַז די שטימונג אויף דער בערזע האָט זיך געענדערט, און פונקט ווי פריער איז מען געווען אויפמערקזאַם נאָר אויף אומגינסטיקע מאָמענטן, אַזוי איז מען איצט געוואָרן עמפּפינדלעך אויך פאַר די גינסטיקע מאָמענטן" [1].

דער דאָזיקער שטאַרקער אײַנפלוס אויף דער קורס־אַנטוויקלונג ווערט נאָך גרעסער אַדאַנק דעם, וואָס די בענק זײַנען דורך זייערע אַלץ פעסטערע פאַרבינדונגען מיט דער אינדוסטריע נעענטער באַקאַנט מיט דער לאַגע פון די איינצלנע אונטערנעמונגען, קאָנען פאָראויסזען די הכנסה זייערע און אין געוויסע אומשטענדן קאָנען זיי לויט זייער אײַנזען זיי אויך באַאײַנפלוסן; דאָס זײַנען אַלץ מאָמענטן, וועלכע גיבן די בענק די מעגלעכקייט צו אָפּערירן אין זייערע ספּעקולאַציעס מיט גרויס זיכערקייט.

מיט דער דאָזיקער אַנטוויקלונג פון די גרויסע בענק איז, נאַטירלעך, פאַרבונדן דאָס, וואָס די באַדײַטונג פון די בערזעס ווערט קלענער [2].

1 „פראַנקפורטער צײַטונג" פון 21טן יוני 1907.

2 אַזוי, למשל, שרײַבט די „פראַנקפורטער צײַטונג" פון 28טן יאַנואַר 1907: „וועגן אַ ווירקלעכער אולטימאָ־ליקווידאַציע קאָן הײַנט צו טאָג גאָר קיין רייד נישט זײַן. אמת, עס ווערן נאָך אַלץ אָנגעגעבן ידיעות וועגן פּראָלאָנגאַציע־אײַנצאָלונגען, אָבער ס'רוב פּראָלאָנגאַטעס ווערן רעגולירט אין די גרויסע בענק, וועלכע קאָנען באַשטימען אויך זייערע אייגענע אָפּצאָלן. וועגן דער הייך פון די לויפנדיקע

אויף דער בערזע דערשיינט דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום אין זיין ריינסטער פאָרם, אַלס הכנסה-טיטול, אין וועלכן עס האָט זיך דורך אַבסטראַקציע פאַרוואַנדלט, — די עקספּלאָטאַציע-פאַרהעלטעניש, די צואייגענונג פון דעם מער-ווערט. דאָס אייגנטום הערט אויף אויסצודריקן אַ באַשטימטע פּראָדוקציע-פאַרהעלטעניש און ווערט בלויז אַן אָנווייזונג אויף הכנסה, וואָס איז איצט שוין נישט פאַרבונדן מיט וועלכער נישט איז טעטיקייט. דאָס אייגנטום ווערט אָפּגעטיילט פון וועלכער נישט איז שייכות צו דער פּראָדוקציע, צו דעם געברויכס-ווערט. דער ווערט פון יעדן אייגנטום ווערט באַשטימט דורך דעם ווערט פון דער הכנסה: די פאַרהעלטעניש איז אַ ריין קוואַנטיטאַטיווע. די צאָל איז אַלץ, די זאַך — גאָרנישט. די צאָל אַליין איז די ווירקלעכקייט, און אַזוי ווי די ווירקלעכקייט איז נישט קיין צאָל, איז דער צוזאַמענהאַנג מיסטישער, ווי דער גלויבן פון די פּיטאַגאָרייער. יעדער אייגנטום איז אַ קאַפּיטאַל, און נישט אייגנטום. חובות, ווי דאָס באַווייזט יעדע מלוכה-הלוואה, זיינען אויך קאַפּיטאַל, און אַלע קאַפּיטאַלן זיינען גלייך און פאַרקערפּערן זיך אין שטיקלעך געדרוקט פּאַפּיר, וועלכע שטייגן און פאַלן אויף דער בערזע. דאָס ווירקלעכע אויסבילדן זיך פון דעם ווערט איז אַ פּראָצעס, וועלכער בלייבט אינגאַנצן אָפּגערוקט פון דער ספערע פון די אייגנטימער און אויף אַ גאַנץ רעטענישפולן אופן באַשטימט ער זייער אייגנטום.

ס'קומט אויס, אַז די גרייס פון אייגנטום האָט קיין שום שייכות נישט מיט דער אַרבעט: אויב אין דער ריווח-נאָרמע איז שוין דער דירעק-

אנגאזשעמענטן קאָן מען בכלל נישט האָבן קיין פאָרשטעלונג, ווייל, ווי געזאָגט, אין דער בערזע-ליקווידאַציע ווערט בלויז רעגיסטרירט דער קלענסטער טייל פון די אנגאזשעמענטן".

אַנדערש איז עס טיילווייז מיט די אייסלענדישע בערזעס. דערהויפּט די ניו-יאָרקער בערזע; אַלס מיטל פון דער איבערטראָגונג פון דעם אייגנטום, ד"ה פון דער עקספּראָפּריאַציע, האָט זי אַ גרעסערע באַדייטונג פון די אייראָפּעישע בערזעס. דאָ ווירקט אין פאַרבינדונג מיט דער בערזע-טעכניק אויך די אייגנאַרטיקע אָרדענונג פון דער געלט-סיסטעם. די ניו-יאָרקער בערזע ווייס נאָר פון אַזעלכע מיני קאַסע-אָפּעראַציעס, וואָס מען מוז די דיפערענץ רעגולירן יעדן טאָג. ביי שטאַרקע קורס-ענדערונגען, דערהויפּט, ווען זיי באַוועגן זיך אין איין און דער זעלבער ריכטונג, מוז דעריבער ווערן אַ שטאַרקער נאָכפרעג אויף געלט. אויב דער געלט-מאַרק איז אָנגעשטרענגט, דאַן איז די אַמעריקאַנישע געזעצגעבונג וועגן באַנקנאָטן ביי איר נישט גענוגנדיקער עלאַסטישקייט דאָס בעסטע מיטל צו שאַפן אַן אומגעווײנטלעכע צינזן-הייך, וועלכע די קליינע ספּעקולאַנטן זיינען נישט אימשטאַנד צו צאָלן. פאַר די גרויסע קרעדיט-געבער קומט איצט דער מאָמענט, ווען זיי קאָנען „אַרויסשמייסן פון דער ספּעקולאַציע" די קליינע ספּעקולאַנטן און, אויסנוצנדיק די געצוווּנגענע ליקווידאַציע, איינקויפן ביליג די פּאַפּירן.

טער צוזאַמענהאַנג צווישן אַרבעט און דער הכנסה פון דעם קאַפּיטאַל פאַרמאַסקירט, איז ער אין דער צינז-נאָרמע אוודאי פאַרמאַסקירט. די בלומרשטע פאַרוואַנדלונג פון דעם גאַנצן קאַפּיטאַל אין אַ קאַפּיטאַל, וואָס טראָגט צינזן, וואָס ברענגט-מיט מיט זיך די פאָרם פון פיקטיוון קאַפּיטאַל, מאַכט ענדגילטיק צונישט וועלכע נישט איז אָריענטאַציע אין די צוזאַמענהאַנגען. עס דוכט זיך, אַז עס איז אַן אַבסורד צו געפינען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער אַרבעט און דעם צינז, וואָס ענדערט זיך כסדר און קאָן זיך, ווירקלעך, ענדערן אומאָפּהענגיק פון די דירעקטע פּראָצעסן אין דער פּראָדוקציע. ער, דער צינז, דערשיינט אַלס רעזולטאַט פון דעם קאַפּיטאַל-אייגנטום, אַלס אַזעלכן, אַלס τόκος, אַלס פרוכט פון אַ קאַפּיטאַל, וואָס איז באַשאָנקען מיט פּראָדוקטיוויקייט. דער צינז איז פאַרענדערלעך, אומבאַשטימט, — אָבער צוזאַמען מיט אים ענדערט זיך „דער ווערט פון דעם אייגנטום", אַט די משונהדיקע קאַטעגאָריע. דער דאָזיקער ווערט דערשיינט אַזוי רעטעניש-פול, אומבאַשטימט, ווי די צוקונפט. עס דוכט זיך, אַז נאָר דער לויף פון דער צייט ברענגט בלומרשט די צינזן, און בעהם-באַווערק (Böhm-Bawerk) מאַכט פון דער דאָזיקער אילוזיע זיין טעאָריע פון צינזן אויף קאַפּיטאַל.

קאַפּיטל ניין

די סחורה=בערזע

די בערזע איז דאָס געבאָרנלאַנד פון דעם עפעקטן=האַנדל. צוזאַמען מיט איר אַנטוויקלען זיך אויך די עפעקטן=בענק, וועלכע זיינען, פון איין זייט, קאָנקורענטן פון דער בערזע און, פון דער צווייטער זייט, באַנוצן זיי זיך מיט דער בערזע אַלס זייער פאַרמיטלער=אָרגאַן. פאַר דעם עפעקטן=האַנדל זיינען די טערמין=טראַנזאַקציעס נישט וועזנטלעך; זיי פאַרלייכטערן אים, אָבער זיי האָבן נישט קיין אַנטשיידנדיקע השפּעה אויף דער הייך פון די פּרייזן. אַנדערש איז דאָס ביי דער בערזע פאַר סחורה=האַנדל [1].

אויף דער עפעקטן=בערזע ווערן געמאַכט אומזאַצן מיט ווערט=פּאַפּירן; דורך די דאָזיקע אומזאַצן ווערט פאַרווירקלעכט די מאָביליזאַציע פון דעם קאַפּיטאַל. ביים פאַרקויף פון די אַקציעס קומט פאַר פאַר דעם אינדיווידועלן קאַפּיטאַליסט די צוריק=פאַרוואַנדלונג פון דעם פיקטיוון קאַפּיטאַל (וועלכער איז אין זיין צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל) אין געלט=קאַפּיטאַל. דאָס זיינען אומזאַצן פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער, וואָס האָבן קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט דעם סחורה=האַנדל, חוץ דער קויף= און פאַרקויף=פאָרם, אָט דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער פאָרם פון ווערט= און אייגנטום=איבערטראָגונג. גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער טראָגט דער סחורה=האַנדל; דאָ קומט פאַר די *רעאַליזאַציע* פון יענעם אינדוסטריעלן און קאָמערציעלן ריווח, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער פּראָדוקציע; גלייכצייטיק ווערט דורך דער סחורה=צירקולאַציע פאַרווירקלעכט דער שטאָף=ווערקסל פון דער געזעלשאַפט. הייסט עס, אַז די סחורה=בערזע און די עפעקטן=בערזע אונטערשיידן זיך שוין פון סאַמע אָנהייב אָן איינע פון דער אַנדערער, פּונקט אַזוי ווי סחורה און

1 הער רוסעל פון דער דיסקאָנטאָ-געזעלשאַפט דעפינירט עס אַזוי: „דער תּוך פון דער קאָמערציעלער ספּעקולאַציע באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל פאַרויסזען די אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונג אין דער קאָניונקטור און, אויב נייטיק, זי שוין פאָרויס פאַרזיכערן פאַר זיך דורך דעם טערמין=האַנדל". Börsenenquete I, Seite 417.

פאַפיר=ווערטן. דאָס, וואָס מען מישט זיי צונויף אַלס „בערזע", מוז אומבאַדינגט ברענגען צו אַ פּלאָנטער, ווען מען איגנאָרירט דעם דאָזיקן גרונט=אונטערשייד און מען אידענטיפיצירט נאָך דערצו ספּעקולאַציע מיט האַנדל. דער באַגריף פון בערזעשן סחורה=האַנדל, אַלזאָ די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון דער סחורה=בערזע, צום אונטערשייד פון אַנדערע מינים „האַנדל", פאָדערן דעריבער אַ נאָענטערע אונטערזוכונג.

געוויינטלעך רופט מען בערזע=האַנדל יעדן האַנדל, וואָס ווערט געמאַכט אויף דער בערזע, — אויף דעם אָרט, וואָס ווערט באַזוכט דורך פיל סוחרים. דאָך איז קלאָר, אַז דורך דעם, צי די סוחרים ערליידיקן זייערע געשעפטן אין זייערע אייגענע קאַנטאָרן אָדער ערגעץ אין אַ דריטן אָרט, נעמלעך אויף דער בערזע, ווערט באַשטימט דער האַנדלס=טעכני= שער, אָבער בשום אופן נישט דער עקאָנאָמישער אונטערשייד. אמת, די שנעלקייט פון דורכפירן דאָס געשעפט, די קלאָרקייט פון דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דעם מאַרק, קאָן אַראַנק דעם זייער פיל געווינען; דאָס וועט אָבער זיין בלויז אַ האַנדלס=טעכנישער, אָבער נישט קיין עקאָנאָ= מישער אונטערשייד.

דער אונטערשייד וועט בלייבן בלויז אַ האַנדלס=טעכנישער אפילו דאַן, ווען איין וויכטיקע פונקציע פון דעם סוחר וועט ווערן איבעריק, — ווען די פּרוווּנג און די פעסטשטעלונג פון דעם געברויכס=ווערט וועט אַוועקפאַלן פאַר דער איינצלנער טראַנזאַקציע, ווייל די סחורות ווערן געליפערט בלויז פון אַ פעסט=באַשטימטער קוואַליטעט. צי די דאָזיקע ליפערונג=באַדינגונגען זיינען אויסגעפירט געוואָרן, צי נישט, — דאָס דאַרפן נאָכדעם, אין פאַל פון אַ סיכסוך, פעסטשטעלן די ספּעציעלע קאָמפּעטענטע בערזע=אָרגאַנען. אַלנפאַלס בלייבט דאָס אַפּפאַלן פון דער דאָזיקער פונקציע אַ נויטווענדיקער פאָרבאַדינג פון דעם סחורה=האַנדל אויף דער בערזע, אָבער דער האַנדל ווערט אַ בערזע=האַנדל דאַן, ווען עס קומען צו אים צו נאָך אַנדערע, עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

הכלל, די סחורה טרעט אַריין אין דעם בערזע=האַנדל אַלס סחורה פון אַ באַשטימטער קוואַליטעט. זי טויג פאַר דעם בערזע=האַנדל אַלס אַ באַשטימטער געברויכס=ווערט, אַלס אַ סחורה פון אַ באַשטימטן טיפּ, אַלס סטאַנדאַרט=סחורה. דעריבער קאָן יעדער קוואַנטום פאַרביטן ווערן מיט אַן אַנדער סחורה פון גלייכער גרייס. אַלס קוואַנטום פון גלייכן געברויך=ווערט איז די סחורה געוואָרן אַ פאַרטרעטבאַר גוט. די פאַרשיי= דענע צאָל סחורות אונטערשיידן זיך אין דעם בערזע=האַנדל בלויז קוואַנ= טיטאַטיוו; אָפּהענגיק פון דער נאַטור פון דער סחורה און פון די באַשטי= מונגען פון דער בערזע, ווערט באַנוצט ווי אַן איינס ביים שליסן טראַנז=

אקציעס א באשטימטער קוואנטום: אזויפיל און אזויפיל קילאגראם, אזויפיל און אזויפיל זעק. הייסט עס, אז פאר דעם בערזע־האנדל טויגן נאר אזעלכע סחורות, וואס קאנען פארביטן ווערן אדער לויט זייער נאטור, אדער דורך פארהעלטנישמעסיק איינפאכע, נישט טייער קאסטנ־דיקע מאסמיטלען.

אבער דאס, וואס די סחורות לאזן זיך פארבייטן, איז א נאטירלעכע איינגנשאפט פון דעם געברויכס־ווערט, וועלכע איין מין סחורה באזיצט, און די צווייטע — נישט. דער בערזע־האנדל פאדערט אבער נאך עפעס. ביים געוויינטלעכן האנדל גייט די סחורה צו דעם פראדוקציע־פרייז אריבער פון דעם פאבריקאנט צום סוחר, און דער לעצטער, פארגרעסערט מיט דעם האנדלס־ריווח — פארקויפט זי דעם קאנסומענט. בערזע־מעסיק ווערט דער האנדל ערשט דאן, ווען אחוץ דעם האנדלס־ריווח בלייבט נאך אן ארט פאר דעם דיפערענץ־פארדינסט, פאר דעם ריווח פון ספעקולאציע. די פאר־הנחה פון דער ספעקולאציע אבער זיינען די אפטע פרייזן־ענדערונגען, די אפטע פרייזן־וואקלונגען. הייסט עס, אז פאר דעם בערזע־האנדל טויגן נאר אזעלכע סחורות, וועלכע אונטערליגן גרויסע פרייז־ענדערונגען אין משך פון א פארהעלטנישמעסיק קורצן צייט־פעריאד. דאס זיינען קודם־כל לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן, תבואה, ביימל, דאן האלבע און עווענטועל אויך גאנצע פאבריקאטן, וואס זייער רוי־מאטעריאל ליידט פון גרויסע פרייזן־וואקלונגען און האט אן אנטשיידענעם איינפלוס אויף דעם פרייז פון דעם פראדוקט, ווי, למשל, צוקער.

לויט ראבינאוון 1, האט זיך דער טערמין־האנדל צוערשט אנטוויקלט אין ענגלאנד: ביים האנדל מיט מעטאלן, טאלק אד״גל. ערשט מיט דער אנטוויקלונג פון טעלעגראף און דאמפשיף־ליניעס האט זיך דער טערמין־האנדל פארשפרייט אויף פראדוקטן מעבר־לים, — אויף די, וואס דאס ארויסבאקומען זיי דויערט נישט קיין גאנץ יאר, נאר בלויז עטלעכע חדשים, און וועלכע ווערן מיטאמאל געווארפן אויפן מארק, הגם די קאנסומציע זייערע ווערט פארטיילט אויף א גאנץ יאר. הייסט עס, אז די סיבה פון דעם טערמין־האנדל איז דער קורצער דויער פון דער פראדוקציע אין פארגלייך מיט דעם לאנגן דויער פון דער צירקולאציע, וועלכע איז פארבונדן מיט דער נישט איבערגעריסענער קאנסומציע. צו דער איינפירונג פון דעם טערמין־האנדל און דעם האנדל מיט ווערט־פאפירן (עפעקטן) איז גורם דאס קאנען פארבייטן די אומזאץ־אביעקטן, וועלכע מען קאן פארבייטן, ווייל זיי שטעלן מיט זיך פאר אנווייזונגען

1 Börsenenquete II, Seite 2072.

אויף דער קאפּיטאַליזירטער הכנסה, ווייל זיי זיינען רעפּרעזענטאַנטן פון דעם געלט. דאָס איינפירן דעם טערמין־האַנדל און דעם סחורה־האַנדל ווערט ארויסגערופן דורך די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דעם אומזאַץ, למשל, דורך דער דיפערענץ צווישן דער צירקולאַציע־צייט און דער פּראָדוקציע־צייט. די באַדערפעניש אין טערמין־האַנדל דערפירט ערשט צום שאַפן אַזעלכע סחורות, וואָס זאָלן זיך קעגנזייטיק פולקום פארבייטן, ד"ה, אַזעלכע סחורות, וואָס זייער קוואַנטום זאָל האָבן די זעלביקע גע־ברויכס־ווערטן; דאָס קאָן אָפט דערגרייכט ווערן בלויז דורך קינסט־לעכע מיטלען 1.

ווען די פּרייזן־וואַקלונגען הערן אויף, למשל, מחמת דער קאַרטעל־ליזירונג, לאָמיר אָננעמען, ביים נאַפט, דאַן שטעלט זיך אָפּ דער בערזע־האַנדל מיט די דאָזיקע פּראָדוקטן אָדער ער ווערט אַ ריין נאָמינעלער.

דער דריטער וויכטיקער מאָמענט, וואָס איז דירעקט פארבונדן מיט די פּאַריקע, איז אַזאַ: עס איז נישט מעגלעך אויסצוגלייכן אין יעדן מאָמענט די פּרייז־וואַקלונגען דורך דעם צופאַסן דעם אָנבאָט צו דעם נאָכפרעג. און אַממערסטן איז דאָס שווער צוצופאַסן, ווען מען האָט צו טאָן מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. האָט מען נאָר אראָפּגענומען די גערעטעניש, איז דער אָנבאָט שוין דערמיט באַשטימט, און דאָס צופאַסן אים צו דעם נאָכפרעג קאָן ערשט פּאָרקומען אין אַ לענגערער צייט אַרום. עס בלייבט נאָך צו דערמאָנען נאָך וועגן איין, לעצטן אומ־שטאַנד: די צאָל סחורות, וואָס טרעט אריין אין דעם בערזע־האַנדל, מוז זיין אויף אַזויפיל גרייס, אַז עס זאָל נישט מעגלעך זיין קיין געפּאַר פאַר אַ רינג, פאַר אַ קאָרנער: ווארום דאָס אויסבילדן זיך פון אַ מאָנאָפּאָל־פּרייז מאַכט דאָך אַ סוף צו די פּרייז־ענדערונגען, און צוזאַמען דערמיט אויך צו דער ספּעקולאַציע.

די איינגעשאַפט פון דעם בערזע־האַנדל איז, הייסט עס, דאָס, וואָס, אויב דער געברויכס־ווערט פון דער סחורה איז פעסט באַשטימט, ווערט די דאָזיקע סחורה פאַר יעדן איינעם פארוואַנדלט אין אַ ריינער פאַרקער־פערונג פון דעם טויש־ווערט, אין אַ פּשוטן פּרייז־טרעגער. יעדער געלט־קאַפּיטאַל קאָן דירעקט פארוואַנדלט ווערן אין אָט דער סחורה. דעריבער קאָנען צו דעם קויף און פאַרקויף פון די דאָזיקע סחורות צוגעצויגן ווערן נייעקרייזן, חוץ די פריערדיקע פּראָפעסיאָנעלע, קאָמפּעטענטע קאָמערסאַנטן.

1 די דאָזיקע קינסטלעכקייט איז אַ קוועלע פון פיל מיסברויכן און רייבונגען, וועלכע פאַלן אָפּ בלויז דאָרט, וו דאָס פאַרבייטן איז אַ ווירקלעכס און לאָזט זיך לייכט פעסטשטעלן, ווי, למשל, ביים ספּירט (אַלקאָהאָל־גראַד) און טיילווייז ביי צוקער (דער פּאָליאַריזאַציע־גראַד).

די דאזיקע סחורות זיינען דירעקט גלייך צו געלט; דער קויפער איז פריי פון אויספרווון זייער געברויכס=ווערט, זיי אונטערליגן בלויז באשטענדיקע, אבער מער אדער ווייניקער אומבאדייטנדיקע פרייז=וואקלונגען 1. און אזוי ווי דאס זיינען וועלט=מארק=סחורות, איז די מעגלעכקייט זיי אפצוזעצן, און דעריבער אויך זיי צוריק צו פארוואנדלען אין געלט, שטענדיק געזיכערט; עס האנדלט זיך נאר יעדעס מאל אין דעם, צי עס וועט זיין פארדינסט אדער היזק פון די פרייז=דיפערענצן. דעריבער זיינען זיי געווארן פונקט אזעלכע גינסטיקע אביעקטן פאר דער ספעקולאציע, ווי וועלכע נישט איז געלט=אנווייזונגען, ווי למשל, עפעקטן. אויף אזא אופן גילט די סחורה ביים טערמין=האנדל בלויז אלס טויש=ווערט. זי ווערט בלויז א רעפערעזענטאנט פון דעם געלט, אין דער צייט, ווען דאס געלט בכלל איז דער רעפרעזענטאנט פון דעם סחורה=ווערט. דער זין פון דעם האנדל, די סחורה=צירקולאציע, איז פארלארן געגאנגען, און צוזאמען דערמיט זיינען אויך פארלארן געגאנגען די כאראקטעריסטישע אייגנשאפטן און דער קעגנזאץ פון סחורה און געלט. אט דער קעגנזאץ טרעט ווידער ארויס, ווען די ספעקולאציע ענדיקט זיך, ווייל עס שטערט איר, למשל, א קארנער, און מען מוז די פשוטע סחורה, וועלכע מען קאן נישט באקומען, פארבייטן מיט געלט. אין דער סחורה=ספעקולאציע שפילט די סחורה פונקט אזא נישטיקע ראלע, ווי דאס געלט אין דער צירקולאציע. און פונקט אזוי ווי אין דער צירקולאציע שפילט די גרויסע מענגע געלט, וועלכע שטייגט ווייט אריבער די פארהאנענע סומע, די ראלע פון אפרע=

---

1 „הייסט עס, אז די דאזיקע ספעציעלע פארם פון די טערמין-טראנזאקציעס איז געשאפן געווארן נישט נאר צוליב דעם פארלייכטערן דעם ווירקלעכן האנדל, נאר זי דינט, חוץ דעם, אין דער לעצטער שורה, אז די קאפיטאליסטן און ספעקולאנטן, ד"ה די באזיצער פון דעם מאמענטאן אין ערגעץ נישט געבונדענעם קאפיטאל, זאלן האבן די מעגלעכקייט אויף א קורצער (אדער לענגערער) צייט אים אריינצולייגן אין דעם באטרעפנדיקן האנדלס-צווייג, ווען דער קאפיטאליסט זאל זיך אפילו נישט קענען אויף דער סחורה און אויף דער אויסערלעכער טעכניק אין דעם דאזיקן האנדלס-צווייג. הייסט עס, אז דער דאזיקער קאפיטאליסט... אונטערשיידט זיך פרינציפיעל פון דעם תבואה-הענדלער דורך דעם מאטיוו פון זייער טעטיקייט". דער לעצטער באמיט זיך צו פארקויפן די סחורה, און דער ערשטער צו געווינען אויף די פרייז-ענדערונגען. אין דער זעלבער צייט נעמט דער קאפיטאליסט די ריזיקע אויף זיך. (Fuchs: „Der Waarenterminhandel" אין שמאללערס „Jahrbuch für Gesetzgebung etc". 1891, 1 Heft, Seite 71). צו דעם דארף מען נאך, פונדעסטוועגן, באמערקן, אז די שטרעבונג צום פארדינסט איז, פארשטייט זיך, דער אלגעמיינער מאטיוו פון יעדער קאפיטאליסטישער טעטיקייט. דער חילוק איז נאר אין דעם אופן, ווי אזוי מען דערגרייכט דעם דאזיקן ציל.

בענונגס=געלט, אַזוי אָפּערירט אויך די ספּעקולאַציע מיט פיל גרעסערע מענגעס סחורות, ווי עס עקזיסטירן אין דער ווירקלעכקייט [1].

דער סחורה=טערמין=האַנדל וועט, סוף=כּל=סוף, באַגלייט ווערן דורך דער ווירקלעכער איבערוואַנדערונג פון דער סחורה פון דעם פּראָדוצענט צום קאָנסומענט און עס וועלן, הייסט עס, געמאַכט ווערן ווירקלעכע קאָמערציעלע און נישט בלויז ספּעקולאַטיווע אָפּעראַציעס, — און דער האַנדל וועט שטענדיק בלייבן די נויטווענדיקע פאָר=הנחה פון דער ספּעקולאַציע, — בלויז ביי דעם באַדינג, ווען אין אָנהייב פון דער קייט פון דעם טערמין=האַנדל שטייט דער פּראָדוצענט (אָדער דער סוחר אַלס פאַרטרעטער פון דעם פּראָדוצענט) און אין סוף דער קאָנסומענט (למשל, דער מילנער). דעם ענין קאָן מען באַטראַכטן אויף אַזאַ אופן, אַז אין רשות פון דער ספּעקולאַציע בלייבט שטענדיק אַ געוויסער טייל פון דער סחורה. עס איז נישט מער אַ געוויסער רעזערוו, וואָס זיין צוזאַמענשטעל ווערט, נאַטירלעך, כּסדר געענדערט; אין קעגנפאַל וואָלט ער זיך געמוזט געפינען אויף לאַגער אַנדערשוווּ אין רשות נישט פון די ספּעקולאַנטן, נאָר פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע אַגענטן, למשל, פון די פּראָדוצענטן אָדער סוחרים און עווענטועל אפילו פון די קאָנסומענטן. דער דאָזיקער רעזערוו מוז שטענדיק זיין פון אַ געוויסער מינימאַלער גרייס, כּדי אויסצומיידן די געפאַר פון אַ קאָרנער, פון אַ רינג.

ווען די ספּעקולאַציע פאַרכאַפּט די דאָזיקע סחורות, אַנטשטייט אַ גרויסע צאָל פון נייע טראַנזאַקציעס פון קויפן און פאַרקויפן. די דאָזיקע קייט פון קויף= און פאַרקויף=אָפּעראַציעס טראָגט אַ ריין ספּעקולאַטיוון כאַראַקטער; דער ציל זייערער איז צו באַקומען דעם דיפערענץ=פאַרדינסט. דאָס זיינען נישט קיין האַנדלס=אָפּעראַציעס, נאָר ספּעקולאַציע=אומזאַצן. די קאַטעגאָריעס פון קויף און פאַרקויף האָבן דאָ נישט די אויפגאַבע פון סחורה=צירקולאַציע; זייער אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז די סחורה זאָל איבערוואַנדערן פון דער פּראָדוקציע אין דער קאָנסומציע: זיי האָבן דאָ באַקומען אַ מין כּלומרשטן כאַראַקטער. דער צוועק איז צו באַקומען דעם דיפערענץ=פאַרדינסט. די סחורה קומט אויף דער בערזע שוין מיט אַ צוגאָב צו דעם נאָרמאַלן האַנדלס=ריווח, וואָרום די סחורה פאַרקויפט דאָך אַהער דער סוחר. און אויב דער

---

1 אַזוי למשל, גיט אָפּערמאַן אָן, אַז אויף דער האַמבורגער וואָל-בערזע האָט מען אין דער ווירקלעכקייט פאַרקויפט 2000 באַלנס און אויף דעם טערמין-האַנדל-מאַרק האָט מען פאַרקויפט 16300 באַלנס. דאָס זעלביקע איז אויך מיט דעם טערמין-האַנדל מיט באַוול. ער איז געווען 10 מאָל גרעסער פון דעם ווירקלעכן האַנדל, ביי דער גערעטעניש פון 8—9 מיליאָן באַלנס דערגרייכן די אומזאַצן פון דעם בערזע-האַנדל מיט באַוול ביז 100 מיליאָן באַלנס (Börsenenquete S. 3368).

פארקויפער איז דער פאבריקאנט, האט ער פונקציאנירט אליין אלס סוחר און אליין באקומען דעם האנדלס-ריווח. די בערזע מאכט דיין ספעקולא-טיווע קויפן און פארקויפן; די ספעקולאנטן באקומען נישט דעם ריווח, נאר דעם דיפערענץ-פארדינסט. דער פארדינסט פון איינעם איז דער היזק פון דעם צווייטן. אבער גראד אט די אומענדלעכע קייט פון טראנז-אקציעס פארזיכערט די כסדרדיקע פארוואנדלונג פון דער בערזע-סחורה אין געלט און גיט דעריבער ביז א געוויסן גראד די מעגלעכקייט צו לאקירן דאס געלט אין דער דאזיקער סחורה און דערנאך צו יעדער צייט צו רעאליזירן דאס געלט דורך דאס פארקויפן די סחורה. הייסט עס, אז די בערזע-סחורה איז א גינסטיקער אביעקט פאר א משכון פון דעם געלט, וואס ליגט צייטווייליק פריי. די באנק קאנען, הייסט עס, געבן הלוואות אויף די סחורות ביז א געוויסן גראד פון זייער פרייז אדער זיי רעפארטירן. אויף אזא אופן שאפט זיך די מעגלעכקייט פון א נייער פארוועדונג פון דעם באנק-קאפיטאל. דער באנק-קאפיטאל באטייליקט זיך אין דעם האנדל; ער באטייליקט זיך אבער אין אים בלויז אין דער פאר אים פאסיקער אדעקוואטער פארם, אלס קאפיטאל, וואס טראגט ציינזן. די סחורות, אין וועלכע די באנק האט איר געלט-קאפיטאל פאר-וואנדלט, מוזן האבן די אייגנשאפט, אז מען זאל זיי צו יעדער צייט קאנען צוריק פארוואנדלען אין געלט. אין א ריכטיק געפירטער באנק וועט מען אין די סחורות קיין מאל נישט ארייגלייגן מער געלט, ווי מען קאן צו יעדער צייט, אפילו ביי די סאמע נישט גינסטיקע באדינגונגען, רעאליזירן. די עקזיסטענץ פון דער בערזע מיט איר אומענדלעכער קייט קויף- און פארקויף-אקטן, וואס זיינען דער תוך פון דער ספעקולאציע, זיכערט די מעגלעכקייט פאר דער באנק, זי זאל צו יעדער צייט קאנען רעאליזירן איר געלט. דאס געלט איז נישט אומבאוועגלעך געמאכט און בלייבט פאר דער באנק אלס געלט-קאפיטאל, אלס באנק-מעסיק ארייגעלייגטער קאפיטאל, און דעריבער טראגט ער נאר ציינזן. די אינ-טערוועניץ פון דעם באנק-קאפיטאל גיט אבער ווידער דער ספעקולאציע, ווי אויך דעם האנדל די מעגלעכקייט אויסצוברייטן די אפעראציעס. כדי צו קויפן סחורה, דארף מען איצט נישט האבן די גאנצע סומע געלט, וואס די סחורה באטרעפט. עס איז גענוג צו האבן נאר אזויפיל געלט, וויפל מען דארף האבן אויף צו דעקן די דיפערענצן, וועלכע קאנען אנטשטיין; די רעשט שטעלט שוין צו די באנק. פאר דער ספעקולאציע הייסט דאס אזוי גוט, ווי די אויסברייטערונג פון אירע אפעראציעס. און אזוי ווי ביי די כסדר וואקנסדיקע מענגעס, וועלכע דינען אלס אביעקט פון דעם האנדל, קלעקט בלויז, עס זאלן זיין קליינע דיפערענצן, אז די

ספּעקולאַנטן זאָלן באַקומען חשק צו די קויף־ און פאַרקויף־אַקטן, — ווערט דעריבער, פון איין זייט, פאַרגרעסערט די צאָל אומזאַצן, און, פון דער צווייטער זייט, ווערט יעדעס מאָל אַלץ קלענער די גרייס פון די דיפערענצן.

אַנדערש און אינטערעסאַנטער איז מיט דעם איינפלוס פון דעם באַנק־קאַפּיטאַל אויף דעם האַנדל. דער האַנדל קאָן איצט אויך באַקומען הלוואות אויף סחורות. פאַר דעם אַנטשפּרעכנדיקן קאַפּיטאַל דאַרף ער בלויז צאָלן צינזן. אָבער דורך דעם האַנדל גופא אַנטשטייט נישט קיין שום ריווח. דער האַנדל רעאַליזירט בלויז אַזאַ דורכשניט־ריווח, וואָס אַנטשפּרעכט דער גרייס פון דעם אָנגעווענדעטן קאַפּיטאַל. איצט, ווען ער האָט אין זיין רשות אַ גרעסערן קרעדיט, דאַרף ער שוין האָבן אַ קלע־נערן אייגענעם קאַפּיטאַל אויף אויסצובערענגען די זעלבע מענגע סחורות. הייסט עס, אַז דער האַנדלס־ריווח אויף דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל ווערט איצט פאַרטיילט אויף אַ גרעסערער מענגע סחורות און אַז דער אויפשלאָג צו דעם פּרייז פון דער סחורה, וואָס ווערט פאַראורזאַכט דורך דעם האַנדל, ווערט פאַרמינערט. און אַזוי ווי דער האַנדלס־ריווח איז נאָר אַן אָפּצוג פון אינדוסטריעלן ריווח, וועט דער לעצטער אין דער גלייכער מאָס שטייגן. דער פּרייז פון דער סחורה פאַר די קאָנסומענטן וועט בלייבן דער זעלבער. אויף אַזאַ אופן איז דער רעזולטאַט פון דער אינטערווענץ מצד דער באַנק אָט דער: ערשטנס, דאָס שטייגן פון דעם אינדוסטריעלן ריווח; צווייטנס, די פאַרקלענערונג פון דעם האַנדלס־ריווח, גענומען אַלס גאַנצע, ווי אויך באַרעכנט אויף די איינצלנע סחורות, און, דריטנס, דאָס פאַרוואַנדלען זיך פון אַ טייל האַנדלס־ריווח אין צינזן. דאָס לעצטע איז דער נויטווענדיקער פועל־יוצא פון דעם, וואָס אַ טייל פון דעם האַנדלס־קאַפּיטאַל איז פאַרביטן געוואָרן דורך דעם באַנק־קאַפּיטאַל. אָבער מעגלעך געמאַכט האָט דאָס דער בערזע־מעסיקער סחורה־האַנדל.

דער צינז איז — דאָס מוז מען דאָ אונטערשטרייכן — אחוץ דעם קאָנסומציע־קרעדיט אַלע מאָל אַ טייל פון דעם ריווח אָדער פון דער באָדן־רענטע. און דאָך דאַרף מען נאָך אָט וואָס באַמערקן. דער לייַ־קאַ־פּיטאַל, וואָס פונקציאָנירט אין דער פּראָדוקציע, ווירקט אַלס אינדו־סטריעלער קאַפּיטאַל, הייסט עס, אַז ער פּראָדוצירט ריווח. ער באַקומט נאָר צינזן, און דעריבער פאַרגרעסערט ער דעם ריווח פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליסט אויף דער דיפערענץ צווישן דעם דורכשניט־ריווח און דעם צינז, וואָס ווערט גענומען פאַר דעם געליענעם קאַפּיטאַל. אַנדערש ווירקט דער באַנק־קאַפּיטאַל אין דעם האַנדל, ווו דער ריווח ווערט נישט פּראָדוצירט, נאָר פאַר דעם האַנדלס־קאַפּיטאַל מוז דער דורכשניט־ריווח געצאָלט ווערן פון דעם אַלגעמיינעם סכום ריווח. דער

באנק=קאפיטאל באקומט זיינע צינזן, אבער ער פראדוצירט נישט קיין שום ריווח פאר דעם סוחר. דער לעצטער, דאקעגן, באקומט איצט דעם דורכשניט=ריווח פאר זיין קאפיטאל, וואס איז פארקלענערט אויף דער גאנצער סומע פון דעם באנק=קאפיטאל, און באקומט נאך חוץ דעם דעם צינז, וואס ווערט געצאלט פאר דעם באנק=קאפיטאל. אויף צו באזארגן דעם האנדל דארף מען שוין איצט האבן ווייניקער קאמערציעלן קאפיטאל, און דעריבער אויך ווייניקער ריווח אויף דעם דאזיקן קאפיטאל. אט דער איינגעשפארטער ריווח בלייבט פאר דעם, וועלכער האט אים פראדוצירט, פאר דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל. דער באנק=קאפיטאל ווירקט דא ווי עפעס א פראגרעס, וואס פארקלענערט די האנדלס=קאסטן. דער אונטערשייד אין דער ווירקונג נעמט זיך פשוט דערפון, וואס דער אינדוסטריעלער קאפיטאל שאפט מערווערט, און דער האנדלס=קאפיטאל — נישט.

אין דער זעלבער ריכטונג ווירקט נאך איין אומשטאנד. דער בערזע=מעסיקער טערמין=האנדל שאפט א מארק, וואס איז שטענדיק גרייט אויפצונעמען די סחורות, וועלכע ער האט פארקאפט. דעריבער קאן דער פראדוצענט אדער אימפארטער צו יעדער צייט פארקויפן די סחורה. אבער דאס באדייט דאך די פארקירצונג פון דעם צירקולאציע=פעריאד פון זיין קאפיטאל. און מיר ווייסן שוין, אז יעדע פארקירצונג פון דער צירקולאציע=צייט הייסט דאס פריי=ווערן פון דעם קאפיטאל. אט אזוי פארקלענערט דער טערמין=האנדל אויך אויף אזא אופן דעם קאפיטאל, וואס איז נייטיק פאר דער סחורה=צירקולאציע, הייסט עס, פאר די האנדלס=אפעראציעס: דעם קאפיטאל, וואס האט גערינט נישט דער פראדוקציע, נאר דער רעאליזירונג פון דעם ריווח.

דער טערמין=האנדל איז די אדעקוואטע פארם פון יעדער ספעקולאציע, און אזוי ווי יעדע ספעקולאציע איז די אויסנוצונג פון די פרייז=דיפערענצן, און זיי קומען ערשט פאר אין דער צייט, און אזוי ווי, פון דער צווייטער זייט, די צייט, אין משך פון וועלכער עס ווערן נישט געמאכט קיין קויף= און פארקויף=אקטן, איז פאר יעדער ספעקולאציע א ריינער היזק, אזוי ווי די ספעקולאציע איז נישט פראדוקציע, — דעריבער מוז זי האבן די מעגלעכקייט תיכף אויסצונוצן יעדע פרייז=דיפערענץ, אפילו אויך די קינפטיקע דיפערענצן. זי מוז אין יעדן אויגנבליק האבן די מעגלעכקייט צו קויפן און פארקויפן פאר יעדן קינפטיקן אויגנבליק, — און טאקע דאס איז דער תוך פון דעם טערמין=האנדל. אפערירנדיק אויף אזא אופן, שאפט די ספעקולאציע פרייזן פאר יעדן מאמענט פון דעם יאר. דורך דעם גיט זי די פאבריקאנטן און סוחרים די מעגלעכ=

קייט צו באזײַטיקן פאר זיך די צופעליקע רעזולטאטן פון די פרײַז=באוועגונגען, זיך פארזיכערן פון זייערע וואקלונגען און אריבערוואַרפן די ריזיקע פון פרײַז=ענדערונגען אויף דער ספעקולאציע. אויב דער צוקער=פאבריקאנט קאן הײַנט פארקויפן רויען צוקער פאר 130,000 מארק, מיט דער התחייבות אים צוצושטעלן אין א באשטימטן שפּעטערדיקן מאמענט, ווייסט ער שוין, אז ער מעג הײַנט שוין צאלן 100,000 מארק פאר די בוראקעס. אויב ער פארקויפט שוין הײַנט פאר אזא פרײַז דעם רויען צוקער, באזײַטיקט ער שוין פאר זיך דורך דעם די אפּהענגיקייט פון יעטווידע פרײַז=וואקלונגען, וועלכע קאנען פארקומען ביזן מאמענט, ווען ער וועט דעם צוקער צושטעלן: זײַן ריווח איז געזיכערט. אויף אזא אופן גיט דער טערמין=האנדל די פאבריקאנטן און סוחרים די מעגלעכקייט זיך צו באגרעניצן נאר מיט זייער פונקציע אין דער ריינסטער פארם. אדאנק דעם ווערט באפרײַט א טייל פון דעם רעזערוו=קאפּיטאל, וואס מען האט געמוזט האבן אלס גאראנטיע באם עס מאכן זיך פרײַז=וואקלונגען און איז געווען געבונדן אין דער אינדוסטריעלער אדער קאמערציעלער ספערע. א געוויסער טייל דערפון דינט איצט שוין פאר דער בערזע=ספעקולאציע. דא איז ער אבער קאנצענטרירט און קאן דעריבער זײַן קלענער, ווי יענער קאפּיטאל, וואס איז געווען צעדרויבלט צווישן די איינצלנע אינדוסטריעלער און סוחרים.

דער קאפּיטאליסטישער ריווח אנטשטייט אין דער פּראדוקציע; ער ווערט רעאליזירט דורך דער צירקולאציע. סײַ די פּראדוצענטן, סײַ די סוחרים שטרעבן גאנץ נאטירלעך צו פארזיכערן פאר זיך דעם דאזיקן ריווח פון יעטווידע צופאלן, וואס נעמען זיך פון די פּרײַז=וואקלונגען אין דער צירקולאציע=צײַט, ווען די פּראדוקציע איז שוין לאנג פארענדיקט און דער ריווח איז שוין א געגעבענע גרייס פאר דעם פּראדוצענט אדער סוחר, וואס האט די סחורה געקויפט. אין א באשטימטער סטאדיע פון דער אנטוויקלונג דינט דעם דאזיקן שטרעבן דער טערמין=האנדל פאר די סחורות, בײַ וועלכע די דאזיקע וואקלונגען זײַנען מחמת נאטירלעכע סיבות (למשל, צוליב דעם, וואס דער אויסגאנג פון דער פּראדוקציע הענגט אפּ פון די מעטעאראלאגישע באדינגונגען) באזונדערס גרויס און נישט פאראויסצוזען. דער טערמין=האנדל גלײַבט ווי ווײַט מעגלעך אויס די וואקלונגען, וואס אנטשטייען מחמת דער ספעקולאציע. ער קאן דאס אבער נאר טאן שאפנדיק קלענערע און אפּטערע וואקלונגען, וואס ווערן טאקע ארויסגערופן דורך דער ספעקולאציע. די דאזיקע ספעקולאציע, — וואס איז פון געזעלשאפטלעכן שטאנדפּונקט אינגאנצן א זינלאזע, — איז נויטווענדיק, ווײַל זי זארגט דערפאר, אז דער אנטייל פון די קויפער

און פאַרקויפער זאָל דערגרייכן דעם נייטיקן פאַרנעם, אזוי, אז אין דעם האַנדל זאָל זיך שטענדיק געפינען די נייטיקע צאָל סחורות. אָט די פאַרזיכערונג קעגן פרייַז-וואַקלונגען דערפירט שטענדיק דעם מאַרק-פרייַז אַלץ נעענטער צו דעם פּראָדוקציע-פרייַז. עס שאַפט זיך אַ ספּעציעלער קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן, די ספּעקולאַנטן, וועלכע נעמען אויף זיך די ריזיקע פון פרייַז-וואַקלונגען. פרעגט זיך אָבער, ווי-זשע פאַרמערט זיך זייער קאַפּיטאַל?

בשעת מיר האָבן באַהאַנדלט די ספּעקולאַציע מיט די עפעקטן, האָבן מיר געזען, אז דער דאַזיקער קאַפּיטאַל באַקומט דעם דיפערענץ-פאַרדינסט. דער פאַרדינסט פון איינעם איז דער היזק פון דעם צווייטן, דער פאַרדינסט פאַלט געוויינלעך אַרייַן — אויפן חשבון פון די קליינע און זייַטיקע — צו די גרויסע ספּעקולאַנטן, וועלכע זייַנען אימשטאַנד צו וואַרטן און האָבן אַן אייַנפלוס אויף דעם קורס, ווי אויך צו די פאַר-טרויטע, צו די, וואָס פאַרשטייען אַן עסק 1. עס בלייַבט נאָך איין פראַגע: צי די ספּעקולאַציע באַקומט נאָך, חוץ דעם, אויך אַ פּרעמיע פאַר דער ריזיקע?

אויף דער ריזיקע-פּרעמיע פאַררופט מען זיך גאַנץ אָפט, אָבער אונטערזוכט האָט מען זי כמעט נישט. קודם-כל מוז מען פעסט-שטעלן, אז די פּרעמיע פאַר ריזיקע איז נישט קיין מקור פון ריווח און קאָן דעריבער נישט דערקלערן די אַנטשטייונג פון דעם ריווח. דער ריווח שאַפט זיך אין דער פּראָדוקציע און איז גלייַך צו דעם מערווערט, וועלכער איז אַנטהאַלטן אין יענעם מער-פּראָדוקט פון די אַרבעטער, וואָס האָט דעם קאַפּיטאַליסטן-קלאַס גאָרנישט געקאָסט. די פאַרשיידענע מדריגות פון דער ריזיקע, ד"ה, די פאַרשיידענע זיכערקייט, אז דער ריווח, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער פּראָדוקציע, וועט רעאַליזירט ווערן דורך דער צירקולאַציע, קאָנען גורם זייַן בלויז די פאַרשיידנקייט אין דעם

1 פונדעסטוועגן דאַרף מען פון די אַנפאַרטרויטע בייַם סחורות-טערמין-האַנדל קיין איבערגעטריבענע פאַרשטעלונגען זיך נישט מאַכן. „אויב מען וואָלט פון די ביולעטענען געקאָנט זיך דערוויסן, ווי דער מאַרק וועט שפּעטער אויסזען און וואָס פאַר אַ פרייַז עס וועט זייַן דער בעסטער, וואָלט דאָס געווען דאָס פייַנסטע און בעסטע. פון מייַן אַלטער דערפאַרונג קאָן איך אָבער פעסטשטעלן: געפיל — דאָס איז אַלץ. זייַן באַהאַוונט, אינפאָרמירט — דאָס איז זייער גוט, אויסגעצייכנט גוט, דאָס איז אַ לאָזונג, אָבער עס קומט דערפון גאָרנישט אַרויס און די סוחרים זייַנען זיך אָפט טועה... דער סוחר איז פונקט אַזוי אומוויסנדיק, ווי דער לאַנדווירט, און אויב ער שטודירט אפילו אַלע ביולעטענען, ווערט ער ערשט גוט צעטומלט, און געוויינלעך קומט עס אַרויס אַנדערש", — איז זיך מודה דער אויפריכטיקער סוחר דאַממע. „Deu-tsche Börsenenquete" II זייט 2858.

פאַרטײלן **דעם ריווח**: צווײַגן מיט אַ גרעסערער ריזיקע, וועלכע מוז זיך אין דער פּראַקטיק אויסדריקן אין אַ גרעסערן היזק, מוזן כאַראַקטעריזירט ווערן מיט העכערע פּרײַזן, אַזוי, אַז די ריווח־נאָרמע אויף זייער קאַפּיטאַל מוז סוף־כּל־סוף זײַן גלײַך צו דער דורכשניט־נאָרמע פון דעם ריווח. עס איז קלאָר, אַז אין דעם אינדוסטריע־צווײַג, וווּ מען מוז זיך רעכענען מיט די באַזונדערע אומשטענדן, וועלכע פאַרקלענערן די הכנסה, וועלן די דאָזיקע אומשטענדן אויף אַזויפיל קאָמפּענסירט ווערן דורך דער הייך פון די פּרײַזן, אַז עס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן די גלײַכקייט פון דער ריווח־נאָרמע. בײַם אויסקאַלקולירן דעם פּרײַז פון אָפּטישע גלעזער ווערן גענומען אין אַכט די הוצאות אויך פון די גלעזער, וועלכע ווערן בײַם גיסן דורכשניטלעך פאַרדאָרבן. זיי ווערן אויך פאַררעכנט אין די פּראָדוקציע־קאָסטן. פּונקט אַזוי ווערן אויך אַרײַנגערעכנט אין דעם פּרייז פון די סחורות דאָס קאַליע־ווערן אָדער די באַשעדיקונגען, וואָס די סחורות באַקומען דורכשניטלעך, בײַם צושטעלן זיי אויפן מאַרק. אַנדערש איז דאָס מיט דער ריזיקע, וואָס נעמט זיך פון די אומשטענדן, וועלכע באַווײַזן זיך גאַנץ צופעליק אין דער צײַט פון דער צירקולאַציע, אָבער פאַקטיש זײַנען זיי פאַרבונדן מיט די הוצאות פון דער פּראָדוקציע גופא. אויב אַ פּראָדוקט איז, למשל, פּראָדוצירט געוואָרן מיט אַלטע מאַשינען און געפינט זיך נאָך אויפן מאַרק, בשעת מיט די נײַע מאַשינען קאָן מען אים אויסאַרבעטן פּונקט אין אַ העלפט צײַט, דאַן איז פאַר דער אַ „ריזיקע" גאָר קיין אויסגלײַך נישטאָ. די פאַרקויפער פון אָט דעם פּראָדוקט מוזן אַליין לײַדן דעם היזק.

אַנאַלאָגיש זײַנען די באַדינגונגען אויך פאַר די פּראָדוקטן, וועלכע זײַנען דער הויפּט־אָביעקט פאַר דעם טערמין־האַנדל אויף דער בערזע. די נישט־זיכערקייט נעמט זיך דערפון, וואָס דער פּרײַז, למשל, פון דער דײַטשישער תּבואה ווערט נישט דעצידירט דורך דעם רעזולטאַט פון דער גערעטעניש אין דײַטשלאַנד, ד"ה, נישט דורך די דײַטשישע פּראָדוקציע־קאָסטן, וועלכע ווערן דירעקט אויסגעדריקט אין דעם פּרײַז, נאָר אויך דורך די אַמעריקאַנישע, אינדישע, רוסישע אאַז"וו. פּראָדוקציע־קאָסטן. בײַ אַזאַ פּרײַזן־אויסבילדונג גיט דער פּרייז קיין שום קאָמפּענסאַציע נישט פאַר דער דײַטשישער תּבואה־פּראָדוקציע [1].

---

1 דער שוץ־צאָל גלײַכט נישט אויס דעם ראָזיקן פּרײַז, ער הייבט נאָר אויף דער דאָזיקער סומע דעם פּרײַז פון דער דײַטשישער תּבואה איבער דעם פּרײַז פון דעם וועלט־מאַרק; אַדאַנק דעם באַקומט דער פּראָדוצענט פון דעם דײַטשישן תּבואה־ריווח אויך דאַן, ווען די פּרײַזן אויפן וועלט־מאַרק זײַנען נידעריקע.

אויף וויפל עס קומען אָבער פאַר אין דער צירקולאַציע גרויסע, נישט פאָרויסגעזעענע וואַקלונגען, מוזן די קאַפּיטאַליסטן פון דעם אַנטשפּרעכנדיקן פּראָדוקציע-צווייַג האָבן רעזערוו-פאָנדן, כּדי אויסצוגלייַכן די היזקות, וואָס נעמען זיך פון די פּרייַז-וואַקלונגען, און כּדי צו קאָנען אָן איבעררייַס וויַיטער טרייַבן די פּראָדוקציע. דער דאָזיקער רעזערוו-פאָנד איז אַ טייל פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז נייטיק פאַר דער צירקולאַציע, און אויף אים ווערט אויסגערעכנט דער דורכשניט-ריווח. דעם ריווח, וואָס פאַלט אוים אויף זייַן חלק, קאָן מען אָנרופן פּרעמיע פאַר דער ריזיקע. אפילו דער טערמין-האַנדל באַזייַטיקט נישט פאַר די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן די נויטווענדיקייט אין דעם דאָזיקן רעזערוו-פאָנד. דער טערמין-האַנדל באַזייַטיקט לגמרי נישט די פּרייַז-וואַקלונגען, וועלכע נעמען זיך פון די ענדערונגען אין די פּראָדוקציע-באַדינגונגען. די ווירקונג פון וועלט-מאַרק אויף דעם אינלענדישן מאַרק מוז טראָגן דער פּראָדוצענט.

די פאַרזיכערונג פון דער בערזע איז נוגע בלויז די וואַקלונגען, וועלכע אַנטשטייען בשעת דער צירקולאַציע. דער מילנער פאַרזיכערט פאַר זיך דעם פּרייַז, פאַר וועלכן ער האָט היינט פאַרקויפט זייַן מעל, דורך דעם, וואָס ער קויפט טאַקע היינט תּבואה. דער תּבואה-סוחר זיכערט פאַר זיך זייַן פאַרדינסט דורך דעם, וואָס ער פאַרקויפט נאָך הייַנט די הייַנטגעקויפטע תּבואה אויף דער בערזע, נעמענדיק אויף זיך די פליכט זי צוצושטעלן אין אַ באַשטימטן טערמין. די פאַרזיכערונג באַשטייט אין דעם, וואָס ער פאַרזיכערט פאַר זיך אַ באַשטימטן פּרייַז, וואָס עקזיסטירט איצט, אויף שפּעטער, ווען ער וועט דאַרפן אויספילן זייַן התחייבות און צושטעלן די תּבואה. מיט אַנדערע ווערטער, דער קויף און פאַרקויף געשעען פאַר דעם סוחר אָדער פּראָדוצירער איינס נאָכן אַנדערן, און נישט, ווי עס וואָלט פאָרגעקומען בלויז אַן איינזייַטיקער קויף אָדער פאַרקויף. דאָס אַלץ זעט אָבער פאָר, ערשטנס, עס זאָל זייַן אַזאַ ברייטער, גרויסער, שטענדיק אויפנעמפעיִקער מאַרק, ווי דער, וואָס ווערט געשאַפן דורך דעם טערמין-האַנדל; צווייטנס, זייַנען דערצו נייטיק אַגענטן, וועלכע פירן דורך די דאָזיקע פאַרזיכערונג נישט פאַר זיך, נאָר זיי וואַרטן אָפּ, ווי די אומשטענדן וועלן אויסזען אין אַ שפּעטערדיקן טערמין. דאָס טוען טאַקע די ספּעקולאַנטן, וועלכע נעמען אַראָפּ די ריזיקע פון דעם סוחר, וואָס פאַרזיכערט זיך אויף דעם אָנגעוויזענעם אופן. זייער פאַרדינסט איז נישט קיין פּרעמיע פאַר דער ריזיקע, נאָר אַ דיפערענץ-פאַרדינסט, וועלכן עס מוז אומפאַרמייַדלעך קעגנגעשטעלט ווערן אַן אַנטשפּרעכנדיקער היזק. און טאַקע מחמת דעם דאָזיקן כאַראַקטער פון דעם ספּעקולאַציע-ריווח באַקומט זיך, אַז די פּראָפעסיאָנעלע

ספעקולאציע פראספערירט בלויז אין דעם פאל, אויב אין די טראנזאק־ציעס באטייליקן זיך א סך זײַטיקע פערזאנען, וועלכע לײַדן פון די היזקות. אן דעם אנטייל פון דעם „פובליקום” קאן די ספעקולאציע נישט פראספערירן [1].

די פראגרעסירנדיקע קאנצענטראציע מאכט בהדרגה די דאזיקע פארזיכערונג פאר אומנייטיק. וויבאלד א האנדלס־אונטערנעמונג האט דערגרייכט א געוויסן פארנעם, דאן ווערן די גינסטיקע און אומגינסטיקע שאנסן קעגנזײַטיק אויסגעגליַכט. די גרויסע האנדלס־פירמע פירט־דורך „די פארזיכערונג בײַ זיך” און זאגט זיך אפ פון דעם טערמין־מארק. צו דעם קומט נאך צו דאס, וואס די קליינע ספעקולאנטן מוזן זיך ביסלעכ־ווײַז צוריקציען, ווײַל עס קומט זיי אלץ אפטער אויס צו לײַדן היזק [2].

די אנטוויקלונג פון די אקציען־געזעלשאפטן און די ספעקולאציע מיט עפעקטן ציט זיי אפ פון דער סחורה־בערזע. סוף־כל־סוף מאכן די טרעסטן און סינדיקאטן ראדיקאל א סוף צו דער ספעקולאציע מיט די סחורות, וועלכע זיי באהערשן.

ווען מען זאל פרעגן, פאר וועלכע שיכטן איז דער טערמין־האנדל פארט נייטיק, וועט מען מוזן ענטפערן, אז אמדרינגענסטן איז ער, געוויינ־לעך, נייטיק פאר דעם מיטעלן סוחר. פאר דעם פראדוצירער איז די נויטווענדיקייט נאר אויף אזויפיל פאראן, אויף וויפיל דער פראדוצירער בכלל וואלט געוועט געצוווּנגען אליין דורכצופירן די וויכטיקע האנדלס־פונקציעס. און טרעפן טרעפט דאס אין דעם פאל, ווען די איבעראר־בעטונג טראגט שוין א גרויס־קאפיטאליסטישן כאראקטער, בשעת די פראדוקציע פון דעם רוי־מאטעריאל איז נאך שטארק צעשפליטערט. אט דא פירט די בערזע דורך די נויטווענדיקע קאנצענטראציע פון די פראדוקטן. פאר דער הײַנטיקער צײַט קאן אלס אילוסטראציע דינען די

---

1 דער ה׳ קעמפף, דער פּרזיצער פון דער בערלינער האנדלס־קאמער, זאגט זיך אזוי ארויס װעגן דער באטײליקונג אין דעם טערמין־האנדל בכלל: „אויב די כוואליעס הייבן זיך הויך, דאן באטײליקט זיך די גאנצע וועלט. און ווען זיי הייבן זיך אויף נישט אזוי הויך, דאן מאכן די געשעפטן נאר די רײַכע מענטשן”. (Börsen-enquete II, Seite 813).

2 זייער אמוזירנדיק איז דאס געשפרעך צווישן ה׳ פאן גאמפ און ה׳ הארוויץ װעגן יענע צרות, וואס דער סוחר מוז מארעליש אויסשטיין בײַ דעם איינעם געדאנק װעגן די היזקות פון די דריבנע לײַט: דאס ליגט נישט אין דער נאטור פון דעם סוחר. אדער מאכט א סוף צו דעם סוחר, אדער לאזט אים בײַ דער נאטור, וואס איז אים צוגעאייגנט. „Börsenenquete“ Bd III, Seite 2459.

פאר דער עטישער ריכטונג פון דער פאליטישער עקאנאמיע פילט די בערזע בלויז אויס די פונקציע פון א מאראלישן אפטריט. אבער אירע איבעריקע פונקציעס בלײַבן פארבארגן פון אט דער ריכטונג.

אנטוויקלונג פון די מאָדערנע האַנדלס־מילן. די סחורה־בערזע פאַר־זווירקלעכט די דאָזיקע קאָנצענטראַציע פיל שנעלער און ראַדיקאַלער, ווי דאָס וואָלט געווען, ווען עס זאָל זיך ערשט דאַרפן אַנטוויקלען אַ הורט־האַנדל. פאַר דעם האַנדל איז דער מאַרק פון טערמין־טראַנזאַקציעס באַזונדערס געוווּנטשן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע פּראָדוקטן, פאַר וועלכע די צירקולאַציע־צײַט איז אַ לאַנג־דויערנדיקע, די פּראָדוקציע זייערע איז צעזייט און צעשפּרייט איבער אַ גרויסן שטח, אין אַ גאַנצער רייַ פּונקטן, און לאָזט זיך ניט דיסקאָנטירן, זייערע רעזולטאַטן איז שווער פאָראויסצוזען, און זיי זײַנען נישט קיין סטאַבילע, און די צירקולאַציע־וואַקלונגען פון די פּרײַזן זײַנען דעריבער באַדײַטנדיק און נישט רעגלמעסיק.

ווי באַלד דער טערמין־האַנדל איז שוין אַנטשטאַנען, דאַן ווערט שוין אַלץ מער נויטווענדיק, עס זאָלן זיך אין אים באַטייליקן די סוחרים, ווי אויך די פּראָדוצירער, ווײַל דער טערמין־האַנדל־מאַרק ווערט מאַסגעבנ־דיק פאַר דער פּרײַזן־באַוועגונג. דערקעגן, אויב דער טערמין־האַנדל באַגרעניצט זיך בלויז אויף די פּראָפעסיאָנעלע סוחרים, פאַרלירט ער איינע פון זײַנע וויכטיקסטע פונקציעס: עס ווערט אוממעגלעך אַריבער־צוּוואַרפן אויף דער ספּעקולאַציע די היזקות, וואָס נעמען זיך פון די פּרײַז־וואַקלונגען.

דאָס, וואָס די ספּעקולאַנטן ווילן בײַ זיך נישט האַלטן אַ מער לענגערע צײַט דעם ספּעקולאַציע־אָביעקט, איז שוין אַליין גורם, אַז יעדער ספּעקולאַנט איז שטענדיק אי אַ קויפער, אי אַ פאַרקויפער. דער בעסע־ספּעקולאַנט, דער סחורה־פאַרקויפער, ווערט איר אַ קויפער, כּדי זיך צו דעקן. ער איז אָבער קויפער און פאַרקויפער בלויז אין פאַרשײַ־דענע מאָמענטן און נוצט אויס די פּרײַז־וואַקלונגען אין דעם פּעריאָד צווישן אָט די מאָמענטן, — בשעת די פאַרזיכערונג פון די פּאַקטישע האַנדלס־אָפּעראַציעס באַשטייט גראָד אין דעם, די וואַקלונגען אויסצומײַדן: אַלס יסוד פון קויף־אַקטן לייגט זי אַרײַן די אָפּשאַצונג פון דעם זעלבן מאָמענט, וואָס דריקט זיך אויס אין די גלײַכצײַטיקע פאַרקויף־אַקטן, און, פאַרקערט, אַלס יסוד פון די פאַרקויפן — די גלײַכצײַטיקע קויף־אַקטן.

דער ספּעקולאַנט באַמיט זיך קודם־כּל, ער זאָל קאָנען אויסנוצן יענע פּרײַז־וואַקלונגען, וועלכע ווערן געשאַפן נישט דורך אים, נאָר דורך דעם פּאַקטישן האַנדלס־אומזאַץ. די דאָזיקע פּרײַז־וואַקלונגען קאָנען זיך נעמען סײַ פון די צופעליקע פאַרהעלטעניש פון אָנבאָט און נאָכפרעג, סײַ פון מער טיפערע ענדערונגען, וואָס געפינען זיך אין דער ספערע פון די פּראָדוקציע־קאָסטן פון דער סחורה. דער אָנבאָט און דער נאָכ־פרעג פון דער ספּקולאַציע ענדערן פון זייער זײַט דעם דאָזיקן פּרײַז־ניוואָ און

זייַנען גורם די וואַקלונגען, וועלכע קאָמפּענסירן זיך סוף־כּל־סוף אומפּאַר־מיידלעך טאַקע דערפאַר, וואָס יעדער ספּעקולאַנט איז אי קויפער אי פאַרקויפער. געוויינלעך שטערט דאָס נישט, אַז אויף אַ געוויסער צייַט קאָן איבערוועגן וועלכע נישט איז ריכטונג אין דער ספּעקולאַציע, צום בייַשפּיל, דער קויף, הייסט עס, די האָסע־ספּעקולאַציע; כּל־זמן עס דויערט אַזאַ איינזייַטיקייט, האַלטן זיך די פּרייַזן העכער פון דעם ניווא, וואָס וואָלט זיך באַקומען בלויז פון די פּאַקטישע האַנדלס־אָפּעראַציעס. אויף אַזאַ אופן רופט די ספּעקולאַציע אַרויס אָפּטערע, און דעריבער צו מאָל אויך קלענערע פּרייַז־וואַקלונגען, וועלכע קאָמפּענסירן זיך קעגנזייַטיק אין משך פון אַ לענגערער צייַט.

דער טערמין־האַנדל קאָנצענטרירט אַלע אָפּעראַציעס אין איין אָרט און גיט די אָרטיקע הורטאָווניקעס די איבערגעוויכט איבער די פּראָווינצער סוחרים, וועלכע ווערן בהדרגה פאַרשוואונדן [1]. אָבער אויף דעם בערזע־פּונקט גופא גיט דער טערמין־האַנדל די מעגלעכקייט, עס זאָלן אַרייַנדרינגען אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע זייַנען פריער געשטאַנען אין אַ זייַט, און איצט הייבן זיי אָן קאָנקורירן מיט די אַלטע פירמעס. דעריבער טרעפט אָן דאָס אייַנפירן דעם טערמין־האַנדל אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די אַלטע פּראָפעסיאָנעלע סוחרים. דער טערמין־האַנדל איז ביז אַ געוויסן גראַד נישט אַזוי קוואַליפיצירט, ווי דער אַלטער פּראָפעסיאָנעלער האַנדל, און, שטיצנדיק זיך אויפן באַנק־קאַפּיטאַל, קאָנען זיך אין אים באַטייליקן אויך אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע באַזיצן קליינע קאַפּיטאַלן. אָבער אויך דאָ, אויף דעם נייַעם באַזיס, קומט פאָר אַ קאָנצענטראַציע. בכלל גענומען, באַקומט זיך אַזאַ אייַנדרוק, אַז דער אָנטייל פון די ריינע ספּעקולאַנטן און פון די זייַטיקע עלעמענטן אויף דעם מאַרק פונם טערמין־האַנדל פאַלט [2].

פאַרקערט, דאָס אָפּשאַפן דעם טערמין־האַנדל וואָלט באַדייַט דאָס זעלביקע, ווי דאָס פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פון די גרויסע סוחרים, וועלכע קאָנען זיך באַגיין אָן פאַרזיכערונגען.

---

1 זע: 90 זייַט „Börsenenquete“, Bericht der Kommission.

2 „פון דעם קאַווע־האַנדל האָבן זיך די קליינע און נישט באַרופענע עלעמענטן צוריקגעצויגן, ער געפינט זיך איצט אונטער דער אָנפירונג פון די גרויסע קאָנסאָרציומס“ („Börsenenquete“, Seite 2065). דאָס דערקלערט זיך פון דער דערפאַרונג, וואָס דער עקספּערט וואַן־גילפּען האָט רעזיומירט מיט אָט די ווערטער: „מיט דער קראַפט פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל קאָן מען אומגעהייער פיל אויפטאָן, ווען מען זאָל זי נאָר אָנווענדן אויף פאַראייַנצלטע אַרטיקלען“.

די לאָנדאָנער גרויסע תבואה־פירמעס זייַנען קעגנער פון אייַנפירן דעם טערמין־האַנדל, ווייַל דאָס וואָלט דעמאָקראַטיזירט דעם האַנדל און אַ סוף געמאַכט צו זייער הערשנדיקער לאַגע (דאָרטן זייַט 3542).

איינע פון די געפארן פון דעם טערמין-האנדל באשטייט אין דעם, וואס עס קאנען אנטשטיין „עקן“. אויב דער פארקויפער האט צו דעם אפגערעדטן טערמין נישט צוגעשטעלט די סחורה, האט דער קויפער דאס רעכט אליין צו קויפן אט די סחורה אויף דער בערזע אויפן חשבון פון דעם נישט פינקטלעכן פארקויפער. אויב די סחורה איז נישטא אין אזא סכום, וואס זאל באפרידיקן דעם נאכפרעג, — ווייל דער קויפער האט שוין, מעגלעך, פריער פארארדנט איינצוקויפן די פאראנענע רעזערוון, — דאן אנטשטייען זייער הויכע, פיקטיווע פרייזן, וועלכע ווערן באשטימט דורך דעם ווילן פון קויפער; די פארקויפער ליגן דעמאלט אין די הענט פון די קויפער. וואס קלענער עס זיינען די רעזערוון פון דער סחורה, אלץ לייכטער ווערן פארווירקלעכט די „עקן“. דאס קאן אויך דערגרייכט ווערן אויף א קינסטלעכן אופן, — ווען די צושטעל-באדינגונגען ביים טערמין-האנדל באווארענען, למשל, א הויכע קוואליטעט פון דער סחורה. פארקערט, די קלענערע באווארענישן בנוגע דער קוואליטעט פון די סחורות, וועלכע דארפן געליפערט ווערן צום באשטימטן טערמין, איז א מיטל צו באשווערן דאס אנטשטיין פון די „עקן“. צו די „עקן“ קאן מען דערפירן, געוויינטלעך, בלויז ביי ספעציעלע אומשטענדן און אויף א קורצער צייט, — צום ביישפיל, ווען די תבואה-רעזערוון זיינען קליין, ווייל די נייע גערעטעניש איז נאך נישט אראפגענומען און דער גרעסטער טייל פון די אלטע רעזערוון איז שוין אויספארקויפט. די אויסערגעוויינלעך הויכע פרייזן זיינען אבער געוויינטלעך גורם, אז עס באוויזן זיך אויפן מארק אזעלכע רעזערוון, וועלכע מען האט געהאלטן, אז זיי זיינען שוין פון לאנג קאנסומירט געווארן. אויב דער געהעכערטער אנבאט שטייגט אריבער די אויפנעמפעיקייט פון די קויפער, דאן ווערט דער „עק“ צוזאמענגעבראכן. אין אלגעמיין באדייטן אבער די געלונגענע „עקן“ בלויז די עקספראפריאציע פון דער דרויסן-שטייענדיקער גרופע ספעקולאנטן, אבער אויף דעם פאקטישן האנדל און אויף די פאקטישע פרייזן האבן זיי א קליינע ווירקונג.

דאס דייטשישע בערזע-געזעץ פון 22טן יוני 1896 האט, ווי באקאנט, טיילווייז אפגעשאפט און טיילווייז באשווערט דעם טערמין-האנדל. פון א שטארקער באגרעניצונג האט געליטן דער תבואה-האנדל, דערהויפט זינט די געריכטס-אורטיילן האבן אנגעהויבן אויך באדראען די האנדלס-רעכטלעכע אפמאכן וועגן טערמין-צושטעלונגען. דעריבער איז געווארן

דער קרײַז מענטשן, וואָס באַטייליקט זיך אין דעם צושטעל־האַנדל, אַלץ קלענער, ביז ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער

„קאָן שוין נישט באַפרידיקן די צילן פון דעם צושטעל־האַנדל. דאָס האָט וועזנטלעך אויך באַשווערט די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן".

אָבער וואָס האָט זיך באַקומען דערפון?

„עס עקזיסטירט שוין אַ פּאָר זייער גרויסע פירמעס, וואָס האַלטן, אַז מחמת די שוועריקייטן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער פרײַז־פאַרזיכערונג אויף דער טערמין־בערזע, קאָנען זיי זיך אײַנגאַנצן באַגיין אָן דער פאַרזיכערונג. און זײַענדיק אונטער־געשטיצט אין משך פון עטלעכע יאָר דורך סטאַבילע־ע און אַפילו וואַקסנדיקע פרײַזן, האָבן זיי דורך דעם דערגרייכט גאַנץ נישקשה־דיקע פאַרדינסטן. אין אַלגעמיין האַלטן אָבער די סאָלידע פיר־מעס, אַז אַזאַ מעטאָד פון האַנדלען איז זייער אַ געפערלעכע ספּע־קולאַציע, און זיי באַגניגענען זיך בעסער מיט אַ קליינעם, אָבער זיכערן ריווח... בײַ דער אַ געשאַפענער לאַגע איז גאַנץ קלאָר, אַז די דערמאָנטע צוויי — דרײַ גרויסע פירמעס פאַרכאַפּן דעם אַלץ וואַקסנדיקן אַנטייל אין אַלע אָפּעראַציעס. די געזעצגעבונג האָט דאָ באַגינסטיקט די קאָנצענטראַציע, פּונקט אַזוי ווי זי האָט זי באַגינסטיקט אין דעם באַנק־וועזן. עס איז אָבער אַ גרויסער ספק, צי די דאָזיקע ריכטונג אין דער אַנטוויקלונג וועט לאַנג געפעלן די יעניקע, וואָס האָבן פון דעם דאָזיקן געזעץ דערוואַרט הרים־וגבעות. אַלנפאַלס, וואָלט די פילזײַטיקע קאָנקורענץ געווען אַ בעסערע גאַראַנטיע פאַר די לאַנדווירטן, אַז זיי זאָלן קאָנען באַקומען גינסטיקערע פרײַזן, איידער איצט, ווען עטלעכע ריזיקע פירמעס קאָנען דיקטירן די פרײַזן" [1].

„די פּראָווינצער סוחרים זײַנען נאָך מער פאַראינטערעסירט אין דעם טערמין־האַנדל, ווײַל דורך דעם טערמין־פאַרקויף באַקומען זיי די מעגלעכקייט צו לאָמבאַרדירן די סחורה אויף גינסטיקע באַדינגונגען: די סחורה איז דאָך שוין פאַרקויפט אויף אַ פעסטן פרײַז און קאָן דעריבער נישט פאַרלירן איר ווערט, אין פאַל, ווען די פרײַזן וועלן פאַלן. אויף אַזאַ אופן באַקומט דער סוחר

1 H. Ruesch: „Der Berliner Getreidehandel unter dem deutschen Börsengesetz". קאָנראַדס „Jahrbuch für Nationalökonomie und Statistik", III Folge, XXXIII Bd 1907, 1 העפט זײַט 53.

ווידער קאפיטאל און קאן ווידער קויפן ביי די פראדוצענטן נייע פארטיעס תבואה צו גוטע פרייזן [1].

דאס, וואס די ספעקולאציע פארקירצט די צירקולאציע=צייט פאר די פראדוקטיווע קאפיטאליסטן און נעמט פון זיי אראפ די ריזיקע, קאן זיך ווידער אפשלאגן אויף דער פראדוקציע. איידער עס איז אנטשטאנען דער טערמין=האנדל האט דעם עול פון דער ריזיקע דער עיקר געטראגן דער טייל=פראדוצענט; קוים פאלט די ריזיקע אפ, קוים פאלט אויך אפ די נויטווענדיקייט צו האלטן רעזערוון סחורות אויפן לאגער, — ווייל די סחורות ווערן אויך קאנצענטרירט אין די בערזע=פונקטן, — דאן איז שוין די ריין פראדוקטיווע פונקציע נישט גענוגנדיק; דער טייל=אונטער=נעמער ווערט דורך דעם, וואס ער קאמבינירט זיין פראדוקציע מיט א צווייטנס, פארוואנדלט אין א פולן אונטערנעמער. דאס איז אים איצט נאך לייכטער צוליב דעם, ווייל עס באפרייט זיך דאך איצט א טייל פון זיין צירקולאציע און רעזערווו=קאפיטאל. אזוי, למשל, זיינען די וואל=קעמער איצט געווארן איבעריק, ווייל די ריזיקע, וואס זיי האבן פריער געטראגן, איז איצט אריבערגעווארפן געווארן אויף דעם טערמין=האנדל. זיי ווערן איצט שפינער, — אדער די שפינער ארגאניזירן ביי זיך די וואל=קעמעריען [2].

דער טערמין=האנדל שפארט איין פאר די פראדוצענטן דעם אומזאץ=קאפיטאל, ערשטנס, דורך דעם, וואס ער פארקירצט פאר זיי די צירקולא=ציע=צייט, און, צווייטנס, רעדוצירט ער די זעלבסט=פארזיכערונג (דעם רעזערווו=פאנד) פון פרייז=וואקלונגען. דאס פארגרעסערט די קאפיטאל=קראפט פון די גרויסע אונטערנעמונגען, וועלכע געניסן אממערסטן פון דעם טערמין=האנדל. דער קאפיטאל, וואס האט זיך אויף אזא אופן באפרייט, ווערט א פראדוקציע=קאפיטאל.

די ארבעטס=טיילונג צווישן די אונטערנעמונגען ווערט באשטימט נישט בלויז דורך די מאמענטן פון טעכנישן כאראקטער, נאר אויך פון

1 דארט זייט 87. זע אויך ביי לאנדעסבערגער, — ער האט פאר=אויסגעזאגט, אז די אנטוויקלונג וועט אזוי אויסזען: „כאראקטעריסטיש איז דאס, וואס די גרעסטע תבואה=סוחרים באטייליקן זיך נישט אין דעם טערמין=האנדל, זיי פירן דורך די פארזיכערונג ביי זיך. הכלל, דאס אפשאפן דעם טערמין=האנדל וועט מוזן דעריבער מיט דער זעלבער נויטווענדיקייט דערפירן דערצו, אז דער תבואה=האנדל זאל זיך קאנצענטרירן אין די פירמעס, וועלכע באזיצן די גרעסטע קאפיטאלן, פונקט אזוי ווי דער פארבאט פון דעם טערמין=האנדל מיט געוויסע סארטן ווערט=פאפירן האט גורם געווען, אז דער דאזיקער צווייג פון דעם עפעקטן=האנדל זאל אריינפאלן אין די הענט פון די גרויסע דייטשישע בענק". (Loc. cit, Seite 45).

2 „Börsenenquete", Seite 3373 און ווייטער. אפערמאנס עקספערטיזע.

קאמערציעלן שטאנדפונקט. געוויסע טייל־פּראצעסן — צו זיי געהערן קודם־כל דאס באארבעטן דעם רוי־שטאף און האלב־פאבריקאטן — בלייבן נאר דערפאר פארזעלבשטענדיקט, ווייל די טייל־פּראדוצירער פילן אויך אויס וויכטיקע קאמערציעלע פונקציעס. זיי נעמען איבער דעם רוי־מאטעריאל ביי די פּראדוצענטן אדער ביי די אימפּארטערן און טייל מיט זיי די ריזיקע פון די פּרייז־וואקלונגען. די זעלבשטענדיקייט ווערט איבעריק, ווען דער פאבריקאנט קאן זיך דורך דעם טערמין־מארק פארזיכערן פון דער ריזיקע און קומט נישט אן צו דער פארמיטלונג פון די דערמאנטע טייל־פּראדוצענטן. צו זיין פריערדיקער פּראדוקציע פּראציי־ניקט ער אן אייגענע באארבעטונג פון דעם רוישטאף. צוליב דעם, וואס עס פאלט אוועק די קאמערציעלע פונקציע, ווערט שוין ממילא איבעריק די טעכנישע זעלבשטענדיקייט פון דעם טייל־פּראדוצענט. דא איז אויך פאראן די טענדענץ פּטור צו ווערן פון דעם צווישן־האנדל. אמת, די סחורה־בערזעס מאכן לכתחילה דעם איינדרוק, אז זיי פארגרעסערן נאך די צאל פון די האנדלס־אפּעראציעס; מיר ווייסן שוין אבער, אז די קויף־ און פארקויף־אקטן שטעלן מיט זיך פאר נישט קיין האנדלס־אומזאצן, נאר ספּעקולאציע.

מיר האבן געזען, אז דער טערמין־האנדל גיט דעם באנק־קאפּי־טאל די מעגלעכקייט זיך צו באטייליקן אין דעם סחורה־האנדל קודם־כל דורך געבן קרעדיט, סיי אין דער פארם פון לאמבארדירונגען, סיי אין דער פארם פון רעפּארט. די באנק קאן אבער אויסנוצן איר גרויסע קאפּיטאל־מאכט און דאס אָריענטירן זיך אין דער לאגע פון מארק אויך צוליב דעם, זי זאל מיט גענוגנדיקער זיכערקייט זיך קאנען באטייליקן אין דער אייגנטלעכער ספּעקולאציע. די ברייטע פארבינדונגען, וועלכע נעמען ארום א גאנצע ריי טערמין־מערק, גיבן איר די מעגלעכקייט נישט בלויז בעסער זיך צו אָריענטירן אין די מארק־פארהעלטענישן, נאר אויך צו מאכן זיכערע ארביטראזש־אפּעראציעס, וועלכע ברענגען אריין, היות זיי ווערן געמאכט אין א גרויסן מאסשטאב, אן אנזעעוודיקן ריווח. וואס גרעסער עס איז די צאל סחורות, וואס די באנק האט אין איר רשות, וואס שטארקער, הייסט עס, עס איז איר איינפלוס אויף דעם סכום פון דער צוגעשטעלטער סחורה, אלץ מיט א גרעסערער זיכערקייט קאן זי דורכפירן אזעלכע ספּעקולאציע־געשעפטן. פונדאנען נעמט זיך די שטרעבונג אויסצוברייטערן איר מאכט איבער די סחורות, מיט וועלכע עס אפּערירט דער טערמין־מארק. די באנק באמיט זיך צו באקומען די סחורה דירעקט פון דעם פּראדוצענט, אויסמיידנדיק אנדערע סוחרים. זי פועלט סוף־כל־סוף, אז מען זאל איר איבערגעבן דעם קאמיסיאנעלן

פארקויף, — און דא קאן זי, קאנקורירנדיק מיט דעם סוחר, זיך באגנו-גענען מיט א סך קלענערן ריווח, ווייל זי קאן נאך באקומען דעם ספעקו-לאציע-פארדינסט, און ווייל זי קאן אויך אין א פיל גרעסערער מאס ארבעטן מיט קרעדיט, — אדער זי קויפט גאר די סחורה אויף איר איגענעם חשבון, כדי צו פארנעמען דאס ארט, וואס דער סוחר האט פריער פארנומען ביים אינדוסטריעלער, קאן די באנק אויסנוצן דעם איינפלוס, וועלכן זי האט אדאנק אירע אנדערע געשעפטלעכע באציונגען מיט דער אינדוסטריע. ווי באלד די באנק האט באהערשט דעם אפזאץ, ווערן די קעגנזייטיקע באציונגען צווישן דער באנק און דער אינדוסטריע ענגער. די באנק איז פאראינטערעסירט אין די פרייז-באוועגונגען פון דער אנטשפרעכנדיקער סחורה שוין נישט בלויז אלס ספעקולאנט; די הויכע פרייזן זיינען פאר איר אויך געווונטשן צוליב דעם אינטערעס פון דער אונטערנעמונג, מיט וועלכער זי איז אויך פארבונדן דורך פארשיידנ-ארטיקע קרעדיט-באציונגען. זייענדיק גלייכצייטיק פאראינטערעסירט אויסצובורייטערן ווי ווייט מעגלעך אירע איינפלוסן אויף דער סחורה, באמיט זיך די באנק צו האבן פארבינדונגען מיט וואס מער אונטערנע-מונגען, און אויף אזא אופן ווערט א גאנצער אינדוסטריע-צווייג דער אביעקט פון איר אינטערעס. די פאראינטערעסירטקייט דריקט זיך אבער אויס אין דעם, וואס די באנק שטרעבט ווי ווייט מעגלעך צו שיצן דעם דאזיקן אינדוסטריע-צווייג פון דעפרעסיעס. זי נוצט אויס איר איינפלוס, כדי וואס שנעלער דורכצופירן די קארטעלירונג. אוודאי ווערט דורך דעם די ספעקולאציע-טעטיקייט פון דער באנק אויף דעם אינערלעכן מארק (נישט אויף דעם וועלטמארק) איבעריק, אבער די באנק באקומט דערפאר מיט ברייטער האנט איר אנטשעדיקונג דורך דעם באטייליקן זיך אין פארשיידנערליי פארמען אין דעם קארטעל-ריווח. אזעלכע פארמען נעמט אן די אנטוויקלונג דערהויפט אין די פאלן, ווען מחמת היסטא-רישע סיבות האט זיך נישט אויסגעבילדעט קיין שטארקער און ענערגי-שער הורט-האנדל, — צי אין אלגעמיין, צי אין דעם אנטשפרעכנדיקן פראדוקציע-צווייג. אזוי, למשל, זיינען אין עסטרייך די בענק דורך דעם האנדל אריינגעדרונגען אין דער צוקער-אינדוסטריע, מיט א קלענערער מעגלה אין דער נאפט-אינדוסטריע און זיינען געווארן די טרעגער פון דער טענדענץ צו קארטעלירן די דאזיקע אינדוסטריע-צווייגן, וועלכע זיינען שטארק אפהענגיק פון זיי. אויף אזא אופן שטיצט דער טערמין-האנדל אן אנטוויקלונג, וואס איז דאך אן אלגעמיינע טענדענץ און וואס ווען סוף-כל-סוף דערפירן דערצו, אז דער טערמין-האנדל גופא זאל אפגעשאפט ווערן.

די מאָנאָפּאָליסטישע פאַרבאַנדן באַזײַטיקן פולשטענדיק די סחורה־בערזעס. דאָס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווײַל זיי שטעלן פעסט די פּרײַזן אויף אַ לענגערער צײַט און דערלאָזן נישט, הייסט עס, אויסצונוצן די פּרײַזן־וואַקלונגען. עס פאַרשטייט זיך, אַז די „פאַרטיילונג אין דער צײַט" קומט נאַטירלעך אָן שום שטער פאָר, וואָס עס קאָן אפשר בלויז איבערראַשן איין ה' פּראָפעסאָר ערענבערג. דער דײַטשישער קוילן־סינדיקאַט און דער פאַרבאַנד פון די שטאָל־זאַוואָדן האָבן פאַרוואַנדלט די נאָטירונגען פון די עסענער און דיסלדאָרפער בערזעס אין ריינע נאָמינעלע נאָטירונגען.

„אַזוי באַשטייט די עסענער קוילן־בערזע פון אַ טאַטעקע מיט נאָטירונגען פון די קוילן־פּרײַזן. אָט די טאַטעקע ווערט אַלע טאָג געבראַכט פון דער געבײַדע פונם קוילן־סינדיקאַט אין זאַל פון דער בערזע, און די גאַנצע אַזוי־גערופענע דיסלדאָרפער סחורה־בערזע באַשטייט בלויז פון אַ בריוו, וואָס איין אינדוסטריעלער שיקט רעגולער צו דעם קאָמיטעט פון דער דיסלדאָרפער בערזע [1].

דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן די טערמין־אָפּעראַציעס מיט ספּירט.

„עס איז דאָ גאַנץ ריכטיק באַמערקט געוואָרן, אַז דער האַנדל האָט טיילווײַז אָנגעוואָרן זײַן באַדײַטונג צוליב דעם ספּירט־סינדיקאַט („Zentrale für Spiritusverwertung"), און אַז פון דער צווייטער זײַט, געפינט שוין דער צווישן־האַנדל קיין אָרט נישט פאַר זיך אין דעם סינדיקאַט. און דאָס איז גראָד דער טייל פון דעם האַנדל, וואָס פאַרנעמט זיך דערהויפּט מיט בערזע־אָפּעראַציעס. מחמת דעם אַנטשטיין פון דעם סינדיקאַט זײַנען, בלי ספק, געוואָרן איבעריק און זײַנען דעריבער באַזײַטיקט געוואָרן די קאָמיסיע־געשעפטן, די מעקלערס, די אַלע סוחרים, וועלכע שטייען נישט אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט די פּראָדוצענטן" [2].

דער ספּירט־סינדיקאַט האָט פאַרוואַנדלט די ווירקלעכע סוחרים אין זײַנע אַגענטן, מיט אַ פיקסירטער פּראָוויזיע (3—40 פעניג), און, ווי עס

---

1 „בערלינער טאַגעבלאַט" פון 19טן אָקטאָבער 1907.

2 Kontradiktorische Verhandlungen der deutschen Kartellen-quete über die Verbände in der deutschen Spirtusindustrie. גביה־עדות פון Bouzzutschky. דעם פאַרהאַלטער פון דעם צענטראַ־ספּירט.

ווײַזט אויס, ווערט זייער צאָל געהאַלטן מער=ווייניקער סטאַביל. אין 1906 זײַנען זיי געווען 202. דער אָבזאַץ, וואָס זיי מאַכן, באַטרעפט בערך 40 פּראָצענט פון דער גאַנצער פּראָדוקציע.

אויף וויפיל די פאַרדינסטן פון דער סחורה=בערזע שטאַמען פון דעם האַנדלס=ריווח, אויף אַזוי פיל פאַלן זיי נאָך דעם באַזײַטיקן די בערזע אַרײַן צו די פּראָדוצענטן. דאָס האָט אויך אַ שייכות צו יענע פאַרדינסטן, וועלכע אַנטשטייען מחמת דעם חילוק צווישן דער פּראָדוקציע=צײַט („דער דויער פון דער קאַמפּאַניע") און דער קאָנסומציע=צײַט. אַזוי זײַנען, למשל, די זומער=פּרײַזן פון ספּירט העכער פון די ווינטער=פּרײַזן. צום סוף פון דער קאַמפּאַניע גייט די פּראָדוקציע אַריבער אין רשות פון האַנדל. די זומער=פּרײַזן זײַנען העכער שוין צוליב דעם, ווײַל מען מוז באַרעכענען די לאַגער=הוצאות, דעם צינזן=פאַרלוסט אאַז"וו. די ברײַזער מוזן אָבער בײַם סוף פון דער קאַמפּאַניע זיך אײַלן וואָס גיכער צו פאַרקויפן דעם ספּירט. דער אָנבאָט ווערט דאָ דרינגלעך. פאַרקערט, זומער=צײַט ווערט דער ספּירט לחלוטין נישט פּראָדוצירט. דער אָנבאָט קאָן זיך נישט פאַרגרעסערן, און די הענדלער האָבן גענוג קאַפּיטאַל, כדי נישט צו פאַרקויפן די סחורה אין אַ נישט גינסטיקער צײַט. אין דעם פעסטשטעלן די פּרײַזן שפּילט דאָ אַ געוויסע ראָלע דער אונטערשייד צווישן דער קאַפּיטאַל=קראַפט, פון איין זײַט, פון די הענדלער, וועלכע באַקומען נאָך דערצו אויך דעם באַנק=קאַפּיטאַל אויף לאָמבאַרדירונג און רעפּאַרטירונג, און, פון דער אַנדערער זײַט, פון דער קאַפּיטאַל=קראַפט פון די גאַנץ אָפט קליינע ספּירט=פּראָדוצענטן; נאַטירלעך האַנדלט זיך דאָ וועגן באַשטימען נישט פון די פּרײַזן, לויט וועלכע דער קאָנסומענט מוז קויפן, נאָר פון די פּרײַזן, וואָס דער הענדלער צאָלט דעם פּראָדוצענט. דער קאַרטעל פון די פּראָדוצענטן ענדערט אויך אָט די פאַרהעלטענישן נישט צום גונסטן פון די הענדלער, נאָר לטובת די פּראָדוצענטן.

דער עיקר לוינט זייער שטאַרק די קאַרטעלירונג אויפן געביט פון דער לאַנדווירשאַפטלעכער פּראָדוקציע, — און די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע=„געזעלשאַפטן" זײַנען דאָך גאַנץ אָפט נישט מער, ווי דער אָנהויב פון קאַרטעל אָדער אמתע קאַרטעלן אין אַ קליינעם מאַסשטאַב,— ווײַל פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע איז די קאַפּיטאַליסטישע רעגולירונג דורך דעם פּרײַז גראָד אַמווייניקסטן צוגעפּאַסט; די אַנאַרכיע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט פּאָרט זיך אַמווייניקסטן גראָד מיט די נאַטירלעך=טעכנישע באַדינגונגען פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, — פּונקט אַזוי ווי דער קאַפּיטאַליזם איז בכלל נישט אימ=שטאַנד, אין קעגנזאַץ צו דער אינדוסטריע, צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל

פון א ראציאנעלער לאנדווירטשאפט. די עקזיסטענץ פון דעם טערמין-מארק, וואס פארוואנדלט די פרייזן-ענדערונגען אין א שטענדיקער דערשיינונג, פארשארפט ביז גאר די סתירה צווישן דער קאפיטאליסטישער אויסבילדונג פון די פרייזן אויף די נאטירלעך-טעכנישע באדינגונגען פון דער לאנדווירטשאפטלעכער פראדוקציע. אזוי ארום ווערט דאס, וואס איז די שולד פון דעם קאפיטאליסטישן אופן פון פראדוקציע בכלל, צוגעשריבן אויפן חשבון פון דעם טערמין-האנדל מיט זיינע אפט דראמאטישע ענדערונגען אין דער פרייזן-באוועגונג, וועלכע ווערן ארויסגערופן אדער ווערן, לכל-הפחות, פארשארפט דורך דער ספעקולאציע. דעריבער קאן טאקע די דעמאגאגיע, אויסנוצנדיק דאס, אזוי לייכט ארויסרופן ביי די לאנדווירטשאפטלעכע פראדוצענטן אזא שטארקע באוועגונג קעגן דעם טערמין-האנדל 1.

אויף וויפיל דער קארטעל איז בכוח צו באגרעניצן די אנארכיע, אויף אזויפיל ווירקט ער גראד זייער גינסטיק אויפן געביט פון דער לאנדווירטשאפט. מחמת דעם כאראקטער פון דער לאנדווירטשאפט אין

1 זייער ריכטיק זאגט לאנדעסבערגער: „דער קאמף פון דער לאנדווירטשאפט קעגן דעם טערמין-האנדל געפינט אגב זיין דערקלערונג אין די וויכטיקע פאקטן פון דער ווירטשאפט. די לאנדווירטשאפט געפינט זיך מער פון וועלכן נישט איז פראדוקציע-צווייג אין אפהענגיקייט פון פראדוקציע-באדינגונגען, וואס זיינען באשטימטע לויט צייט און ארט. הייסט עס, אז דער פאקטאר פון די פראדוקציע-קאסטן איז פאר איר וויניקער פארענדערלעך, ווי אין אנדערע ווירטשאפט-צווייגן. דאס איז פארבונדן מיט דעם, וואס דער קאפיטאל איז געבונדן אין דער לאנדווירטשאפט, מיט דער באדן-פארשולדיקונג, מיט די נאטירלעכע שוועריקייטן אנצוווענדן, לכל-הפחות בערך אין דעם זעלבן מאסשטאב און מיט אזא דערפאלג, די וויכטיקסטע פארטיידיקונגס-מיטלען, מיט וועלכע עס באנוצן זיך אונזערע פראדוקציע-צווייגן, פארטיידיקנדיק זיך פון די אומגינסטיקע קאניונקטורן: די ספעציאליזאציע פון דער פראדוקציע, די צייטווייליקע פארברייטערונג אדער פארקירצונג פון דער פראדוקציע. דער אויסערפערזענלעכער פאקטאר פון דעם גאנצן ווירטשאפטלעכן לעבן, די קאניונקטור, האט נישט אין קיין שום אנדער פראדוקציע-צווייג אזא איבערוואג איבער דעם פערזענלעכן פאקטאר, איבער די פראדוקציע-קאסטן. און אט זיינען שוין פארביי עטלעכע צענדליק יאר, ווי די קאניונקטור איז מערסטנס פאר דער מיטל-אייראפעישער לאנדווירטשאפט נישט גינסטיק. די קאניונקטור טרעט אבער ארויס אויפן פאן פון דעם טערמין-האנדל. דער האנדל, וואס איז נישט אימשטאנד אויסצומיידן די קאניונקטור, דער האנדל, וואס ווערט פארכאפט דורך דער קאניונקטור אויף ביידע פאלן פון זיין עקאנאמישן פראצעס ביים קויף און פארקויף, איז געצוווּנגען צו רעאגירן אויף איר מיט א ספעציעלער פונקציע. דער ארגאן פון אט דער פונקציע איז דער טערמין-האנדל. זיין אויפגאבע איז צו מאכן די וועלט-קאניונקטור עקאנאמיש פארשטענדלעך, איר געבן א מעגלעך קלארערן אויסדרוק. דער טערמין-האנדל אין זיין פולקומסטער פארם וואלט, זייענדיק באפרייט פון אלע טעותן און מיסברויכן, ריכטיק אפגעשפיגלט די קאניונקטור. דער

די צאָל פּראָדוקטן יעדעס יאָר, צוליב די נאַטירלעכע באַדינגונגען, זייער פאַרענדערלעך. די צאָל פּראָדוקטן האָט אָבער אַ דירעקטע ווירקונג אויף די פּרייזן. די איבערצאָליקע מענגע פּראָדוקטן מאַכט זייער אַ גרויסן דרוק אויף די פּרייזן און פאַרגרעסערט אין דעם יאָר די קאָנסומציע. מחמת די נידעריקע פּרייזן ווערט די פּראָדוקציע אויפן צווייטן יאָר באַגרעניצט. אויב עס טרעפט, אַז אין דעם יאָר איז די גערעטעניש אַ שלעכטע, דאַן ווערט אַ מאַנגל אין פּראָדוקטן, די פּרייזן ווערן אויפגעשרויפט און די קאָנסומציע פאַלט שטאַרק. די צעשפּליטערטע פּראָדוקציע איז כמעט אוממעגלעך קעגן אַזעלכע דערשיינונגען. זייער אַ גרויסע ווירקונג אויף די פּרייז־באַוועגונגען האָט דער קאַרטעל, ווייל ער קאָן באַצייטנס צוגרייטן רעזערוון, און, קאָנטינגענטירנדיק די פּראָדוקציע, פאַרהיטן פון צו שטאַרקע וואַקלונגען. אמת, דער קאַפּיטאַליסטישער קאַרטעל נוצט אויס געוויינלעך זיין מאַכט, כדי אויף אַ לענגערער צייט איינצוהאַלטן די העכסטע פּרייזן דורך דעם, וואָס די פּראָדוקציע ווערט אַנטשפּרעכנדיק פאַרקלענערט. אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זיין, שאַפט ער פאַר דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער פּראָדוקציע סטאַבילערע פאַרהעלטענישן.

דער דערמאָנטער פאַרוואַלטער שטערן זאָגט:

„דער סינדיקאַט קאָן האַלטן דעם עודף אויפן לאַגער אין זייער אַ באַדייטנדיקער, הגם אויך נישט אומבאַגרעניצטער מאָס. ווי נאָר דער עודף ווערט צו גרויס, ווערט באַלד אויף דעם פּרייען מאַרק אַ קראַך פון די פּרייזן, וועלכער הערט ערשט דעמאָלט אויף, ווען די פּרייזן פאַלן אַ סך נידעריקער פון די פּראָדוקציע־קאָסטן. דער

דאַזיקער שפּיגל האָלט אָבער געוויזן דער לאַנדווירטשאַפט מערסטנטייל איר נישט־גינסטיקע קאָניונקטור. פון דעם נעמט זיך דעריבער דער נאַטירלעכער ווילן דעם דאַזיקן שפּיגל צו צעברעכן Landesberger l. cit. זייט 44 און ווייטער.

ווי באַוווּסט, אויב דער פאַרבאָט פון דעם טערמין־האַנדל איז חל אויף איין מלוכה, ווערט ער אַרומגעגאַנגען דורך די קאַפּיטאַליסטיש־שטאַרקע סוחרים און ספּע־קולאַנטן דורך דעם, וואָס זיי באַנוצן זיך מיט דעם טערמין־האַנדל אין אַן אַנדער מלוכה. אָט אַזוי, למשל, זאָגט דר. קופּלער, אַ בוימוואָל־אינדוסטריעלער: „אין ברעמען, וווּ עס ווערן געמאַכט כמעט אַלע אימפּאָרט־אָפּעראַציעס מיט בוימוואָל פאַר צענטראַל־אייראָפּע, איז נישטאָ קיין טערמין־האַנדל. און פונדעסטוועגן ווערט יעדע איינצלנע אָפּעראַציע באַזירט אויף דעם טערמין־האַנדל, נעמלעך, פון ליווערפּאָל אָדער ניו־יאָרק (זע דעם באַריכט וועגן די דעבאַטן אין דער „Gesellschaft der Österreichischen Volkswirte“ און דער Zeitschrift für Volkswirtschaft, Social-politik und Verwaltung“ XI Bd זייט 83). פונקט אַזוי האָט דער פאַרבאָט פון דעם טערמין־האַנדל מיט תבואה אין עסטרייך בלויז גורם געווען, אַז די ספּעקולאַציע זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן קיין בודאַפּעשט.

סינדיקאט קאן אפטיילן די אויסלענדישע פרייזן פון די אינלענדישע פרייזן; אויב דער עודף איז באשטימט אויף עקספארט, דאן איז די פרייז-לאגע פאר דעם גאנצן פראדוקט אויפן פרייען מארק אפ-הענגיק פון דער הכנסה, וואס דער עקספארט גיט. אט איז אן אילוסטראציע דערצו: אין 1894/1893 איז געווען אן עודף פון 20 מיליאן ליטער, אן עודף, וואס האט גארנישט אזוי באדראט, פונ-דעסטוועגן האט ער רעדוצירט דעם דורכשניט-פרייז פארן יאר ביז 31 מארק. ווען דער סינדיקאט וואלט אין דעם יאר עקספארטירט מיט 10 מיליאן מער און ווען ער וואלט אויף די 10 מיליאן אנ-געווארן אין פרייז צו 5 — 8 מארק, בסך-הכל 500.000 — 800.000 מארק, וואלט ער דורך דעם פארהיט די ספירט-פראדוקציע פון א גרויסן היזק. ווארום, לאמיר זאגן, אז די פרייזן פאר דער גאנ-צער פראדוקציע וואלטן דעמאלט געווען העכער אויף 5 מארק, וואלט אדאנק דעם פארלוסט פון 500.000 — 800.000 מארק דער גאנצער פראדוקט פון בערך 300 מיליאן ליטער געשטיגן אין איר ווערט אויף 15 מיליאן.

„די בערזע דערלאזט נישט, עס זאלן זיך שאפן גרויסע רעזערוון, און זי גלייכט זייער שנעל אויס יעדן פלוס אין דער פראדוקציע מיט א מינוס. די רעזערוון ספירט, וואס זיינען געווען צום סוף פון דער קאמפאניע (אויף דעם 30טן סעפטעמבער יעדעס יאר) און וועלכע האבן זיך געפונען אין רשות פון דעם פרייען מארק, באטרעפן געוויינלעך ביז 30 מיליאן; עטלעכע מאל איז דער רעזערוו געווען קלענער, און איז איינמאל קלענער געווארן אויף 9 מיליאן; בלויז איין און איינציק מאל, אין 1894/1893, איז די דאזיקע ציפער שטארק געשטיגן ביז אויף 15 מיליאן. די דאזיקע ציפערן, די דאזיקע 10 מיליאן אויף איין אדער אויף דער אנדערער זייט, באטרעפן קוים 3—5 פראצענט פון דער גאנצער פראדוקציע, און די דאזיקע 3—5 פראצענט קלעקן, כדי צו רעדו-צירן דעם פרייז ביז א מאקסימום. אפילו גאר קליינע רעזערוון מאכן נערוועז דעם ספעקולאנט; ער איילט זיך פטור צו ווערן פון זיי, אויב ער מיינט, אז עס וועט זיין א גוטע גערעטעניש. די שיינבארע גלייכגעוויכט פון דער בערזע איז פאקטיש בלויז זארג און נערוועזיטעט".

און באלד אויפן ארט ווייזט ער אן די סיבה, פארוואס די אויסגלייכונג דורך דער בערזע באפרידיקט אים נישט: „די בערזע דערגרייכט די אויסגלייכונג דורך די ביליגע פרייזן". זיינע באפולמעכטיקער,

די קאַרטעלירטע ספּירט־פאַבריקאַנטן, דאַרפן אָבער נאָר האָבן אַן אויסגלײַכונג פון די הויכע פּרײַזן [1].

אייניקע פאַרטיידיקער פון דעם טערמין־האַנדל פאַרזיכערן אויך, אַז ער איז אַ באַוואָרעניש פאַר אַ מער געניויערע באַשטימונג פון די פּרײַזן. דער טערמין־מאַרק פאַראייניקט אַ גרעסערע צאָל פון פאַראינטערעסירטע קאָמפּעטענטע פּערזאָנען; דער רעזולטאַט פון אַזאַ גרויסער צאָל קאָמפּעטענטע מיינונגען דאַרף אין אַלגעמיין זײַן ריכטיקער, ווי די קאָמפּעטענטע מיינונגען פון אַ קלענערער צאָל. דער באַרוף צו זײַן אַ תּבֿואה־הענדלער גיט נאָך נישט דעם מענטשן די מיסטישע פעיִקייט פאָראויסצוזען די גרייס פון די קינפטיקע געראַטענישן, און אָט די פעיִקייט פאַרמאָגט נישט איינער און נישט אומענדלעך פיל תּבֿואה־הענדלער. זאָל זײַן, אַז דער שפּרוך: „שכל איז אַלעמאָל געווען בלויז בײַ אייניקע", איז נישט ריכטיק בנוגע די בערזע־לײַט; פונדעסטוועגן מוז מען זאָגן, אַז וואָס פאַר אַ אייגנשאַפטן פון דער תּורה זיי זאָלן נישט פאַרמאָגן, פעלט זיי בלי־ספק בלויז איין זאַך, — קיין נביאים קאָנען זיי נישט זײַן. פאַקטיש טראָגן די פּרײַזן בײַם טערמין־האַנדל אַ ריינעם ספּעקולאַציע־כאַראַקטער. אפילו אַזאַ סינדיקאַט, ווי דער ספּירט־סינדיקאַט, וועלכער האָט דאָך אַ דירעקטן אײַנפלוס אויף די אינערלעכע פּרײַז־באַוועגונגען, און ער וואָלט, דוכט זיך, מחמת דעם זייער לײַכט געקאָנט מאַכן טערמין־אָפּערטעס. ער טוט עס אָבער זייער נישט גערן. אונטוכט, דער געשעפטספירער פון דעם סינדיקאַט, זאָגט:

„מיט די טערמין־אָפּערטעס זײַנען שטענדיק געווען שוועריקייטן. ווען דאָס זאָל זײַן געווענדעט אין אונז, וואָלטן מיר זיך צו די טערמין־אָפּערטעס באַצויגן מיט מער צוריקגעהאַלטנקייט... אויב עמיצער לייגט פאַר אַ פּראָדוקט, מוז ער קודם־כּל, איידער ער באַשטימט דעם פּרײַז, פאָראויס וויסן, וואָס פאַר אַ סכום ער וועט האָבן אין זײַן רשות. דאָס קענען מיר, נאַטירלעך, באַשטימען ערשט דעמאָלט, ווען עס זײַנען פאָראיבער אייניקע חדשים פון דער קאָמפּאַניע, און אויך דעמאָלט זײַנען מיר נישט באַוואָרנט פון אַ טעות, ווײַל ערשט די פּראָדוקציע אין די פרילינג־מאָנאַטן דעצידירט, צי די פּראָדוקציע פאַר דער גאַנצער קאָמפּאַניע איז גרייס אָדער קליין, — דערהויפּט אין דעם פאַל, ווען די סיטואַציע איז נישט אינגאַנצן קלאָר".

---

1 פון דער אַנדערער זײַט באַווײַזט דאָס, ווי ווײַט נישט פולקום די בערזע פילט אויס איר פלומרשטע פונקציע — צו פאַרווירקלעכן די אויסגלײַכונג אין דער צײַט.

מען מוז דאָך אָבער מודה זײַן, אַז די צענטראַלע, וועלכע באַזיצט אינפאָרמאַציעס וועגן דער גאַנצער פּראָדוקציע און וועלכע נעמט אַרום ביז 80 פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע, איז אַנדערש אינפאָרמירט, ווי די בערזע־לייט.

די סיבה, פונוואַנען עס נעמט זיך דער פאַרלאַנג צו וויסן די טערמין־פּרײַזן, איז די, וואָס די אינדוסטריע, וועלכע איז פאַרנומען מיט ווײַטעראיבעראַרבעטונג, מוז אין דעם מאָמענט, ווען זי גיט אָן אירע אָפּערטעס, זײַן אינפאָרמירט וועגן די פּרײַזן אויף רוי־מאַטעריאַל. אויב דער מאָמענט פון דער קאָמפּאַניע פון דעם רוי־מאַטעריאַל פאַלט זיך נישט צונויף מיט דעם באַשטעלונג־טערמין פון דער ווייטעראיבעראַר־בעטנדיקער אינדוסטריע, דאַן אַנטשטייט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן סחורות מיט פּרײַז־וואַקלונגען, די באַדערפעניש אין טערמין־פּרײַזן. דער ווײַטעראיבעראַרבעטער וואַרפט אַזוי אַרום אַריבער די ריזיקע אויף זײַן צושטעלער פון רוי־מאַטעריאַל. די סינדיקאַטן נוצן דאָ אויך אויס זייער מאַכט, כּדי זיך צו באַפרײַען פון ריזיקע: צי דורך דעם, וואָס זיי האַלטן־אײַן די פּרײַזן אויף איין באַשטענדיקער הייך, אָדער דורך דעם, וואָס זיי באַשטימען אַזעלכע הויכע טערמין־פּרײַזן, אַז די ריזיקע פאַלט פאַר זיי לגמרי אָפּ. הער אונטוכט זאָגט עס אָפן:

„אַזוי ווי מיר ווייסן נישט, ווי אַזוי די פאַרהעלטענישן וועלן שפּעטער זײַן, זײַנען מיר געגונג פאָרזיכטיק (sic!) און מיר באַשטימען גיכער העכערע, איידער נידעריקע פּרײַזן".

און אין מעמאָראַנדום פון סינדיקאַט ווערט באַמערקט:

„אין משך פון די ערשטע פיר יאָר זינט דער סינדיקאַט עקזיסטירט, זײַנען אַזעלכע טערמין־פּרײַזן באַשטימט געוואָרן צום אָנהויב פון יעדער אָפּעראַציע־יאָר; דערקעגן איז זינט 1904/1905 אײַנגעפירט געוואָרן, אַז די אַלגעמיינע ליפערונג־פּרײַזן ווערן נאָטירט ערשט נאָכדעם, ווי עס איז שוין פאַראַן אַ סמך צו האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע".

בשעת עס איז דורכגעפירט געוואָרן די דײַטשישע בערזע־אַנקעטע, האָבן פערזאָנען, וועלכע זײַנען געשטאַנען מחוץ דער האַנדלס־וועלט (צום בײַשפּיל, דער געהיים־ראַט ווינער און דער פרײַקאָנסערוואַטיווער דעפּוטאַט פאָן גאַמפּ), געהאַלטן די עפעקטיווע געשעפטן פאַר לעגיטים, און די בערזע־געשעפטן אויף דיפערענץ אַלס נישט לעגיטימע: אַן אונטערשייד, וואָס ווערט כּסדר אָפּגעוואָרפן פון די געשעפטס־לייט. די ערשטע קאָנען בשום אופן נישט פאַרשטיין, אַז בײַ א ל ע קאַפּיטאַליסטישע טראַנזאַק־

ציעס האָט דער געברויך-ווערט קיין שום באַדייַטונג נישט און איז, אַמהעכסטנס, אַ טרויעריקע נויטווענדיקייט (Conditio sine qua non). די ריינע דיפערענץ-טראַנזאַקציע איז אין דער ווירקלעכקייט דער פולקומסטער אויסדרוק פון דעם פאַקט, אַז פאַר דעם קאַפּיטאַליסט איז דער סאַמע עיקר דער טויש-ווערט. גראָד דאָס דיפערענץ-געשעפט איז דאָס געזעצלעכסטע קינד פון דער קאַפּיטאַליסטישער גרונטשטימונג: דאָס איז דאָס געשעפט אין זיך, וואָס איז אַבסטראַהירט פון דער פּראָפאַנער ערשיינונגס-פאָרם פון דעם ווערט, פון דעם געברויך-ווערט. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די דאָזיקע עקאָנאָמישע זאַך אין זיך דערשיינט פאַר די נישט-קאַפּיטאַליסטישע גנאָסעאָלאָגן אַלס טראַנסצענדענט, און פון גרויס פאַרדרוס באַצייכענען זיי זי אַלס שווינדל[1]. זיי זעען נישט, אַז הינטער דער עמפּירישער רעאַלקייט פון יעדן קאַפּיטאַליסטישן געשעפט שטייט דער טראַנסצענדענטאַלער פאַקט פון אַזאַ געשעפט אין זיך, און ער דערקלערט ערשט די עמפּירישע רעאַלקייט. מערקווירדיק איז אָבער דאָס, אַז קוים מוזן די פאַרטיידיקער פון דעם געברויך-ווערט אַליין האָבן צו טאָן מיט דער בערזע, דאַן ווערט ביי זיי פאַרלאָרן דער באַגריף וועגן געברויך-ווערט: איצט האַלטן זיי אַלס ראַיעל און ממשותדיק יעדע אָפּעראַציע, אַלץ-איינס, צי עס האַנדלט זיך וועגן אומזאַצן מיט הכנסה-טיטולן אָדער מיט סחורות: מען דאַרף נאָר, אַז די פּאַפּירן אָדער סחורות זאָלן ווירקלעך איבערגיין פון האַנט צו האַנט. זיי איגנאָרירן גאָר אינגאַנצן

---

1 עס איז דעריבער זייער ריכטיק, ווען דער עקספּערט סימאָן האַלט („Börsenenquete II, Seite 1584), אַז די שטרעבונג צו דער דיפערענץ איז דער אייגנטלעכער יסוד פון יעדער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג". און אויב דער פּרעזידענט פון דער רייכסבאַנק קאָן דערווידערס, אַז אין אונטערשייד פון די דיפערענץ-געשעפטן ליגט אין יסוד פון די האַנדלס-טראַנזאַקציעס די כוונה צו לאָזן די סחורה פון האַנט צו האַנט, דאַן טרעפט די דאָזיקע דערווידערונג דאַנעבן דעם ציל, און סימאָן קאָן זי אויך גאָרנישט פאַרשטיין. וואָרום דער חילוק צווישן די ביידע טראַנזאַקציעס איז בלויז דאָס, וואָס אין איין פאַל איז די דאָזיקע דיפערענץ דער דורכשניט-ריווח, אין אַנדערן דער דיפערענץ-ריווח אין קאַטעגאָרישן זין.

די בירגערלעכע עקאָנאָמיע מישט שטענדיק צונויף די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס פון די ווירטשאַפטלעכע האַנדלונגען מיט די מאָטיוון פון די האַנדלענדיקע און שרייַבט צו די אויספילונג פון די דאָזיקע פונקציעס די האַנדלענדיקע אַלס זייער מאָטיוו, פון וואָס זיי הויבן, נאַטירלעך, נישט אָן צו וויסן, — דעריבער באַמערקט זי נישט די ספּעציפישע פּראָבלעם פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע: דעם פונקציאָנעלן צוזאַמענהאַנג פון די ווירטשאַפטלעכע האַנדלונגען, דורך וועלכן עס ווערט פאַרווירקלעכט דער פּראָצעס פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויפצודעקן אַלס רעזולטאַט פון גאַנץ אַנדערע מאָטיוון און פון די נויטווענדיקע פונקציעס גופא צו פאַרשטיין די מאָטיווירונג פון די אַגענטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.

דעם פאקט, אז די עפעקטן־צירקולאציע איז פאר דעם שטאף־וועקסל אין דער געזעלשאפט לחלוטין גלייכגילטיק, בשעת די סחורה־צירקולאציע — איז זיין לעבנס־באדינג.

אט איז א ביישפיל, צו וואס פאר א משונהדיקייטן עס קאן דערפירן דער גלייכגילט צו דעם געברויכס־ווערט. כדי די סחורה זאל זיין פונגיבל, מוז זי באפרידיקן באשטימטע פעסט־געזעצטע באדינגונגען, ד״ה, אז ביי אזא און אזא סכום דארף זי אזויפיל און אזויפיל וועגן, זי מוז האבן א באשטימטע פארב, א באשטימטן ריח אאז״וו. בלויז דעמאלט אנטשפרעכט זי דעם „טיפ", לויט וועלכן עס דארף אויסגעפילט ווערן די ליפערונג. ביים קאווע־טערמין־האנדל אין האמבורג איז דער טיפ געווען זייער א נידעריקער. די בעסערע סארטן האט מען בכיוון פארערגערט דערמיט, וואס מען האט אהין צוגעמישט שווארצע פאסאליעס, שטיינדלעך וכדומה. אין בערלין איז דער טיפ געווען א העכערער. דאס, וואס מען האט צוגעמישט אין האמבורג, האט מען אין בערלין מיט גרויס מי געמוזט באזייטיקן און ערשט דעמאלט האט מען די קאווע געקאנט ליפערן. אט דאס אליין איז שוין דער מערקווירדיקסטער ביישפיל וועגן די קאפיטאליסטישע אומפראדוקטיווע קאסטן [1]. עס טרעפט אמאל נאך שענערס. אין האמבורג האט זיך געשאפן א קארנער. עס האט געפעלט סחורה, וואס זאל טויגן פאר ליפערונגען, וויל ליפערן האט מען בלויז געקאנט קאווע, וואס זאל זיין געמישט מיט שטיינדלעך וכדומה. אויב מען האט געליפערט בעסערע סארטן, האט מען געמוזט צוצאלן, וויל די בעסערע סארטן האבן נישט באפרידיקט די ליפערונג־באדינגונגען. אנדערש געזאגט, פאר ליפערן א בעסערן סארט האט מען געמוזט צאלן שטראף. דאס אנטשפרעכט אבער פולקום דער קאנסעקווענט אנגעווענדעטער קאפיטאליסטישער לאגיק, וויל פאר דעם קויפער, פאר דעם מיטגליד פון דעם קארנער, האנדלט זיך דאך דא נישט וועגן דעם געברויך־ווערט, נאר בלויז וועגן טויש־ווערט. דורך דעם לעצטן ווערט באשטימט די גאנצע עקאנאמישע טעטיקייט, וואס איר אויפגאבע איז נישט דאס פראדוצירן אדער דאס צושטעלן דעם געברויכס־ווערט, נאר בלויז דאס באקומען דעם ריווח [2].

די אפאלאגעטן פון דעם קאפיטאליסטישן אופן פון פראדוקציע באמיען זיך צו דערווייזן די נויטווענדיקייט פון זיינע איינצלנע דערשיי־

---

1 Börsenenquete II, Bd., Seite 2079.

2 Die Börsenenquete 2135 זייט. ווייטער געפינען מיר דארט ענלעכע ביישפילן אויך בנוגע תבואה און ספירט. מען קאן, למשל, נישט ליפערן רעקטיפיציר־טן ספירט אנשטאט נישט גערייניקטן.

נונגען אַזוי, אַז זיי אידענטיפיצירן די, פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָ-
דוקציע אַרויסגעדרונגענע, ספּעציפיש-עקאָנאָמישע און דעריבער היסטאָרישע
פאָרם מיט דעם טעכנישן אינהאַלט, וועלכער איז, אין קעגנזאַץ צו דער
איבערגייענדיקער פאָרם, אַ באַשטענדיקער, און פון אָט דער פאַלשער
אידענטיפיצירונג קומען זיי דערנאָך צום באַשלוס וועגן דער נויטווענדיקייט
פון דער פאָרם. אָט אַזוי, למשל, האַלטן זיי מיט עקסטאַז אין איין
אונטערשיידן די נויטווענדיקייט פון אַן אויבערשטער אָנפירונג און
קאָנטראָל פאַר יעדן געזעלשאַפטלעכן אַרבעטס-פּראָצעס, — און פון דעם
באַווייזן זיי באַלד די נויטווענדיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָנפירונג,
וואָס נעמט זיך פון פּריוואַט-אייגנטום אויף די פּראָדוקציע-מיטלען, און
טענהן, אַז דורכדעם איז בכלל דערוויזן די נויטווענדיקייט פון אָט דעם
פּריוואַט-אייגנטום. פּונקט אַזוי זעען זיי אין האַנדל נישט דעם ספּעציפישן
צירקולאַציע-אַקט, נאָר די פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן צווישן די קאָנ-
סומענטן. ערענבערג דערקלערט, למשל, אַז דער האַנדל איז פאַרטיילונג
אין שטח און ספּעקולאַציע איז פאַרטיילונג אין צייט [1], און אַזוי ווי ביי
אַ געוויסן גראַד פון דער טעכנישער אַנטוויקלונג וועט די פאַרטיילונג,
פאַרשטייט זיך, שטענדיק זיין נויטווענדיק, זיינען דער האַנדל מיט דער
ספּעקולאַציע שטענדיק נויטווענדיק, דאָס באַזייטיקן זיי איז אַן אוממעג-
לעכע זאַך, אַן אוטאָפּיע. און ווען מען זאָל נאָך דערצו אידענטיפיצירן
„נויטווענדיק״ מיט
„פּראָדוקטיוו, דאַן קאָן מען צוזאַמען מיט ערענבערגן קומען
צו דעם משונהדיקן אויספיר, אַז די ספּעקולאַציע איז פּונקט

1 „דער האַנדל און די ספּעקולאַציע זיינען צוויי באַזונדערע אופנים פון דער פּראָדוקציע, פּונקט אַזוי ווי די אורפּראָדוקציע און די באַאַרבעטנדיקע אינדוסטריע: דער האַנדל איז דער יעניקער מין פּראָדוקציע, וואָס שטעלט זיך אַלס זיין אויפגאַבע ביי צוקומען די אָ ר ט י ק ע אָרעמקייט פון דער נאַטור מיט ווירטשאַפטלעכע גיטער. די ספּעקולאַציע, דאַקעגן, שטעלט זיך פּונקט אַזאַ אויפגאַבע בנוגע דער גיטער-אָרעמקייט און ד ע ר צ י י ט. פון ריין פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, באַמיט זיך דער האַנדל אויסצונוצן די פּרייזן-אונטערשיידן אין שטח, און די ספּעקולאַציע — די פּרייזן-אונטערשיידן אין דער צייט.

„די בערזע-מיינונג באַאיינפלוסט די פּרייזן אויפן סמך פון כלערליי ידיעות, וואָס קומען אָן אויף דער בערזע, פון ריכטיקע און פאַלשע ידיעות, פון ידיעות וועגן פאַקטן, וואָס זיינען שוין געשען אָדער דאַרפן ערשט געשען. די באַדייטונג פון די לעצטע ווערט שוין פאָרויס אָפּגעשאַצט („עסקאָמפּטירט״) דורך דער בערזע-מיינונג. ווען זי באַנוצט זיך אויף אַזאַ אופן מיט נידעריקע פּרייזן, כדי צו שאַפן רעזערוון אויף שפּעטער, מיט הויכע פּרייזן, כדי צו אָרדענען מיט די צוקונפטיקע רעזערוון, גלייך ווי זי וואָלט זיי שוין איצט געהאַט אין איר רשות, דאַן ווירקט זי פּראָ-דוקטיוו, אין קעגנפאַל — נישט״. Richard Ehrenberg ארטיקל „Börsenwesen“ אין „Handwörterbuch der Staatswissenschaften“ 2 Auflage.

אַזאַ פּראָדוקציע=צווייַג, ווי די לאַנדווירטשאַפט, און פאַרוואָס טאַקע נישט, ווי באַלד די ערד און די אַקציעס טראָגן אַרייַן אויף דעם זעלבן אופן געלט".

דערבייַ ווערט דער האַנדל פּשוט צונויפגעמישט מיט דעם טראַנספּאָרט און מיט דער פאַך=אַרבעט, אַפּוועגן אאַז"וו. די ספּעקולאַציע ווערט אידענטיפיצירט מיט דער לאַגערונג, מיט אָפּעראַציעס, וואָס זייַנען אומבאַדינגט נייטיק ביי יעדן טעכניש=אַנטוויקלטן אופן פון דער פּראָדוקציע. און אפילו אַזאַ שאַרפזיניקער מענטש, צו וועלכן מען דאַרף זיך — להיפּוך ווי צו ערענבערגן, — באַציִען מיט ערנסט, אַזאַ מענטש, ווי פּראָפעסאָר לעקסיס, פאַרפּלאָנטערט זיך אויך ביי גבית=עדות וועגן דעם טערמין=האַנדל [1]. ער באַמערקט אויך נישט יענע ספּעציפיש=עקאָנאָמישע באַשטימטקייט פון דער פאָרם, וועלכע כאַראַקטעריזירט דעם בערזע=מעסיקן טערמין=האַנדל מיט סחורות אין אונטערשייד פון דעם ווירקלעכן סחורה=האַנדל. ער זעט נישט יענע ספּעציפישע ראָלע, וואָס די ספּעקולאַציע שפּילט, און באַמיט זיך צו דערווייַזן די נויטווענדיקייט פון דעם טערמין=האַנדל, שילדערנדיק אים אַלס ווירקלעכן האַנדל.

זייַן קעגנער גאַמפּ האָט דאַן זייער לייַכט געקאָנט באַווייַזן, אַז דער טערמין=האַנדל שאַפט אַן אומצאָליקע מענגע פון אַזעלכע סחורות=אומזאַצן, וועלכע לייסטן גאָרנישט פאַר דער פאַרטיילונג פון דעם פּראָדוצענט צו דעם קאָנסומענט. לעקסיס האָט זיך פאַררופן דערויף, אַז בייַם טערמין=האַנדל איז פיל לייַכטער צו געפינען דעם קויפער. דאָס איז ריכטיק, אָבער, דער „קויפער" איז דאָך דאָ געוויינלעך נישט דער קאָנסומענט, נאָר אייַנצייַטיק אויך אַ „פאַרקויפער" — פּשוט אַ ספּעקולאַנט. עס איז פאַלש אַרויסצופירן דעם האַנדל, און ווער שמועסט נאָך דעם טערמין=„האַנדל", די טערמין=ספּעקולאַציע, פון דער אַבסאָלוטער באַדערפעניש פון דער פאַרטיילונג: די באַדערפענישן פון דער פאַרטיילונג ווערן באַפרידיקט דורך דעם האַנדל בלויז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און אפילו אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז זייַן נויטווענדיקייט בלויז אַ פאַראיבערגייענדיקע, ווי דאָס באַווייַזט דער פאַקט, אַז די סינדיקאַטן און טרעסטן באַזייַטיקן דעם האַנדל. דער, וואָס זעט אין דעם האַנדל אַ „פּראָדוקטיווע" טעטיקייט, — ד"ה, נישט נאָר אַזעלכע, וואָס רעאַליזירט דעם ריווח, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס שאַפט אים, — דער האָט אַ גרויסן טעות: ער לויבט אַלס פּאָזיטיווע דערשייַנונג פון דער קאַרטעלירונג די עקאָנאָמיע אויף די האַנדלס=קאָסטן, הגם דאָס קאָן זייַן אַ מעלה נאָר

1 „Börsenenquete" ב. II, זייט 3523 א"וו.

דעמאָלט, ווען די האנדלס-אָפּעראַציעס שטעלן מיט זיך פאַר אומפּראָדוק-טיווע הוצאות, הייסט עס, אַז זיי אַליין זיַינען אומפּראָדוקטיוו.

אין דער ווירקלעכקייט באַשטייט די נויטווענדיקייט פון דעם טערמין-האנדל אין דעם, וואָס, ערשטנס, דערלויבט ער די פּראָדוקטיווע קאַפּיטאַליסטן — די אינדוסטריעלער און סוחרים — צו רעדוצירן זייער צירקולאַציע-ציַיט ביז זעראָ און זיך צו פאַרזיכערן פון די פּריַיזן-וואַק-לונגען אין דער ציַיט פון דער צירקולאַציע דורכדעם, וואָס זיי וואַרפן אַריבער אָט די וואַקלונגען אויף דער ספּעקולאַציע, וועלכע דאַרף אויספילן די דאָזיקע ספּעציפישע פונקציע. צווייטנס, דערלויבט דער טערמין-האנדל אויסצופילן אַ טייל פון די האנדלס-פונקציעס דעם געלט (באַנק)-קאַפּיטאַל אָנשטאָט דעם האנדלס-קאַפּיטאַל; פאַר דעם דאָזיקן טייל פון די אָפּעראַציעס באַקומט מען נישט דעם דורכשניט-ריווח, נאָר געוויינלעכע צינזן; דער אינדוסטריעלער (אונטערנעמערישער) ריווח שטיַיגט אויף דער דיפערענץ צווישן דעם דורכשניט-ריווח און די צינזן. דריטנס, — דאָס פאַלט זיך צונויף מיט דעם צווייטן פונקט, — גיט דער טערמין-האנדל דעם געלט-קאַפּיטאַל די מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען זיך אין האנדלס-קאַפּיטאַל, נישט אָנווערנדיק זיַין כאַראַקטער פון געלט-קאַפּיטאַל; אויף אַזאַ אופן באַקומט דער באַנק-קאַפּיטאַל די מעגלעכקייט אויסצו-ברייטערן די ספערע פון זיַין הערשאַפט איבער דעם האנדל און דער אינדוסטריע און צוגעבן דעם אַלץ וואַקסנדיקן טייל פון דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל דעם כאַראַקטער פון געלט-קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך אין רשות פון דער באַנק.

קאפיטל צען

באנק-קאפיטאל און באנק-ריווח

די מאביליזאציע פון דעם קאפיטאל עפנט פאר די בענק א נייגעביט פאר זייער טעטיקייט: די עמיסיע און די ספעקולאציע. טעארעטיש איז דערביי נישט וויכטיק, צי איין און די זעלבע באנק פארבינדט אט די טעטיקייט מיט אירע צאלונגען און קרעדיט=אפעראציעס, אדער די פארשיידענע פונקציעס ווערן באזארגט דורך פארשיידענע בענק=אינסטיטוציעס. וויכטיק איז בלויז דער אונטערשייד פון די באזונדערע פונקציעס לויט זייער עקאנאמישער באדייטונג. איבעריקנס פירט די מאדערנע אנטוויקלונג אומעטום אלץ מער צו דער פאראייניקונג פון אט די פונקציעס אדער אין איין אונטערנעמונג, אדער דורך דעם, וואס עטלעכע פארשיידענע אינסטיטוציעס, וואס דערגאנצן זיך קעגנזייטיק לויט זייערע פונקציעס, ווערן באהערשט דורך איין און דעם זעלבן קאפיטאליסט אדער קאפיטאליסטן=גרופע. אין דער אונטערשטער שורה דערפירט צו דער פאראייניקונג אט דער אומשטאנד, וואס אין אט די אלע פונקציעס טרעט דער קאפיטאל ארויס אלס געלט=קאפיטאל, אין ספעציפישן זין פון דעם ווארט, אלס ליי=קאפיטאל, וועלכער קערט זיך אלעמאל ווידער צוריק אלס געלט פון דער ספערע, אין וועלכער ער ווערט יעדעס מאל ארייַנגעלייגט. אבער אויך אין די פאלן, ווען אזא פאראייניקונג אין איין אונטערנעמונג איז נישט צושטאנד געקומען, ווערן די אלע פארשיידענע פונקציעס טיילווייַז אויסגעפילט דורך איין און דעם זעלביקן געלט=קאפיטאל, וועלכער ווערט דורך איינער פון די דאזיקע אונטערנעמונגען געשטעלט אין רשות פון א צווייטער.

ערשט איצט, ווען מיר האבן אנאליזירט אט די פארשיידנארטיקע פונקציעס, קאנען מיר אונטערזוכן, פון וועלכע קוועלעס עס נעמט זיך דער ריווח אויף דעם באנק=קאפיטאל און וואס פאר א פארם עס דארף אננעמען אין דער ספערע פון דעם באנק=קאפיטאל די פארהעלטעניש צווישן דעם ריווח און דעם קאפיטאל — סיי פון אייגענעם קאפיטאל, פון דער באנק, סיי פון דעם פרעמדן, וואס געפינט זיך אין איר רשות.

מיר ווייסן, אז דער ריווח אנטשטייט אין דער פראדוקציע און ווערט רעאליזירט אין דער צירקולאציע; מיר ווייסן אויך, אז דורכצופירן די צירקולאציע=אפעראציעס, דער קויף און פארקויף פון די סחורות, פאדערט זיך א צוגאב=קאפיטאל. די סוחרים האבן צוגענומען ביי די אינדוסטריעלער א טייל פון די דאזיקע אפעראציעס, וועלכע ווערן אויף אזא אופן פארוואנדלט אין א זעלבשטענדיקער פונקציע פון אן אפטיילונג פון געזעלשאפטלעכן קאפיטאל, נעמלעך, אין א קאפיטאל פאר סחורות=האנדל. דער קאפיטאל, וואס ווערט אנגעווענדעט דורך די סוחרים, ברענגט ארייַן דעם דורכשניט=ריווח, וואס איז נישט עפּעס אנדערש, ווי א טייל פון דעם ריווח, וואס איז געשאפן געווארן דורך די אינדוסטריעלער אין דער פראדוקציע און שטעלט, הייסט עס, מיט זיך פאר דעם חסר פון יענעם ריווח, וועלכן די אינדוסטריעלער וואלטן אין אנדער פאל באקומען [1]. די צירקולאציע פאדערט אויך א גאנצע ריי געלט=אפעראציעס, שאפן א געלט=רעזערוו, אויסצאלן און איבערשיקן געלט, איינקאסירן און אויסצאלן רעכענונגען אאז״וו. די דאזיקע אפעראציעס, הקיצור, די קאסע=פירונג, קאנען קאנצענטרירט ווערן, און די דאזיקע קאנצענטראציע שפארט איין ארבעט, וואס מאכט אוים צירקולאציע=קאסטן. אדאנק דער דאזיקער קאנצענטראציע קאן פאר דער אויספירונג פון דער דאזיקער ארבעט אויך קלעקן א קלענערער קאפיטאל.

„די ריין=טעכנישע באוועגונגען, וואס דאס געלט מאכט=דורך אין דעם צירקולאציע=פראצעס פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל און, ווי מיר קאנען איצט צוגעבן, פון דעם סחורה=האנדל=קאפיטאל (ווייל דער לעצטער נעמט אויף זיך א טייל פון דער באוועגונג אין דער צירקולאציע פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל און מאכט זי דורך ווי זיין אייגענע ספעציפישע באוועגונג), — די דאזיקע באוועגונגען, ווערנדיק א זעלבשטענדיקע פונקציע פון א באזונדערן קאפיטאל, וועלכער מאכט זיי, און בלויז זיי, דורך, אלס אפעראציעס, וואס זיינען נאר פאר אים כאראקטעריסטיש, פארוואנדלען דעם דאזיקן קאפיטאל אין א געלט=האנדלס=קאפיטאל. א טייל פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל, אדער, נעענטער, פון דעם סחורה=האנדלס=קאפיטאל, געפינט זיך שטענדיק אין דער געלט=פארם נישט בלויז אלס געלט=קאפיטאל בכלל, נאר אלס געלט=קאפיטאל, וואס פירט טאקע אוים די דאזיקע טעכנישע פונקציעס.

1 גענויער וועגן דעם זע ביי מארקסן „קאפיטאל“ III, I, פערטער אפשניט: „די פארוואנדלונג פון דעם סחורה=קאפיטאל און פון געלט=קאפיטאל אין א קאפיטאל פאר סחורה=האנדל און קאפיטאל פאר געלט=האנדל“.

פון דעם גאַנצן קאַפּיטאַל טיילט זיך אויס אַ באַשטימטער טייל און ווערט זעלבשטענדיק אין דער פאָרם פון געלט־קאַפּיטאַל, וואָס זיין קאַפּיטאַליסטישע פונקציע באַשטייט אויסשליסלעך אין דעם, וואָס ער דאַרף אויספירן די דאָזיקע פונקציעס פאַר דעם גאַנצן קלאַס פון אינדוסטריעלער און סוחרים־קאַפּיטאַליסטן. פונקט אַזוי ווי ביי דעם סחורה־האַנדלס־קאַפּיטאַל, טיילט זיך אויך דאָ אָפּ פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך אין דעם צירקולאַציע־פּראָצעס אין דער געשטאַלט פון געלט־קאַפּיטאַל, אַ געוויסער טייל און פירט־דורך פאַר דעם גאַנצן איבעריקן קאַפּיטאַל די דאָזיקע אָפּעראַציע פון דעם רעפּראָדוקציע־פּראָצעס. הייסט עס, אַז די באַוועגונגען פון דעם דאָזיקן געלט־קאַפּיטאַל זיינען אַזוי אַרום באַוועגונגען פון אַ פאַרזעלבשטענדיקטן טייל פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך אין פּראָצעס פון זיין רעפּראָדוקציע" [1].

„בכן, דער געלט־האַנדל, אין דער ריינער פאָרם, אין וועלכער מיר באַטראַכטן אים איצט, ד"ה, אָפּגעטיילט פון דער קרעדיט־סיסטעם, האָט נאָר צו טאָן מיט דער טעכנישער זייט פון איין מאָמענט פון דער סחורה־צירקולאַציע, נעמלעך, מיט דער געלט־צירקולאַציע און מיט די פאַרשיידענע פונקציעס פון דעם געלט, וואָס דרינגען פון איר אַרויס... צפנים, אַז די מאַסע פון דעם געלט־קאַפּיטאַל, מיט וועלכער עס אָפּערירן די געלט־הענדלער, איז דער געלט־קאַפּיטאַל פון די סוחרים און אינדוסטריעלער, וואָס געפינט זיך אין דער צירקולאַציע, און די אָפּעראַציעס, וואָס זיי מאַכן, זיינען אָפּעראַציעס פון די יעניקע, וועלכע באַנוצן זיך מיט זיי נאָר אַלס פאַרמיטלער. עס איז אויך קלאָר, אַז זייער ריווח איז בלויז אַן אָפּצוג פון דעם מערווערט, ווייל זיי האָבן נאָר צו טאָן מיט שוין רעאַליזירטע ווערטן (ווען זיי זיינען אפילו רעאַליזירט געוואָרן בלויז אין דער פאָרם פון חובות־פאָדערונגען)" [2].

אין משך פון דער אַנטוויקלונג גייט די קאַסע־פירונג איבער צו די בענק. די גרייס פון דעם דערצו נויטיקן קאַפּיטאַל ווערט פון פאַל צו פאַל באַשטימט דורך דער טעכנישער נאַטור פון די אָפּעראַציעס און דורך זייער מאַסשטאַב. די בענק רעאַליזירן אויף אָט דעם קאַפּיטאַל דעם דורכשניט־ריווח, — פונקט אַזוי ווי די סוחרים אויף דעם סחורה־האַנדלס־קאַפּיטאַל און די אינדוסטריעלער אויף דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל [3].

---

1 זייט .Marx „Kapital" III, 299

2 דאָרט, זייט 306.

3 אַלס אילוסטראַציע וועלן מיר ברענגען פאָלגנדיקע סכעמאַטישע באַרעכענונג:

דאָס איז אָבער אויך דער איינציקער טייל פון דעם באַנק=קאַפּיטאַל, וואָס זײַן ריווח שטעלט מיט זיך פאָר דורכשניט=ריווח א ; קאַטעגאָרישן זין. דער ריווח אויף דעם איבעריקן באַנק=קאַפּיטאַל איז פון אים, לויט זײַן וועזן, פאַרשיידן.

זײַענדיק די פאַרמיטלערין פון קרעדיט, אָפּערירט די באַנק מיט דעם גאַנצן קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך אין איר רשות, סײַ מיט דעם אייגענעם, סײַ מיט דעם פרעמדן. איר ברוטאָ=ריווח באַשטייט פון צינזן אויף דעם קאַפּיטאַל, וואָס זי לײַט; דער ריינער ריווח — נאָך דעם אַראָפּרעכענען די קאָסטן — באַשטייט פון דער דיפערענץ צווישן די צינזן, וואָס מען צאָלט איר, און די צינזן, וואָס זי צאָלט פון איר זײַט פאַר די דעפּאָזיטן. הייסט עס, אַז דער דאָזיקער פאַרדינסט איז נישט קיין דורכשניט=ריווח אין קאַטעגאָרישן זין און נישט די דורכשניט=נאָרמע פון דעם ריווח באַשטימט זײַן הייך. פונקט אַזוי ווי דער פאַרדינסט פון אַן אַנדער געלט=קאַפּיטאַליסט, שטאַמט ער אויך פון דעם צינז. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס אַנדערע געלט=קאַפּיטאַליסטן באַקומען דעם פאַרדינסט נאָר פון זייער אייגענעם קאַפּיטאַל, בשעת די באַנק, וואָס שפּילט די ראָל פון א פאַרמיטלערין אין קרעדיט=פאַרקער, קאָן דאָס אויך באַקומען פון קאַפּיטאַל פון אירע קרעדיטאָרן, ווען זי צאָלט א קלענערן צינז פון דעם, וואָס זי נעמט בײַ אירע בעלי=חובות. דער דאָזיקער צינז שטעלט מיט זיך פאָר נאָר א טייל אָדער אַן אָפּצוג פון יענעם געזעלשאַפטלעכן דורכשניט=ריווח, וואָס זייער הייך איז שווין א געגעבענע גרייס. אָבער דער דאָזיקער פאַרדינסט גופא האָט נישט, פונקט אַזוי ווי דער פאַרדינסט פון דעם סוחרישן און געלט=האַנדל=קאַפּיטאַל בכלל, קיין באַשטימענדיקן אײַנפלוס אויף דער דורכשניט=נאָרמע פון דעם ריווח.

די הייך פון דעם צינז הענגט אָפּ פון דעם נאָכפרעג און אָנבאָט פון דעם לײַ=קאַפּיטאַל בכלל, פון וועלכן דער באַנק=קאַפּיטאַל איז נאָר א טייל. די דאָזיקע הייך פון דעם צינז באַשטימט דעם ברוטאָ=ריווח. כדי צוצוציען אין זייער רשות ווי ווײַט מעגלעך גרעסערן געלט=קאַפּיטאַל, צאָלן די בענק פון זייער זײַט צינזן אויף די דעפּאָזיטן. Caeteris paribus

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער פּראָדוקציע=קאַפּיטאַל איז גלײַך 1000. זאָל דער געשעפֿענער ריווח באַטרעפן 200, דער סחורה=האַנדלס=קאַפּיטאַל באַטרעפט אין אַן איבערגעטריבענער פּראָפּאָרץ 400 און דער געלטהאַנדלס=קאַפּיטאַל — 100. דער ריווח ווערט פאַרטיילט אויף דעם גאַנצן קאַפּיטאַל, וואָס באַטרעפט 1500: וויבאַלד אַזוי, וועט די נאָרמע פון דעם דורכשניט=ריווח אויסמאַכן 15 פּראָצענט; פון דעם אַלגעמײַנעם ריווח, וואָס באַטרעפט 200, וועלן די אינדוסטריעלער באַקומען 150, די סוחרים 40 און די געלט=הענדלער — 10.

הענגט אָפּ די גרייס פון דעם געלט=קאַפּיטאַל, וואָס גייט אַריבער אין רשות פון דער באַנק, פון דער הייך פון דעם צינז, וואָס זי צאָלט אויף די דעפּאָזיטן. קאָנקורירנדיק צוליב די דעפּאָזיטן, זײַנען די בענק געצווּונגען צו צאָלן ווי ווײַט מעגלעך הויכע צינזן. די דיפערענץ צווישן דעם צינז, וואָס די באַנק באַקומט אַלס קרעדיטאָר, און דעם צינז, וואָס זי צאָלט אַלס בעל=חוב, איז איר ריינער ריווח.

הקיצור, די זאַך שטעלט זיך פאָר אַזוי: לכתחילה ווערט דורך דעם נאָכפרעג און אָנבאָט פון דעם לײַ=קאַפּיטאַל בכלל באַשטימט די הייך פון דעם צינז, און ער באַשטימט דאָס יענעם ברוטאָ=ריווח, וואָס די בענק באַקומען, לײַענדיק זייער אייגן אָדער פרעמד געלט, וואָס געפינט זיך אין זייער רשות. דערבײַ איז אַלץ=איינס סײַ פאַר דער בילדונג פון דער הייך פון דער צינז=נאָרמע, סײַ פאַר דער גרייס פון דעם ברוטאָ=ריווח, אין וועלכער פאַרהעלטעניש עס שטייען די אייגענע און פרעמדע מיטלען פון דער באַנק. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס פון דעם פרעמדן געלט שטייט דער באַנק פּאַקטיש צו דיספּאָזיציע נאָר אַ געוויסער טייל, בשעת דעם איבעריקן טייל מוז זי האַלטן אַלס רעזערוו; אָבער דער דאָזיקער רעזערוו, וואָס טראָגט נישט קיין צינזן, איז אַ מינימאַלער אין פאַרגלײַך מיט דער גאַנצער סומע. די קעגנזײַטיקע קאָנקורענץ פון די בענק באַשטימט די הייך פון דעם צינז, וואָס זיי מוזן צאָלן פאַר די דעפּאָזיטן, און בײַ דער געגעבענער גרייס פון דעם ברוטאָ=ריווח און דער געגעבענער סומע פון די קאָסטן איז אָפּהענגיק די גרייס פון דעם ריינעם ריווח. מיר זעען, אַז די געגעבענע גרייס איז דאָ נישט דער אייגענער קאַפּיטאַל פון די בענק. וואָרום די גרייס פון דעם ריווח פון די בענק איז אָפּהענגיק נישט פון דעם אייגענעם קאַפּיטאַל, נאָר פון דעם גאַנצן לײַ=קאַפּיטאַל, וואָס די בענק האָבן בכלל אין זייער רשות. הייסט עס, אַז דער ריווח איז אַ געגעבענע גרייס, און לויט אים מוז זיך ריכטן די גרייס פון דעם אייגענעם באַנק=קאַפּיטאַל. פון דעם גאַנצן לײַ=קאַפּיטאַל קאָנען די בענק פאַרוואַנדלען אין זייער אייגענעם קאַפּיטאַל נאָר אַזויפיל, וויפיל עס דערלויבט דאָס זייער ריווח. בײַ דעם קאַפּיטאַל איז אָבער דאָס פירן אַ באַנק אַ געשעפט, פּונקט ווי יעדעם אַנדערע. דער קאַפּיטאַל וועט שטראָמען צו אָט דער ספערע בלויז אין דעם פאַל, ווען ער וועט אין איר געפינען די זעלביקע מעגלעכקייט פון נוצן, ווי אין דער אינדוסטריעלער אָדער האַנדלס=ספערע. אומזיסט וואָלט דער קאַפּיטאַל אָפּגעפלאָסן פונדאַנען. פון דער אַנדערער זײַט, איז דער ריווח פון דער באַנק די געגעבענע גרייס. הייסט עס, אַז דער אייגענער קאַפּיטאַל פון דער באַנק מוז זײַן אַזוי גרויס, אַז דער ריווח, באַרעכנט

אויף דעם אייגענעם קאפיטאל, זאל זיין גלייך צו דעם דורכשניט-ריווח פון דעם דאזיקן קאפיטאל. לאמיר אננעמען, אז א באנק האט אין איר רשות א לייַ-קאפיטאל פון 100 מיליאן מארק. זי מאכט דערמיט א ברוטא-ריווח פון 6 מיליאן און א ריינעם ריווח — 2 מיליאן מארק. בייַ א ריווח-נארמע פון 20 פראצענט קאן דער אייגענער קאפיטאל פון דער באנק באטרעפן 10 מיליאן, און די איבעריקע 90 מיליאן וועלן זיין די דעפאזיטן, מיט וועלכע זי קאן זיך באנוצן.

מיט דעם דערקלערט זיך אויך, פארוואס בייַ דער גרינדונג פון אקציען-בענק אדער בייַ דער פארגרעסערונג פון זייער קאפיטאל בלייַבט נאך ארט פאר דעם גרינדער-ריווח, הגם דער באנק-קאפיטאל שאפט נישט קיין אונטערנעמער (אינדוסטריעלן)-ריווח, נאר ער רעאליזירט בלויז דעם צינז. אזוי ווי דער באנק-ריווח איז גלייך צו דער דורכשניט-נארמע פון דעם ריווח, און די אקציאנערן דארפן נאר באקומען צינזן, שאפט זיך דעריבער די מעגלעכקייט פון דעם גרינדער-ריווח. אויב די באנק האט אויף דעם געלט-מארק א באהערשנדיקע דעה, קאן זי איבערלאזן דעם גרינדער-ריווח אינגאנצן אדער א געוויסן טייל פון אים פאר זיך. דעמאלט פארשטארקט ער אירע רעזערוון. די רעזערוון זיינען, פארשטייט זיך, דער אייגענער קאפיטאל פון דער באנק, — בוכהאלטעריש ווערט אבער דער ריווח בארעכנט אויף דעם קלענערן נאמינעלן קאפיטאל. די רעזערוון ווידער גיבן דער באנק די מעגלעכקייט צו פארגרעסערן דעם טייל פון איר קאפיטאל, וואס איז פיקסירט אין דער אינדוסטריע.

דער אומשטאנד, וואס די צעטיילונג אויף אייגענעם און פרעמדן קאפיטאל האט נישט קיין באדייטונג פאר דער גרייס פון דעם ריווח און ס'איז נישטא קיין פעסטע פארהעלטעניש צווישן די גרייסן פון דעם אייגענעם קאפיטאל און דעם פרעמדן, וואס איז צוגעצויגן געווארן דורך דעם אייגענעם, — איז גורם, אז אויף דעם ערשטן בליק קומט אויס די גרייס פון דעם אייגענעם קאפיטאל א ווילקערלעכע. דאס גיט די מעג-לעכקייט אים אזוי אויסצומעסטן, אז דער ריווח, הגם ער אליין איז נישט קיין דורכשניט-ריווח, זאל דאך זיין גלייך צו דעם דורכשניט-ריווח. אויב דאס באנק-וועזן איז שוין שטארק אנטוויקלט און דער פרייַער לייַ-קאפיטאל געפינט זיך שוין אין רשות פון די בענק, ווערט דורך דעם שטארק באשווערט די גרינדונג פון נייַע בענק, ווייל זיי באקומען שוין נישט אין זייער רשות קיין גענוגנדיקע פרעמדע קאפיטאלן, — אדער זיי וועלן זיי קענען צוציען ערשט נאך א העפטיקן קאנקורענץ-קאמף מיט אלע איבעריקע בענק — נאך א קאמף, וואס איז א גרויסער ספק, צי ער וועט זיך פארענדיקן מיט דערפאלג.

די לאַגע פון דעם באַנק־קאַפּיטאַל איז טאַקע גאָר אַן אַנדערע, ווי די לאַגע פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, און אַפּילו אויך גאָר אַן אַנדערע, ווי פון דעם האַנדל־ און געלט־האַנדל־קאַפּיטאַל. אין די דאָזיקע ספערעס איז די גרייס פון דעם קאַפּיטאַל טעכניש באַשטימט דורך די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון דעם פּראָדוקציע־ און צירקולאַציע־פּראָצעס. די גרייס פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל איז אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס בכלל, פון דעם מאַס־שטאַב פון די פאַרהאַנענע פּראָדוקציע־מיטלען, צו וועלכע עס געהערן אויך די נאַטור־קרעפטן און די טעכנישע מעגלעכקייט זיי אויסצונוצן, און פון דער גרייס פון דער פאַראַנענער אַרבעטער־באַפעלקערונג. דער אופן, ווי דאָס ווערט אָנגעווענדעט, און דער עקספּלאָאַטאַציע־גראַד פון דער אַרבעטס־קראַפט באַשטימען די גרייס פון דעם ריווח, וועלכער ווערט גלייך פאַרטיילט צווישן דעם אינדוסטריעלן, קאָמערציעלן און געלט־האַנדל־קאַפּיטאַל; די גרייס פון דעם קאַפּיטאַל אין די לעצטע צוויי ספערעס ווערט דערביי אויך טעכניש באַשטימט דורך די באַדינגונגען פון די צירקולאַציע־אָפּעראַציעס, וואָס דער קאַפּיטאַל דאַרף אויספירן. אַזוי ווי די צירקולאַציע שאַפט נישט קיין ריווח און שטעלט מיט זיך, אַלזאָ, פאָר אומפּראָדוקטיווע קאָסטן, איז דאָ גלייכצייטיק פאַראַן די טענדענץ, אַז דער קאַפּיטאַל, וואָס ווערט דאָ אָנגעווענדט, זאָל רעדוצירט ווערן ביז צו אַ מינימום. אַנטקעגן־זשע איז דער באַנק־קאַפּיטאַל, דער אייגענער און פרעמדער, נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ ליי־קאַפּיטאַל, און דער דאָזיקער ליי־קאַפּיטאַל איז אין דער ווירקלעכקייט נישט עפּעס אַנדערש, ווי די געלט־פאָרם פון דעם פּראָדוקטיוון קאַפּיטאַל; דערביי איז וויכטיק, אַז דער גרעסטער טייל זיינער איז בלויז אַ פאָרם, ד״ה, ער עקזיסטירט בלויז אין די רעכענונג־אָפּעראַציעס.

פונקט אַזאַ פאַרהעלטעניש צווישן דעם באַנק־ריווח און דער גרייס פון דעם אייגענעם קאַפּיטאַל געפינען מיר, ווען מיר באַטראַכטן יענעם ריווח, וואָס נעמט זיך פון דער עמיסיע און ספּעקולאַציע־טעטיקייט.

דער גרינדונגס־ אָדער עמיסיע־פאַרדינסט איז נישט קיין ריווח און נישט קיין צינזן, נאָר אַ קאַפּיטאַליזירטער אונטערנעמער־ריווח. זיין פאָר־הנחה איז די פאַרוואַנדלונג פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל אין אַ פיק־טיוון. די הייך פון דעם עמיסיע־פאַרדינסט ווערט באַשטימט, ערשטנס, דורך דער נאָרמע פון דעם דורכשניט־ריווח און, צווייטנס, דורך דעם צינזן־פוס. דער דורכשניט־ריווח מינוס צינז באַשטימט די גרייס פון דער אונטערנעמער־הכנסה, וועלכע, ווערנדיק קאַפּיטאַליזירט לויט דעם געוויינלעכן צינזן־פוס, בילדעט דעם גרינדונגס־ריווח; דער גרינדונגס־

פארדינסט איז בשום=אופן נישט אפהענגיק פון דער גרייס פון דער באנקס אייגענעם קאפיטאל. די מעגלעכקייט צו פארוואנדלען דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל אין פיקטיוון קאפיטאל הענגט בלויז אפ פון דעם סכום קאפיטאל, וואס קאן בכלל פארליען ווערן און איז גרייט זיך צו פארוואנדלען אין א פראדוקטיוון קאפיטאל, איינהאלטנדיק גלייכצייטיק די פארם פון א קאפיטאל, וואס טראגט צינזן. עס מוז זיין גענוג געלט אויף ארייננצולייגן דאס אין אקציעס. דערביי דארף מען אין זינען האבן אט דעם אונטערשייד: די פארוואנדלונג פון שוין עקזיסטירנדיקן אינדוסטריעלן קאפיטאל אין אקציען=קאפיטאל אבסארבירט נאר אזוי פיל געלט, וויפיל עס איז בכלל נייטיק פאר דער צירקולאציע פון די אקציעס אויף דער עפעקטן=בערזע; און דאס איז ווידער אפהענגיק דערפון, צי די דאזיקע אקציעס בלייבן אין „פעסטע הענט", אלס פאפירן פאר א לאנגדויערנדיקער לאקאטע, אדער אלס ספעקולאציע=פאפירן, און זייער אומזאץ איז זייער א שנעלער. עס קאן אבער טרעפן, אז די עמיסיע פון דעם אקציען=קאפיטאל באדייט א נייע גרינדונג אדער די אויסברייטערונג פון פון דער שוין עקזיסטירנדיקער אונטערנעמונג, — דעמאלט פאדערט זיך אזוי פיל געלט=קאפיטאל, אז מען זאל, ערשטנס, קאנען דורכמאכן די אומזאצן

ג — < $\frac{\text{פמ}}{\text{א}}$ — פ... ס^{1} — ג^{1},

און, צווייטנס, זאל מען קאנען באדינען די אומזאצן פון די אקציעס גופא. דער סכום פון דעם פאראנענעם ליי=קאפיטאל באשטימט גלייכצייטיק די הייך פון דעם צינזן=פוס, וואס האט א דעצידירנדיקע באדייטונג פאר דער קאפיטאליזירונג, און דערמיט אויך די גרייס פון דעם עמיסיע=פארדינסט. הייסט עס, אז דער לעצטער איז נישט אפהענגיק פון דער גרייס פון דער באנקס אייגענעם קאפיטאל. די סומע פון דעם עמיסיע=פארדינסט מוז אבער, גערעכנט אויף לענגערע צייט=אפשניטן, געבן די דורכשניט=נארמע אויף דער באנקס אייגענעם קאפיטאל. פון דער צווייטער זייט האט די באנק די טענדענץ צו פארגרעסערן דעם אייגענעם קאפיטאל, ווייל אדאנק דעם וואקסט, ערשטנס, איר קרעדיט און, צווייטנס, וואקסט איר זיכערקייט.

אנאלאגיש האלט עס אזוי מיט דעם ספעקולאציע=פארדינסט. דאס באטייליקן זיך אין דער ספעקולאציע איז אויך נישט אפהענגיק דערפון, ווי אזוי עס ווערט פארטיילט דער קאפיטאל, וואס געפינט זיך אין רשות פון דער באנק, אויף אן אייגענעם און פרעמדן קאפיטאל עס איז אפהענגיק פון דער אלגעמיינער סומע פון דעם קאפיטאל.

ס'איז אונז שוין אָבער באַוווּסט, אַז סײַ די טעטיקייט בײַ דער קרעדיט־פאַרמיטלונג, סײַ די פינאַנסירונג און די ספּעקולאַציע זײַנען גורם די שטרעבונג צו קאָנצענטראַציע און צוזאַמען דערמיט אויך די שטרעבונג צו האָבן וואָס אַ גרעסערן טייל קאַפּיטאַל אַלס אייגענעם קאַפּיטאַל. ווארום דער אייגענער קאַפּיטאַל קאָן דאָך נישט, אַזוי ווי דער אויסגעליענער, צו יעדער צײַט צוריק געפאָדערט ווערן; דעריבער קאָן מען אים מיט אַ פיל גרעסערער זיכערקייט לאָקירן אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. די גרינדונגס־טעטיקייט באַדײַט דעריבער דאָס, וואָס דער געלט־קאַפּיטאַל ווערט אויף אַ מער אָדער ווייניקער לאַנגע צײַט לאָקירט אין דער אינדוסטריע, ביז ער ווערט דורך דעם פאַרקויף פון די אַקציעס צוריק אַרײַנפליסן אין באַנק. וויבאַלד אַזוי, באַדײַט די פאַרגרע־סערונג פון דעם אייגענעם קאַפּיטאַל די מעגלעכקייט פון אַ גרעסערער און דויערהאַפטיקער באַטייליקונג אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און סוף־כל־סוף צו באַהערשן און האָבן אַ שטאַרקערן אײַנפלוס אויף דער סחורות־ און עפעקטן־ספּעקולאַציע. דעריבער האָט טאַקע די באַנק די טענדענץ כסדר צו פאַרגרעסערן, ווי ווײַט דאָס ערלויבט דער ריווח פון די צינזן און דער עמיסיע־פאַרדינסט, איר קאַפּיטאַל.

די באַנק קאָן אָבער נישט, — מיר ריידן שוין נישט וועגן דער נויטווענדיקייט אַנטשפּרעכנדיק אויסצונוצן דעם פאַרגרעסערטן קאַפּיטאַל, — פאַרוואַנדלען לויט איר אײַנזען דעם פרעמדן קאַפּיטאַל אין איר אייגענעם. די באַנק שטרעבט צו פאַרגרעסערן איר אייגענעם קאַפּיטאַל, כדי זי זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו לאָקירן אים אין דער אינדוסטריע, צו באַקומען דעם עמיסיע־פאַרדינסט און צו באַהערשן די אינדוסטריע. ווען עס וואָלט זיך בלויז געהאַנדלט אין דעם באַדינען דעם צאָלונגס־קרעדיט, וואָלט די פאַרגרעסערונג פון דעם אייגענעם קאַפּיטאַל ביז איבער אַ געוויסער גרענעץ געווען נישט נייטיק: דאָ האָט די דעצידירנדיקע באַדײַ־טונג די מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט פרעמד געלט; דער קאַפּיטאַל, מיט וועלכן מען באַדינט די צאָלונגען, קאָן זיך געפינען אין אַ פאָרם, וואָס איז שטענדיק גרייט צו פונקציאָנירן; עפּעס אַנדערש ווי צינזן־הכנסה קאָן מען פון אים נישט באַקומען. פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט מיינען, אַז קוים איז דער גרעסטער טייל פון דעם געלט, וואָס ווערט בכלל אויסגעליען, איצט דאָס אייגנטום פון דער באַנק, קאָן זי שוין צוליב דעם אַליין לאָקירן אַ גרויסן טייל פון איר קאַפּיטאַל אין דער אינדוסטריע. פאַקטיש איז דאָס פאַרקערט. היות ווי פאַר דער באַדי־נונג פון די צאָלונגען (צירקולאַציע־קרעדיט) איז נויטווענדיק בלויז אַ געוויסער טייל פון דעם פאַראַנענעם לײַ־קאַפּיטאַל, קאָן מען זיך באַנוצן

מיט דעם איבעריקן טייל אויף צו לאקירן אים אין דער אינדוסטריע (קאפיטאל-קרעדיט). אט די טיילונג פון דעם בכלל פאראנענעם לײַ-קאפיטאל אויף קאפיטאל פאר דעם צירקולאציע-קרעדיט און דעם קאפיטאל-קרעדיט — ווערט אין יעדן געגעבענעם מאמענט באשטימט דורך די אביעקטיווע באדינגונגען, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דעם געגעבענעם שטאנד פון דעם פראדוקציע- און צירקולאציע-פראצעס; און כאטש די גרעניצן זײַנען עלאסטישע, פונדעסטוועגן קאן זיי די באנק נישט איגנארירן: אנישט — וועט די באנק נישט האבן די מעגלעכקייט צו יעדער צײַט צו באקומען דעם באנק-קאפיטאל אין געלט-פארם, און די צאלונגס-פעיִקייט פון דער באנק וועט באדראט ווערן. פארקערט, איז די דאזיקע טיילונג פון דעם פאראנענעם לײַ-קאפיטאל נישט אפהענגיק פון דעם, וואס פאר א טייל פון דעם קאפיטאל, וואס געפינט זיך אין רשות פון דער באנק, איז איר אייגענער קאפיטאל, און וואס פאר א טייל איז — פרעמדער. די באנק שטרעבט אבער צו פארגרעסערן דעם אייגענעם קאפיטאל, ווײַל זי וויל א טייל פון דעם דאזיקן קאפיטאל ארײַנלייגן אין דער אינדוסטריע; די גרעניץ פאר דער דאזיקער מעגלעכקייט צו פארוואנדלען דעם פרעמדן קאפיטאל אין אייגענעם בילדעט יענער טייל פון דעם קאפיטאל, וואס געפינט זיך בכלל אין רשות פון דער באנק, וועלכן זי קאן אויסנוצן פאר דעם קאפיטאל-קרעדיט. אין אט די גרעניצן איז די טענדענץ פון דער אנטוויקלונג פון די בענק אזא, אז דער כסדר וואקסנדיקער טייל פון דעם לײַ-קאפיטאל זאל פארוואנדלט ווערן אין אייגענעם קאפיטאל. הייסט עס, אז די גרייס פון דעם אייגענעם קאפיטאל איז דורכאויס נישט אפהענגיק בלויז פון דעם ווילן פון דער באנק גופא און איז אויך נישט אפהענגיק בלויז פון דער איינער מעגלעכקייט אויסצונוצן דעם פארגרעסערטן קאפיטאל.

די פארגרעסערונג פון דעם באנק-קאפיטאל איז קודם-כל א ריין יורידישער אקט און ווערט נישט באגלייט דורך קיין שום ענדערונגען פון דער עקאנאמישער פונקציע. די באנק קאן איר קאפיטאל, וועלכער מוז האבן די פארם פון געלט-קאפיטאל, פארגרעסערן בלויז דורך דעם, וואס זי פארוואנדלט דעם פרעמדן געלט-קאפיטאל אין איר אייגענעם. אזוי ווי בײַ אן אנטוויקלטער געלט-סיסטעם ווערט דאס גאנצע פרײַע געלט קאנצענטרירט אין די בענק, באדײַט די פארגרעסערונג פון דעם באנק-קאפיטאל קודם-כל בלויז דאס, וואס א טייל דעפאזיטן, וואס געפינען זיך אין רשות פון דער באנק, איז איצט פארוואנדלט געווארן אין באנק-קאפיטאל, למשל, דורך דעם ארויסלאז פון אקציעס.

די דאזיקע פארוואנדלונג פון פרעמדן קאפיטאל אין אייגענעם געלט-קאפיטאל פון דער באנק טראגט, נאטירלעך, נישט ארײַן קײן שום ענדערונגען אין דעם נאכפרעג און אנבאט פון דעם געלט-קאפיטאל און האט דעריבער קײן שום ווירקונג נישט אויפן צינזן-פוס [1].

די פארגרעסערונג פון דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל האט אין רע-זולטאט, בײַ אנדערע גלײַכע אומשטענדן, די פארגרעסערונג פון דער ריווח-מאסע, ווײַל דער אינדוסטריעלער קאפיטאל שאפט דאך אין דעם פראדוקציע-פראצעס דעם מערווערט. די פארגרעסערונג פון דעם באנק-קאפיטאל ענדערט, נאטירלעך, אויך א האר נישט יענע אלגעמײנע צינזן-מאסע, וועלכע די בענק באקומען: ווײַל בײַ דער אומפארענדערטקײט פון דעם נאכפרעג איז זי דאך אפהענגיק פון דעם אנבאט פון דעם לײַ-קאפיטאל, זי ענדערט זיך דאך בשום אופן נישט צוליב דעם, וואס די פארטײלונג פון דעם לײַ-קאפיטאל צווישן די בענק און די פריוואטע פערזאנען האט זיך געענדערט, — ד"ה, זי ענדערט זיך נישט צוליב דעם, וואס עס איז בלויז פארגעקומען אן ענדערונג אין דער פארטײלונג פון דעם אײגנטום. עס ענדערט זיך דא בלויז דער אופן פון בארעכענען דעם רײנעם ריווח פון דער באנק, וועלכער קומט איצט פראצענטועל אויס קלענער, ווײַל דער אײגענער קאפיטאל פון דער באנק איז געווארן גרעסער.

דער אינדוסטריעלער, קאמערציעלער און געלט-האנדלס-קאפיטאל זײַנען באשטימטע טײלן פון דעם געזעלשאפטלעכן קאפיטאל, וועלכע מוזן זיך אין יעדן געגעבענעם מאמענט געפינען אין א באשטימטער פראפארץ אײנער צום אנדערן. אבסטראקט גענומען, וואלט דער גאנצער געזעל-שאפטלעכער קאפיטאל געקאנט אין דער זעלבער צײַט אויך זײַן באנק-קאפיטאל. ווארום דער באנק-קאפיטאל באדײַט בלויז — קאפיטאל, וואס ווערט געשטעלט אין רשות פון דער באנק, און קײן זאך קאן נישט שטערן, אז דער גאנצער קאפיטאל זאל דורכגײן דורך די בענק. דער גרעסטער טײל פון דעם דאזיקן קאפיטאל איז, נאטירלעך, א פיקטיווער און איז בלויז דער געלט-אויסדרוק פון דעם ווירקלעכן קאפיטאל, וואס פונקציאנירט אין דער פראדוקציע, אדער בלויז א טיטול פון דעם קאפי-טאליזירטן מערווערט.

די פארגרעסערונג פון דעם באנק-קאפיטאל איז בכן נישט דער גורם פון דער פארגרעסערונג פון דעם ריווח, ווי אין דער אינדוסטריע.

---

1 דעריבער זײַנען זײער קינדיש די פארשטעלונגען צו דערוואַרטן, אז די פארגרעסערונג פון דעם אײגענעם קאפיטאל אין דער עמיסיע-באנק, למשל, אין דער דײַטשישער רײַכס-באנק, מוז דערפירן צו דער פארביליקונג פון דעם צינזן-פוס.

פארקערט, איז דער ריווח פאר דער באנק די געגעבענע גרייס. אויב דער ריווח ווערט פארגרעסערט, דאן פארגרעסערט די באנק דעם אייגע־נעם קאפיטאל, ווייל דער פארגרעסערטער קאפיטאל דערלויבט איר, אן שום ריזיקע פאר איר זיכערקייט, אין א גרעסערער מאס זיך צו באטייליקן אין דער פארוואנדלונג פון איר באנק־קאפיטאל אין אן אינדוסטריעלן קאפיטאל. אז דאס פארזארגן מיט קרעדיט די אינדוסטריע, דאס באטיי־ליקן זיך אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען דורך באזיצן אקציעס און דורך דער עמיסיע־טעטיקייט איז די הויפט־סיבה פון דעם, וואס די בענק שטרעבן צו פארגרעסערן דעם אייגענעם קאפיטאל, — באווייזט דער פאקט, וואס די ריינע דעפאזיטן־בענק אין ענגלאנד פארגרעסערן נישט, נישט געקוקט אויף די קאלאסאל־וואקסנדיקע אומזאצן, זייער קאפיטאל און פארטיילן דעריבער זייער הויכע דיווידענדן.

מען דארף זיך דעריבער נישט פארשטעלן, אז דער צופלוס אדער אפפלוס פון דעם באנק־קאפיטאל ווירקט אויף אזויפיל אויף דעם ריווח פון די בענק, אז דאס קאן ענדערן דעם צינזן־פוס. פאקטיש ענדערט זיך בלויז די פארטיילונג פון דעם ריווח, וועלכער ווערט בארעכנט אמאל אויף א גרעסערן, אמאל אויף א קלענערן אייגענעם קאפיטאל.

דערביי איז ביז א געוויסן גראד וויכטיק, אז די פארגרעסערונג פון דעם באנק־קאפיטאל קומט פאר אין דער פארם פון אקציע־קאפיטאל, בכן, פיקטיוון קאפיטאל.

מיר האבן געזען, אז דורך דער פארוואנדלונג פון געלט אין פיקטיוון קאפיטאל ווערט דער באראקטער פון דעם אינדיווידועלן געלט־קאפיטא־ליסט אלס געלט־ אדער ליי־קאפיטאליסט נישט געענדערט. דאס געלט, וואס ווערט פארוואנדלט אין פיקטיוון קאפיטאל, בלייבט באנק־קאפיטאל, און דעריבער עקאנאמיש אויך געלט־קאפיטאל. א טייל פון דעם דאזיקן באנק־קאפיטאל ווערט פארוואנדלט אין אינדוסטריעלן קאפיטאל, און די דאזיקע פארוואנדלונג קאן פארקומען אויף צווייערליי אופנים. אדער די באנק גיט דער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג א קרעדיט, ד"ה, זי לייט איר פשוט איר קאפיטאל; אדער די באנק נעמט איבער די אקציעס פון איר אינדוסטריעלער אונטערנעמונג, וועלכע בלייבן איצט, ווייל דאס דערלויבט איצט די גרייס פון איר אייגענעם קאפיטאל, אוי'ף א לענגערער צייט אין איר באזיץ. אין דעם דאזיקן פאל איז דער רעזולטאט פון דער פארגרעסערונג פון דעם באנק־קאפיטאל אזא: דער געלט־קאפיטאל ווערט תחילת פארוואנדלט אין באנק־קאפיטאל, און דער לעצטער ווערט ערשט שפעטער פאר־וואנדלט אין פראדוקטיוון קאפיטאל. אנשטאט דעם, וואס די פריוואטע קאפיטאליסטן זאלן אליין דירעקט ארייַנלייגן זייער געלט אין די אינ־

דוסטריע=אקציעס, לייגן זיי דאס אריין אין באנק=אקציעס, און די באנק, קויפנדיק די אינדוסטריע=אקציעס, פארוואנדלט ערשט דאס געלט אין אינדוסטריעלן קאפיטאל. דער אונטערשייד איז אבער דער, וואס די באנק איז דא נישט בלויז א פארמיטלערין אין אט די אפעראציעס, נאר, אלס אייגנטימערין פון דעם באנק=קאפיטאל, ווערט זי אויך א מיטאייגנטימערין, א שותפטע, פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. און אט דאס אייגנטום=רעכט פון דער באנק האט גאר אן אנדער ווירקונג, ווי דאס אייגנטום=רעכט פון איינצלנע אקציאנערן. אויף אזא אופן אנטשטייט די באשטימטע טענדענץ: צו פארוואנדלען דעם געלט=קאפיטאל, וואס געפינט זיך אין רשות פון פריוואטע פערזאנען, אין אלץ שטייגנדיקער מאס אין באנק=קאפיטאל, און דעם לעצטן ערשט צו פארוואנדלען אין א אינדוסטריעלן קאפיטאל. און דערביי איז פארגעקומען די פארטאפלונג פון דעם פיקטיוון קאפיטאל. דער געלט=קאפיטאל ווערט פיקטיוו פארוואנדלט אין דעם קאפיטאל פון באנק=אקציעס, און דורך דעם אליין גייט ער פאקטיש אריבער אין דעם אייגנטום פון דער באנק; דערנאך ווערט דער דאזיקער באנק=קאפיטאל פיקטיוו פארוואנדלט אין אינדוסטריע=אקציעס, און אין דער ווירקלעכקייט — אין עלעמענטן פון פראדוקטיוון קאפיטאל, אין פראדוקציע=מיטלען און אין ארבעטס=קראפט.

די דיווידענדן=פאליטיק פון די בענק, וועלכע אפערירן מיט גרויסן פרעמדן קאפיטאל (דעפאזיטן), מוז זיין סטאבילער, ווי די פאליטיק פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. און דערהויפט אין דעם פאל, ווען די דעפאזיטן פליסן אריין פון אזעלכע קרייזן, וועלכע שאפן זיך א מיינונג לויט אזעלכע אויסערלעכע סימנים, ווי די סטאבילקייט פון די דיווידענדן, צי די באנק ווערט גוט אדער שלעכט געפירט, און ביי א וואקלדיקער דיווידענדן=פאליטיק, ציען זיי גלייך צוריק זייערע דעפאזיטן. הייסט עס, אז מיר האבן דא צו טאן מיט דעפאזיטן פון די נישט קאפיטאליסטישע קרייזן. די אינדוסטריעלע אונטערנעמונג איז אין איר דיווידענדן=פאליטיק פיל אומאפהענגיקער, ערשטנס, דערפאר, ווייל אירע קרעדיטגעבער זיינען געוויינטלעך סיי=ווי זייער גענוי אינפארמירט וועגן איר צאלונגספעיקייט, און, צווייטנס, ווייל דער קרעדיט, מיט וועלכן עס קומט איר כסדר אויס זיך צו באנוצן, דער צאלונגס=קרעדיט, מוז שטענדיק געדעקט ווערן מיט די סחורות, וואס זי פראדוצירט, בעת מיט אנדערן קרעדיט קומט זיך איר אויס צו באנוצן נישט שטענדיק, ווי די בענק, נאר בלויז אין גרעסערע צייט=פעריאדן. די דאזיקע גרעסערע אומאפהענגיקייט פון דער דיווידענדן=פאליטיק פון א אינדוסטריעלער אונטערנעמונג דערלויבט, קודם=כל, צו באאיינפלוסן דעם קורס פון די אקציעס, און די אנפאר=

טרויטע קאנען דורך דעם באקומען ספעקולאציע־פארדינסט אויף דער בערזע; און חוץ דעם גיט זי אויך די מעגלעכקייט זיך לייכטער צוצופאסן צו די וואקלונגען פון דער קאניונקטור און די אקומולאציע־באדערפענישן, — און די דאזיקע וואקלונגען און צופאסונגען זיינען דאך פאר אן אינדוסטריעלער אונטערנעמונג פיל וויכטיקער, ווי פאר די בענק.

פון דער אנדערער זייט קאנען די בענק א סך לייכטער, ווי די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, איינפירן די סטאבילקייט אין זייער דיווידענדן־פאליטיק, ווייל די וואקלונגען פון דער קאניונקטור האבן נישט אזא שטארקע און אזא איינזייטיקע ווירקונג אויף דעם באנק־ריווח, ווי אויף דעם אונטערנעמער־ריווח. ערשטנס, איז א באדייטנדיקער טייל פון דעם באנק־ריווח נישט אזוי שטארק אפהענגיק פון דעם אבסאלוטן צינזן־פוס: ער איז אפהענגיק פון דער צינזן־דיפערענץ צווישן דעם געליענעם און פארליענעם קאפיטאל. די דאזיקע דיפערענץ איז אבער, דערהויפט, ווען די באנק־קאנצענטראציע האט אין א געוויסער מאס ווייט פראגרעסירט, א סך סטאבילער ווי די וואקלונגען אין דער אבסאלוטער הייך פון דעם צינז. ווייטער, אין משך פון דער קאניונקטור אנטשטייען גינסטיקע און אומגינסטיקע מאמענטן, וועלכע קאמפענסירן זיך טיילווייז קעגנזייטיק. אמגינסטיקסטן איז דער פעריאד פון דער וואקסנדיקער פראספעריטי מיט דעם אלץ שטייגנדיקן צינזן־פוס, מיט א שטארקן קאפיטאל־באדארף פון דער אינדוסטריע, און דעריבער — מיט א לעבהאפטער עמיסיע־טעטיקייט און הויכן גרינדער־ריווח. אין דער זעלבער צייט שטייגן אויך די רווחים פון דער קאסע־פירונג און פון דעם באדינען דעם צאלונג־קרעדיט, ווי אויך פון דער בערזע־ספקולאציע. ביי א הויכער קאניונקטור שטייגט סיי דער צינזן־פוס, סיי די דיפערענץ צווישן די דערהאלטענע און געצאלטע צינזן. דערקעגן, ווערט די עמיסיע־טעטיקייט און דער גרינדער־ריווח קלענער. דער קאפיטאל־באדארף פון דער אינדוסטריע ווערט גיכער באפרידיקט דורך דעם באנק־קרעדיט, איידער דורך דער עמיסיע פון אקציעס און אבליגאציעס; גלייכצייטיק ווערט אויך די ספעקולאציע מיט עפעקטן שוין א געוויסע צייט פאר דעם קריזיס באגרעניצט דורך דעם הויכן צינזן־פוס. די ערשטע צייט פון דער דעפרעסיע, ווען דער צינזן־פוס איז אמנידעריקסטן, איז אמגינסטיקסטן פאר דעם ארויסלאז פון פאפירן מיט פעסטע צינזן. עס וואקסט שטארק דער ריווח פון די בענק דורך איבערנעמען צום פארקויף מלוכהשע און מוניציפאלע הלוואות אאז"וו, ווי אויך דער ריווח דורך פארקויפן צו א געהעכערטן קורס די פאפירן מיט א פעסטן צינז, וואס די בענק באזיצן, א טייל פון די בענק־חובות, וואס די אינדוסטריע האט פריער

געמאַכט, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַקציע=און אָבליגאַציע=קאַפּיטאַל, ווייל געלט איז אויפן מאַרק פאַראַן איבערגענוג, און ער ליפערט אַ נייעם עמיסיע=ריווח: דאָס אַלץ זיינען מאָמענטן, וועלכע קאָמפּענסירן מער אָדער ווייניקער די פאַרקלענערטע הכנסות פון דעם צינז=ריווח פאַר דער קרעדיט=פאַרמיטלונג.

די קאָנקורענץ צווישן די בענק ווערט געפירט נישט בלויז מיט זייער אייגענעם קאַפּיטאַל, נאָר אויך מיט דעם גאַנצן קאַפּיטאַל, וואָס זיי האָבן אין זייער רשות. די קאָנקורענץ אויף דעם געלט=מאַרק איז אָבער אין איר תוך גאָר אַן אַנדערע, ווי אויף דעם סחורה=מאַרק. דער וויכטיקסטער אונטערשייד באַשטייט, קודם=כל, אין דעם, וואָס אויפן געלט=מאַרק האָט דער קאַפּיטאַל אַ געלט=פאָרם, בשעת אויף דעם סחורה=מאַרק דאַרף ערשט דער קאַפּיטאַל פאַרוואַנדלט ווערן פון סחורה=קאַפּיטאַל אין געלט=קאַפּיטאַל. דאָס ברענגט אָבער מיט זיך אויך די מעגלעכקייט, אַז די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג זאָל אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס נישט געלינגען, אַז דער סחורה=קאַפּיטאַל זאָל, הייסט עס, אַנטווערטעט ווערן, און אַנשטאָט ריווח זאָל זיין היזק. ביי דער סחורה=קאָנקורענץ האַנדלט זיך וועגן רעאַליזירן דעם קאַפּיטאַל, און נישט נאָר וועגן זיין אויסנוצונג. בשעת עס קאָנקורירן צווישן זיך געלט=קאַפּיטאַלן, איז דער קאַפּיטאַל, אַלס אַזעלכער, גאַראַנטירט, און עס האַנדלט זיך בלויז וועגן גראַד פון זיין אויסנוצונג, וועגן דער הייך פון צינז. דער צינז ווערט אָבער באַשטימט אויף אַזאַ אופן, אַז פאַר דעם איינצלנעם קאָנקורענט בלייבט זייער ווייניק באַוועגונגס=פרייהייט. קודם=כל, איז פאַר אַלעמען מאָסגעבנדיק די דיסקאָנט=פּאָליטיק פון די צענטראַלע געלט=אינסטיטוציעס און פאַר די איבעריקע בלייבט בלויז אַ זייער באַגרענעצט פעלד פאַר זייער טעטיקייט. דאָס איז קודם=כל זייער וויכטיק פאַר די ריינע קרעדיט=אָפּעראַציעס פון די בענק, סיי פאַר די אַקטיווע, סיי פאַר די פּאַסיווע. דאָ איז די קאָנקורענץ לפי=ערך אַ שוואַכע. וואָס קלענער עס איז אָבער דאָס אָרט, וווּ מען קאָן זיך צעפירן די הענט, אַלץ אַ גרעסערע ראָלע שפּילט דער קוואַנטיטאַטיווער מאָמענט: די גרייס פון דער אָפּעראַציע=ספערע. און נאָר דאָ, ווען זי איז זייער גרויס, קאָן מען פאַרווירקלעכן די פאַרקלענערונג פון דער פּראָוויזיע און די העכערונג פון צינז אויף די דעפּאָזיטן. ביי אונטערנעמונגען פון גלייכער גרייס מוזן אָבער די באַדינגונגען אויך זיין בערך גלייך. ווייטער, אויף דעם געביט פון קרעדיט=פאַרמיטלונג פאַלט אַוועק דער עקסטרע ריווח, אַ חוץ אין איין און איינציקן אויסנאַם, וועלכער נעמט זיך ביי די גאָר גרויסע אונטערנעמונגען, אין פאַרגלייך מיט די קלענערע, אַדאַנק דער

עקאנאמיע אין די הוצאות און אדאנק דער לייכטערער מעגלעכקייט אויסצומיידן היזקות און צו פארטיילן די ריזיקע. דערקעגן, שפילט דא קיין שום ראלע נישט דער עקסטרע=ריווח, וואס שטאמט אין דער אינדוסטריע פון די טעכנישע דערגרייכונגען, וועלכע ווערן פאטענטירט און זיינען אזוי וויכטיק אין דעם קאנקורענץ=קאמף.

א גרויסע ראלע, נאך מער ווי ביי דער באדינונג פון דעם קרעדיט, שפילט די קאנקורענץ ביי דער פינאנסירונג, דאס הייסט, אין דער עמיסיע=טעטיקייט. דא לאזט די גרויס פון דעם גרינדער=ריווח א ברייט פעלד פאר דעם קאמף דורך דעם, וואס מען פארקלענערט די פאדערונגען. די גרעניצן זיינען אבער דא אויך נישט קיין זייער ברייטע. אנטשיידנדיק זיינען דא נישט אזוי די באדינגונגען, וואס האבן זיך געשאפן אין די בענק, ווי דאס, אויף וויפיל און ביז וואס פארא גראד די אינדוסטריע איז אפהענגיק פון די בענק, דורך דער פריערדיקער קרעדיטירונג.

ווען עס האנדלט זיך וועגן דער אינדוסטריע, מוז מען אפטיילן די טעכנישע און עקאנאמישע זייטן פון דער קאנקורענץ. אין די בענק שפילן די טעכנישע אונטערשיידן א נישטיקע ראלע, די טעכניק אין די איינארטיקע בענק איז איינע און די זעלביקע. (די פארשיידנארטיקע בענק קאנקורירן בכלל נישט דירעקט צווישן זיך). עס איז צווישן זיי פון אנהייב אן פאראן נאר אן עקאנאמישער אונטערשייד, וואס טראגט בלויז א ריין קוואנטיטאטיוון כאראקטער און ווערט באשטימט דורך דער גרויס פון דעם קאנקורירנדיקן קאפיטאל.

און טאקע נאר אט דער פולקום איינארטיקער כאראקטער פון דער קאנקורענץ דערלויבט דאס די בענק מיט אזא גרויסער פארשיידנארטיקייט און פארענדערלעכקייט אמאל צו קאנקורירן צווישן זיך און אמאל צו קאאפערירן. עפעס ענלעכס קאנען מיר אמאל אויך מערקן אין דער אינדוסטריע, ביי די אלץ=איינס גרויסע אונטערנעמונגען; דארט ווערן פון מאל צו מאל אויך געמאכט פארשטענדיקונגען וועגן דער אדער יענער אפעראציע, למשל, ביי די קאנקורסן אויף ליפערונגען. אין דער אינדוסטריע זיינען אבער אזעלכע פארשטענדיקונגען מערסטנטייל פארלויפער פון קארטעלן, דאס הייסט, פון א פעסטער קאאפעראציע, וועלכע שליסט אויס יעטווידע קאנקורענץ.

אויב דער אלגעמיינער צינזן=פוס איז די גרעניץ פאר דער קאנקורענץ ביי דער באדינונג פון דעם צאלונג=קרעדיט, איז די גרעניץ פאר דער קאנקורענץ ביי דעם צאלונג=פארקער די דורכשניט=נארמע פון דעם ריווח. אבער גראד דא איז די גרויס פון די אומזאצן אנטשיידנדיק פאר

רער הייך פון דער פראוויזיע און דאס גיט אן אנטשיידענע איבערמאכט די גרויסע בענק.

דער פרינציפ פון דער באנק-טעכניק איז—די גרעסטע זיכערקייט, וואס פארקלענערט כון תחילת אן אלץ מער די נייגונג פון די בענק צו קאנ-קורענץ. דעריבער טאקע איז זיי אזוי צום הארצן דאס, וואס די קאנקו-רענץ אין דער אינדוסטריע איז אויסגעשלאסן אדאנק דער קארטעלירונג און מען קאן אויף אזא אופן באקומען א „באשטענדיקן ריווח".

דער באנק-פארדינסט איז נישט קיין ריווח. אבער די סומע פון אט דעם פארדינסט מוז, בארעכנט אויף דעם אייגענעם קאפי-טאל פון דער באנק, געבן די דורכשניט-נארמע פון דעם ריווח. איז ער קלענער, דאן ווערן די קאפיטאלן צוריקגעצויגן פון דעם באנק-געשעפט; איז ער העכער, דאן אנטשטייען נייע בענק. און אזוי ווי דער באנק-קאפיטאל האט שטענדיק די געלט-פארם, אדער א גרויסן טייל פון אים קאן מען יעדע צייט לייכט צוריק פארוואנדלען אין געלט-פארם, קאן דא די אויסגלייכונג פארווירקלעכט ווערן אויפן שנעלסטן אופן.

דעריבער איז טאקע קיינמאל נישטא קיין „איבערפראדוקציע" פון באנק-קאפיטאל. די צו-שטארקע פארגרעסערונג פון דעם אייגענעם באנק-קאפיטאל איז בלויז גורם דאס, וואס ער פליסט ווידער אפ און געפינט פאר זיך אן ארט אין אן אנדער ספערע, ער דערפירט אבער נישט צו אן אלגעמיינעם קראך מיט דעוואלואציע אאז"וו., ווי מיר זעען דאס אין די אינדוסטריעלע ספערעס. דער קראך פון א באנק איז בלויז א פועל-יוצא פון דער אינדוסטריעלער איבערפראדוקציע אדער פון א צו שטארקער ספעקולאציע, און דערשיינט אלס מאנגל פון באנק-קאפיטאל אין געלט-פארם; ער נעמט זיך דערפון, וואס דער באנק-קאפיטאל איז פעסט אנגאזשירט אין אזא פארם, וואס מען קאן זי נישט גאלד רעאלי-זירן אין געלט.

מיט דער אנטוויקלונג פון דעם באנק-וועזן, מיט דער אלץ ענגערער פארבינדונג צווישן די בענק און דער אינדוסטריע, ווערט אלץ שטארקער די טענדענץ, פון איין זייט, צו באזייטיקן די קאנקורענץ צווישן די בענק, און, פון דער אנדערער זייט, צו קאנצענטרירן דעם גאנצן קאפיטאל אין דער פארם פון געלט-קאפיטאל, און אז די פראדוקטיווע קאפיטאליסטן זאלן אים קאנען באקומען בלויז דורך דער פארמיטלונג פון די בענק. אין דער לעצטער אינסטאנץ וואלט די דאזיקע טענדענץ דערפירט צו דעם, אז איין באנק אדער א גרופע בענק זאל האבן אין איר רשות דעם גאנצן געלט-קאפיטאל. אט אזא „צענטראל-באנק" וואלט געקאנט

פירן די קאָנטראָל איבער דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע 1.

אין דעם קרעדיט טרעט ארויס נעבן דער זאַכלעכער אויך די פּערזענלעכע באַציִונג; זי דערשײַנט דירעקט, אַלס פּערזענלעך־געזעלשאַפטלעכע באַציִונג אין קעגנזאַץ צו די זאַכלעך־געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען פון די איבעריקע עקאָנאָמישע קאַטעגאָריעס, קודם־כל, צום געלט: פּראָסט און פּשוט רעדט מען וועגן „צוטרוי״. דאָס גלײַכן איז ער אין זײַן העכסטער אויסבילדונג אַ קעגנזאַץ פון דעם קאַפּיטאַליזם און שטעלט מיט זיך פאָר אָרגאַניזאַציע און קאָנטראָל להיפּוך דער אַנאַרכיע. מען קאָן דעריבער זאָגן, אַז ער אַנטשטייט פון אַזאַ סאָציאַליזם, וואָס פּאַסט זיך צו צו דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט; דאָס איז אַ שווינדלערישער, קאַפּיטאַליסטיש־צוגעפּוצטער סאָציאַליזם. ער סאָציאַליזירט דאָס געלט פון דעם כלל פאַר דעם געברויך פון אַ קליין הײַפל. באַלד בײַם אָנהייב עפנט ער פאַר דעם ריטער פון דעם קרעדיט ממש פאַרכאַפּנדיק־וואונדערלעכע פּערספּעקטיוון: עס קאָן זיך דוכטן, אַז עס זײַנען צעשטערט געוואָרן די גרעניצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע — דאָס פּריוואַט־אייגנטום; עס קאָן זיך אויסווײַזן, אַז די גאַנצע פּראָדוק־

1 מיט דער באַנק־סיסטעם ווערט, אמת, געשאַפן אין געזעלשאַפטלעכן מאַסשטאַב די פאָרם פון אַן אַלגעמיינער בוך־פירונג און פאַרטיילונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען, אָבער נישט מער ווי די פאָרם... זי שטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון די פּראָדוקטיווע און קאָמערציעלע קאַפּיטאַליסטן דעם גאַנצן מזומנעם און אפילו נאָך פּאָטענציאַנעלן, נאָך אַקטיוו נישט פונקציאָנירנדיקן קאַפּיטאַל פון דער געזעלשאַפט, אַזוי אַז נישט דער קרעדיטאָר, נישט די פּערזאָן, וואָס לייגט אַרײַן דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל אין דאָס געשעפט, זײַנען שוין נישט זײַנע אייגנטימער אָדער פּראָדוצירער. זי פאַרניכטעט אויף אַזאַ אופן דעם פּריוואַט־כאַראַקטער פון דעם קאַפּיטאַל, און אַליין אין זיך, און טאַקע נאָר בלויז אין זיך, אַנטהאַלט זי די פאַרניכטונג פון דעם קאַפּיטאַל גופא...

און לסוף בלײַבט קיין ברעקל ספק נישט, אַז די קרעדיט־סיסטעם וועט דינען אַלס מעכטיקער הויבער בשעת דעם איבערגאַנג פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־אופן צו דער פּראָדוקציע פון דער אַסאָציאירטער ארבעט, — אָבער דאָך נאָך אַלס איינער פון די עלעמענטן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע גרויסע אָרגאַנישע איבערקערעניש אין דעם פּראָדוקציע־אופן גופא. דאַקעגן נעמען זיך די אילוזיעס וועגן דער וואונדער־ווירקנדיקער מאַכט פון דעם קרעדיט און באַנק־וועזן אין סאָציאַליסטישן זין אויס דעם פולקומען נישט פאַרשטיין דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־אופן און דעם קרעדיט־וועזן, אַלס איינע פון אירע פאָרמען. קוים האָבן די פּראָדוקציע־מיטלען אויפגעהערט צוריק צו פאַרוואַנדלען זיך אין קאַפּיטאַל, האָט שוין דער קרעדיט, אַלס אַזעלכער, קיין שום זין נישט... פון דער צווייטער זײַט ווידער, כל־זמן עס דויערט נאָך דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון פּראָדוקציע, מוז נאָך בלײַבן עקזיסטירן, אַלס איינע פון זײַנע פאָרמען, אויך דער קאַפּיטאַל, וואָס טראָגט צינזן, בילדנדיק פאַקטיש דעם באַזיס פון זײַן קרעדיט־סיסטעם״... Marx, „Kapital“ III/I, זייט 146 א״ו.

טיווע קראַפט פון דער געזעלשאַפט געפינט זיך אין רשות פון דעם איינצלנעם. עס שווינדלט אים פאַר די אויגן — און ער שווינדלט פון זײַן זײַט.

די ערשטע פּיאָנערן פון דעם קרעדיט זײַנען געווען די ראָמאַנטיקער פון דעם קאַפּיטאַליזם, ווי לאָו און פּערייראַ: עס מוז, אַפּנים, דויערן אַ שטיקל צײַט, ביז דער ניכטערער קאַפּיטאַליסט וועט ניִשט באַקומען די איבערהאַנט, און ביז גונדערמאַן וועט נישט באַזיגן סאַסאַרן.